STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00751

# SHKLOVER YIDEN

## Zalman Shneour

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Alfred & Lee Hutt*
*in honor of*
*Jesse Tyler Goldberg*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org





ז. שניאור

# שקלאָווער אידען

נאָוועלען

פאַרלאַג ב. קלעצקין ווילנע — ווארשע
ספעציעלע אויפלאַגע פאַרן „פאָרווערטס"
ניו־יאָרק

PRINTED IN POLAND

S. Chneour — „Szklower Iden“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

ערשטער טייל

# שקלאָווער אידען

פופצעהן נאָוועלען

# שקלאָוו

איך קען אַ שטעטעל אין ווייס־רוסלאַנד אויפן דניעפּער. שקלאָוו הייסט זי. איך בין דאָרטען געבוירען געוואָרען און אין חדר געגאַנגען, דערפאַר קען איך זי אַזוי גוט.

דער פּלאַם פון לעבען ברענט דאָרטען רוהיג. קיינער דרעהט איהם ניט צופיל אַרויס. מען איז מיט איהם שפּאָרעוודיג אַזוי ווי מיט נאַפט. ער פלאַקערט ניט און רויכערט ניט; ווי דער נר־תמיד אין דער קאַלטער שוהל.

ניט אַלע האָבען דאָרט אַ זייגער. אין דער פריה, ווען דער פּאַרעכאָד גיט אַ טרובע אויפן דניעפּער — ווייסט מען, אַז עס איז צעהן. און פאַרנאַכט, ווען ער גיט הייזעריג אַ פרעג: „וו־וו־וואו?“ — ווייסט מען, אַז מען האַלט ביי ווערטשערע. האַלב אַכט.

דאָרטען דרעהען זיך אַרום צוויי רוסישע דעסיאַטניקעס אין אָפּגעריבענע אָקאָלישקעס, און קיינער ווייסט ניט צוליב וואָס און צוליב ווען. ס׳איז דאָך אַ אידישע קהילה קדושה, הייגט ווער פרעגט זיי און ווער דאַרף זיי דאָ? און אַז זיי טשעפּען זיך פּאָרט, גיט מען זיי אַ קעלישאָק בראָנפען מיט אַ שטיקעל חלה, געהן זיי אַוועק און מען זעהט זיי ניט מעהר.

די אידישע מיידלעך מיט וואַרעמע פּאַטשיילעס אויף די דינע פּלייצעס פאַרפומירען זיך דאָרטען ניט. פונדעסטוועגען שמעקט פון זיי מיט געזונטע ריחות: מיט היי, מיט פריש

געבאַקענעם קימל-ברויט, מיט רויטע יאַגדעס. פאַרנאַכט זיצען זיי אויף די גרינע גאַניקעס און זינגען שטילערהייט. אַזוי בענקען זיי נאָך אַ באַשערטען. און אַז זיי האָבען חתונה, זיצען שוין אַנדערע מיידלעך אויף זייער אָרט און זשומען פאַרבענקטערהייט, ווי פאַרבלאָנדזשעטע ביניכעס.

אין באָד-ווינקעל, אין געדיכטער, פינסטערער פאַרע שטעלט מען נאָך דאָרטען עד היום צו געהאַקטע באַנקעס. קלוגים דער היכער שטעלט זיי צו, ביי אַ רויטען אָפשיין פון אַ געפלאָכטענעם סטאָצעק. איבער געגאָלטע האַלז-און-נאַקענס גיסט זיך אידיש בלוט און קיינער וואונדערט זיך ניט... און געהט מען אַרויס אויף דער גאַס אַן אָפגעצערטער, אַן „אָפגעפרישטער”, הערט מען ווי דער ווינט הודזיעט אין די סלופעס און דראָטען פון טעלעגראַף. מיטעלאַלטער און מאָדערנע צייט האָבען געשלאָסען בלאַט און פיהלען זיך גאַנץ גוט אין זייער שכנות.

אַרומגערינגעלט איז דאָס שטעטעל מיט ווענט פון סאָסנעס, דורכגעבראָכען וואו-ניט-וואו מיט גרינע אָפענע טויערען. דאָס זענען ווילדע וועגען, וואָס פיהרען צו פּאָלעסיע. אינ-דערוואָכען קריכען פון דאָרטען גוים מיט קלייניטשקע פערדעלעך און מיט גרויסע וועגענער שטרוי און האָלץ, און שבת שפּאַצירען דאָרטען אידישע יונגעלייט מיט כלות און קלייבען שוואַרצע יאַגדעס... מיטן מויל. אַ פיינע שטיקעל אַרבייט! מיט די הענט טאָר מען דאָך ניט.

אויסערן דניעפּער איז דאָ אַן אָזערע; אַ ליבע, אַ בריי-טע אָזערע. באַשאַפען איז זי פון ששת-ימי-בראשית אָן, כדי צו דרעהען אַ מוראדיגע וואַסער-ראָד פונם גרויסען מיהל, וואָס שטעהט אין סאַמע שפּיץ יבשה, צווישען דניעפּער און אָזערע. אַז אידען, אָנגעגעסענע מיט טשאָלענט, קוקען אַראָפּ אינם דאָזיגען וואַסער-ראָד, ווערט זיי ניט גוט. זאָגען זיי, אַז גלייכער איז ניט צו קוקען, פונדעסטוועגען קוקען זיי.

אַ מין זשאַבע וואוינט דאָרט אינם אייאיר. אַז די זון פאַרגייט, הויבט זי אָן צו זיפּצען ווי אַ פאַרוואָגעלטע נשמה:

„או-הו, או-הו!". זאָגט מען, אַז דאָס קלאָגט, דער „וואסער-אָקס". פישערס, זאָגט מען, האָבען אים שוין ניט איין מאָל אין נעץ געכאַפּט און אָפּגעלאָזען. מען טאָר איהם, זאָגט מען, ניט טשע-פּען, אַז ניט —

אַז ניט, איז וואָס? און ווי זעהט ער אויס? דאָס ווייסט קיינער ניט.

אויף יענעם זייט אָזערע, וועלכע שפּיגעלט זיך צווישען די גראָהע הייזקעס און פעלד, זעהט מען ווי די בהמות געהען פון פּאַשע. לויפט פאָרויס אַ רויטע בהמה — וועט מאָרגען זיין אַ הייסער טאָג. און טאָמער אַ שוואַרצע בהמה — איז אַ סימן, אַז מאָרגען וועט רעגענען. ס'איז אַן אויסגעפּרואווטע זאַך.

אַז מען שניידט זיך דאָרט איין אַ פינגער, לעגט מען צו שפּינוועבס. וואָס מעהר פאַרשטויבט, אַלץ בעסער איז די רפואה. אַמאָל פאַרהיילט זיך דער פינגער, אַמאָל ווערט ער געשוואָלען. אָבער צו לייקענען אין דעם בראָווען, אומזיסטען מיטעל האָט קיינער די העזה ניט.

זיסען טיי טרינקט דאָרט קיינער ניט, נאָר קראַנקע און אַנזעצער. שטיקלעך צוקער זיינען געמאַכט געוואָרען, מען זאָל זיי בייסען ביים טיי-טרינקען פּיצלעכווייז, מיט חשבון און מיט שכל. בעלי-עגלות טרינקען עד-היום טיי מיט קאַנדעלצוקער. ער איז שפּאָרעוודיגער און ווערט ניט ברודיג אין די וואָטאָ-ווע הויזען. וואָווע דער מילנער האָט זיך אַמאָל פאַרפּלאָנטערט אין חובות און מען האָט אים אָפּגעשריבען דעם מעבעל; איז עד-היום דערקלערט מען די שעהנע מעשה זעהר פּשוט:

— אַז די חזירים האָבען געזליאָקעט זיסינקען טייעלע!

הייגט די מאכלים! קייקלעך געשטויסענע קאָנאָפּלעס מיט זויערע אוגערקעס קענט איהר? קענט איהר ניט. הייסע געבראָ-טענע טאַראַנקעס מיט קאַלטען שצאַוו קענט איהר? קענט איהר ניט. אַ מילכיגען קרופּניק פון יונגען באָב מיט שוועמלעך קענט איהר? קענט איהר ניט. גריבינקעס מיט ציבעלע-שאָלעכץ און מיט געריבענע כריין קענט איהר? קענט איהר ניט. הייגט וואָס זשע קענט איהר אויף דער וועלט?

כ׳האָב דאָרטען אַמאָל געהערט ווי אַן אַלטיטשקער, מיט אַ ציגען־בערדעל און וועהטאָגדיגע אויגעלעך, באַקלאָגט זיך אויף זיין אייניקעל — אַ יתום; טיעף פאַרוואונדערט באַקלאָגט ער זיך:

— הערט אַ מעשה אַ ביסעל! מען גיט איהם צום אָנבייסען זויערע קרויט באַשאָטען מיט מעהל-צוקער — איז דאָס וויל ער אויך ניט עסען! אַזאַ שייגעץ דאָס איז! דאַכט זיך, וואָס קאָן זיין בעסער ווי זויערע קרויט מיט מעהל־צוקער?..

און טאַקע, צווישען אונז גערעדט, איז דען פאַראַן אויף דער וועלט אַ בעסערע זאַך ווי זויערע קרויט מיט מעהל-צוקער? זאָגט אַליין!

אין דאָרטיגען וואַלד וואַקסט אַ מין הארטע, גלאַנצענדי־גע גראָז; זעהט אויס ווי הויכע טונקעל-גרינע האָר... אָהן אַ קאָפּ. מען רופט עס „זובראָווקע״. אַז מען צרייבט עס אין האַנט, שפּירט מען אַ שאַרפען ריח פון צימרינג. גוים קלייבען עס אין לאַנגע פּעקעלעך, אַזוי ווי חזיר-האָר. אידען קויפען עס און מאַכען דערפון אַ נאַליווקע, וואָס איז געזונט צום מאָגען...

אָט אינם דאָזיגען גראָז וואָלט זיך מיך געוואָלט אויס־ציהען זיך, פאַרלעגען די פיס ווי אַ שער, די אָרעמס אונטערן קאָפּ און אויסרוהען זיך נאָך צוואַנציג יאָהר נע־ונד זיין.

יאָ, און אַ „תנ״כניק״ איז דאָ; אַ קורץ אידעלע אַזאַ, מיט טרויעריגע בלויע אויגען, צו וועלכען אַלע ביטערע הער־צער לויפען ער זאָל זיי „טרעפען״, און פאַרזעסענע דינסט־מוידען, שעמעוודיג פאַרוויקעלט אין פאַטשיילעס, קומען פרע־גען פאַרנאַכטלעך — ווער וועט זיין זייער חתן? דאָס אידעלע נעהמט צו, אויף פאַרשעמטערהייט, דעם פּיאַטאַקעל, שטעקט אַריין אַ ביינערנע טייטעל צווישען די בלעטער פון תנ״ך און מישט אויף. און וואו עס מישט זיך אויף, אָט דאָרט ווערט געלייענט, דאָרטען ווערט „געטראָפען״ און פון דאָרטען אַרויס ווערט געזאָגט, וואָס ס׳איז געווען און וואָס ס׳וועט זיין. און ס׳האָט נאָך ניט פּאַסירט, אַז ביי מאַנסבילשע קליענטען זאָל זיך אויפמישען אַ ווייבערשע סדרה ווי „חיי שרה״, למשל, און

פאַרקערט, אַ ווייבערשען קליענט זאָל זיך אויפמישען אַ מאַנס-בילשע פרשה „לך-לך". אָט אַזאַ תנ"כניק איז דאָס!

אָט צו דעם דאָזיגען תנ"כניק האָב איך אַלץ געהאָפט אריינצוכאַפען זיך, ער זאָל מיר זאָגען מיין ווייטערדיגען מזל אין פרעמדע לענדער.

און שוין אַ צייט מיט יאָהרען, אַז מיר גלוסט זיך נעהמען אַביסעל משקה מיט די דאָרטיגע אידען. וואָרום אַז די דאָרטיגע אידען נעהמען אַביסעל בראָנפען אין שטיבעל, אָדער אויף אַ שמחה, נעהמען זיי עס ניט גלאַט אַזוי. יעדער קעלי-שאָק וויגט זיך אויף ווערטעלעך, זיפצעלעך, שמייכעלעך, קוי-קעלעך, ווינקעלעך, וואָס איינס, דאַכט זיך, קלעפט זיך ניט צום צווייטען און פונדעסטוועגען האָט עס אַ טיפען זין. אָט למשל:

— הכלל, אידען, צו קאַפעלעך!
— כ'מיין —
— הע, הע.
— מע מוז דאָך זאָגען דעם אמת, אַז, אַז, אַז —
— נו יאָ.
— ס'פאַרשטעהט זיך.
— ס'הייסט מזונות...
— עט.
— בני, חיי —
— ניין, מזונות טאַקע אויך.
— אם אין קמח אין תורה, כע-כע.
— יאָ, אָבער —
— איהר זיינט דאָך אַ קלוגער איד, זיינט איהר דאָך.
— ס'הייסט דאָס, דאָס —
— דאָס, דאָס, דאָס —
— דאָס דאָזיגע...
— עט איהר דאָך פרעגען וואָס-וואָס?
— יאָ, יאָ.
— איז דאָך דער תירוץ איז, איז, איז...

— דאָס עיקרדיגע.
— די, די, די,
— נקו...
— די נקודה־ה! —· אָה!
— אָט, אָט, אָט.
— דאָס פּינטעלע.
— כּי־כּי!
— דאָס קליינטשינקע.
— אָט, אָט, אָט.
— דאָס ברעקעלע
— אַי, אַי.
— דאָס פּיטשעמאָנטשינקע.
— כּי, כּי, כּי.
— אַי, אַז דאָס פּינטעלע וואָלט געווען!
— העט, העט.
— הערט אַ מעשה!
— וואָלט געווען גאָר אַנדערש.
— פּססס...
— מוזען מיר דאָך האָפן, אַז, אַז, אַז...
— אומ־הו!
— און כּל ישראל!
— דוקא.
— אם ירצה השם.
— און לחיים!
— מ׳זאָל, זאָל, זאָל...
— ווי אין פּסוק שטעהט —
— לתקן עולם...
— און מיט וואָס?
— במלכות...
— כּי־כּי־כּי!
— במלכות שדי!
— אָט.

— אָט, אָט, אָט!

אָט אַזוי שטייגט דער קעלישאָק פון מדרגה צו מדרגה, פינגער הויבען איהם, בערד הוידען איהם, ווי גרויע כוואַליעס. ווערטער באַפליגלען איהם, פאַרגלאָצטע און לאַכעדיגע אויגע־לעך באַגלייטען איהם. אָט אַזוי ווערט ער נתעלה ביז ער דערפליהט הויך, גאָר הויך, ביז — „שכינתא בגלותא", ביז „זעיר־אנפין"... האַלט איהם דעם קעלישאָק!... נאָך איין ביסעלע!... מען קען איהם שוין מעהר ניט האַלטען. ער איז צו הויך! מען פאַרלירט דעם קאָפּ, מען שליסט די אויגען. און דאָ קערט ער זיך איבער, דער קעלישאָק, מיט אַ זיפצעלע און מיט אַ „שהכל נהיה"; גיסט זיך אַראָפּ צוריק, פון די אויבערשטע וועלטען, אין גשמיות אַריין, דערקוויקט אַ אידיש פאַרחלשט האַרץ, און אַנדערע אידען אַרום, מיט פאַרמאַטעטע אויגען ענטפערען:

— אָמ—מן!

* *
*

נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איך האָב אומזיסט געהאָפט.

אָט דאָ ניט לאַנג איז געקומען אַן אורח פון יענע מקומות, אַן עמיגראַנט, און ער האָט מיר דערצעהלט גאָר מאָדנע זאַכען. אין די דרייסיג בתי־מדרשים פון שטעטעל האַלט מען אָפּ איין נצחון נאָכן אַנדערען קעגען דעם רבונו־של־עולם און קעגען זיינע מצוות. ווי יום־כיפור, פסח, שבת. און אַנשטאָט „פיוט" זינגט מען גאָר דעם אינטערנאַציאָנאַל. די ספרי־תורות ליגען, ווי אַ קלאַפּטער בעראָזעווע האָלץ, ביים אַלטען גבאי, און די זילבערנע עטרות און עץ־חיימס האָט צוגענומען „קאַזנאַ".

די אידישע מיידלעך זיינען געוואָרען חצופות. זיי רויכע־רען פּאַפּיראָסען און קלאַפּען אויף שרייב־מאַשינקעס אין „גאָס־טאָרג", „לעסטאָרג" און נאָך אַזעלכע ראָשי־תיבותן. אין זייערע חתונות און גטען, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, מישען זיך ניט דער רב, ניט די עלטערען. און אַז זיי זאָלען זיך יאָ מישען, וועלען זיי אויך גאָרניט פּועלן.

די וועלדער אַרום און אַרום האָבען אויסגעהאַקט

צעבונטעוועטע גוים נאָך אין קערענסקיס צייטען. און נאָך זובראָווקע און רויטע יאַגדעס דאַרף מען גערן א סך, אַ סך וויאָרסטען ביז מען געפינט זיי.

די גרויסע מיהל, צוליב וועלכער די אָזערע איז באַשאַפען, האָט אָפּגעברענט, נאָר די מוראָדיגע וואַסער־ראָד איז געבליבען. זי ריהרט זיך ניט פון אָרט און פוילט אין אַ גרינער בלאָטע. דאָס וואַסער פון אָזערע איז אָפּגעלאָפען אין דניעפּער אַריין און דעם „וואַסער־אָקס" הערט מען ניט מעהר שרייען. אַפּנים געפּגרט.

ניטאָ קיין בעלי־בתים און ניטאָ קיין פּאַשע. בהמות לויפען ניט פון סטאַדע, ניט רויטע און ניט שוואַרצע... ווייסט מען ניט וואָס מאָרגען וועט זיין; צי עס וועט זיין הייס, צי עס וועט רעגענען.

דער תנ"כניק איז שוין לאַנג געשטאָרבען פון הונגער, און וואו זיין תנ"כל איז אַהינגעקומען, ווייסט מען ניט. מען זאָגט, אַז אין מאָסקווע שטעהט ער אויסגעשטעלט ערגעץ־וואו אין אַ מוזעאום, אין אַן אָפּטיילונג פון „שעדלעכע גלויבענישען".

קיין וויך־האַרציגע דעסיאַטניקעס מיט אָפּגעריסענע אָקאָלישקעס זעהט מען ניט מעהר. אָנשטאָט זיי דרעהען זיך אַרום געוועזענע גאַסען־יונגען מיט וואוילעריש־צעקנייטשטע היטעלעך פון ג.־פּ.־או. „כאַצע בוזשאַנע" — אַ וואונק אויף זיין מאַלפּ'שן פּרצוף־פּנימעל, פּיישקעלע „טרעטי־בייק" — שטאַמט פון זיין זיידען הנא „פּערווי־בייק", און „מענדעל־גוי" — זיי מאַכען דאָס שטרענגע רעוויזיעס, אידען זאָלען חס ושלום ניט האַנדלען און ניט ברענגען חס ושלום קיין שאָדען דער מלוכה.

אַז אידען מאַכען לחיים, מאַכען זיי עס זעהר זעלטען, שטילערהייט און בקיצור. און וואָס זיי ווינשעווען און ווען זיי ווינשעווען בשעת מעשה, טאָר מען גאָרניט דערצעהלען...

בין איך אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג מיט אַ שווערען געמיט, און באַשלאָסען שטעלען אַ מצבה אויף דעם וואָס איז געווען און אונטערגעגאַנגען.

און אָט — אָנגעשריבען אַ בוך!

# מען לייענט צייטונגען

## 1

אַמאָל, אין די „גוטע יאָהרען”, העט־העט אַ יאָהר דרייסיג צוריק, האָט נאָך שקלאָוו ניט געוואוסט פון צייטונגען. דער איין־איינציגער עקזעמפּליאַר „המליץ”, וואָס פלעגט זיך באַקומען ביי דעם אַפּטייקער, איז געווען דער מקור פון אַלע נייעס. ווילענדיג ניט ווילענדיג פלעגען שקלאָווער אידען טרינקען פונם דאָזיגען פאַרדעכטיגען קוואַל. אַז ס'איז ניטאָ קיין אתרוג, בענשט מען מיט אַ בולבע.

דורכגעהענדיג אַ סך אידישע הענט און מיילער, פלעגען די פאַרלעגענע נייעסען פון „המליץ” אַ רעכט ביסעל פאַראידישט ווערען. אַז דער פּרינץ פון וועלס איז אַראָפּגעפאָהרען קיין מאַריענבאַד, האָט מען אין שקלאָוו געוואוסט גענוי, אַז דאָס האָט ער זיך אייגענטלעך פאַרבענקט נאָך אַ שטיקעל געפילטע אידישע פיש, מיט וואָס מאַריענבאַדער כשרע רעסטאָראַנען זיינען באַרימט. אַז טאָלסטאָי האָט זיך גענומען באַקענען מיט די אידישע אגדות, האָט זיך שקלאָוו גלייך דערוואוסט, אַז דער גראַף האַלט ביי דער גמרא „ברכות” און ניט היינט, מאָרגען וועט ער זיך מגייר זיין. ווען ראָטשילד האָט געזאָלט געבען דעם טערק אַ הלואה, האָט מען אין שקלאָוו פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אָפּקויפען ארץ־ישראל... אַלע לאַנד־קאַרטען און אַלע פּאָליטישע צושטאַנדען, זיינען ביי שקלאָווער

פּאָליטיקער געווען אין פינטעל אויסגערעכנט אויפן האַנט. איטליכער פינגער איז געווען אַ מדינה, איטליכער קנייטשעל — אַ טייך מיט אַ פעסטונג. גרויע קאָלטונעוואַטע בערד פלעגען זיך בין מנחה למעריב איבערבויגען איבער דער געאָגראַפישער האַנט פון דעם ראש־המדברים. פלעגען דאָרט זוכען, ביי דעם גרויען אָפשיין פון פענסטער, די גרעניצען פון לענדער און דעם גורל פון פעלקער... און אין רעכטען מיטען ברען פאַלט אַראָפּ אַ פּאַטש אין שולחן אַריין, און דעם חזנס קול שאַלט אַרויף פון עמוד און צעגיסט זיך מיט אַ מאָדנער טרויעריקייט, ביים ערשטען שטערען, אין כמורען הימעל, און ביים ערשטען לעמפעל אינם אָרימען ליטווישען בית־המדרש:

— והוא ר—חום יכפ—ר עון ולא-—א ישחית...

די מדינות צעפליהען ווי רויך, די פיש פונם ענגלישען פרינץ פאַרלירען זייער אידישען טעם, ראָטשילדס מיליאָנען ווערען אָן זייער ווערט; און די צעפלאַמטע פּאָליטיקער הויבען אָן באָכצוציהען נאָך דעם חזן אַזוי עלענד און פאַרזאָרגט אין דער האַלב־טונקעלהייט:

— ד׳ הושיעה, המלך יעננו ביו—ם קראנו. —

איז אויפגעשטאַנען אַ מענש אַ העלד מיט איין האַנט אין דער פאַרוואָרפענער שטעטעל, אַ געוועזענער שוסטער, וועלכער האָט פאַרלאָזען דעם קאַפּיל, ווען ער האָט פאַרלוירען אַ האַנט. האָט ער אויסגעשטרעקט זיין גאַנץ־געבליבענעם רעכטען אָרעם און האָט דורכגעבראָכען אַ פענסטער אין אייראָפּע, געלאָזען אַריינפליצען אַ גאַנצען שטראָם פון צייטונגען אין שטעטעל. אַצינד איז די בלאַט אַרויס פון רשות היחיד און אַריין אין רשות הרבים. אַ שטיקעל נייעס איז שוין דאָ מעהר קיין נאַשעריי ניט. די איינגעדאַרטע הענט פון די שטיבעל־פּאָליטיקער האָבען פאַרלוירען זייער געאָגראַפישע ווערט. זיי האָבען ניט געקענט אויסשטעהען די קאָנקורענץ פון לאַנדקאַרטעס, וואָס דרוקען זיך אין די צייטונגען ביי יעדער וויכטיגער פּאָליטישער געשעהעניש.

און אויב לייענען אַ אידישע צייטונג איז אין

קלאָוו געוואָרען אַ באַדערפעניש, איז לייענען אַ רוסישע נאָך אַלץ געבליבען אַ לוקסוס־זאַך, אַ סימן פון אינטעליגענץ, אַ דערהויבענער ענין, ווי, למשל, רעדען אין גאַס מיטן פּריסטאַוו. מען מעג עס, אויב מען וויל, האַלטען און לייענען מיט דער פוטער אַראָפּ — מאַכט אויך ניט אויס.

און זינט עס האָט זיך באַוויזען די קאָפּיקענע רוסישע צייטונג, איז דאָס געוואָרען אַ ביליגער לוקסוס. דער פעטער אורי קען זיך שוין ברוך־השם אויך פאַרגינען אַזאַ פאַרגעניגען, און ניט נאָר צוליב לייטען, נאָר טאַקע כדי צו טיילען זיך איינמאָל אין צוויי וואָכען מיט דער מוהמע פייגען, מיט אַלע נייעסען, וואָס מען שרייבט. דער פעטער אורי ווייסט שוין גראַדע יאָ ווי צו באַגעהן זיך מיט אַ רוסישער צייטונג, פאָרט געוואוינט אַמאָל אַ האַלב יאָהר אין מאָסקווע, פון וואַנען מען האָט אים אַרויסגעטריבען.

נאָך איידער דער פעטער אורי וועט זיך אַוועקזעצען לייענען צייטונגען, מוזט איהר זיך נאָך באַקענען מיטן צייטונג־פאַרקויפער אַליין.

## 2

איז געווען אין שקלאָוו אַ אידעל אַ שוסטער, מאָטע האָט ער געהייסען, אַ נאַאיווער אידעל, אַ לאַטוטניק. האָט ער זיך איינמאָל פאַרשטאָכען די לינקע האַנט מיט אַ פאַרראָסטען נאָל. איז איהם די האַנט געשוואָלען געוואָרען. האָט ער זיך מיט איהר געהאַלטען אין איין אַרומטראָגען פון דאָקטאָר צו דאָקטאָר, ביז מען האָט איהם, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, די האַנט געמוזט אַראָפּנעהמען... איז דער מענש מאָטע אין איין פריהמאָרגען גע־קומען פון גובערנסקען שפּיטאָל אָהן אַ האַנט און געבליבען זיצען אַ גאַנצען טאָג, ווי אַ שטומער, לעבען זיין פאַרשטויבטען ווערקשטאַט, געקוקט מיט שטאַרע אויגען אויף די אַלטע קאָפּילען. אַ נאָל איז דאָ, דראַטווע איז דאָ, האַמער און נעגעל

זיינען דאָ, לעכער אין אידישע פּאָדעשוועס זיינען דאָ אויך גע־נוג, נאָר קיין האַנט איז שוין מעהר ניטאָ. בלייבט נאָר באַקו־מען קצבה אָדער געהן איבער די הייזער.

אָבער גאָט שיקט דאָך צו די רפואה פאַר דער מכה, האָט ער באַשאַפען צייטונגען נאָך איידער מאָטע איז קראַנק געוואָ־רען מיט דער האַנט. ברייטע, רוישענדע פּאַפּיר־כוואַליעס האָ־בען זיך שוין זינט עטלעכע יאָהר געטראָגען פון די גרויסע מלוכה־צענטרען אויף שטאָט און דאָרף. אַ היישעריק פון געדרוקטע שוואַרצע װערטערלעך איז אָנגעפלויגען, אומעטום אַריינגעבראַכט דעם אָפּקלאַנג פון וועלט־סקאַנדאַלען, דעם הו־האַ פון די גרויסע שטעט, דעם נערוועזען גערויש פון דער נייסטער צייט. אָבער אין שקלאָוו גופא האָבען זיי דאָך ניט געקענט אַריינדרינגען. שטענדיג געמוזט אויסמיידען איהרע טראַדיציעס, איהרע הילצערנע הייזלעך, בלאָטיגע וועגען, און גענומען זיך אָן אַ זייט. אַזוי האָט דאָס געדויערט ביז מאָטע מיט זיין אָפּגעשניטענער האַנט איז אויפגעשטאַנען פון זיין צע־ראַצטען פאַרלאָזענעם שוסטער־טישעל, און אַ קעהר געטאָן דעם פאַפירענעם שטראָם אין שטעטעל אַריין.

אין איין העלען טאָג האָט מען פלוצלונג דערזעהן מאָטען, מיט זיין קאָלטונעוואַטער, סיווער בערדעל, מיט זיינע קינדער־שע בלויע אויגען — טראָגט עפּעס אַ מין פירקאַנטיגען פּעקעל אונטער זיין האַלב־אָפּגעשניטענער האַנט. דאָס פּעקעל איז פאַר־בונדען מיט אַ חסידיש־רויטער נאָז־טיכעל; וואָס אַ שטייגער קען דאָס אַ איד ווי מאָטע אַרומטראָגען?

שטיל, ווי אַן אָרימאַן, פלעגט ער אין יעדען חויז אַריינ־געהן און בעטען זיך מען זאָל ביי איהם קויפען אַ צייטונג, אַ רוסישע, אַ אידישע. די צייטונגען האָבען זיך אַפילו גע־פּאַסט צו מאָטעס אויסזעהן, ווי אַ שווערד צו אַ מלמד. נאָר וואָס טוט מען מיט אַ באַקאַנטען אידען אָהן אַ האַנט? נעהמט מען ביי איהם אַ צייטונג און מען דערלאַנגט איהם די קאָפּיקע. וואַלגערט זיך אַרום די צייטונג איין מאָל, צוויי מאָל, ביז מען כאַפּט אין איהר אַ קוק.

אָט אַזוי ביסלעכווייז האָבען זיך בעלי־בתים גענומען צו־געוואוינען צו לייענען די געדרוקטע בלעטלעך; און אַז מאָטע איז אַ טאָג ניט געקומען, האָט ער שוין געפעהלט. איז ער דערנאָך יאָ געקומען, פלעגט מען שוין צו איהם האָבען טענות: „ס׳טייטש, מאָטע, וואו זיינט איהר דאָס נעכטען פאַרפאַלען גע־וואָרען? מיר האַלטען דאָך אין צייטונג ביי סאַמע פאַרפיהרען דאָס מיידעל אין סולטאַנס האַרעם...״

מאָטעס נאָמען האָט אַזוי געשטיגען פון טאָג צו טאָג. פון זיין שנאָרעריי איז געוואָרען אַ מיסיע, אַ גייסטיגע באַדערפניש אין שטעטעל. און זיין אַלטער פאַראַלטערטער פעלץ איז פאַר־ביטען געוואָרען אויף אַ נייעם פאַלטאָ מיט אַ סאַמעטענעם קאָלנער.

זיינע צייטונגען האָט ער שוין מעהר ניט געהאַלטען אין אַ נאָז־טיכעל, ווי קאָנטראַבאַנדע. אָפען און שטאָלץ האָט מאָטע גענומען אַרומטראָגען זיינע בלעטלעך. אין בעלי־הבתישע הייזער אַריינגעגאַנגען מיט אַ ברייטלעכקייט פון אַ שדכן, אין די גאַסען אויסגערופען: קויפט, אידען, אַ „פריינד״ אין שטוב, „אַ שטיק לעבען״, אַ טאָגבלעטעל, אַ „סעווערקע״ (דאָס איז מאָטעס אייגענאַרטיגע פאַרקירצונג פון „סעוו. זאפּ. קראַי״). פון צייט צו צייט האָט ער אַליין געכאַפּט אַ קוק אין די שוואַרצע פינטעלעך.

אַצינד איז שוין מאָטע אַ איד אַ העלד. דער ליעבער גאָט ווייסט, וואו ער האָט זיך אויסגעקראַצט אַ ווייסען זומער־קיטעל פון אַ סטודענט מיט אָפּגעבליאַקעוועטע קנעפּ, און פון וואַנען ער האָט צוזאַמענגעשלעפּט אַ פּאָר שמאָלע הויזען פון אַ פּאַצעט מיט אַ היטעל פון אַן אומבאַהאוסטען טשינאָווניק, מיט רויטלעכע קאַנטען; און אָט דאָס אַלץ האָט ער אָנגעטאָן אויף זיך. לויט מאָטעס געשמאַק איז דאָס די ריכטיגע אוני־פאָרם פון אַ אידישען צייטונגס־פאַרקויפער. אין שטעטעל איז זיין כלאַים־אָנטועכץ באַלד אָנערקענט געוואָרען: אַז אַ צייטונגס־פאַרקויפער האָט זיך אַזוי אָנגעטאָן, מסתמא דאַרף ער זיך אַזוי אָנטאָן.

קומט פינף אזייגער, נאָך דער פּאָטשט, קוקען שוין בעלי-ביתטעס אין די פענסטער, צי געהט ניט מאָטע מיט די צונויפגעלייגטע ציטונגען אונטער דעם אָפּגעשניטענעם הענטעל. קומט ער אָן — געהט מען איהם אַנטקעגען. דער פּראָסטער עולם קויפט אידישע צייטונגען און פּאר מזומנע קאָפּיקעס, חשובע בעלי-בתים — רוסישע און אויף קרעדיט.

קומט אַריין מאָטע צום פעטער אורי אין שטוב, געהט די מוהמע פייגע, נעהמט צו איהר „גאַזעטאַ קאָפּעיקאַ״ און לייגט דאָס אַרויף אויפן קאָמאָד. דאָרטען קלייבען זיך די רוסישע בלעטער און קיינער קוקט אין זיי ניט אַריין וואָכען-לאַנג. די מוהמע פייגע אַליין באַנוגענט זיך מיט אויסהערען די וויכטיגסטע נייעס ביים פאַרקויפער:

— נו, רבי מאָטע, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

מאָטע איז שוין געוועהנט צו פאַרשפּאָרען די ניט-אָנגענעהמע טרחה פון לייענען גוייִש זיינע שטענדיגע קונדען. איידער ער צעטראָגט די ציטונג, כאַפּט ער פון איהר אַראָפּ די סאַמע סמעטענע און טיילט דאָס איין צווישען די בעלי-בתים:

— איז אין וואַרשע, „גאַווריט אָן״, האָט מען געשאָכטען אַ מוטער מיט דריי טעכטער. אינדערפריה האָט מען זיי „גאַווריט אָן״, געפונען טויט...

זינט מאָטע פאַרקויפט צייטונגען זיינען איהם אָנגעקראָכען אין קאָפּ אַ צוויי טוץ רוסישע ווערטער, באַנוצט ער זיך מיט זיי, צי מען דאַרף, צי מען דאַרף ניט. מיטן „גאַווריט אָן״ מיינט ער דאָס אַרויסצורעדען „גאָוואָריט אָן״ עכט פּאָניש, מיטן גוייִשקען קנאַק... נאָר ווער איז דאָס, וועלכער „זאָגט״ און ווער איז דאָס דער „ער״, קען מען קלאָר ניט וויסען. אָבער די מוהמע פייגע איז זיכער, אַז מען דערצעהלט נייעס פון צייטונגען, מוז מען זיך אַזוי אויסדריקען.

— אוי, אַן אומגליק איז מיר ניט געשעהן!.. שאָקעלט די מוהמע פייגע מיטן קאָפּ און שפּאַרט אונטער די באַק מיט צוויי פינגער.

— און אין ריגאַ, „גאַווריט אָן"—שרעקט זי ווייטער מאָטע דער ציַיטונגס־טרעגער און גיט אַ מאַך מיט דעם אָפּגעשניטע־נעם הענטעל—אין ריגאַ וויל מען דערוויַיטנאַצעטע אַוגוסט אַרויס מיט רויטע „סימפּאַנעס", די „ציטשיליסטען" ווילען דאָס. איז „יעזשלי, גאַווריט אָן", וועלען זיי אַרויסגעהן, וועט מען פון זיי מאַכען אַש און רויך...

— זאָלען זיי ניט קריכען, וואוהין מען דאַרף ניט! — קיַי־מערט זיך ניט די מוהמע־פייגע.—און מלחמות הערען זיך ניט?

— קיטיי בונטעוועט, די ראַשפּובליקע באַסטופּאַיעט; איז יעזשלי, מאַכט ער, גאַווריט אָן, וועלען זיי זיך באַגעגענען, וועט זיך, גאַווריט אָן, גיסען בלוט אין די גאַסען...

— וואו? — דערשרעקט זיך די מוהמע פייגע.

— אין קיטיי — ענטפערט מאָטע און גיט אַ וואונק צום זייט פון קיטיי.

— אַ וועלטעלע! — מאַכט די מוהמע פייגע און נעמט אַראָפּ די צוויי פינגער פון באַק, — וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש איז עס דאָרטען געקומען אויף קיטיי? — פאַרשטעהט זי שוין גאָר ניט. פונדעסטוועגען שטעהט זי נאָך אַלץ גרייט מקיים צו זיין די מצוה פון נייעס און ציַיטונגען ביזקעל סוף.

און מאָטע טוט זיך זיין הייליגען חוב און באַזאָרגט זיין קונדין מיט אַלע נויטיגע ידיעות:

— און פון מאָסקווע, גאַווריט אָן, האָט מען דווענאַצעטע „יוליע" אַרויסגעשיקט צוואַנציג אידישע „וטאָרע־גילדעס", איז יעזשלי, גאַווריט אָן, וועלען זיי זיך אומקערען צוריק, איז — — —

דאָ גיט מאָטע אַ מאַך מיט זיין אָפּגעשניטענעם הענטעל און עס פאַרפעהלען איהם ווערטער. אָבער די מוהמע פייגע פאַרשטעהט שוין מיטן אייגענעם שכל, וואָס פאַר אַ חושך עס וועט זיך טאָן, ווען די צוואַנציג „וטאָרע־גילדעס" וועלען זיך אומקעהרען צוריק קיין מאָסקווע.

— אוי־אוי־אוי — זיפצט זי אָפּ האַלב פאַרדראָסיג און האַלב פון יוצא וועגען.

אָפּגעדערצעהלט דעם פעקעל נייעס, נעהמט מאָטע אַראָפּ

זיין היטעל, מיטן אָקאָלישעק פון אַן אומבאַוואוסטען טשינאָווניק, זאָגט „דאָ סווידאַניע״, גיט אַ קוש די מזוזה און געהט אַרויס. אין אַ מינוט אַרום דערהערט זיך זיין זיכערער קולכעל ביי אַ צווייטער טיר:

— איז, גאַווריט אָן, יעזשלי, מאַכט ער, גאַווריט אָן...

און די סדרה הויבט זיך אָן פון דאָס ניי.

ליגען זיך אַזוי אויפן קאָמאָד די בלעטלעך פון „גאַזעטאַ קאָפּעיקאַ״ און קלייבען זיך פון טאָג צו טאָג, און באַזאָרגען מיט פּאַפּיר דאָס גאַנצע בעלי־הביתישקייט און מיט פאַרשטאָפּען די הליאַקעס ערב שבת, און ס׳איז נאָך דאָ אַלעמאָל גענוג. דערזעהט די מוהמע פייגע, אין אַ בייזער מינוט, דעם פּעקעל צייטונגען ווי עס וואַלגערט זיך און געהט אין ניוועץ, צעשרייט זי זיך אויף די קינדער:

— האָלאָדראַנצעס, פּוסטעפּאַסניקעס, אַפּריהער רייסען זיימיר די הויט: „מאַמע, קויף אַ צייטונג! מאַמע, קויף אַ צייטונג!״ וואָלט מען דאָך געמיינט, אַז מען האַלט אין איין לייענען. הויבט זיך גאָרניט אָן. אַבי אַרויסוואַרפען שטיקער געלד. נאַ, מאָרגען הער איך אויף צו קויפען צייטונגען!...

נאָר מאָרגען קומט מאָטע מיטן פּעקעל פרישע, שמעקענדיגע צייטונגען, און זאָגט „זדראַסטוואָ״ און שטעלט זיך אַוועק דערצעהלען נייעס: פון סאַמאַרע און פון בערלין, און פון דער דומע און פון יאַפּאַן, און „יעזשלי גאַווריט אָן״ און „נעפּרעמענע גאַווריט אָן״ — צעגעהט זיך דער מוהמע־פייגעס כעס ווי רויך, און אויפן קאָמאָד בלייבט ליגען אַ פריש־געבאַקענע בלאַט־צייטונג.

### 3

אין מיטען דער נאַכט, אין דער גרויסער שטאָט, קלאַפּען די זאַץ־ און ראָטאַציאָנס־מאַשינען, עס גיסט זיך דער זודיגער בליי איבער די מאַטריצען, עס דרעהען זיך געוואַלדיגע פּאַפּיר־

וואַלצען, און אַרבייטער און אַרבייטעריגס שטעהען פּאַרשוויצטע, באַדעקטע מיט בלייענעם שטויב. די אויגען רויט און פאַרשלאָפען, באַמיהען זיך מיט די לעצטע כּוחות ביים רויטלעכען, עלעקטרישען שיין. און אַלץ כּדי דער פעטער אורי זאָל האָבען אַלע טאָג אַ בלאַט-צייטונג אויף זיין קאָמאָד, און זאָל איהם מבטל זיין מיט איין קאַסאָקען קוק פון דערווייטען. אָפּטמאָל גיט ער יאָ אַ טאַפּ דעם פּעקעל צייטונגען און אַ זאָג פּאַר זיך: „געדאַרפט איבערלייענען", און נעהמט זיך גאָר צו זיין משניות אָדער צו זיין „פּתגמין קדישין".

קומט אָבער פּאָרט דער הערלעכער טאָג, שטעהט אויף דער פעטער אורי, נאָך דעם נאָכמיטאָגדיגען שלאָף, אין אַ ספּעציעלער געהויבענער שטימונג פון לייענען רוסישע צייטונגען. איין באַק מיט איין האַלבער באָרד זיינען איהם איינגעפּרעסט און געפּאַרעט, און די צווייטע האַלבע באָרד שטעהט אים דיבאָם. מען דערקענט באַלד אויף וועלכער זייט ער איז געשלאָפען. ער שוועבקט דאָס מויל, שאָקלענדיג דערביי זעהר עקשנותדיג מיטן קאָפּ אויף „גיין, ניין"... דערנאָך שרייט ער אויס מיט אַ דערפרישטער שטימע:

— פייגע, מיין ווייב, שטעל דעם סאַמאָוואַר!

שטעלט מען דעם סאַמאָוואַר. און ביז ער ווערט פאַרטיג, שפּאַרט זיך אָן דער פעטער אורי אויפן קאַנאַפּע לעבען פענסטער און רופט אויס:

— פייגע, מיין ווייב, גיב מיר דאָרטען עפּעס אַ צייטונג.

די מוהמע פייגע געהט צו צום קאָמאָד, גרייט צו דינען דעם מאַן אין אַזאַ פלוצלעכער גייסטיגער אונטערנעהמונג. אויף די צייטונגען ליגען אָנגעוואָרפען קינדערשע שול-ביכער און קאַיעטען. שטעקט די מוהמע פייגע אַריין צוויי פינגער אינם פּעקעל צייטונגען און וואָס פאַר אַ בלאַט-צייטונג עס שלעפּט זיך אַרויס, אָט דער ווערט געלייענט. קיין נפקא-מיני ניט פון וועלכען טאָג, און פון וועלכען חודש.

— נאַ! — טראָגט די מוהמע-פייגע צו די צייטונג דעם פעטער אורין, — קום מיישב געוועזן זיך לייענען.

— איך זעה, אַז דו האָסט אַ סך צייט, — מאַכט דער פּעטער אורי מיט אַזאַ טאָן, אַז מען וואָלט באמת געמעגט גלויבען, אַז ער איז פאַרנומען טאָג און נאַכט; דערביי זאָטעלט ער אָן די שפּאַקולען אויפן נאָז, וועלכער שטעקט זיך ביי איהם אַצינד אַרויס עפּעס מאָדנע אָנגעשטרענגט, פּייערלעך... די קאַסאָקע אויגען אונטער די פאַרצייטיגע גלעזלעך ווערען טיף און גרויס. אַ סכנה אַ קוק צו טאָן.

הויבען הויבט דער פּעטער אָן פון דעם נאָמען פון־דער־ציישונג, דערנאָך פאַרטיפט ער זיך אין די אַבאָנאַמענט־פּרייזען, וויפיל ס׳קאָסט אַ יאָהר, אַ האַלב יאָהר, אַ חודש און מאַכט חשבונות.

— פּייגע, — שרייט ער אויס צום ווייב אין קיך, — וויפיל צאָהלסטו פאַר דער צייטונג? אַ קאָפּיקע אַ טאָג? איז אָט זעה!... פאַר דריי רובעל קען מען אויסשרייבען אויף אַ גאַנץ יאָהר. הייגט וואָס פאַר אַ מציאה כאַפּען מיר?... געדאַרפט, זאָג איך דיר, בעסער אויסשרייבען. אָט אונזער זשאַמע באַקומט אַזוי אַלע טאָג פון פּעטערבורג, מיט געדרוקטע אַדרעסען... גאָספּאָדינו... פּיין.

— נעהמט מען און מען שרייבט אויס, — ענטפערט איהם דער מוהמעס בת־קול פון קיך.

— אַז גאָט וועט שענקען דעם געזונד, וועל איך „אימיר־צעשעם״ אויסשרייבען, עס זאָל אָנקומען גלייך פון פּעטערבורג.

אַזוי איז מבטיח דער פּעטער אורי און נעהמט זיך צו דער רעכטער אַרבייט.

לייענען לייענט דער פּעטער אורי נאָר די פעט־געדרוקטע קעפּלעך פון די אַרטיקלען, וואָס איז פאַר איהם דאָס באַקוועמ־סטע, מיט די קליינע רוסישע אותיותלעך, וואָס זיינען אָנגעפּע־פּערט און אָנגעשאָטען ווי אַ שוואַרצער מאָן אונטער יעדע קעפּעל, האָט ער גאָר מורא אָנצוהויבען זיך.

זייענדיג יעדען יאָהר אין ניזשנע אויפן יריד, לייענט איבער דער פּעטער אורי אַ רעכט ביסעל שילדען אויף די קראָמען. די קעפּלעך פון די אַרטיקלען זעהען איהם אויס, ווי

די גרויסע שילדען אויף דער אויסשטעלונג אין ניזשני, דאָר־טען — רויכוואַרג, פיש, מאַשינען, צוקער; דאָ — באָמבעס, סקאַנדאַלען, הרוגים, מלחמות. דאָס וואָס איז ניט דערזאָגט אין די קעפּלעך, דערזאָגט ער שוין אַליין, פון זיין אייגענעם שכל.

לייענט דער פעטער אורי זילבענווייז דאָס קעפּעל פון לייט־אַרטיקעל: שנים מקרא ואחד תּרגום (איינמאָל געלייענט, צוויי מאָל פאַרטייטשט):

— מי־ניע־חאָ־טים גאָ... גאָ־לאָדאַ־אַט, גאָלאָדאַט! ס'הייסט מיר ווילען ניט הונגערען! דו הערסט, פייגע? — שרייט ער צו דער מוהמען אין קיך.

— איך הער,—רופט זיך אָפּ די מוהמע פייגע און בלייבט שטעהן אין איינגאַנג פון עס־צימער.

— מיר ווילען ניט הונגערען! — איז איהר שטרענג מודיע דער פעטער אורי און קוקט זי אָן מיט שרעקלעכע פאַרגרעסערטע אויגען פון פאַרצייטיגע שפּאַקולען, — אַ סוף זאָל עס נעהמען! גענוג געצאַפּט דאָס בלוט, גוּ־וט געשריבען, ווי מען דאַרף.

לייענט דער פעטער אורי אַ צווייטע קעפּעל:

— באָמ-באָמ־באַ, או, או-וו ניזש־נעם נאָוו־נאָוו-גאָראָדע! אַ באָמבע אין ניזשנע. דו הערסט, פייגע?—שרייט ער באַלד צו זיין אשת־חיל, וואָס איז פאַרטאָן מיטן סאַמאָוואַר,—מען וואַרפט שוין ווייטער באָמבעס אין ניזשנע. און צו ווען ווערט מען זיך טשעפּען? צו אידען אויפן יריד, מסתּמא... ד' ירחם!

— אוי־אוי־אוי — ענטפערט איהם אָפּ דער מוהמעס דריי־הברותדיגער זיפצעלע פון קיך. אַ סימן, אַז די נייעס איז אָנגענומען געוואָרען.

— ב־בונ-טי או־וו טאָ־קיאָ, נ־נאַ, ווייטער בונטען! דו הערסט, פייגע? גרויסע בונטען אין טאָקיאָ! מען הרגעט זיך, מען קוילעט זיך, עס קערט זיך דאָרטען די וועלט. גאָט ווייסט, וואָס עס ווערט זיין דער סוף. נאַ!

די נייעס פון די בונטען אין טאָקיאָ האָט שוין די מוהמע

פייגע געהערט פון מאַטע דעם צייטונגס-פּאַרקויפער מיט אַ רעכט ביסעל צייט צוריק. פונדעסטוועגען הערט זי דאָס גערן אַ צווייטען מאָל. און איז אין האַרצען טאַקע צופרידען, וואָס איהר אַלטער, ניט צו פאַרזינדיגען, פאַרשטעהט זיך אויף אַן אמת אין די רוסישע אותיותלעך, נישקשה, מען קען זיך אויף איהם פאַרלאָזען!

פאַרטיפט זיך דער פעטער אורי אַלץ ווייטער אין זיין קאָפּיקענער צייטונג:

— ראַס-ראַס-פּ... ר... ראַס־פּרי או סאָ-יוז-ני-קאָוו! ביי די סאָיוזניקעס איז... איז... דו הערסט, פייגע?

— וואָס איז ביי די סאָיוזניקעס? — פרעגט זיך נאָך די מוהמע-פייגע פון קיך אַרויס.

— „ראַס-פּרי״... דער שוואַרץ-יאָהר ווייסט זיי, וואָס זיי האָבען דאָ אָנגעשריבען. עפּעס אַ פּאַסקודנער וואָרט. וואו איז ערגעץ דער „גמרא־בחור״? ער מאַכט די „אוראָקעס״? אַנו, פרעג ביי איהם דאָרטען אָקאָרשט, וואָס איז „ראַספּרי״, לאָ־מיר זעהן וואָס ער קען.

— ער ווייסט ניט, — ברענגט אין אַ מינוט אַרום די מוהמע-פייגע אַ ידיעה. — געזוכט, געקוקט, בע, מע, און ווייסט ניט.

ציהט זיך פעטער אורי אַ צייל פון באָרד מיט אַ קלוי-געטשקער מינעלע און רעדט אַזוי:

— אַזוי? ער ווייסט אויך ניט? היינט צוליב וואָס לערענט ער זיך? מען צאָהלט דאָך עפּעס דעם לעהרער דריי רובעל אַ חודש, צאָהלט מען... אַרויסגעוואָרפען געלד!

— אַרויסגעוואָרפען געלד, — איז מסכים די מוהמע-פייגע. און דער פעטער אורי פאַרבייסט דאָס ניט-געלונגענע נייעס מיט די „ראַספּרי״ מיט אַן אַנדער קעפּעל:

— באָל-באָל-שאָי סקאַנ־דאַל או-וו או-וו דומע!! נאַ, פייגע, דו הערסט? שוין ווייטער אַ סקאַנדאַל אין דומע. אַז מען שרייבט „באָלשאָי סקאַנדאַל״, איז מסתמא אַ רעכטער סקאַנ־דאַל. ניט קיין קליינער, די שונא ישראל קעהרען שוין דאָר-טען ווידער די וועלט. אודאי ווייטער פורישקעוויטש, ימח שמו

וזכרו זאָל ער ווערען. געוואַלד, וואָס האָט זיך אָט דער גוי אויף אונז אָנגעזעצט?

די מוהמע-פייגע דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר, פאַרפאַרעט טיי און פעטער אורי האַלט אין איין לייענען די קעפּלעך. פון די קעפּלעך געהט ער איבער צו די מודעות און טיילט זיך אַלץ מיט דער ווייב: דו הערסט, פייגע, מען זוכט דינסטען! טייערע מציאות. מען דאַרף זיי נאָך זוכען. דו הערסט, פייגע, דאָקטוירים בעטען זיך, מען זאָל זיך ביי זיי קומען היילען. נאַ, זעה, און אונזער שטיקעל פערשעל איז נאָך ניט צופריידען, אַז מען גיט איהם אַ גילדען, דוקא צוואַנציג קאָפּיקעס גיב איהם... אַנדערש פּאַסט איהם ניט... נאַ, זעהסט? אַבי זשאַמעס מויד וויל פּאָהרען זיך לערנען „אויף די צייהן”. יאָ, יאָ, זי וועט שוין זיין גליקלעך, ווי די ראַבע קאַץ. זעהסט דאָך, דענטיסטען זיינען דאָ ווי די הינט. ב׳נאַ, פּענסיאָנען... טעאַטער... פּו-דרע... ניטאָ וואָס צו הערען און ניטאָ וואָס צו זעהן!

און מיטאַמאָל וואַרפט זיך דעם פעטער אורין אין די אויגען אַ געדרוקטער שוך מיט גרויסע אותיות: „סאַמאַיאַ לוטשאַיאַ אַבואוו”. שרייט ער צו דער מוהמען:

— פייגע, פייגע, וויפיל האָסטו אָפּגעצאָהלט פאַר די קינדערשע שיך? צו פיר רובעל אַ פּאָר? א ווילדע מציאה! נאַ, אָט האָסטו דאָ אַ פּאָר שיך פאַר דריי רובעל. אַ שעהנע בעל-הביתטע ביסטו, אַז דו האָסט געלד!

— וואָס האָסטו זיך שוין צו מיר צוגעטשעפּעט? — צעבייזערט זיך די מוהמע פייגע. — ער האָט זיך שוין צעלייענט! האָסט דאָך געוואָלט טיי, טרינק בעסער טיי. גענוג שוין דיר צו לייענען!

גיט דער פעטער אורי אַ וואָרף מיט האַרץ דאָס רוסישע בלעטעל:

— ב׳נאַ, ס׳איז מיט דיר אויך ניטאָ וואָס צו רעדען, גיס מיר שוין בעסער אָן אַ גלאָז טיי.

גיסט אָן די מוהמע פייגע דעם פעטער אורין אַ גוטע

גלאָז טיי און דערלאַנגט איהם מאַלינע - איינגעמאַכץ, כדי צו באַרוהיגען איהם די נערווען, וואָס האָבען זיך איהם צעשפּילט ביים לייענען די ציַיטונג. דעם איבערגעלייענטען בלאַט לייגט זי צוריק אַוועק אויפן קאָמאָד. צו דעם וועלען מאָרגען און איבערמאָרגען צוקומען נייע בלעטער אַ סך, אַ סך — פּאַפּיר פאַר די ערב-שבתדיגע הליאַקעס. און ווער ווייסט, אין צוויי וואָכען אַרום, ווען דער פּעטער אורי וועט זיך ווידער אַוועקזעצען לייענען צייטונגען, וועט אפשר די מוהמע-פייגע אַרויסשלעפּען פאַר איהם מיט צוויי פינגער די זעלבע צייטונג, וואָס ער האָט שוין לאַנג געהאַט געלעזען און פאַרגעסען, און פּעטער אורי וועט ווייטער איבערלייענען אַלע קעפּלעך כסדר. אָנהויבען וועט ער פון דעם לייט-אַרטיקעל „מיר ווילען ניט הונגערען”, ביז דעם רעכטען סקאַנדאַל אין דער דומע, און וועט אַזוי לאַנג דערצעהלען אַלע נייעסען דער מוהמע פייגען, ביז ער וועט זיך אָנשלאָגען אָן דעם געדרוקטען שוך צווישען די אַנאָנסען. און דאָ וועט ער זיך אָפּשטעלען אַ ביסעל פאַרוואונדערט און אַ ביסעל אומצופרידען און אַ שמיץ טאָן די צייטונג אָן דר'ערד:

— ב'נאַ, רבונו-של-עולם! אַלע טאָג דאָס זעלבע. ניטאָ וואָס צו הערען, ניטאָ וואָס צו זעהן. פייגע, גיס מיר שוין בעסער אָן אַ גלאָז טיי!

ניין, ווען די רוסישע שרייבער און דרוקער און זעצער וואָלטען געוואוסט, ווי טיכטיג דער פּעטער אורי שטודירט אויס זייער צייטונג, וואָלטען זיי באַך פלייסיגער און מיט נאָך מעהר חשק געטאָן זייער שווערע אַרבייט אין די נעפּעלדיגע, שלאָפלאָזע פּעטערבורגער נעכט...

# שבתדיגער מוסר

## 1

ווינטער, בשעת דעם שבתדיגען שלאָף, איז ביים פעטער אורי אין שטוב כמורנע, דער באַלקען ווערט נידעריגער, די פענסטער זיינען פאַרשוויצט. ווי דורך אַ שלייער זעהט מען דורך זיי אַ שטיקעל קאַלטען הימעל, אַ באַשנייטען שכנישען דאַך, אַ שוואַרץ־ברוינע וועג איבער דער פאַרפרוירענער אָזערע. איבערן וועג פאָהרען שליטענס, פויערישע „מאַגערקעס...״ און זייערע פערדלעך זעהען אויס אַזוינע קליינינקע, נעבעכדיגע אויפן ווייטען פאַרפרוירענעם טייך. אַ רחמנות אויף די גוים! וואוהין פאָהרען זיי דאָס אום שבת אין אַזאַ קעלט? וואוהין פיהרען זיי זייערע בייכיגע פערדלעך?

די אונטערשטע שויבען ביים פעטער אורי אין הויז זיינען באַדעקט מיט אַ דיקען זוים פון אייז, ס'זעהט אויס ווי אָנגעטריפט מיט סטעאַרינאָווע ליכט. ווערט דרויסען וואַרימער — געהט דאָס אָפּ. ווערט אַ פראָסט — וואַקסט דאָס אָן. אַ גאַנצער באַראָמעטער. פאַר חברה קליינוואַרג איז דאָס אַן עסק. זיי נעהמען אַ קאָפּיקע און פרעסען צו צום אייז אויפן שויב. שטעמפּלען זיך אָפּ אותיות פון דער קאָפּיקע מיט דער פוטער אַראָפּ... פּרובירען זיי דעם צווייטען זייט פון דער מטבע — ווייטער דאַס זעלבע. וואונדערען זיי זיך און קענען זיך ניט אָנוואונדערען.

דער מוזיניקעל שטופּט זיך אויף אַריין מיט זיין פאַר־שימעלטע קאָפּיקע, וואָס ער האָט ערגעץ־וואו דערטאַפּט... ער דריקט זיין מטבע מיט אַלע שוואַכע, ניט געניטע פינגערלעך. מען שטויסט איהם, מען שטופּט איהם, און ער שרייט: „זעה, מאַמע!“... און „שטעמפּעלט“ מיט אַלע כוחות, פריהרט די קאָפּיקע איין אין שויב, ווערט אַ געלעכטער. הויבט דער מוזיניקעל אָן רייסען מיט די נעגעל, דערנאָך מיט אַ טשוואָק. גיט אַ פּלאַץ דער אייז מיט דער שויב צוזאַמען... און ווער קריגט באַצאָהלט פון טאַטע־מאַמע מיט מזומנע פּעטש? פאַר־שטעהט זיך, אַז נאָר ווערעל דער עלף־יאָהריגער גמרא־בחור!... זאָל ער די קלענערע ברידערלעך ניט לערנען שטעמפּלען קאָפּיקעס אויף די שויבען. נאַ דיר גאָר אַ נייעם וואוילטאָג! שטעמפּלען קאָפּיקעס...

אָבער אַזאַ וואוילטאָג ווי שטעמפּלען מטבעות אין שויב, קען מען נאָר אַריינכאַפּען אום דערוואָכען, בשעת מען קומט אַהיים פון חדר וואַרעמעס עסען. אָבער שבת? וואָס טוט מען שבת? געלט איז מוקצה. די קאָפּיקעס ליגען אין די וואָכעדיגע הויזלעך. אַך, ווען מען וואָלט היינט געמאָגט שטעמפּלען מטבעות! קליינוואַרג וואָלט זיך ממש מחיה געווען...

וואָס טהוט מען אָבער פאָרט? דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט. די קאַץ האָט זיך אָנגעשטאָפּט מיט די שיריים פון טשאָלענט און דרעמעלט אויסגעצויגענערהייט אויפן ברעג אויווען. דאָס בייכעל — קיילעכדיג, הויבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ, בלאָזט זיך אָן און ווערט פלאַך. גיט מען זי אַ שלעפּ פאַרן עק, שווייגט זי און מאַכט זיך כלא־ידע. גיט מען זי אַ ציה אַ צווייטען מאָל, גיט זי אַ קעהר דאָס קעפּעל צו די קינדער אַזוי צנועהדיג־זיס, אַזוי מפונקדיג, ווי אַן עלטערע גוט־האַרציגע מוהמע, וואָס איז געקומען אַהער צוגאַסט:

— מיע־או...

דאָס הייסט: לאָזט צורוה, קינדער! שבת נאָכן טשאָלענט איז פון אייך אויך קיין רוה ניטאָ... שעמען מעגט איהר זיך!.. ווערען די קליינע חברה עפּעס טאַקע מבויש פון אַזאַ

ווייכען, און כּרומען „מיעאו“. כאָטש אַפילו... דער שוואַרץ-יאָהר ווייסט זי!... דאַכט זיך די גאַנצע וואָך, ווי נאָר מען גיט זי אַ ריהר, לייגט זי זיך מיט די פּיסלעך אַרויף און דראַפּעט זיך און בייסט זיך אויף קאַטאָוועס. ס'הייסט ווילען ווילט זיך איהר אַ ביס טאָן מיט אַן אמת, נאָר זי האָט שטאַרק פּחד מען זאָל איהר דערפאַר ניט ברעכען אַ ביין און מאַכט דערפון אַ שפּאַס... נישקשה, זי איז שוין גוט אָנגעלערענט. זי זעהט אויסצוקומען מיט די קליינע מזיקים מיט גוטען, מיט קעצישער דיפּלאָמאַטיע. זי לאָזט זיך קיצלען אַפילו ווען ס'איז איהר שוועהר אויפען האַרצען, ווען זי איז אין אַ שלעכטער שטימונג, מאַכט דורך מיט די קינדער אַלע שקאָצערייען... און היינט, שבת, אַ טאָג אַ יאָהר, גיט נאָר אַ קוק ס'אַראַ אָנשטעלען זי מאַכט, ס'אַראַ צנועה אַ באָבעצי דאָס איז מיטאַמאָל געוואָרען!

ירחמיאלקען, דעם מזיק, דעם חומש-בחור, הויבט דאָס אָן צו פאַרדריסען. זעהט נאָר, זעהט נאָר! זי דערקענט גאָר קיינעם ניט! און ניט זי מיטאַמאָל מיט כּוח אַ נעהם פאַרן עק:

— אַראָפּ פון אויווען! נו!

— מיאַ-אַ-או...—לאָזט די קאַץ אַרויס אַן איינגעהאַלטענעם קוויטש און גיט כּיטרע אַ גלאַנץ מיט די גרינע אויגען. אינם דאָזיגען „מיאַ-או“ הערט זיך שוין אַן אַזהרה...

זי ווייסט, די שעלמע, אַז היינט איז שבת, אַז דער פּעטער אורי שלאָפט דאָ אַצינד הינטערן ווענטעל... זון טאָמער וועט מען זי ווידער אַמאָל גראָב אַ טשעפּע טאָן וועט זי געבען אַזאַ מין מיאַאוקע, אַז דער פעטער אורי מיטן פּאַסעק וועט אַראָפּשפּרינגען פון בעט און עס וועט זיך טאָן חושך...

און באַלד טאַקע דערהערט זיך, ווי מען קלאַפּט שטיל אין ווענטעל, און דער מוהמע פייגעס קול זידט דאָרטען דורך די ציינער:

— לאָזט צורוה די קאַץ, ממזרים!... דער טאַטע שלאָפט דאָך עפּעס...

און גלייך נאָך איהר ברומט אויף אַ פאַרשלאָפענער הייזעריגער קול. דער פעטער אורי האָט זיך גענומען אויפכאַפּען:

— מ... האַ, האַ? וו...וואָס איז דאָס? עהז?...

— גאָרניט... — מאַכט די מוהמע-פייגע, כדי צו באַרוהיגען איהם.

— גאָרניט! — ענטפערען די קינדער מיט איין כאָר הינ-טער דעם ווענטעל.

— וואַרט, וואַרט... — דערהערט זיך פעטער אוריס פאַר־שלאָפענער בת-קול. איכ'ל, איכ'ל אייך ווייזען „גאָרניט".

און עס ווערט שטיל. וועלוועל, דער עלף-יאָהריגער גמרא-בחור, שטופט פון זיך אָפּ די קלענערע ברידערלעך און זעצט זיך אַוועק בלעטערען אַן אַלטע הגדה מיט צאַצקעס, אָדער די רוסישע כרעסטאָמאַטיע מיט די בילדער פון די קיסרים, וועל-כע ער האָט שוין אַמאָל הונדערט געזעהען. ער ווייסט גאַנץ גוט: ווער וועט כאַפּען די גוטע פעטש פאַר דער קאַץ? ער!... ניט ס'מוזיניקעל — נאָר ער! ס'איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך.

די קאַץ האָט מנצח געווען. דער שבתדיגער שלאָף האָט זי באַשיצט. און ירחמיאַלקע דער מזיק, דער זיבען-יאָהריגער חומש-בחור, מאַכט איהר אַ קולאַק אין דער שטיל און גיט צו איהר אַ קריץ מיט די צייהן: „וואַרט, וואַרט, עס וועט דיר שוין אַ כאָלערע נעהמען!"...

אָבער דאָס שבתדיג-זאַטע, מפונקדיגע קעצעל בויגט צו איהם אַראָפּ דאָס קעפּעלע פון ברעג אויוועז און קוקט איהם אָן אַזוי שפּאָטיש, פון אויבען אַראָפּ מיט כשרע מוהמע־אויגע-לעך, מיט אַ קרומען שמייכעלע אויפן פּיסקעלע און מיט אַ צוללהכעיס-העויהלע אויפן ראָזיגען סמאַרקאַטען נעזעלע... הייגט אין זי תקיף, הייגט איז זי „אויפן פערד". זי ווייסט, די שעלמע, אַז היינט איז שבת, אַז דער פעטער אורי שלאָפט אַצינד הינטערען ווענטעל... ניין, קינדער! דאָס מאָל לאָזט זי זיך ניט שפייען אין דער קאַשע אַריין... מיעאו!

## 2

אין אַ שעה אַרום דערהערט זיך אַ סקריפּ פון אַ בעט

און אַ ברייטלעכער הוסט... פעטער אורי איז חס-ושלום ניט צוגעקיהלט, נאָר גלאַט אַזוי. שבת דאַרף אַ בעל־הבית אַ איד אַביסעל אונטערהוסטען נאָכן שלאָף, אַ קאַפּעלע אונטערקרעכצען. דערנאָך דערהערט זיך אין קיך אַ פּליוך פון וואַסער. פעטער אורי וואַשט זיך דאָרטען און שווײנקט די צײנער. און אַלץ אַזוי ברייטלעך, שבתדיג. עטוואָס בריקעט דאָרטען און כאָר־כעלט און צאַפּעלט זיך ביים שווײנקען:

— ברררר... דזרר... חרר...

די מוהמע פייגע נעהמט אַראָפּ פון אַלמער דעם אַלטמאָ־דישען קופּערנעם טשײניק, גיסט איהם אָן פון הליאַק פול מיט זודיגע וואַסער און דעקט איהם אַרום מיט האַנטיכער, ער זאָל ניט אָפּקיהלען. פון די האַנטיכער געלינגט איהם אַרויסצו־שטעקען די נאָז... ער אָטעמט פּאַרע, און סאָפּעט אין דער שטיל. געגוג איין קוק אויף דער קופּערנער רויטער נאָז, כדי צו דערפיהלען, אַז עס איז איהם אַצינד גוט וואַרים, דעם טשײניק, אוי, איז איהם וואַרים!

דער גמרא־בחור קוקט איהם אָן, און דערמאָנט זיך אָן מלך דעם גראָבען, דער שוסטער מיט זיין לאַנגער שופר-נאָז, וועלכען ער האָט איינמאָל פרייטאָג געזעהן אין באָד אויף דער אויבערשטער פּאָליצע, אַרומגעלייגט מיט נאַסע בעזימער, די אויגן פאַרזשמורעט און גוואַלדעוועט פון וואוילטאָג גלאַט אין דער וועלט אַריין: „האַ־האַ־האַ“... און פון מויל זעצט איהם אַ פּאַרע. קען זיך דער גמרא־בחור ניט איינהאַלטען און גיט אַ לאַך.

— וואָס לאַכסטו? — גיט בייז אַ פרעג דער פעטער אורי און קוקט איהם אָן מיט זיינע קאַסאָקע אויגען. צוויי קרומע פיילען שטעכען דורך וועלוועלעס האַרץ.

— גאָרניט... — ענטפערט דער גמרא־בחור און פאַררוי־טעלט זיך.

— דו הערסט דאָך, פייגע — מאַכט דער פעטער אורי צו דער מוהמען, — „גאָרניט“, זאָגט ער... לאַכט דאַכט זיך און „גאָרניט“... ס'געהערט? „גאָרניט“ זאָגט ער...

און זעצט זיך צום טיש. די מוהמע דערלאַנגט איהם די גוטע גלאָז טיי מיט די פיינע שבתדיגע קארשען־איינגעמאַכץ. דער פעטער אורי טרינקט די ערשטע גלאָז מיט אַפּעטיט, אָהן אַ וואָרט צו ריידען. ער וואַרפט נאָר אַלע ווײַלע אַ טיפזיניגען קאַסאָקען קוק אויף דעם גמרא־בחור. ער האָט שוין אייגענטליך פאַרגעסען, אַז הינטערן ווענטעל, אין מיטען שלאָף, איז עפּעס פריהער פאָרגעקומען... נאָר פיהלען פיהלט ער, אַז ער האָט איהם וואָס צו זאָגען. כ׳מיין, וואָס דרעהט ער זיך אַרום אַן עלף־יעהריגער בחור אַ גאַנצען טאָג, גלאַט אַזוי? און אַז שבת איז וואָס? מילא, ער — אַן עלטערער איד, האָט געשלאָפען אָבער אָט דער שייגאָץ, וואָס?

נאָך דער ערשטער גלאָז טיי, מיט די שמעקעדיגע גע־פרעגעלטע קארשען, בעסערט זיך די שטימונג ביים פעטער אורי. זיין בייזקייט גייט אַוועק מיט דער פּאַרע פון טשייניק, נאָר פיהלען פיהלט ער, אַז טאַקע אַצינד איז אָנגעקומען די ריכטיגע שעה פון מדריך זיין קינדער... מעסט ער אָפּ דעם גמרא־בחור פון קאָפּ ביז די פיס מיט זיינע קאַסאָקע אויגען און הייבט אָן בזה הלשון:

— נו, אַדרבא, געה, זעץ זיך, וואָס שטעהסטו? טרינק טיי. ביסט שוין באַלד אַ בחור, באַלד... עלף יאָר ביזסטו אַלט. מעגסטו זיך שוין געוואוינען זיצען מיט מענשען גלייך מעגסטו... פייגע, גיב איהם אַ גלאָז טיי!... לעג איהם אַריין איינגעמאַכץ אין טעצעל. אָט אַזוי, אָ! נאָך אַביסעל... גאַנץ פיין. נו, און אַ ברכה? מען דאַרף דיך נאָך דערמאָנען? אָמן! נו, טרינק, טרינק! נעהם איינגעמאַכץ. נעהם. אַדרבא, דו זעהסט אַליין... איצט בין איך ניט אין כעס. אַ האָר אויך ניט. וואָלט איך דיך בעטען... דו אַליין זאָלסט מיר זאָגען, וואָס וועט פון דיר זיין דער תכלית?

קורץ און שאַרף. פעטער אורי פאַרלאַנגט פונם עלף־יאָהריגען גמרא־בחור איין קלייניקייט. ערשטענס, זאָל ער טרינקען טיי מיט איינגעמאַכץ, און צווייטענס, זאָל ער איהם

זאָגען, וואָס עס וועט פון איהם זיין דער תּכלית. מעהר גאָרניט.

דערהערט דאָס מאָדנע וואָרט „תּכלית״, שטעלט זיך דעם גמרא־בחור די איינגעמאַכץ אין האַלז. די טיי פאַרלירט דעם שבתדיגען טעם. דער תּכלית שטעלט זיך איהם פאָר אין גע־שטאַלט פון אַ האַרבען איד, מיט אַ שטעכעדיגער סיוו׳ליכער באָרד, מיט א רוסישער בלאַט־צייטונג אין האַנט, וועלכער קוקט איהם אָן בייז און שפּאָטיש דורך בלאָהע שפּאַקולען. פּונקט אַזאַ אויסזעהן האָט דער נייער נגיד פון שטעטעל.

— ניין, באמת, — צעזינגט זיך ווייטער דער פעטער אורי און נעהמט מיט אַ טאָן העכער. זיין כּוונה איז דערביי, אַז די מוהמע פייגע זאָל אויך הערען, ווי ער קען זיין אַ טאַטע, אַ דערציהער פון קינדער. —באמת... ביזסט דאָך א קלוגער אינ־געל, ביסטו דאָך... אַ שאַרפע קאָפּ, אַלע זאָגען, דאַרפסטו דאָך פאַרשטעהן, דאַרפסטו. איך רעד שוין מיט גוטען. איך בין איצטער ניט אין כּעס. דו זעהסט דאָך... איז אדרבא, זאָג, זאָג דו, וואָס וועט פון דיר זיין דער תּכלית?...

דער גמרא־בחור שווייגט און זופּט טיי. (אַצינד האָט שוין דער „תּכלית״, ס׳הייסט דער נייער נגיד, אַראָפּגענומען די בלויע שפּאַקולען און ווישט זיי מיטן נאָז־טיכעל און קייט בייז מיט די ליפּען...)

— זעהסטו דאָך—מאַכט דער פעטער אורי צו דער מוהמע פייגען, — איך רעד מיט איהם און ער — גאָרניט. שווייגט. זליאָ־קעט און שווייגט. מען פרעגט דאָך עפּעס ביי דיר?

— לאָז איהם פריהער אָפּטרינקען די טיי, דערנאָך וועס־טו רעדען — גיט די מוהמע פייגע אַ זאָג און ווערט נאָך אַ ביסעל אָנגעברוגזט...

פאַרדריסט דאָס דעם פעטער אורין: לא די, וואָס זי האָט ניט קיין הנאה פון זיין קלוגען מוסרן די קינדער, ברוגזט זי זיך גאָר. ענטפערט ער איהר צום טאָן:

— יאָ, יאָ, העלף אים נאָך אונטער! גיב איהם געוועכט..

נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז אַצינד איז ער, בטבע, ניט אין כּעס, אַ האָר אויך ניט, און פאַרענדיגט אַזוי:

— אַדרבא. איך זאָג דאָך גאָרניט, געזונטערהייט. זאָל ער אָפּטרינקען... טרינק! טרינק טיי מיט איינגעמאַכץ! טרינק!

— איך וויל מעהר ניט טרינקען, — רוקט אָפּ דער גמרא-בחור זיין גלאָז טיי און לאָזט אַראָפּ די אויגען.

— דו הערסט? ער וויל מעהר ניט טרינקען. גאָרניט. ער וויל שוין ניט. האָסט דאָך נאָר וואָס געוואָלט, האָסטו דאָך!

און דאָ הויבט שוין דער פּעטער אורי אָן צו פאַרגעסען, אַז... „אַצינד איז ער ניט אין כּעס", עס פאַרדריסט איהם וואָס די מוהמע פייגע איז עפּעס ברוגזלעך, וואָס דער גמרא-בחור דערטרינקט ניט זיין טיי, וואָס דער קופּערנער טשייניק איז שוין אָפּגעקיהלט, וואָס אין שטוב ליגט אַ ווינטערדיגע, טריבע האַלב-טונקעלהייט, וואָס דער שבת געהט אַוועק, וואָס ער האָט דעם גמרא-בחור צו זאָגען עפּעס אַ וויכטיגע קלוגע זאַך און האָט ניט קיין ווערטער. און דאָס אַלץ לאָזט זיך אויס צו פייוועלס קאָפּ מיט אַ נייעם מזמור:

— איז... טיי, זאָגסטו, האָסטו אָפּגעטרונקען. גוט. פרעג איך ביי דיר נאָך אַמאָל. אָהן כּעס פרעג איך. אַדרבא... זאָג דו... וואָס וועט פון דיר זיין דער תּכלית! זעהסט דאָך, איך רעד און ער קוקט גאָר אויף דער סטעליע... וואָ-אָ-ס וועט פון ד-י-ר זיין דער תּכלית? וואָס האָסטו זיך אויף מיר אָנגעזעצט? איך, איך האָרעווע דאָך אויף דיר, מעג איך, דאַכט זיך, פרעגען: וואָס האָסטו זיך אויף מיר אָנגעזעצט?!

3

נאָר דאָס וואָרט „תּכלית" האָט שוין אָנגעוואוירען זיין גיפט. פּעטער אורי פיהלט אַליין, אַז עס געהט אויס שטאָף אַז ער טשעפּעט זיך אומזיסט, אַז ניט דאָס וויל ער זאָגען. און דאָ קומט אַ־חם צו הילף די קאַץ, וועלכע איז גראָד

אצינד געקומען רייבען זיך לעבען זיינע פיס, אין דער כמור־נער שבתדיגער טונקעלקייט. פונקט ווי זי וואָלט איהם געוואָלט אָפּדאַנקען דערפאַר, וואָס ער האָט זי פריהער געראַטעוועט פון ירחמיאלקעס הענט, און אַגב בעטען איהם, אז ער זאָל אויך אויף ווייטער ניט אָפּטאָן זיין חסד פון איהר... אַ גרויסע וואָך קומט אָן; און אז די ליידאַקעס קומען פון חדר מיטאָג עסען איז ער אין דער היים ניטאָ. און דער עברי-בחור, דער מזיק, קלייבט זיך גאָרניט אויף קאַטאָוועס אָפּרעכענען זיך מיט איהר... זי ווייסט...

דערמאָהנט זיך פעטער אורי, אז פריהער, דורכן שלאָף, האָט ער עפּעס געהערט קאַניוקען די קאַץ. כאַפּט ער זיך אָן דעם אָן און פאַרענדיגט זיין ניט-געלונגענעם מוסר-השכל מיט אַ שטורך דער קאַץ און מיט אַ זאַלבעכער באַשולדיגונג געגען גמרא-בחור:

— פּססס-יק, צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!... ביז וואַנען וועט זיך אַזאַ עלף-יאָהריגער בחור שפּילען מיט קעץ? וואָס עפּעס איז דאָרטען געווען פאַר אַ געשעפט מיט דער קאַץ, אַ?

— דאָס איז... ניט איך, ניט איך!...— ווערט רויט דער גמרא-בחור און שטעלט זיך אויף פון אויפרעגונג.

— דו הערסט דאָך, עס איז ניט ער...—אַזוי ווענדעט זיך דער פעטער אורי צו מוהמע פייגען; ער רעכענט, אפשר וועט זי פּאָרט קומען צו הילף און מאַכען אַ סוף פונם גאַנצען שמועס. ער איז שוין, ברוך השם, אַזוי ווייט פאַרקראָכען, און אַליין קען ער ניט אַרויס...

נאָר די מוהמע-פייגע שווייגט.

— ס'איז ניט ער... זאָגט ער, הערסט דאָך, ווער דען? איך?... איך האָב געשלעפּט די קאַץ פאַרן עק? איך?

די מוהמע פייגע זיצט אונטערגעשפּאַרט די באַק מיט צוויי פינגער און שווייגט.

— זעהסט דאָך,— שטאַרקט זיך דער פעטער אורי און פיהלט, אז דער פולווער איז שוין אין גאַנצען אויסגעגאַנגען,

— אָט זעה... אַצינד האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט! וואָס שטעהסטו?

זעצט זיך דער גמרא-בחור אַנידער. אַ מינוט איז שטיל.

— זיצט... אָט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט. איך רעד און ער — גאָרניט. זיצט. זעהסט דאָך, אָט טאַפּט ער די טיש-טוך. טאַפּט. צוגעבונדען זיך צו דער טישטוך. די טישטוך טשעפּעט דיך? לאָז אָפּ די טישטוך!

דער גמרא-בחור גיט גערייצט אַ געה צו צום פענסטער און הויבט אָן צייכענען פאַרקלערטערהייט אויף דער פאַר-שוויצטער שויב.

— זעהסט דאָך... אָט האָט ער זיך גענומען צום פענס-טער. גאָרניט. איך רעד און ער צו מיר — מיטן הינטען... מאָלט מיטן פינגער, מאָלט. אום שבת שרייבען?! — דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג, — יונגאַטש, אום שבת!

דערשרעקט זיך דער גמרא-בחור און פאַרווישט געשווינד דאָס וואָס ער האָט אָנגעמאָלט.

— אום שבת מעקען? — גיט אַ געשריי דער פעטער אורי, — אום שבת!... אַוועק פון מיינע אויגען. יונגאַטש דו! אַוועק פון מיי-נע...

כאַפּט וועלוועל די פּיס אין די הענט און אַנטלויפט אין צווייטען צימער. דאָרטען איז שוין טונקעל. די קלענערע ברי-דערלעך זיצען אין די ווינקעלעך און קוקען איהם אָן מיט פאַרזינדיגטע אויגען. זיי פיהלען, אַז ער ליידט פאַר זיי, פאַר זייערע שטיפערייען מיט דער קאַץ, און מסורט קיינעם ניט...

— גאָרניט. — דערהערט זיך ווייטער דעם פעטער אוריס קול. און אַלע שפּירען, אַז זיין דרשה קריכט איהם שוין אַליין פון האַלז, — איך רעד און ער אַנטלויפט. גאָרניט. אַנטלאָפען! ירחמיאלקע, וואָס טהוט ער דאָרטען ביי אייך? אַ?

— גאָרניט. — באַשיצען איהם ירחמיאלקע און דער מו-זיניקעל אין איין קול. — ער זיצט.

— ער זיצט. דו הערסט דאָך, פייגע, ער זיצט! נו פרעג איך ביי דיר, — ווענדעט זיך אורי שוין אַ ביסעל ווייכער

צו דער מוהמען — קען מען דאָס פון איהם אַריבערטראָגען? קען מען דאָס פון איהם לעבען אויף דער וועלט? נו, זאָג אַליין! אַצינד בין איך שוין ניט געווען אין כעס... האָסטו דאָך אַליין געזעהן... אַדרבא... דו שווייגסט? מ-נאַ, עס איז מיט דיר אויך ניטאָ וואָס צו ריידען, ביסט אַזוי גוט ווי זיי. לאָמיר שוין בעסער דאַווענען מנחה.

## עפּילאָג

אין אַ שעה אָנדערהאַלבען אַרום איז שוין פּעטער אורי פאַרטיג מיט מנחה, מיט שלש־סעודות און מיט מעריב. די אָנגעצונדענע געפלאָכטענע הבדלה־ליכט האַלט דער מוזיני־קעל און פינטעלט מיט די אויגלעך.

— הויב העכער! — מאַכט צו איהם דער פּעטער אורי — נאָך העכער, אָט אַזוי אָ! וועסטו האָבען אַ הויכע כלה.

זיין קול איז שוין אַצינד געבראָכען, ווייך, אַ ביסעלע פאַרשעהמט.

— גוט וואָך, פייגע, מיין ווייב!

— גוט יאָהר! — ענטפערט אָפּ מוהמע פייגע האַלב־ברוגז־לעך און האַלב שוין איבערגעבעטען.

און אין שטוב צעגיסט זיך אַ ליכטיקייט פון לאָמפּ, אַ שטילע טרויעריקייט און אַ זמרל פון סאַמאָוואַר. פּעטער אורי טהוט באַלד אָן זיין וואָכעדיג רעקעל, זיין וואָכעדיגע סאַמעטע־נע יאַרמולקע און כאַפּט זיך צו זיין נאָטיץ־ביכעל. מעקט דאָרטען עפּעס און שרייבט און זינגט אונטער, און אַלץ מיט אַזאַ ווילדער התמדה. מען וואָלט באמת געקאָנט מיינען, אַז אויב ער זאָל געווען פאַרלאָזען זיין נאָטיץ־בוך ביז מאָרגען, וועלען חס־ושלום אונטערגעהן אַלע זיינע געשעפטען אויף דעם זומערדיגען יריד, אין ניזשני, אין אַכט חדשים אַרום.

קוקענדיג אויף איהם דערמאָהנט זיך אָבער דער גמרא־בחור, אַז עס איז היינט אַוועק אַ טאָג און ער האָט גאָרניט

ניט געטאָן. און טאַקע וואָס וועט זיין דער תכלית? דער „תכלית"?... און דאָס וואָרט עגבערט און עגבערט.

דער „תכלית" גיט איהם אַצינד אַ שיין אין דער גע־שטאַלט פון דעם נייעם נגיד, ביידע הענט צעשפּרייט אויף די קניע, שאָקעלט צו מיטן קאָפּ און מיט די שפּאַקולען, באַדויערט איהם, זיין אומגעהן ליידיג...

גיט ער זיך, וועלוועלע, אַ נעהם מאַכען זיינע אוראָקעס אונטערן הענגלאָמפּ, שרייבט איבער פון זיין רוסישער כרעס־טאָמאַטיע, סטאַרעט זיך.

די קליינע ברידערלעך קוקען צו. דערזעהט דאָס דער פּעטער אורי, פּאַרלאָזט ער אויף אַ ווילע זיינע חשבונות, בויגט זיך איבער מיט זיינע קאַסאָקע אויגען און קוקט אויך אַריין.

— פּיי — אַן! — איז ער מסכים אין אַ רגע אַרום, — אָט אַזוי ביסטו אַ מענש. גאַ־אַנץ פיינע אותיות... וואָס שרייבסטו דאָס דאָרטען? אַ? „אי סאָבאַקעי זאַ־זאַדראַוו כ... כוואָסט"... פּע, וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער? מנאַ... מילא, דאָס איז גאָר־ניט... דער עיקר איז דאָך דער כתב... דו זעהסט, פייגע? וואו ביסטו דאָרטען? קום, זעה...

דעם גמרא־בחור פאַרווילט זיך וויינען פון עפּעס אַ וואַ־רימען רחמנות־געפיהל אויף זיך, אויף דעם טאַטען, אויף אַלע־מען. עס ווילט זיך איהם צודריקען דעם קאָפּ צום טאַטענס גרויליכער באָרד. נאָר געה, לאָסטשע זיך צו אַן עלטערען מענשען מיט חשבונות־ביכלעך, מיט אַ סאַמעטענער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ... וואָס זוכט שטענדיג אַ תכלית פאַר זיינע קינדער...

# דער אומשטערבלעכער פּאָמעראַנץ

## 1

געהען צווי קעסטלעך פּאָמעראַנצען איבערן בלויען ים. די פּאָמעראַנצען זיינען אַלזשירער, קיילעכדיגע, זאַפטיגע, שווע־רע; מיט אַ גליהענדיג־רויטער שאָלעכץ — די פאַרב פון אַפרי־קאַנער פריהמאָרגענס.

באַריהמען זיך די פּאָמעראַנצען אין דער ערשטער קע־סטעל: — מיר געהען קיין וואַרשע, די אַלטע פּוילישע הויפּט־שטאָט. אָ, וואָס פאַר אַ ווייסע צייהן עס וועלען אונז אָנבייסען, וועלכע פיינע אַריסטאָקראַטישע צינגער עס וועלען פון אונז הנאה האָבען!

שווייגען די פּאָמעראַנצען אין דער צווייטער קעסטעל, טוליען זיך איינער צום צווייטען און רויטלען זיך פאַר בושה. זיי ווייסען, ברוך השם, אַז זיי זיינען באַשטימט ערגעץ־וואו פאַר אַ קליין שטעטעל אין דער ליטאַ, און גאָט ווייסט, אין וועלכע קבצנישע הענט זיי וועלען אַריינפאַלען. אוי, עס האָט זיך ניט געלוינט צו שלינגען אַזוי דורשטיג דעם שיין פון דער אַפרי־קאַנער זון, די קיהלע טהויען פון די אַלזשירער נעכט, דעם ריח פון דער בליהענדיגער פראַנצויזישער „באַיאַרע". ברוינע, פלינקע הענט פון יונגע מולאַטקעס האָבען זיי פון די בוימער געשניטען, אין באַמבוקענע קערב געוואָרפען, האָט זיך דאָס אַלץ געלוינט?

װעלען מיר אָבער זעהן, װער עס האָט בעסער געמאַכט: צי די פּאָמעראַנצען, װאָס זײנען אַרײן אין װאַרשע, אָדער יענע, װאָס זײנען שפּעטער אָנגעקומען קײן שקלאָװ — אַ פּאַר־װאָרפען שטעטעל אין רײסען, און מיר װעלען זיך אַ מוסר אַראָפּנעהמען.

איז אָנגעקומען די ערשטע פּאַרטיע פּאָמעראַנצען קײן װאַרשע, האָט זײ דער פּרוכט־הענדלער אױסגעלעגט אין עטלעכע פּיראַמידעס. האָבען זײ געשײנט, װי גליהענדיגע קנױלען פון פענסטער אַרױס. אָבער ניט לאַנג האָט דאָס געדױערט. אין דעם זעלבען טאָג האָט מען זײ פאַרקױפט. די רױשענדיגע, דורשטיגע גאַס האָט זײ באַלד אײנגעשלונגען. פאַרמאַטערטע מענשען האָבען זײ אין קעשענעס געשטעקט, אױפגעריסען זײער זאַפטיגע, גאָלדיגע שאָלעכץ מיט אומרײנע פינגער, אױף די שמוציגע טראָטואַרען געװאָרפען. אײנגעשלונגען געהענדיג, היני־טיש, אָהן אַ ברכה. זײער מחיהדיגער זאַפט האָט געשפּריצט אױף פאַרשטױבטע בערד, אױף פאַרסמאָדרעטע קאַפּאָטעס. אױף זײער אָרט אין קראָם ליגען שױן אַנדערע פירות אָדער גאָר גרינס. ניטאָ קײן יחוס! בלױז זײערע שעהנע שטיקער שאָלעכץ האָבען זיך נאָך געװאַלגערט אין גאַס, װי פאַרקילטע שטראַהלען פון אַ װײטער, גליהענדיגער זון. קײנער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס װאַלגערן זיך גרוסען פון װײטע זוניגע לענדער, פון אײביג־בלױע הימלען. מען האָט זײ מיט די פיס געטראָטען, פערד זײנען איבער זײ געפאָהרען, ביז ס'איז אָנגעקומען אױף זײ דער סטרוזש מיטן בעזים און האָט זײ אַװעקגעקעהרט, אָהן רחמנות, אין מיסט־קאַסטען. און אױס פּאָמעראַנצען! אַ סוף מיט דעם, װאָס האָט ערגעץ־װאו געבליהט און זיך געזאַפטיגט צװי־שען דופטיגע בלעטער און געפאַלען אין באַמבוקענע קערב, אונטער אַ הײסען, רײכען הימעל.

איז אָנגעקומען די צװײטע קעסטעל מיט פּאָמעראַנצען שפּעטער מיט עטלעכע טעג קײן שקלאָװ. געגוג האָבען זײ זיך געשלעפּט אין ענגע גױישע װאַגאָנעס און געטרײסעלט זיך אױף

אידישע פוהרען, ביז זיי האָבען זוכה געווען מ'זאָל זיי באַוויי־
זען זייער נייע סביבה.

די שקלאָווער בשמים-קרעמערקע האָט צוגערופען צו זיך דעם מאַן:

— געה שוין, בריה מיינער, עפען אויף די פּאָמעראַנצען אויף שלח־מנות!

עלע, דער בשמים-קרעמער, איז, ניט קוקענדיג אויף דער וויבס איראָניע, אַ געניטער סחורה־אויספּאַקער. ער אַרבייט ביי דעם פאַרפּאַקטען קעסטעל אַ שעה צוויי. געלאַסען און פּאָר־זיכטיג קלאַפּט ער אַרום די דעק מיט דער דלאָטע, ווי אַ גאָלד-אַרבייטער אַ טייערע ציהרונג. די ווייב שטעהט דערביי און גיט עצות. לסוף עפענט זיך דאָס קעסטעל אויף, און, פון צווישען די בלויע שטיקער פּאַפּיר, גיבען אַ גליה די פּאָמע־ראַנצען־בעקלעך, און עס גיט אַ שפּאַר מיט אַ געדיכטען יום־טובדיגען ריח.

אין אַ ווײלע אַרום ליגען שוין די פּאָמעראַנצען אויס־געלעגט אין קראָם־פענסטערעל און קוקען אַרויס אויפן בלאָטיגען מאַרק, אויף דעם גרויען נידעריגען הימעל, אויף די קופּקעלעך שניי ביי די רינשטאָקען, אויף די אָנגעפּעלצטע ווייס-רוסישע פויערען מיט זייערע געלע, פאַרלאַטעטע קאָזשוכעס. אַלץ אַרום איז אַזוי פרעמד, צפונדיג, פאַרקיהלט, האַלב־פאַרפוילט. און די פּאָמעראַנצען מיט זייער פייערלעכען ריח און מיט זייער העלי־שער פאַרב זיינען אַזוי רייך און פרעמד און ניי אין אַזאַ אומבאַקאַנטער, אָרימער סביבה, ווי אַ קייזערלעכע קלייד אין אַן אַכסניה פון בעטלער...

קומט צוגעהן די מוהמע פייגע מיט איהר וואָלענער פּאַ־טשײלע איבערן קאָפּ, מיטן קאָשיק אין האַנט. זי האָט דער־זעהן די פריש־אויסגעפּאַקטע סחורה און איז אַריין קויפען אויף שלח־מנות. און אָט דאָ הויבט זיך אָן די אומשטערבלעכ־קייט פון דעם פּאָמעראַנץ!

אָרים און גרוי איז דאָס ליטווישע לעבען. און דאָס ביסעלע נאַטור-רייכקייט, וואָס עס פאַלט אַמאָל אַריין אַהער,

ווערט אויסגענוצט ביסלעכווייז, מיט שכל און מיט אַלע פינף חושים. אַ טראָפּען געהט ניט פאַרלוירען פון דער שעהנער־פּאַרוואָגעלטער פּרי. ניין, וואָלט דער פּאָמעראַנץ געווען ניט מעהר ווי אַ גלגול פון אַ זינדיגער נשמה, וואָלט ער ביי דער מוהמע פייגען אין שטוב אויך באַקומען זיין תיקון.

## 2

— איז אַכט קאָפּיקעס ווילט איהר אויך ניט? אַ גוטען טאָג!

די בשמים־קרעמערקע ווייסט גאַנץ גוט, אַז די מוהמע פייגע האָט ניט וואו צו געהן קויפען אין אַן אַנדער אָרט, פונדעסטוועגען גיט זי זיך אַ ציה צוריק פאַר דער פאַטשיילע:

— אַזאַ גוט פורים אויף אַלע אידען, וואָס פאַר אַ גאָלדענע סחורה איך פאַרקויף אייך... ס'איז מעהר ניט ווילע אַ פּאָטשין!

— ס'איז ניט מעהר ווילע אַ פּאָטשין! — זאָגט נאָך עלע דער בשמים־קרעמער, דער געניטער עפּענער פון פּאָמעראַנצן־קעסטלעך.

אַ רענדעל אַרויף, אַ רענדעל אַראָפּ. די מוהמע פייגע קלייבט אויס דעם בעסטען, שווערסטען פּאָמעראַנץ, פאַרוויקעלט און לאָזט אַראָפּ אין קאָשעק אַריין, צווישען אייער, ציבעלעס, פורימדיגע „גוטע זאַכען" און שאָר־ירקות. קומט די מוהמע פייגע אַהיים, באַפאַלען זי די קליינוואַרג — פונם עלף־יעהריגען „גמרא־בחור" ביזקעל דרדקי־אינגעל, וואָס ערב יום־טוב זיינען זיי באַפרייט פון חדר, און מען נעהמט זיך באַלד רעווידירען דער מאַמעס קאָשעק:

— מאַמע, וואָס האָסטו געבראַכט? וואָס האָסטו געבראַכט?...

באַרוהיגט זיי די מוהמע פייגע. דעם גיט זי אַ פּאַטש

לכּבוד יום־טוב, דעם אַ סטוסאַק און דעם אַ ריס פֿאַרן אויער:

— ווּעה איז מיר געשעהן, ווי די היישעריקען זיינען זיי דאָך מיך באַפאַלען!

פונדעסטוועגען באַווייזט זי זיי דאָס, וואָס זי האָט איינגעהאַנדעלט:

— נאַט, זעהט, מזיקים, האָלאָדראַנצעס!

פון די קליינשטעטעלדיגע, ליטווישע „גוטע זאַכען" גיט אַ שיין, ווי אַ בשורה פון רייכקייט און גליק — ד ע ר פּ אָ מ ע ר אַ נ ץ. די קינדער ווערען דערשטויגט. פון פאַראַיאָהריגען פּורים איז זיי נאָך געבליבען אַ זכר, אַ שאָטען פון דעם ריח פון אַזאַ מין פּרי. אַצינד האָט דאָס ווידער אויפגעלעבט מיטן זעלבען ריח און קיילעכדיגקייט, אָט איז דאָס! ביז איבער אַ יאָהר אין דער צייט וועלען זיי דאָס ניט זעהען.

מען כאַפּט דאָס מיט דינע הענטלעך, מען שמעקט, מען וואונדערט זיך.

— אוי, ס׳אַראַ מאכל! — זאָגט דער מוזיניקעל — אוי, ווי ס׳שמעקט!

— דאָס וואַקסט אין ארץ־ישראל — זאָגט אָפּ דער גמרא־בחור און ווערט עפּעס שטאָלץ און סעריאָז.

די מוהמע פייגע פאַרשליסט עס אין קאָמאָד. אָבער די קיילעכדיגע, דופטיגע, פלאַמענדיגע פּרי לעבט אין דער קינדערשער פאָרשטעלונג, ווי אַ זיסער טרוים. זי שיינט רייך און ניי צווישען די האַרטע גרינע עפּעל און געזויערטע אוגערקעס, וואָס די קינדער האָבען געזעהן אַ גאַנצען ווינטער.

קומט אָן מיט מזל די פּורימדיגע סעודה, זיצט דער פּאָמעראַנץ אויבענאָן, צווישען אַ גאַנצע חבריא מיט טערטעלעך און מאַרמעלאַדען און פייגען און צוקערקעס, און שיינט אַרויס ווי אַ גרויסער קאָראַל פון אַ פיעל־פאַרביגער מאָזאַאיק.

די מוהמע פייגע דעקט דאָס איבער מיט אַ טוך און גיט איבער דעם שלח־מנות־טרעגער ער זאָל טראָגען. דער פּאָמעראַנץ שטעקט אַרויס דעם שפּיץ קאָפּ פון אונטערן טוך, ווי איינער זאָגט: „איך בין דאָ, איך בין גאַנץ, אַ גוטען יום־טוב

קינדער!" די קינדער באַגלייטען איהם אין זיינע נסיעות מיט בענקענדיגע בליקען. זיי ווייסען, אז אַ סך גילגולים וועט ער, נעבעך, אויסשטעהן, ביז ער וועט אָנקומען צוריק מיטן שמש.

און כך-הוה. איין מוהמע בייט אויף אַ ציטרין און שיקט אָפּ דעם פּאָמעראַנץ אַן אַנדער קרובה. האָט שוין מוהמע פייגע דעם ציטרין. שיקט די מוהמע פייגע דעם ציטרין יענער קרובה, באַגעגענט ער זיך דאָרט ווידער מיטן פּאָמעראַנץ און טוישען זיך מיט די ערטער. באַקומט צוריק די מוהמע פייגע איהר בן-יחידעל, דעם פּאָמעראַנץ...

דעקט מען אויף דעם טוך, זיצט ער, דער ממזרוק, אויפן פריהערדיגען אָרט כמלך בגדוד, און קעניגט איבער לעקעכלעך און צוקערקעס און ראָזינקעס. די קעלט פון דער פורים-נאַכט ליגט אויף איהם, ווי אַ טהוי. עס זעהט אויס, אַז ער שמייכעלט אַ ביסעל מיעד און אַ ביסעלע פאַרקיהלט פון זיינע ווייטע שליחות אין אַזאַ פרעמדער, פאַרשנייטער און אומ-באַקאַנטער נאַכט:

— נו, קינדער, אָט האָט איהר מיך צוריק, וואָס האָט איהר מורא געהאַט?

3

געהט אַריבער פורים, ליגט דער פּאָמעראַנץ אין קאָמאָד ביי זיין פולער גאַנצקייט, און עס איז איהם וואויל. דערלאַנגט מען קרובים שבתדיגען כיבוד צום טיש, ליגט ער בראש, ווי אַ בן-מלך צווישען די פלעבעאישע עפּעל און וועלשענע ניס. מען באַטראַכט איהם, מען פרעגט ווי טייער, מ׳זאָגט מבינות, ווי אַלטע גבירים, וואָס זיינען געוועהנט צו אַזעלכע פירות, און מען לעגט איהם אַוועק צוריק אויף זיין אָרט. די עפּעל און די ניס׳ ווערען פאַרשוואונדען איינציגווייז און דער פּאָמעראַנץ דרעהט זיך אַלעמאָל אַרויס פון די קרובהשע הענט, און

בלייבט גאַנץ. שקלאָווער קרובים זייַנען חס־ושלום קיינע „הלעי־טניס״ ניט און ווייסען וואָס צו לאָזען אויף דרך־ארץ.

און משנכנס אדר מרבים בשמחה*)... אַ טאָג צעהן נאָך פורים שרייבט מען תנאים ביי דער מוהמע פייגען אין שטוב. די מוהמע פייגע פאַרקנסט איהר עלטערע טאָכטער מיט אַ בעל־הביתיש קינד, ליגט ווייטער דער פאָמעראַנץ אויבענאָן, אונ־טערן סאַמע הענג־לאָמפּ, פונקט ווי צוליב איהם איז דאָ די גאַנצע שמחה. אמת, איין באַק איז איהם שוין אַ ביסעל צוגע־לעגען, ווי ביי אַן אַלטען גענעראַל, פונדעסטוועגען האָט ער נאָך אַ מלכותדיגען אויסזעהן. ער פאַרשיינט דעם טיש מיט זיין רייכער עקזאָטישער פרעמדקייט. די קליינוואַרג, פונם דרדקי־אינגעלע ביזן עלף־יאָהריגען גמרא־בחור, האָבען שוין אָפּטמאָל דערמאָנט דעם טאַטען, געגעבען אָנצוהערעניש דער מאַמען, אַז ס׳וואָלט שוין צייט געווען געבען פאַרזוכען אויך... מאַכען „שהחיינו״, מעהר ווילען זיי ניט, ווי מאַכען „שהחיינו״... האָט אויף זיי די מוהמע פייגע גוט אָנגעשריגען: לײדאַקעס, זולל־וסובאניקעס! אַז עס וועט האַלטען ביי מאַכען „שהחיינו״ וועט מען זיי שוין אָנזאָגען מיטן בראָדער שמש... טאַטע־מאַמע וועלען אַליין ניט אויפעסען. זאָלען זיי נאָר קיין מורא ניט האָבען.

צו די תנאים זייַנען קליינוואַרג אין איינע ציטערניש, טאָמער פאַרווילט זיך גאָר דעם חתן מאַכען „שהחיינו״. אַ קשיה, וואָס אַ חתן קען זיך פאַרוועלען צו די תנאים! די מאַמע גיט דאָך איהם אַלע מאָל דעם בעסטען חלק.

דער חתן אָבער איז אַ שקלאָווער, אַן עהרלעכער חתן. ער ווייסט, אַז אַ פאָמעראַנץ איז ניט געמאַכט געוואָרען חתנים זאָלען איהם עסען צו תנאים, נאָר כדי צו פאַרשיינען דעם טיש. האַלט ער איהם נאָר איין רגע אין האַנט, און זיין גער־געלע לויפט אַריין אין געמבע און לויפט אַרויס צוריק. און די פערזענלעכקייט פונם פאָמעראַנץ בלייבט ווידער אומבאַריהרט.

---

*) ווען חודש אדר קומט, מאַכט מען שמחות.

קומט אָבער פּאָרט דער גליקלעכער פרייטאָג־צו־נאַכטס. דער פּאָמעראַנץ איז שוין מעהר ניט אַזוי קײלעכדיג ווי פריהער און ניט אַזוי דופטיג. זיין יוגענט איז שוין פאַרביי. נאָר ס'מאַכט ניט אויס. אַבי אַ פּאָמעראַנץ! נאָך דער שבתדיגער וועטשערע איז די שטימונג אַ געהויבענע. דורכן בראָדער שמש זאָגט מען קיינעם ניט אָן, נאָר קליינוואַרג פיהלען בחוש, אַז היינטיגען מאָל וועט מען שוין מאַכען „שהחיינו", און מאַכען זיך תמעוואַטע. מען וואָלט געקאָנט מייגען, אַז דער פּאָמעראַנץ איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

רופט זיך אָפּ די מוהמע פייגע צום פעטער אורין:

— אורי, נעהם צעטייל די קינדער דעם פּאָמעראַנץ. וואָס וועט דאָס אויסליגען?

דער פעטער אורי, אַ באַבערדעלטער איד מיט קאַסאָקע אויגען, אַ געניטער פּאָמעראַנצען־עסער, וואָס האָט שוין אויף זיין לעבען אויפגעגאַשט אַוודאי אַ האַלבע טוץ פּאָמעראַנצען, אויב ניט מעהר, זעצט זיך אַוועק אויבענאָן, עפּענט אויף דעם גרויסען קלינגעל פון זיין פאַרעווען מעסערעל — אַן אַלטער „זאַוויאַלאָוו" — און נעהמט זיך צו דער אָפּעראַציע. די קינדער שטעהען אַרום טיש און קוקען אָן דעם טאַטען מיט יראת־הכבוד, ווי מען קוקט אָן אַ זעלטענעם כישוף־מאַכער, אגב וואָלטען זיי שוין געוואָלט זוכה זיין זעהן, וואָס אינעווייניג טהוט זיך, און טאַקע פאַרזוכען אויך. כ'מיין מען איז דאָך שטיקלעך מענשען, עס גלוסט זיך... נאָר דער פעטער אורי האָט צייט. פאָרזיכטיג און רוהיג שניידט ער אָן אויף דער פרי גלייכע ראַדיוסען פון איין „פּאָליוס" ביזן צווייטען. פריהער שניידט ער אָן פיער, דערנאָך אַכט אַזוינע ליניעס, איינע אין איינע (אַז מען שמועסט, אַז דאָס איז אַ מייסטער!) און נעהמט זיך שיילען...

אַלע הערען זיך צו, ווי עס קנאַקט די פליישיקע, עלאַסטישע שאָלעכץ. לאַנגזאַם טיילען זיך אָפּ די געאָמעטריש־ריכטיגע, רויטע שטיקער הויט. ערטערווייז אָבער איז דער פּאָמעראַנץ אַ ביסעלע צוגעלעגען און צוזאַמען מיט דער שאָלעכץ

פאַררייסען זיך זאַפטיגע שטיקעלעך „פלייש״. דאָרטען מאַכט דער פעטער אורי: „פפט!״, פונקט ווי עס וואָלט איהם וועה געטאָן. רוקט זיך אַריין דער קלינגעל פון מעסער און צעפּערירט דעם געפּעהרלעכען אָרט. קייקעלט זיך אַרויס דער פּאָמעראַנץ פון זיינע, ווייס-געלבלעכע, דופטיגע וויקעלעך און ווערט קונציג צעטיילט דורכן פעטער אויף גלייכע האַלבע לבנות, שטיקעל אין שטיקעל.

— קינדער, — לאָזט אַרויס די פאַרקנסטע כלה-מויד אַ „קול-קורא״ און שטעלט אַוועק אַ גרויסען קעלישאָק אויפן טיש, — פאַרגעסט ניט די ביינדלעך, וואַרפט זיי אַריין אַהערצו. וועט מען זיי אָנווייקען און פאַרזייען...

רעדען רעדט זי צו די ברידערלעך און מיינט דעם טאַטען אויך.

קליינוואַרג זיינען מבטיח מיטצוהעלפען דער שוועסטער אין איהר יונג-בעל-הביתישער אונטערנעהמונג, וואָס שיינט צו האָבען גאָר אַ גרויסע צוקונפט. און די אויגעלעך זייערע זיינען געווענדעט צו די צאַרטע, ראָזיגע האַלבע לבנות אויפן טעלערעל.

די ערשטע ברכה מאַכט דער פעטער אורי אַליין. ער צעקייט איין שטיקעל און שלינגט אַראָפּ מיט כונה. פאַרמאַכט איין קאַסאָקע אויג און דאָס צווייטע הויבט ער אויף צו דער סטעליע און דרעהט מיטן קאָפּ:

— אַ שאַרפער פּאָמעראַנץ! קינדער, קומט קאָרשט אַהער...

אַפריהער געהט צו דער מוזיניקעל. דאָס איז שוין זיין חזקה: וואו אַ גוטע זאַך איז ער דער ערשטער נאָכן טאַטען. הויך אויפן קול, מיט אַ קוויטש, מאַכט דאָס אַ ברכה, כאַפּט אַריין זיין „האַלבע לבנה״ און פאַרכלינעט זיך.

— כאַפּ ניט!... — מאַכט צו איהם דער פעטער אורי זעהר געלאַסען — קיינער וועט ביי דיר ניט אָפּנעהמען.

— און וואו איז די ביינדעלע? — גיט אַ פרעג די כלה-מויד און רוקט אונטער דעם קעלישאָק.

— יע, יע, וואו איז די ביינדעלע? — העלפט אונטער פעטער אורי.

— דערשלונגען.. — דערשרעקט זיך דאָס מוזיניקעל און ווערט רויט ביז איבער די אויערען.

— דערשלונגען??

— יאָ־אָאָ...

און טרערען שטעלען זיך דעם קליינעם אין די אויגען. ער כאַפּט גיך אַ קוק אויף די עלטערע ברידערלעך... זיי שווייגען.

עס איז שוין אָבער אַ פאַרפאַלענע זאַך... ער ווייסט... אַצינד וועט איהם שוין קיין טאַטע ניט העלפען. מען וועט איהם שוין „נעהמען לעבער". מהיום והלאה האָט ער שוין אַ נייע צונעמעניש: „ביינדעלע"...

דערנאָך געהט דאָס מיט די איבריגע חלקים פאָמעראַנץ כסדר, פון אונטען אַרויף, ביז עס דערגרייכט צום גמרא־בחור. דער גיט אַ נעהם זיין חלק, שפּילט זיך מיט איהם אַ ווײַלע און בייסט אָן, פיהלענדיג דערביי אי אַ גוטען טעם, אי אַ זיסען גרוס פון ארץ־ישראל, פון וועלכער ער האָט אַ סך מאָל אין חדר געטרוימט. פאָמעראַנצען וואַקסען דאָך נאָר אין ארץ־ישראל...

— און אַ ברכה? — פאַקט איהם דער פעטער אורי און שטעלט אויף איהם אָן זיינע קאַסאָקע אויגען.

— ברוך אַתּה ד'... — פּלאַפּעלט פאַרשעמט דער גמרא־בחור. און דאָס שטיקעל פאָמעראַנץ בלייבט איהם שטעקען אין האַלז. אוי, אַ פאַרשטערטער, אַ פאַרשטערטער גרוס פון ארץ־ישראל!...

נאָר דער פעטער אורי באַנוגענט זיך ניט. ניין. ער מוסרט איהם, דעם גמרא־בחור, אַז ער מאָג זיך לערנען מאַכען אַ ברכה ביים מוזיניקעל, יאָ, ער מעג זיך לערנען. ער איז איהם מבטיח, אַז ער וועט נאָך ביים מוזיניקעל הייצען אַמאָל די הרובעס, יאָ, יאָ, ער וועט הייצען. — און...

נאָר אין מיטען דערמאָנט ער זיך:

— פייגע, פאַרוואָס געהסטו ניט פאַרזוכען?

אַ נס, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט. אַז ניט, גאָט ווייסט, ווען ער וואָלט געענדיגט זיין מוסר־השכל.

— אויך אַ געשעפט, — רופט זיך אָפּ די מוהמע פייגע, געהט פונדעסטוועגען צו, מאַכט שהחיינו און קוויקט זיך: אי, אי, וואָס פאַר אַ שעהנע זאַכען עס זיינען דאָ אויף דער וועלט! און מען לאָזט זיך אוועק אין אַ ברייטען שמועס וועגען פאָמעראַנצען.

די מוהמע פייגע זאָגט, אַז זי וואָלט געווען אַ גבירה, וואָלט זי אויפגעגעסען אַלע טאָג אַ... האַלבען פאָמעראַנץ. אויף אַ גאַנצען האָט זי קיין השגה ניט. וואָרום ווי נעהמט מען דאָס אין מיטען העלען טאָג און מען נאַשט אויף אַ גאַנצען פאָמעראַנץ פאַר אַכט מיט אַ האַלב קאָפּיקע? — דער פעטער אורי אָבער האָט אַ העכערען שוואונג. פאָרט געווען אַמאָל אין ניזשני אויפן יאַריד. שמייכעלט ער מיט זיינע קאָסאָקע אויגען: ניין, אַז ער וואָלט געווען אַ גביר, וואָלט ער געלאָזען אויס־דריקען דעם זאַפט פון... דריי פאָמעראַנצען פאַר איין מאָל, און וואָלט דאָס געטרונקען מיט אַ גלאָז. אָט וואָס!

די ווייב און די קינדער ווערען דערשטויגט פון דער רייכקייט פון אַזאַ פאַנטאַזיע, און שטעלען זיך פאָר אַ פולע גלאָז מיט ראָזיגען, שליימיגען פאָמעראַנצען־יויך, אַ ווייסע שוים פון אויבען, און אין דעם שוים שווימט אום אַ ביינדעלע...

בלייבען אַלע אַ מינוט זיצען אַרום טיש שווייגענדיג, און קוקען מיט טרוימערישע אויגען אויף די געלבע פייכטע קער־לעך, וואָס די כלה־מויד האָט צוזאַמענגענומען ביי אַלע אַנטייל־נעהמער פונם פאָמעראַנץ. זי באַגיסט זיי מיט וואַסער און צעהלט זיי דורכן גלאָז. איינס, צוויי, דריי, פיער... גאַנצע ניין שטיק האָט זי. יאָ! אין אַ וואָך אַרום וועט זי זיי פאַרזייען אין די בלומען־טעפּ, און נאָך דער חתונה וועט זי זיי מיטנעהמען צו זיך אין דירה. זי וועט זיי אויסשטעלען ביי זיך אויף די פענסטער און וועט זיי לאָזען וואַקסען אונטער איבערגעקעהרטע גלעזער...

מיינט איהר דאָך, אַז דאָס איז דער סוף? האָט איהר פאַרגעסען, אַז אַ פּאָמעראַנץ האָט נאָך אַ שאָלעכץ...

## 4

איינער פון די קליינוואַרג מאַכט אַן אַנטדעקונג, אַז מען גיט אַ דריק אַ שטיקעל פּאָמעראַנץ-הויט אַנטקעגען לאָמפּ, גיט אַ שפּריץ אַ גאַנצער פאָנטאַן פון דורכזיכטיגע, דינינקע, שמע-קענדיגע טראָפּענדלעך, און אַז מען שפּריצט דאָס אַריין דעם צווייטען ברודערעל אין אויג אַריין, הויבט ער אָן צו פינטלען... נאָר איידער ער האָט נאָך צייט צו אַנטוויקלען זיין ערפינדונג, באַקומט ער אַ רעכטען פּאַטש איבערן האַנט און אַלע שטיקלעך שאָלעכץ ווערען פאַרשוואונדען ביי דער מוהמע פייגען אין פאַרטוך.

— אַז קיין מעשה איז זיי ניט צו קליין, די ממזרים, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען קאַרטאָפעל-שאָלעכץ... ניין, אַז זי וואָלט געקענט קריגען נאָך אַ ביסעל, וואָלט זי דאָך דערפון געקענט פּרעגלען איינגעמאַכץ... יאָ, איינגעמאַכץ...

נאָר ס'רעדט זיך מעהר ניט אַזוי. ביז עס וועט זיך אָנ-קלייבען אַ קאָלעקציע פּאָמעראַנצען-הויט אויף איינגעמאַכץ קען קומען משיח.

לעגט מען דאָס אַריין איבער נאַכט אין דער וואַרימער פּעטשורקע צום טריקענען. די גאָלד-רויטע שטיקער שאָלעכץ, וואָס האָבען ערשט נעכטען אויסגעזעהן אַזוי פריש און זאַפטיג, זיינען היינט פאַרקנייטשט, שוואַרצלעך-ברוין, צעקרימט און האַרט, ווי אַלטע מזוזות. נעהמט די מוהמע פייגע דעם שאַרפען קיך-מעסער און צעשניידט זיי אויף לאָקשען, דערנאָך אויף קליינע לאַנגינקע „צוקער-לעקעכלעך"... שיט דאָס אַריין אין אַ פלאַש, פאַרגיסט מיט בראַנפען, פאַרשיט מיט מעהל-צוקער און שטעלט אַוועק עס זאָל שטעהן. אינם בראַנפען לעבען אָפּ די ברוינע, פאַרדאַרטע שטיקעלעך, בלאָזען זיך אָן, בליהען אויף, באַקומען

זייער אַמאָליגע מראה. גיסט מען אָן אַ גלעזעלע און מען פאַרזוכט, דערשפּירט מען דעם עכטען טעם און דופט פון פּאָמעראַנצען־קאָרקע.

קומען קרובים אויף כּיבוד, מאַכען זיי שהכּל, פאַרזוכען, קוויקען זיך און עס בלייבט מיט אַלעמענס הסכּם, אַז דאָס איז זעהר געזונד פאַרן מאָגען. און די קרובהטעס פרעגען אויס ביי דער מוהמע פייגען, ווי אַזוי זי איז געפאַלען אויף אַזאַ המצאה...

-- אָט... — מאַכט דער פעטער זשאַמע צו מיכליען זיין פלוניתטע — ביי דיר געהט אַלץ אין ניוועץ. האָסט דאָך אויך געהאַט אַ פּאָמעראַנץ אויף פּורים! וואו איז דער שאָלעכץ? — גאָרניט, אַרויסגעוואָרפען.

שלאָגט איהם איבער דער פעטער אורי:

— מילא, זשאַמע, לאָמיר בעסער נעהמען נאָך צו קאַפּעלעך!

און גיט אַ שמייכעל מיט די קאַסאָקע אויגען צו זיין אשת־חייל, צו דער מוהמע פייגען.

פאַרבינדט מען צוריק די פלאַש מיט אַ שטיק ווייסען טוך איבער דער קאָרקע, עס זאָל ניט אויסוועפּען, און מען שטעלט אַוועק אין אַלמער עס זאָל זיך גוט איינשטעהן. שטעהט זיך דאָרטען די פלאַש איינע אַליין, ווי אַ פרומע אידענע, אַן עגונה אונטערן הייבעל...

קומט פּסח, פאַרקויפען אידען חמץ אַלעקסעיקע דעם וואַסער־טרעגער, מיט דעם שמוציגען, פלאַקסענעם קאָפּ. פאַלט די פלאַש מיט פּאָמעראַנצאָווקע אויך אַריין אין גוישע הענט. אַ גאַנצע וואָך שטעהט זי פאַרקויפט, מוקצה, און קוים וואָס זי דערלעבט מען זאָל זי צוריק אויסלייזען, אידען מיט גרויע בערד און ווייבער אונטער פרומע פאַריקען זאָלען מאַכען איבער איהר שהכּל און דערצעהלען נסים פון דער מוהמע פייגעס בריהשאַפט.

און יאָהרען לאַנג שטעהט אַמאָל אַוועק אַזאַ פלאַש. פון צייט צו צייט גיסט מען צו איהר צו פרישע בראַנפען און מען פאַרזוכט זעלטען־ווען, ביז די שטיקלעך פּאָמעראַנצען־הויט, אויפן דעק פלאַש, פאַרלירען שוין זייער קראַפט, ווערען

צעווייקט, און בלייך. נעהמט דער פעטער אורי און פּאַטשט זי ארויס פון דער פלאַש אויף אַ טעלערעל.

דאָס קומט אויס שטענדיג אַ מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, ווען די נשמה יתרה געהט אַוועק און אַ וואָכענדיגער אומעט גנבעט זיך אַרויס פון די ווינקעלעך. זוכט דער פעטער אורי מיט וואָס צו קוויקען זיך, און דערמאָנט זיך אָן די פּאַרלע־גענע, מיט בראַנפען אָנגעזאַפּטע פּאַרצוקערטע שטיקעלעך פּאָ־מעראַנצען־קאָרקע.

קעהרט ער, מחילה, איבער די ברייטע בכבודיגע פלאַש איבער אַ טעלער און פּאַטשט זי קרעפטיג און ווייך איבער איהר אויסגעהוילטען דנאָ.

— פּום, פּום, פּו־הום... — הילכט אָפּ די פלאַש קלאָגענ־דיג און הילכיג־טעמפּ איבערן גאַנצען שטוב, אין די וואָכעדיגע מוצאי־שבתדיגע שאָטענס.

עס הערט זיך אין איהר קלונג אַ מין דערשראָקענער טיפער זיפץ: אָן עכאָ פון אַן אויסגעשעפּטען אַלטען ברונעם. זי שרייט, דאַכט זיך, די פלאַש, אַז מען שלאָגט איהר די נשמה אַרויס, דאָס לעצטע חיות... און פון איהר גלעזערנעם האַלז פאַלען דערביי קלעפּיגע גאָלד־געלבע און אַפּעטיטלעכע שטיקעלעך.

דערנאָך ווערט שטיל. פעטער אורי מאַכט אַ ברכה איבער די שריים, פאַרזוכט אַליין און גיט אַלעמען פאַרזוכען.

די קינדער זיינען מסכים, אַז כאָטש עס בייסט פון דעם אַ ביסעלע די צונג, פונדעסטוועגען שפּירט מען נאָך דעם טעם פון אַמאָליגען, פורימדיגען פּאָמעראַנץ, עליו השלום.

נאָר אין דער זעלבער צייט, ווען ביים פעטער אורי אין שטוב פאַרשווינדט שוין דער לעצטער זכר פונם באַריהמטען פּאָמעראַנץ, זיינען די יורשים זיינע — די אויסגעוויקטע, אָנ־געשוואָלענע קערלעך — שוין לאַנג אויפגעגאַנגען ביי פעטער אוריס אויסגעגעבענע טאָכטער אין די בלומען־טעפּ. אַ דריי־פיער שפּיצעכיגע, פעכיגע בלעטעלעך האָבען זיך פון יעדען קערעל אויפגעשפּאָלטען.

מען האָט שוין פון זיי, אַנומעלטען, אראָפּגענומען די איבערגעקעהרטע, פאַרשוויצטע גלעזער. זיי געוועהנען זיך, אָהן עין־הרע, צום שקלאָווער קלימאַט און שפּראָצען פּאַמע־לעך, מיט אַן איינגעהאַלטענעם גרינעם שמייכעלע, וואָס זיי האָבען פון די וואַרעמע לענדער מיטגענומען און אין זיך פאַר־באַהאַלטען.

דאָס יונגע ווייבעל גיט אויף זיי אכטונג; באַגיסט זיי טאָג איבער טאָג. און גאָט ווייסט וואָס פון זיי קען נאָך אמאָל אויסוואַקסען.

# די בהמה

## 1

אַ גאַנצן ווינטער שטעהט פּעטער אוריס בהמה אין שטעלכעל, וועלכע איז צוגעבויט האַרט צום פּירהויז. פון קליינעם בוידימעל, וואָס אונטער דער קראָקווע פון פּירהויז, וואַרפט מען איהר אַראָפּ איהר וועטשערע און איהר אונטערלעגער — היי און שטרוי — גלייך אין שטאַל אַריין.

אין די ווינטערדיגע לאַנגע נעכט, אין די גרויסע פרעסט און זאַווערוכעס, אַז מען כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, הערט מען ביים פּעטער אורין אין שטוב ווי די בהמה אָטעמט שווער אין שטאַל און קרעכצט פון בויך אַרויס, ווי זי וואָלט מיט זיך אַליין גערעדט אויף איהר בהמה-לשון:

— מ...פּוי-י-ם!... אַ שווערער ווינטער!

וועלוועל, דער עלף-יעהריגער גמרא-בחור, אַז ער דערהערט אין מיטען דער נאַכט אַזאַ זיפץ, שטעלט זיך איהם פאָר די צוויי זיילען ווייסע פאַרע זעצען פון דער בהמהס נאָז-לעכער אין דער קאַלטער פינסטערקייט פון שטאַל. עס שטעלען זיך איהם פאָר איהרע פייכטע, גוטע אויגען פון אַ קוה-אַ-מאַמע, וואָס האָט שוין געבוירען אויף דער וועלטעל אַזוי פיעל שוואַרצע און ברוינע קעלבעלעך און באַיקעלעך; אַזעלכע שעהנינקע-שטיפערישע און נאַרישע; און אַלע זיי האָט דער שוחט אַוועקגעקוילעט. די לעבער פון די קעלבעלעך האָט די מאַמע

געבראָכט פון מאַרק, געבאַקען און געהאַקט מיט ציבעלע... און אַט ליגט איצט די בהמה אין שטאַל איינע אַליין, איהרע לאַנגע ברעמען זיינען פאַרשאָטען מיט פראָסט ווי מיט מעהל, און קלעהרט און זיפצט אין דער פינסטער. וועגען וואָס-זשע קלערט זי אַצינד, אויב ניט וועגען איהרע קעלבעלעך?...

— הו-או-ף! — דערהערט זיך ווייטער אַ טיפער בהמה-שער זיפץ פון שטעלכעל. און דער ווינט כאַפּט אונטער... אונ-טערגעהערט ווי אַ רכילותניק און צעבלאָזט עס:

— פיו — ו — או...

מיט דעם זעלבען פאַרשלאָפּענעם בייגאַכטיגען רחמנות-געפיהל כאַפּט זיך אויף דער גמרא-בחור אין דער פריה. נאָר איצטער איז דאָס געפיהל פרישער און קלאָרער. ער ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן. באַלד נאָכן איינוואַשען זיך שלינגט ער אַראָפּ די ברכות ווי אַ געזאַלצענע רפואה, און נעהמט זיך אויסזוכען וואו אַ פאַרדאַרט שטיקעל ברויט און בולקע — אין אַלמערעל, אויפן באַנק, אויפן פענסטער. דערטאַפּט ער אַ פריש שטיקעל, נעהמט ער עס אויך אָן. — זאָל דוכטען אַן אָרימאַן. ער באַזאַלצט די סקאָרינקעס געדיכט, געדיכט. ער ווייסט, אַז די בהמה האָט ליב זאַלץ, — און גנבעט זיך אַרויס אין פירהויז. שטילינקערהייט שפּאַרט ער אָפּ דאָס טירל און שטרעקט אויס דאָס נאַשעריי דער בהמה מיטביידע ציטערענדיגע מאָגערע הענטלעך:

— נאַ, נאַ... בהמהלע!

עס גיט איהם אַ זעץ אין פנים מיט אַ וואַרעמער פּאַרע, מיט אַ ריח פון מילך און מיסט און אָנגעוואַרעמטע שטרוי. דערנאָך שטרעקט זיך אַרויס פון דער טונקעלהייט אַ הערביגער, פירקאַנטיגער קאָפּ מיט אַ פּאָר פּייכטע מאַמע-אויגען, און אַ לאַנגע צונג כאַפּט די שטיקלעך ברויט איינס נאָך איינס. און יעדעס מאָל באַקומט דער גמרא-בחור אַ לעק איבערן האַנט, ווי מיט אַ האַרטער וואַרעמער בערשטעל... די זעלבע צונג לעקט איהם דערנאָך אויס ביידע הענט, ווען קיין ברויט איז שוין מעהר ניטאָ. באַדאַנקט אַפּנים...

דעם גמרא-בחור גיט עפּעס אַ שטיק אין האַלז. עס שטעלען זיך איהם טרעהרען אין די אויגען. ער פיהלט, אַז די בהמה פאַרשטעהט איהם אַ סך בעסער ווי די מענשען מיט די האָריגע באַבערדעלטע פּנימער, וועלכע דרעהען זיך אַרום איהם אַרום און לערנען איהם, און שלאָגען, און מוסרן איהם... אַז מען וואָלט געמעגט, וואָלט ער אַזוי אָפּגעזעסען גאנצע שעה'ן, וואָלט זיך צוגעהערט ווי די בהמה קייעט, וואָלט געשמועסט מיט איהר. ער וואָלט זי איינגעלאַדען צוגאַסט אויך... אויפן פריזבע הינטערן שטוב, וואָלט ער אויסגעלייגט שטיקלעך ברויט מיט זאַלץ: „כיבוד" פאַר דער בהמה. אדרבא, מוהמע, עסט, זאָל אייך וואויל באַקומען! וואָס מאַכט איהר אין געזונט? אַז מען קלאַפּט אייך איבער די הערנער, טוט אייך גאָרניט וועה? וואָס פאַר אַ טעם פיהלט מען, ווען מען קייעט שטרוי? איהר האָט קיינמאָל ניט געזעהן קיין וואָלף? געגעסען אַמאָל אין וואַלד גראָז מיט שוואַרצע יאַגעדעס? און... האַ? וואָס איז דאָס? — אוי!

אַ הייסער פליאַסק פּאַלט דעם גמרא־בחור ווי פון הימעל אַראָפּ איבערן נאַקען. ער שפּרינגט אויף. די מוהמע־פייגע שטעהט הינטער איהם מיט אַ צעפלאַמט פּנים, די הענט פאַר־קאַטשעט:

— ווייטער מיט דער בהמה?... ווייטער אַוועקגעגעבען דער בהמה אַ האַלבען לאַבען ברויט. משומד!

— מ... ו... הן! — לאָזט די בהמה אַרויס אַ דערשטיק־טען קרעכץ פון די נאָז-לעכער.

נאָר דער איין גמרא־בחור פאַרשטעהט דעם דאָזיגען קרעכץ. אויף לשון בהמה הייסט דאָס:

— בעל-הביתטע, שלאָגט ניט דאָס קינד, שלאָגט ניט!...

אָבער די מוהמע פייגע פאַרשטעהט עס ניט. זי פאַר־שטעהט ניט אַזאַ לשון. זי פאַרשטעהט נאָר, אַז אַ גמרא־בחור דאַרף זיך ניט עוסקן מיט בהמות און אַז אַ בהמה איז ניט קראַנק צו עסען קאַרטאָפעל־שאָלעכץ מיט קלייען...

אַנטלויפט דער גמרא-בחור אין שטוב אַריין. באַגעגענט

איהם דאָ דער פעטער אורי, און אין זיינע קאָסאָקע אויגען פלאַמט אַ ביין געלעכטערל:

— נעגעל־וואסער אָפּגעגאָסען?

— אָפּגעגאָסען.

— ברכות געזאָגט?

— געזאָגט.

— די ציצית געקושט?

— געקושט.

— דער בהמה געזאָגט „גוט־מאָרגען”?

— מ — יאָ — ניין — ניט...

דער גמרא־בחור פאַרכאַפּט זיך און ווערט אַנטשוויגען. שיער ניט אַרויסגעכאַפּט זיך... נאָר די קלענערע ברידערלעך קאַטשען זיך אַרום איהם פאַר געלעכטער.

דעם פעטער אורי געפעלט די חכמה:

— מען פרעגט דאָך עפּעס ביי דיר! וואָס מאַכט די בהמה?

דער גמרא־בחור שווייגט. ער פיהלט נאָר, אַז די בהמה איז אַן עלענדע, אַ גוטע, און מענשען זיינען שלעכט, שלעכט און נאַריש. האָבען אַ סך גוטע זאַכען, וואוינען אין דער וואַרעם, און זיינען שלעכט... וואָס ווילען זיי פון איהם?

נאָר דאָ דערשפּירט ער אַ שאַרפען וועהטאָג אין אויער. מען דרעהט עס, מיט צוויי האַרטע פינגער, ווי אַ מילכעל. פאַרן אויער פיהרט מען איהם צו צום טיש און מען זעצט איהם אַנידער:

— נו, ביי דער בהמה ביסטו שוין געוועזן צו־גאַסט. אַצינד קאָנסטו שוין רוהיג טרינקען טיי. נאָר וויסען זאָלסטו זיין, אַז איך וועל דיר טרעפען נאָך אַמאָל ביי דער בהמה, וועל איך דיר... וועל איך — די — די — הענט וועל איך דיר צעברעכען!

דער גמרא־בחור טרינקט טיי מיט מילך און ווערגט זיך. די מילך איז דער בהמהס מילך. עס שטיקט איהם אין האַרצען. ער דערפיהלט זיך מיטאַמאָל עלענד אויף דער וועלט, עלענדער פאַר דער בהמה אין שטאַל. נאָר באַלד דערמאָנט ער זיך

ווי די בהמה האָט אַ קרעכץ געטאָן בשעת די מאַמע האָט איהם געשלאָגען. אָט די, וועמעס מילך ער טרינקט אַצינד, האָט אויף איהם יאָ רחמנות... זי ליגט אַודאי אַצינד אין שטאַל אָן אומעטיגע און טראַכט פון איהם: „טרינק, טרינק מיין מילך. טרינק געזונטערהייט״... ער טרייסט זיך דערמיט. און געהענדיג אין חדר, מאַכט ער פאַר זיך נאָך ווי די בהמה האָט געקרעכצט ווען די מאַמע האָט איהם געשלאָגען:

— מהו-ו-ו-ן...

## 2

נאָך פסח, ווען די זון הויבט אָן וואַרעמען און דער דורכגעווייקטער גאָרטען הויבט אָן טריקענען און ווערט שוואַרץ ווי סאַמעט, און יונגינקע קראָפּעווע באַווייזט זיך לעבען די צוי-מען — לאָזט מען די בהמה אַרויס, זי זאָל זיך אַביסעל דורכ-לופטערען אינם פוסטען ניט-אויפגעאַקערטען גאָרטען.

די בהמה שלעפּט זיך אַרויס פון שטאַל. פויל איז זי און אָפּגעלאָזען. זי פינטעלט מיט די אויגען אויף דער זון. די נאָז-לעכער בלאָזען זיך איהר אויף ווי איבערגעקהרטע פינפערלעך... אַפּטשי! צו געזונד! אַ בהמה ניסט אויך.

טיעף און קרעפטיג ציהט זי אַריין דעם אָטעם, אַזוי, אַז דער בויך בלאָזט זיך איהר אָן און ווערט קיילעכדיג ווי אַ פאַס. דערנאָך שנאָרכט זי אַרויס דעם אָטעם מיט אַ בהמה-שען הוסט.

דערנאָך ציהט זי זיך אויף די הינטערשטע פיס, ווי אַ קאַץ, ווען מען טרייבט זי פון וואַרעמען אויוועז. אָט באַלד, דוכט זיך, וועט זי אויפהויבען די פאָדערשטע קאָפּיטע און וועט זיך אַ קראַץ טאָן צווישען די הערנער.

דערנאָך בלייבט זי אַ ווייל״ע שטעהן ווי אַ גולם, נאָר ד-ער קאָפּ שאָקעלט זיך ביי איהר אַביסעלע אונטער, קוים צו באַמערקען. ס׳דאַכט זיך איהר אַפּנים, אַז ס׳איז אַ חלום... זי

הויבט אויף איין האָריגען אויער און לאָזט אַראָפּ, הויבט אויף דעם צווייטען אויער, דרעהט עס ווי אויף שרייפלעך און לאָזט עס אַראָפּ.

און פּלוצלינג, אין מיטען דערינען, פאַררייסט זי דעם עק אָהן אַ פּיצעל בושה. פאַרדרעהט עס ווי אַ שלשלת, און לאָזט זיך לויפען גלייך צום פּלויט מיט אַ מאָדנעם אימפּעט. אַראָפּגעלאָזטביידע אויערען אויף דער פּאַטיליצע און פּאָבריקעוועט:

— מאָ—אָ—אָ! עס איז מיר גוט!

האַסטיג לויפט זי צו צום פּלויט און גיט איהם גוטמוטיג אַ שטויס מיט ביידע הערנער, וויצעלט זיך אַפּנים: „וואָס שטעהסטו מיר אויפן וועג? שטיק האָלץ דו!"...

דערנאָך לאָזט זי אַראָפּ ביידע הערנער און גיט מיט זיי אַ גראָב די פּייכטע ערד: שלום־עליכם! שוין צייט זז'לסט מאַכען שפּראָצען גראָז מיט געלע קווייטעלעך... מו—ו—ו!

און לאָזט זיך לויפען צוריק מיט די זעלבע התפּעלות. שפּאַרט זיך צו צום ווייגעל פון שטוב, קראַצט זיך געשמאַק אַ זייט, און בלייבט דערנאָך שטעהן אין דעם געלען לעבעלעכען פלעק, וואָס די ערשטע זון האָט אויף דעם וויסטען גאָרטען אַראָפּגעוואָרפען. זי פאַרמאַכט האַלב די אויגען און נעהמט זיך מעלה־גרה זיין. האָט הנאה. אַ לאַנגער פאָדים פון שליים ציהט זיך איהר אַרויס פון מויל ביז צו דער ערד. אַ מין בהמה־שער, צופרידענער, קוים־באַמערקטער שמייכעלע ציטערט ביי איהר אויף די האַלב־פאַרמאַכטע אויגען און אויף דער אויבערשטער גראָבער ליפּ...

דער גמרא־בחור זעהט צו ווי די בהמה פיהרט זיך אויף אַזוי נאַרישעוואַטע, און פאַרלירט צו איהר יעדען ברעקעל רעספּעקט. אַ בהמה בלייבט אַ בהמה! — טראַכט ער זיך ווי אַ „גרויסער". איהם געפעהלט אייגענטלעך יאָ וואָס אַזאַ בכבודיגע בהמה שטיפט אַזוי. ער אַליין וואָלט געוועזן אַ בעלן פאָבריקעווען אַביסעל איבערן גאָרטען, איבער די נאַסע פאַראַיאָהריגע בייטען מיט די פאַרדאַרטע וואָרצלען פון קרויט... נאָר קיין

דרך־ארץ האָט ער שוין פאַרט ניט. אַ סך אַ בעסערע מיינונג האָט ער פון איהר געהאַט, ווען זי איז געלעגען איינע אַליין אין שטאַל, אין די ווינטערדיגע קאַלטע נעכט, און געזיפצט און געטראַכט פון איהרע פאַרשוואונדענע קעלבעלעך...

די בהמה קוקט איהם אַ ווײַלע אָן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען שטאַר און רוהיג. זי זעהט, דאַכט זיך, דורך און דורך זיינע בייזע געדאַנקען. און גיט אויף איהם פּלוצלינג אַ דרעה מיט די הערנער, האַלב קאַטאָוועסטיג, האַלב אויף אַן אמת:

— אָט־אָ דערשטעך איך דיך, יונגאַטש דו איינער, יאָ... אַצינד געה אין חדר, אַצינד לאָז מיך אַליין.

וועלוועל געהט אַן אומעטיגער אַוועק אין חדר אַריין. אומעטיג איז ער — פּונקט ווי ער האָט פאַרלאָרען אַ נאָהענטען.

ניין, די בהמה קלערט נאָר וועגען זיך אַליין. וויפיל פּעטש האָט ער שוין געכאַפּט איבער איהר? און זי — גאָר־ניט... זי שפּרינגט איבערן גאָרטען, שפּרינגט זי... זי דרעהט גאָר אויף איהם מיט די הערנער. זי דערקענט איהם שוין ניט... ניין, מער האָט ער פאַר איהר קיין ברויט ניט! אויס ברויט מיט זאַלץ!...

נאָר קומענדיג פון חדר וואַרמעס עסען, געפינט ער די בהמה ווי זי שטעהט איינע אַליין הינטערן שטוב און איז מעלה־גרה. אַצינד איז שוין איהר בהמהשע צורה ווידער אַמאָל זעהר ערענסט. זי טראַכט שוין אַצינד ווייטער ווי „אַ מענש”. זי האָט זיך אָנגעזעטיגט מיט פרישע לופט און מיט זון און האָט זיך באַרוהיגט. אַראָפּ די קעלבערנע התפעלות.

געהט צו איהר צו דער גמרא־בחור, נאָך אַלץ אַביסעל ברוגזלעך. עפענט זי אויף אַ פּאָר פייכטע, גוטע אויגען, ציהט אויס די פיערקאַנטינע גאָמבע און גיט צו איהם וואַרעם אַ סאָפּע. שטרעקט צו איהר דער גמרא־בחור אויס די האַנט, ציהט זי איהם אַנטקעגען אַ לאַנגע, לאַנגע צונג. זי דערקענט איהם. אָ, יאָ, זי קען איהם. אַודאי קען זי איהם... „עליכם שלום”; וואָס מאַכט ער? וואוהין איז ער דאָס אַוועק אַזוי לאַנג? אגב, זי וואָלט זיך ניט שעהמען, וואָלט זי געבעטען,

המ... אַ שטיקעל ברויט מיט זאַלץ. למען השם — זאַלץ. המ... דער עיקר איז זאַלץ!

דער גמרא־בחור לאָזט זיך איבערבעטען. ער פּאַטשט זי איבערן האַלז. ער צעהלט איהר די „קאַרבען" אויף די הערנער. זיבען „קאַרבען" זיינען דאָ. אַ סימן, אַז זי האָט זיך שוין זיבען מאָל געקעלבט. אַזוי זאָגט די מאַמע. ער ציהט זי ביי דעם ווייכען גאָידער, וועלכע הענגט איהר אַראָפּ אונטערן האַלז. אַז ביי אַ בהמה באָמבעלט זיך אַזאַ גאָידער אונטערן האַלז, איז אַ סימן, אַז זי איז פון אַ גוטער „פּאַראָדע". וואָס הייסט „פּאַראָדע"? — דאָס ווייסט ער ניט. נאָר אַזוי זאָגט די מאַמע.

ביי מיטאָג כאַפּט ער אַראָפּ אַ שטיק ברויט, באַזאַלצט עס, און פאַררוקט אונטערן רעקעל. און, אַז ער גנבעט זיך אַרויס צוריק אין גאָרטען, געהט איהם די בהמה אַנטקעגען מיט אַביסעל אַן איבערגעשראָקענעם, געהיימניספולען פנים... זי ווייסט, אַז ער האָט פאַר איהר עפּעס אַראָפּגעלקחנט און האַלט מיט איהם סוד... דער עיקר אַצינד איז — שווייגען. איין קליינע ווייל נאָר בלייבט זי שטעהן, גיט אַ קעהר דעם קאָפּ צום שטוב און אַ פיהר מיטן אויער, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַוואָרענען, צי קיינער פון די שטוביגע זעהט ניט. דערנאָך גיט זי אַ ציה אַריין דעם שטיק ברויט, אונטערשטופּענדיג איהם מיטן האַרטען, בויגיגען צונג. און באַלד צעקייט זי זיך געשמאַק און איינגעהאַלטען, מיטן פיערקאַנטיגען גרויסען מויל, טשמאַקעט און קוקט אויף איהר ברויטגעבער מיט פאַרגאַסענע אויגען.

דער גמרא־בחור קוקט זי אָן און צעלאַכט זיך. די בהמה האָט אַצינד פּונקט אַזאַ פנים ווי די מוהמע מיכלע, דעם פעטער זשאַמעס פּלוניתטע, בשעת די מאַמע איז זי יום־טוב מכבד מיט לעקעך און בראָנפען. די מוהמע מיכלע קייעט עס אָהן ציין, קייעט און זליוקעט אונטער און רעדט אַזוי האָניגדיג:

— סע צעגעהט דאָך אין מויל, זאָג איך דיר, פייגע וויפיל האָניג לייגסטו אויף אַ פונט מעהל? אַ געזונט אין דיר!

# דאָס וואָס מען טאָר ניט

## 1

איידער וועלוועל אוריס איז נאָך אַלט געוואָרען זיבען יאָהר, האָט זיך אין איהם שוין אויפגעוועקט אַ פאַרבאָרגענער חשק צו „זינדיגען".

ווי אַ פריהמאָרגענדיגער וואָלקענדעל איז אין איהם אַרויסגעשוואומען דער יצר־הרע, און יעדעס מאָל, ווען דער דאָזיגער לייכט וואָלקענדעל האָט איהם פאַרנעפעלט זיין יונגינקען מוח, פלעגט זיך אין איהם זיין קליין נאאיוו הערצעל ציטריג צוזאַמענפּרעסען, ווי ביי אַ נאָהענטער סכנה... אָבער אינם דאָזיגען שטילען ציטערען איז עפּעס געווען אַ מין פאַרבאַהאַלטענער פאַרגעניגען, אַ זיסער שמערץ, וועלכער קומט אַלע מאָל פון ניט־דערפילטער תאוה.

דער געדאַנק האָט נאָך ניט באַקומען זיין ריכטיגען געשטאַלט און פונדעסטוועגען האָט שוין וועלוועל געפיהלט, אַז אין גיכען וועט ער „זינדיגען". ער האָט זיך געשראָקען פאַר דאָס מוראדיגע און זיסע, וואָס קומט צו אַלץ נאָהענטער און נאָהענטער, און האָט פונדעסטוועגען געבענקט נאָך דעם.

אויב וועלוועל האָט ניט פאַרשטאַנען די „גרויסע" באַעבערדעלטע מענשען מיט די האָריגע הענט, האָט ער זיך ווייניגסטען, באַמיהט זיי צו פאַרשטעהן. פעטער אורי זאָגט,

אַז על־פּי־דין טאָר מען דאָס און דאָס ניט טאָן; און ווע‏ל‏וועל האָט מורא פאַר איהם און פאַר דער „עברה״, זעהט איינצו־שמועסען זיך אַליין, אַז דער טאַטע איז גערעכט און טהוט דאָס ניט. דער טאַטע זאָגט, למשל, אַז אום שבת טאָר מען קיין פּאַפּיר ניט רייסען, אַפילו ווען מען שפּיעלט זיך. האָט וועלוועל מורא פאַר די „ברענענדיגע ריטער״ דאָרטען... ערגעץ דאָרטען אויף יענער וועלט. און נאָך מעהר האָט ער מורא פאַר דעם רימענעם פּאַסעק, מיט וועלכען דער טאַטע גאַרטעלט זיך אַרום אונטער דער וועסט — רייסט ער ניט קיין פּאַפּיר. אָבער טיעף ביי זיך אין הערצעל טראָגט ער אויף די „גרויסע״ אַ קינדערשען, טיעפען און ברענענדיגען חשד. ער איז חושד, אַז אין איטליכען „מען טאָר ניט״ ליגט עפּעס באַהאַלטען אַ וואונדערליכע געהיימניס, וועלכע באַרוהיגט די נשמה, ווי קאַלט וואַסער אין אַ הייסען טאָג. אָבער די „גרויסע״ רעכענען זיך ניט מיט איהם, ווייל ער איז נאָך אַ ק ל י י נ ע ר, שרעקען איהם און באַמיהען זיך פאַרבאַהאַלטען פון איהם דעם זיסען סוד. און וועלוועל בענקט נאָך דעם. דער סוד פון דעם, וואָס „מען טאָר ניט״, רייצט זיין פאָרשטעלונג, און שוועבט פאַר איהם מיט אומגעזעהענע פאַרבען און מיט וואונדערליכע טעמים.

דוקא שבת געהט איהם אויס דאָס חיות צו רייסען אַ שטיקעל פּאַפּיר, כאָטש איין קליין שטיקעלע פּאַפּיר; דוקא שבת. אַ היבשע ווייל דרעהט ער זיך אַרום ווי צעמישט, האַלט מיט זיך מלחמה און לסוף הויבט איהם אָן דאָס האַרץ צו קלאַפּען, דער אָטעם ווערט קורץ און הייס און זיינע קליינע פינגערלעך ציטערען און רייסען; רייסען פּאַמעלעך דאָס פּאַפּיר, קיינער זאָל ניט הערען. אָבער זיין קלענערער ברודערעל, פּייוּקע, איהר ווייסט גאָרניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ בעסטיע! אַלץ זעהט דאָס, און אַלץ הערט דאָס, און אַלץ מסרט דאָס דעם טאַטען, ווי נאָר יענער שטעהט אויף, האַלב בייז און האַלב געפּאַרעט, נאָך זיין שבתדיגען שלאָף.

— גערייסען פּאַפּיר, טאַטע!... ער, ער, טאַטע!... דעם צייטונג, אוי, אוי, דאָרטען...

לאָזט זיך אַראָפּ דער רימענער געלער פּאַסעק פון אונטער דעם טאַטענס וועסט:

— קום נאָר אַהער, שייגאָץ איינער!

אָבער דער זיסער סוד פון דעם, וואָס מען טאָר ניט — ציהט וועלוולען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

עס האָט איהם געצויגען דער קאַטוילישער קלויסטער, וועלכער קלינגט ניט ווייט פון אוריס הויז, הינטער די גערטנער. וואָס טהוט זיך דאָס דאָרטען? ווי אַזוי דאַוונען „זיי"? וועלכע „סידורים" האָבען זיי? וואָס שפּיעלט דאָס דאָרטען אַזוי טרויעריג און ווייך? מען זאָגט, אַז דאָס וואָס שפּיעלט האָט מען אַוועק־געגזלט פון בית־המקדש... איז עס טאַקע אַן אמת?

און, איינמאָל, ווען בייזיי איז געווען יום־טוב און גאַנצע מאַסען גוים, אין נייע היטלען, און שיקסעס מיט נייע פאַרביגע סטענגעס האָבען געפּלייצט אין קלויסטער אַריין, האָט זיך וועלוועלע אויך אַריינגעשטופּט. אַ כוואַליע פון מענשען האָט איהם אַ דערשראָקענעם אַריינגעשלעפּט אינווייניג... וועלוועל האָט זיך אַזוי צעמישט, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסען אויס־צוטאָן די היטעל.

— שאַפּקו! — האָט אויף איהם אַ סיפּע געטאָן איינער אַ הויכער גוי מיט אַ בלאָהע נאָז און אָנגעשטעלט אויף איהם קיילעכיגע אויגען פון אַ פיש. וועלוועל האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין היטעלע.

עס ברענען ליכט... דאָרטען לעבען זייער אָרון־קודש... און פונדעסטוועגען הערשט אַרום אַ מאָדנע פינסטערניש... אַ משונהדיג געזאַנג טראָגט זיך און אַ שטיקענדיגער זיסלעכער ריח. זייערע „קטורת", אַפּנים! געקרייציגטע „מענשעלעך" פון מירמעלשטיין שטעהען אין אַלע ווינקעלעך: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה"... עס זאָל ביי דיר ניט זיין קיין סטאַטוע און קיין בילד!.. אוי, אוי, ווי אַזוי דאַוונען זיי דאָס אין אַזאַ פינס־טערניש? אַלע קניהען זיך אַרום וועלוועלען... קושען די צע־לעכערטע פיס פון די שטיינערנע בילדער.. נאָר ער אַליין

שטעהט, דער מויל האַלב אָפען, די אויגען פאַרגליווערט, און מיטאַמאָל הויבּט איהם דאָס האַרץ אָן צו דריקען, עס ווערט אַזוי זיס און אַזוי שרעקלעך, עס פאַרווילט זיך איהם אויך שטעלען אויף די קניע... תּפלה־טאָן, לייענען „קריאת־שמע" מיט גרויס כּוונה, שטעהענדיג אויף די קניע...

וועלוועל איז געוועזן בּלייך, און דעם טאַטענס בּאָרד מיט זיין שבּתדיגען פּנים איז אַרויסגעשוואומען אינם מיסטישען חושך און פאַרשוואונדען געוואָרען. עפּעס אַן אַלטע גויה, אַ שוואַרץ־געקליידעטע, אַ הינקענדיגע איז אַרויסגעגאַנגען פון די שאַטענס, אַ ווייַלע געבּליבּען שטעהן, אָנגעקוקט איהם מיט פרעמדע אויגען, און וועלוועל האָט דערהערט אַ ווייכען, ניט־אָנגענעהמען קול, אַ קול אָהן צייהן:

— נו, מילי, טשאַוואָ סטאָיש? אידי, בּאָהו פּאָמאָליס!...*)

צום אָנהויב האָט ער ניט פאַרשטאַנען, וואָס די אַלטע וויל פון איהם, כאָטש דעם טייטש פון די ווערטער האָט ער יאָ פאַרשטאַנען, נאָר אַז די גויה האָט דאָס איבּערגעחזרט נאָך אַמאָל, האָט ער דערפיהלט, אַז אַ קאַלטער שווייס גיסט איהם אָפּ, און אַז ער לויפט און אַנטלויפט פון דעם שרעק־לעכען אָרט, פון דער שרעקלעכער אַלטער גויה:

„בּאָהו פּאָמאָליס" האָט זי געזאָגט. לייענען „קריאת־שמע", שטעהענדיג אויף די קניע... אוי—אוי—אוי!

און אין אַ חודש אַרום, ווען וועלוועל האָט שוין געהאַט פאַרגעסען דאָס, וואָס עס האָט מיט איהם געטראָפען אין קלויס־טער, געהט ער זיך אַזוי פון חדר אַהיים עסען וואַרעמעס, און מיטאַמאָל... די גויה געהט! דאָס איז געווען יענע אַלטע, הינ־קענדיגע גויה, וואָס האָט צו איהם גערעדט אין קלויסטער, אַז ער זאָל תּפלה טהאָן צו גאָט. ער האָט זיך פאַר איהר זעהר, זעהר שטאַרק דערשראָקען און ווידער אַנטלאָפען, אַנטלאָפען ווי פון אַ סכּנה און פאַרוואָס — האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

---

*) נו, ליעבּער, וואָס שטעהסטו? געה, טהו תּפלה צו גאָט!...

2

און ווידער אַמאָל דער יצר־הרע.

אין קיך בײַ פעטער אורין האָבען זיך אַראָפּגעזעצט אַ פּאָר אַלטע ברעטער. געהט פּיווקע, וועלוועלס קליין ברודערעל, שטופּט אַריין אַ פּיסעל און פּאַלט אַנידער מיט קולי־קולות. כאַפּט די מוהמע פּייגע אַרויף די פּאַטשיילע און לויפט אַוועק און באַדינגט זיך מיט טראָכימען — דעם גויעשען פּלאַטניק. אויף מאָרגען, אַזייגער זעקס אין דער פריה, האָט וועלוועלען אויפגעוועקט, פון זיין קינדערשען שלאָף, אַ עקבוירענדיגער קלאַפּען פון אַ האַק. האָט ער גלייך פאַרשטאַנען:

— טראָכים איז געקומען.

ער האָט גיך געכאַפּט אָנטהאָן זיך. עס האָט זיך איהם פאַרגלוסט צו זעהען ווי אַזוי מען פאַרריכט אַ פּאַדלאָגע, ווי אַזוי מען פּאַסט צו די נייע, שמעקענדיגע און אויסגעהובעלטע ברעטער צווישען די אַלטע, ווי אַזוי עס פליהען אַריין די לאַנגע נייע טשוועקעס, וועלכע מען קלאַפּט איבערן פלאַכען קאָפּ— אין זאַפּטיגען ווייסען האָלץ אַריין.

— וואָס עפּעס אַזוי פריה, צדיק מיינער? — באַגעגענט איהם איראָניש די מוהמע פּייגע — אויפגעשטאַנען אַודאי צו „חצות״?

— אַז מען קען ניט שלאָפען... אַז מען האַקט אַזוי — מאַכט זיך וועלוועל תמעוואַטע און גיסט אָפּ נעגעל־וואַסער. דערנאָך געהט ער זיך צו פון דער זייט, הויבט אויף פּאַמעלעך און באַטאַפּט טראָכימס געצייג און קריגט התפּעלות: „זעה, מאַמע, ווי סע גלאַנצט, אַי, ווי סע גלאַנצט!״ אָבער די מוהמע פּייגע בייזערט זיך גאָר. און דאָ שפּריצט עס שפּענדעלעך, עס שמעקט מיט פּעך; וועלוועל הערט ווי טראָכים זעגט און הובעלט הינטער איהם, האַקט מיט התמדה, קרעכצט אונטער געשמאַק „הא־א״, „הא־א״. אַ האַק און אַ קרעכץ, אַ קרעכץ און אַ האַק. אָדער ער צעבייזערט זיך גאָר אויף אַ טשוואָק אַ חצוף.

וועלכער פוילט זיך קריכען, וואוהין מען ווייזט איהם. און שילט איהם מיט א גויעשען קוויטש:

— אך, קאליב טאביא — פרא-אנצי! *)

אונטערן „טרפהן״ ביינקעל דערשמעקט וועלוועלע טרא-כימס שמוציגע טארבע. טאפט ער ווייטער און ווערט ווידער אמאל נתפעל, און שלעפט די מאמען פארן פארטוך:

— דאס איז זיין אכילה... מאמע? דעם גויס עסען, מאמע? זעה, מאמע!

— זיינס, זיינס, זיינס! נו? דיין עסק, אפשר? אוועק פון דאנען!

געוואלד, וועלוועל איז אזוי נייגעריג. ס'הארץ געהט איהם פשוט אויס און די מאמע שרייט גאר. האלט ער זיך איין און לאזט אפ די טארבע, מען זאל איהם ניט חושד זיין. אבער אין דער אמתען... וואס, א שטייגער, קען דאס דארטען ליגען? וואס אשטייגער וועט טראכים עסען? וואס פאר א מין טעם האט א גויעשער מאכל?

אזייגער אכט האט טראכים אוועקגעלייגט זיין האק, אראפגענומען זיין פעלצענע „מאגערקע״, אויפגעבונדען זיין הארטע טארבע אויפן טרפה-בענקעל און אוועקגעזעצט זיך עסען. וועלוועל איז שוין דא געשטאנען, און ווי א קאץ, געקוקט טראכימען גלייך אין ברייטען פנים אריין, אין זיין קרעפטיגען פויערישען מויל, וועלכער איז זיך מכין אריינצוקייען.

דער גוי האט ארויסגעצויגען פון פעקעל א האלבען אלט-געבאקענעם זעלנערישען לאבען ברויט, א גזלנישען מעסער מיט א שפיץ, א פאפירען פימפעריל מיט זאלץ, און לסוף — עפעס א ווייסען, פיערקאנטיגען פעטען שטיק, דורכגעוועבט מיט רויטע אדערלעך. אויף דעם האט טראכים א קוק געטאן מיט גרויס כונה און האט זיך איבערגעצלמט.

— מאמע, מאמע, זעה... אט דאס איז חזיר?

---

*) ווערים זאלען דיך פרעסען!

און ס'האַרץ געהט איהם אויס פון התפעלות און בייַנק־שאַפט.

— מילא בכן? אַוועק פון דאַנען. וויפיעל מאָל האָט מען דיר אָנגעזאָגט, אַז מען עסט זאָלסטו נישט קוקען אין מויל אַריין?

האָט זיך וועלוועל אָפּגערוקט און געקוקט פון דער זייט.

טראָכים האָט געשניטען זיין ברויט און זיין „חזיר" אויף שעהנע פּיערקאַנטיגע שטיקלעך, פלאַכע און רייצענדיגע... דאָס ברויט איז אַזוי שוואַרץ און מאַט, דאָס פעטס — ווייס און גלאַנציג. איין פאַרב פרייגט אויס די צווייטע. טראָכימס שפּיץ נאָז, זיינע פינגער, זיינע צייהן און מעסער זיינען אויסגעשמירט מיט דאָס פאַרסודעטע פעטס, וואָס ער עסט. יעדער שטיקעל טונקט ער אין גראָבען זאַלץ, מאָהלט ווי אַ גוטער מיהלשטיין, און זיין קייען לאָזט זיך הערען איבער דער גאַנצער שטוב. מען זאָל אַרויסגעהן אויפן גאַס, וועט מען אויך הערען...

וועלוועל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען: זי שטעהט מיטן רוקען צום וואַרימען אויוועך, די הענט פאַרלייגט אויפן בויך און איהרע אויגען קוקען אויף טראָכימען פון אונטען אַרויף מיט אַביסעל רחמנות, אַביסעל עקעל און אַביסעל שפּאָט; שאָקעלט אונטער פאַמעלעך מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגען:

— אוי, גויעשער קאָפּ, גויעשער קאָפּ! אַז אָך און וועה צו דיר, צו דיינע יאָהרען, און צו דיין עסען מיט אַן אַנדער...

לסוף האָט זי זיך מישב געווען און האָט שטילערהייט אויסגעשפּייט.

— איך פאַרשטעה, — האָט וועלוועל בייז אַ טראַכט געטאָן, בייז דערפאַר, וואָס מען האָט איהם שוין צוויי מאָל אַרויסגעטריבען, — איך פאַרשטעה!

ער האָט חושד געווען, אַז אַפילו אַזאַ פרומע אידענע ווי זיין מאַמע בייַנקט טיעף אין האַרצען, אַזוי ווי ער, וועלוועל, נאָך דעם וואונדערלעכען סוד, וועלכער שוועבט איבער דעם גויעשען מאכל. און שפּייען שפּייט זי אויס נאָר פון יוצא וועגען פאַר גאָט.

און טראָכים טהוט זיך דאָס זייניגע און רייבט אריין. ־טיעפזיניג, מיט לייב און לעבען, אַזוי ווי דאָס טוען נאָר גע־זונטע בהמות און דאָרפס-לייט.

— מאַמע, — קען זיך װעלװעל מעהר ניט איינהאַלטען — איך וויל עסען, מאַמע, ברויט מיט... מיט קעז, מאַמע; ניין, מיט פוט —

— און „ברכות" איז גאָרנישט? — בייזערט זיך די מוה־מע פייגע — וואַרט, וואַרט, דער טאַטע וועט באַלד קומען פון מנין!

װעלװעל געהט אַוועק אין עס־צימער „זאָגען ברכות". וועה, ווי לאַנג און נודנע עס זייגען היינט די ברכות מיט זייערע „שלא עשני'ס", מיט זייערע „ברוך אתה'ס"... עפּעס אַ גאַנצער מאַיאָנטעק דאָס מאָל!

און טראָכים רייבט אריין.

— ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם שלא עשני גוי...— בראָקט װעלװעל און אין קעפּעל דרעהט זיך איהם: אַ וואונ־דערלעכער טעם... אַ מחיה'דיגער מאכל. טראָכימען איז אַזוי גוט... ער מעג אַלץ! עפּעס אַ סוד איז דאָ... אָה, איהם איז אַזוי גוט, דעם גוי...

און ווי ער האַלט נאָך אַזוי אין מיטען „ברכות", דער־הערט ער מיטאַמאָל, אַז די מאַמע בייזערט זיך, שרייט מיט קולות געוואַלדען אויף טראָכימען.

אַז װעלװעל איז ווידער אַריינגעלאָפען אין קיך, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז מען האָט געבראַכט פונם בעקער עטלעכע וואַרעמע לעבלעך ברויט. און טראָכים, וועלכער איז געוואוינט צו עסען נאָר שוואַרצען, זעלבערישען קליין-ברויט, האָט פון גרויס התפעלות אַ כאַפּ געטאָן אַ פרישׁ לעבעל מיט זיינע פעטע פאַרחזירטע פינגער, אַ דרוק דעם פאַרברוינטען, פאַרקימעלטען אויבען און אַ פרעג ביי דער מוהמע-פייגען: וויפיל קאָסט עס? נו! האָט דאָס די מאַמע דערזעהן, איז דאָס לעבעל ברויט געוואָרען גאַלע „טרפה".

די מוהמע פייגע האָט געטאָן אַלץ, וואָס אַ אידענע איז בכוח, כדי מסביר צו זיין דעם פאָטניק, אַז ווי באַלד ער,

אַ גוי, אַ „יורקע", האָט אָנגעריהרט מיט זיינע חזיר־טריפה־הענט אַ אידישען ברויט, טאָר מען עס שוין ניט עסען... אויס כשר! פע...

— ני מאָזשנאָ קושאַט או נאַס! — אַזוי טענהט זי אין איהם אַריין. אַגב פאַרשטעהט זי ניט, ווער האָט איהם געבעטען טאַפּען אַ וואַרעם לעבעל ברויט? עס האָבען איהם, למשל, געמעגט פריהער אָפּפאַלען ביידע הענט...

אָבער טראָכים האָט בשום אופן ניט פאַרשטאַנען דעם שכל פון טרפה און כשר. האָט ער געטאָן זיין זאַך און האָט זיך געקראַצט מיט איין פעטען פינגער הינטערען אויער. לסוף האָט ער געמאַכט אַ וויינענדיג פּנים און גענומען האַלב שרייען, האַלב קלאָגען זיך מיט זיין פויערישען לשון:

— טשאַוואָ?... טשאַוואָ קריטשיש, כאָזיאַיקאַ? טשי יאַ טאָביאַ פּאָביוו? טשי יאַ או טיאָבע קאָזו אוקראַל? *)

מיט הייסער בייגעריגקייט האָט זיך וועלוועל איינגעקוקט אינם אָרימען לעבעל ברויט, וועלכער איז נעבען טריף געוואָרען: ער האָט אויף איהם געזוכט די סמנים פון „טרפה" — און ניט געפונען. אַ וואַרעם לעבעל ברויט, ברוין און גלאַנציג, באַשאָטען מיט שמעקענדיגע קימעל־קערענדלעך, ווי אַלע איבעריגע לאַבענס. — און פונדעסטוועגען... האָט איהם טראָכימס באַריהרען צוגעגעבען עפּעס אַ סוד... דער סוד פון דעם, וואָס „מען טאָר ניט", שווערט אַצינד איבער איהם. אָט פאַר דעם דאָזיגען סוד האָט די מאַמע מורא. וואָרום אַז ניט, וואָס וואָלט זי אַזוי געשריען אויף טראָכימען?

— מאַמע, מאַמע, עס איז גאָרניט... גאָרניט ניטאָ אויפן לעבעל ברויט, מאַם...

— „כוואַראַמע" זאָל דיר זיין, גאָט אין הימעל! אַ צווייטע אַנשיקעניש... ווער פרעגט דיך ווער? וואַרט אָקאָרשט, דער טאַטע וועט דיר באַלד געבען „גאָרניט".

---

*) וואָס איז?... וואָס האָסטו זיך צעשריגען, בעל־הביתטע? האָב איך דיך געשלאָגען? האָב איך ביי דיר דיין ציגע אוועקגעגנבעט?

לסוף האָט מוהמע פייגע איינגערעדט טראָכימען, ער זאָל ביי איהר אָוועקקויפען דאָס לעבעל ברויט „האַלב אומזיסט". אַ ברויט, וואָס קאָסט איהר אַליין דרייסיג גראָשען, פאַרקויפט זי פאַר פינף און צוואַנציג, פאַ... פאַ... פאַר פופצעהן... נו? דערביי האָט זי אַרויפגעלייגט דאָס טריף־לעבעל אויף טראָכימס טאָרבע, אַ בענש געטאָן: „ער זאָל זיך דערשטיקען מיטן ערשטען קלענסטען ביסען" און איז אַרויס אַ קאָכעדיגע, אַ כעסדיגע. נאָכטענהעגדיג נאָך איהר איז טראָכים אויך אַרויסגע־גאַנגען. עס האָט וועלולען אַ שטיק געטאָן אין האַלז. ער קוקט זיך אַרום — קיינער איז ניטאָ! איז ער זיך, שטילינקערהייט, אויף די שפיצען פינגער, צוגעגאַנגען צום טרפהן לעבעל, וואָס האָט געגלאַנצט און געשמייכעלט צו איהם מיט אַ טרפהנעם פאַרסודעטען שמייכעלע, אונטערקנאַקענדיג שטיל און זינדיג,ביים קיהלען זיך. ער האָט זיך געשווינד איינגעבויגען און עס אַ לעק געטאָן, דעם פאַרברוינטען „אויבען", מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ. זעה! וואָס איז דאָס? אויב ער האָט ניט קיין טעות, איז ניטאָ קיין שום באַזונדערער טעם! וואו איז דאָס דער געשמאַק פון דעם, וואָס „מען טאָר ניט"? פאַרוואָס האָט זיך די מאַמע אַזוי געשראָקען?

און ווידער אַ לעק, און ווידער אַמאָל קיין שום געשמאַק...

טריט. מען געהט! כאַפּט וועלוועל און דרעהט זיך שטי־לערהייט אַרויס פון קיך.

## 3

אָבער די פּיערקאַנטיגע, ווייסע שטיקלעך זיינען איהם שוין מעהר ניט אַרויס פון זיין פאַרעקשנט קעפּעל.

אין אַ יאָהר אַרום איז ביי פעטער אורין מיט מזל גע־בוירען געוואָרען נאָך אַ קליין נפשעל. ירחמיאלקע האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען. האָט פאַר איהם די מאַמע גענומען אַן אַלטע גויעשע ניאַניע. די דאָזיגע זעכציג־יעהריגע אַלטע

האָט געהאַט אַ פּאָר גראָהע, ליכטיגע אויגען, אַ גרויסען קאָפּ, שטענדיג פּאַרוויקעלט מיט אַ רויטער טערקישער „כוסטע״ — אַ גאַנצער שטאָק פון בינדלעך און פּאַלדען, — נאָכן ווייס־רוסישען שניט. פלעגט זיך די דאָזיגע אַלטע מיט אַלעמען „רוצען״, אפילו מיט פעטער אורין. ירחמיאלקען, ווען זי האָט דערצויגען, האָט זי פלייסיג געשטאָפּט מיט מאַנע־קאַשקעס און געגאָסען מיט וואַסערדיגע מילך, ביז ער פלעגט בלייבען אָהן אָטעם. זי האָט איהם געקושט און געהאַלזט, ווי אַן אייגען בלוט און פלייש, און דערביי געשאָלטען איהר דאָרפישע שנור, וועלכע איז איהר דערגאַנגען די יאָהרען אין איהר אייגען שטוב אַזוי, אַז זי האָט געמוזט פאַרלאָזען איהר דאָרף, וואו זי איז געבוירען געוואָרען, איהר גאָרטען, וואו זי האָט געזייהעט ציבעלע און אוגערקעס אַלץ קינד. און אַצינד... אַצינד, גוטע מענשען! זאָל מען נאָר זעהן! אַצינד מוז זי דיענען ביי פרעמדע, ביי זשידעס...

די דאָזיגע אַלטע האָט געהאַט אַ טבע צו קויפען פאַר וועלוועלען שטילערהייט קוואַס־עפעל, יעדעס מאָל ווען זי איז געגאַנגען אין מאַרק; און... פאַרמסרן פלעגט זי איהם פאַרן טאַטען און פאַר דער מאַמען, ווען נאָר זי האָט געקענט. און וועלוועל, דער גמרא־בחור, האָט איהר געצאָהלט מיט דער זעלבער מטבע. ער פלעגט פאַר איהר גנבענען בראָנפען און חלה, און וואַרפען איהרע אַלטע קאַלאָשען אין קאָפּ אַריין, און גערופען זי, אַנטלויפענדיג, „סטאַראַ סטערוואַ״ *).

אָפטמאָל פלעגט זי זיך מיט וועלוועלען אריינלאָזען אין אַ טיעפען שמועס מכוח „זייער גאָט״ און „אונזער גאָט״. זי פלעגט וועלוועלען באַווייזען איהר אַלטען מעשענעם צלמעל — אַ מאָדנע צאַצקע, עמאַלירט מיט בלאָהע גלעזלעך. זי האָט דאָס, זאָגט זי, באַקומען בירושה פון איהר באָבעס־באָבען, וועלכע איז אויף „באָגאָמאָליע״ געגאַנגען... צופוס אַזש ביז סאַמע קיעוו. פלעגט עס וועלוועל אָנריהרען מיט איין קליין

---

*) אַלטע מכשפה.

פינגערעל און ציטערען און נתפעל ווערען, געלאָפּען גלייך און געבראַכט איהר דעם טאַטענס תּפילין. באַוויזען איהר, וואָס מען טהוט מיט דעם. אָט אַזוי וויקעלט מען אָפּ די רציעות, זי פאַרשטעהט? דאָס—אויפן קאָפּ, זי זעהט? דערנאָך פאַרקאַטשעט מען דעם לינקעל אַרבעל... זאָל זי נאָר קוקען! די גויה פלעגט דערביי צושאָקלען מיט איהר אָנגעפעלצטען קאָפּ, ניט פאַרשטעהענדיג קיין איינציג וואָרט און אָנקוקענדיג וועלוולען מיט באַוואונדערונג און פאַרדאַכט, ווי מען קוקט אָן אַ קליינעם כשוף-מאַכער.

— אהאַ! אהאַ! — פלעגט זי איהם פויעריש מיט אַן אָפּען מויל נאָכזאָגען נאָך יעדען וואָרט. אַ סימן אַז זי האָט זעהר טיעף פאַרשטאַנען.

— אהאַ! אהאַ!

לסוף פלעגט זי זיך דערלויבען אַ טאַפּ טהאָן, מיט גרויס רעספּעקט, דעם גרויסען פיער-קעפּעלדיגען „שין" אויפן „של ראש", פלעגט אונטערקנאַקען מיט דער צונג און אַ פרעג טאָן מיט גרויס געהיימניס:

— טשי טאָ וואַש כרעסט? *)

כמעט אַלע זונטאָג פלעגט קומען זי באַזוכען איהר עלטערער באַווייבטער זוהן — מיקיטאַ. אַ הויכער און אַ דאַרער איז געווען דער דאָזיגער מיקיטאַ. זיינע באַקען-ביינער — שפּיציג און גלאַנציג; זיין נאָז — פליישיג און פאַרריסען. און אַז מיקיטאַ גיעט זיך צו אייך אַ קעהר — קוקען אייך קודם-כּל אָן צוויי גרויסע נאָז-לעכער און ערשט דערנאָך — אַ פּאָר קליינע, מילכיג-בלויע אויגעלעך.

יעדעס מאָל, ווען מיקיטאַ איז אָנגעקומען מיט זיינע לאַפּצעס און מיט זיין ברייטען „זדראַווסטוואָ", האָט ער אַריינגעבראַכט צו אורין אין שטוב אַן אומבאַקאַנטען גויעשען ריח, אַ ריח פון שטאַל, פון פעל, פון מאַכאָרקע און פון געאַקערטע פעלדער. די מוהמע פייגע האָט זיך געקרומט, פעטער אורי

*) דאָס איז אייער צלם?

האָט באַלד פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. אָבער ביי וועלוולען האָט בען ליידענשאַפטלעך געציטערט די נאָז-לעכער. ער האָט עפּעס געבענקט נאָך מיקיטען, געוואַרט אַלע זונטאָג אויף זיין שעפּסענעם „קאָזשוך". אַ מאָדנעם אָפּשוי האָט ער געהאַט פאַר דעם דאָזיגען רויטען „קאָזשוך" מיט דער גרויסער געלער לאַטע פון הינטען. ער האָט ליעב געהאַט טאַפּען דאָס אויבערשטע לעדער, וועלכע איז האַרט געוואָרען פון שניי און רעגען. ער האָט ליעב געהאַט אַריינלאָזען ביידע הענט אונטען אין די ווייכע פעלצענע גרייזלעך...

און מיקיטאַ האָט זיך געטאָן דאָס זייניגע. די אַלטע „ניאַניע" האָט ער גערופען „מאַטקאַ", און אויסגעמאַטשעט ביי איהר יעדעס מאָל איהר ביסעל פאַרדינט געלד. דערביי געצלמט זיך און געשמאַוירען און געשפּייט און געקלאַפּט זיך „על חטא" מיט ביידע רויטע פויסטען; אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז די אַלטע פלעגט איהם אוועקלייען שטיל און דערשלאָגען איהרע פּאָר גראָשען. אָבער ווי נאָר ער איז אוועקגעגאַנגען פלעגט זי זיך אַ נעהם טהאָן שילטען איהם און די שנור איהרע מיט טויטע, ביטערע קללות.

די טיי, מיט וועלכע מען פלעגט מיקיטען מכבד זיין, פלעגט ער גיסען ביסלעכווייז אין טעצעל, דערנאָך עס אָנגעהמען מיט ביידע שטאַרקע הענט, ווי ער זאָל געווען מורא האָבען — מען זאָל עס ביי איהם ניט אויסכאַפּען; און, ניט אויפהויבענדיג דאָס טעצעל פון טיש, פלעגט ער זיך אַ נעהם טאָן זופּען און סאָפּען, און שנאָרכען, און אָכצען פון חיות, און סמאָצקען מיט אַ פּייף דעם צוקער און בלאָזען די פּאַרע מיט אַרויסגעשטעקטע ליפּען און ווישען דעם שווייס מיטן גראָבליווענטענעם אַרבעל. און פון דער חלה פלעגט ער בייסען אַזוינע מוראדיגע שטיקער, אַז ביי איטלעכען ביס פלעגט וועלוולען דורכגעהן אַ פראָסט דורכן רוקען.

אָפּגעטרונקען טיי, צוזאַמענגעקליבען די לעצטע פיצלעך חלה און צוקער אויפן האַנט און עס אַריינגעשאָטען אין מויל — ווערט מיקיטען פרעהלעכער אויפן האַרצען. נעהמט ער אַרויס

זיין קופערנע פּיפּקע, מיטן טראָסטינע־ציבוק, שטאָפּט זי אָן פּאַמעלעך מיט מאַכאָרקע, רופט צו מיט איין פינגער פּייווקען, וועלוועלס פינף־יאָהריגען ברודערעל און בעט ביי איהם אויף גויעש אַ שוועבעלע. דער קליינער בלייבט אָהן לשון פאַר שרעק און בושה, רוקט אין מויל אַריין דאָס קליין פינגערעל, מאַכט זיך שטי־לערהייט אַרויס און לויפט אַוועק מיט קולות, מיט געוואַלדען צו דער מאַמען. נעהמט זיך מיקיטאַ איבערבעטען איהם פון דערווייטען אויף ריינעם אידיש:

— אַך, דו אינגעל! וואָ דו מורא? איך דיר... דו גוטער... ני — טאָן גאָר... גיב שוועבעל!.. כא־כאַ־כאַ, אַ קום־הער! אַ טאַטעלע... אַ נמזרל (אַ ממזרל) אַ כאַלאָמיי (אַ חול־המועד) אַ ציגעלע־מע...

אָבער מיט אַזאַ ביין־יעהריגען בחור, ווי וועלוועל, פלעגט ער שוין רעדען ווי מיט אַ בר־דעת:

— ביי אייך — פלעגט ער זיך מיט איהם טיעפזיניג צעשמועסען — איז נאָר חלה, חלה און חלה. מעגסט אפילו אַריינעסען פופצעהן חלות און דו ועסט אַ האָר אויך ניט זאַט זיין. אָט אַזוי פיעל אויך ניט, אָ! (דערביי פלעגט ער איהם ווייזען איין שפּיצעלע פון זיין שוואַרצען נאָגעל) אָבער ביי אונז, אין מאַקאַראָווקע (אַזוי האָט געהייסען זיין דאָרף), „שיעוו, בראַט, אָדנו שקיבו אי דאָשעץ!“ *)

און כדי וועלוועל זאָל גוט פאַרשטעהן, פלעגט ער שטאַרק אַ פּיהר" טאָן מיט דער האַנט אונטער דער נאָז.

אָדער ער פלעגט דערצעהלען, אַז איינער פון זיינע בעסטע חזירים איז קראַנק געוואָרען... עס האָבען זיך איהם, ניט פאר קיינעם געדאַכט, געגומען נאָכשלעפּען די הינטערשטע פיסלעך. מאַכט ער צו איהם, מיקיטאַ צום „דבר אחר“, הייסט דאָס: ווילסט גאָר, הינטיש בלוט, אַוועקפּגרען און פּטרן מיר געלט? וואַרט אָקאָרשט! איין טראַך מיט אַ שייטעל האַלץ און פאַרטיג! דאָס פלייש האָט ער איינגעזאַלצען אויף יום־טוב.

---

*) האָסט, ברודער, אויפגעגעסען איין שטיקעל, האָסטו געגוג.

גוי־וטע פלייש געווען. און ער האָט געמיינט, אַז ס׳וועט ביי אַלעמען, גאָט זאָל היטען, אָפּנעהמען די פיס נאָך אַזאַ עסען, ווי ביים חזיר. אַ קרענק גיט זיך איבער... אָ, ער ווייס—סטו! און, געוואַלד, ס׳אַראַ קרענק אַ „טיף" איז! אָט איז זיין טעכ־טערעל, מארינע, קראַנק געוואָרען אויף טיף, האָט זי גאָרניט געקאָנט עסען, ניט קיין ברויט מיט הערינג, ניט קיין קרויט, ניט קיין בלינעס מיט זויער־מילך. נעהמט ער און קויפט פאַר איהר אין שטאָט אַ לעקעכל מיט ראָזינקעס, האָט זי אַפּילו דאָס אויך ניט געוואָלט נעהמען אין מויל אַריין. „טאַק, מאַכט ער, אי פּאָמערלאַ!"... — נו, היינט זאָג אַליין!

לסוף פלעגט איהם וועלוועל שטילערהייט מכבד זיין מיט נאָך אַ גרויסע שטיק חלה, פאַר וואָס מיקיטאַ פלעגט איהם זעהר דאַנקבאַר אַ פּאַטש טהאָן מיט זיין שווערער לאַפּע אי־בערן פּלייצע:

— פּריכאָדי, מאַלעץ, וו׳מאַקאַראָווקו, בולבו דאַם, סמע־טענו דאַם!*).

אייגענטליך, קען דאָך וועלוועל אין דער היים באַקען די די זעלבע בולבעס און עסען סמעטענע פון זייער אייגענער בהמה. און פונדעסטוועגען... פאַרוואָס האָט זיך איהם עפּעס אַזוי געהלשט געהען אין מאַקאַראָווקע צו מיקיטען? פאַרוואָס האָט זיך איהם אַזוי געביינקט נאָך מיקיטעס קאַרטאָפּעל, נאָך גויעשע סמעטענע?

ווען, ווען דער טאַטע וואָלט געווען אַ גוטער! ווען דער טאַטע וואָלט דערלויבט!

אָבער דער טאַטע איז ניט קיין גוטער און דערלויבט—נ י ט.

און איינמאָל דערהערט וועלוועל, ווי מיקיטאַ זאָגט צו זיין אַל־טער מאַמען, צו ירחמיאלקעס ניאַניע, צו ברענגען איהר אַ שטיק חזיר דעם קומענדיגען זונטאָג. האָט ער, ניט־ווילענדיג, אַ שוידער געטאָן און געהאַלטען דאָס אין זינען, און געוואַרט, אומגעדולדיג געוואַרט... אייגענטליך, וואָס געהער זיך אַ חדר־אינגעל אָן מיט

*) קום, קליינער, אין מאַקאַראָווקע, כ׳וועל געבען קאַרטאָפּעל, כ׳וועל געבען סמעטענע.

מיקיטען און מיט חזיר־פליישׂ? און פונדעסטוועגן האָט ער־
געוואַרט.

## 4

דעם צווייטען זונטאָג, אַז וועלוועל איז געקומען פון
„חדר” צו מיטאָג, האָט ער געטראָפען די ניאַניע אַ ביסעל־
שכור. זי האָט געטרייסעלט מיטן קאָפּ און ליעבלעך דערצעהלט,
אַז איהר מיקיטאַ איז דאָ אָקאָרשט געווען און האָט זי טאַקע
מכבד געווען מיט בראָנפען, און גערופען זי צוריק אין מאַ־
קאַראָווקע און האָט איהר געבראַכט חזיר. אַ פיינער שטיק!...
אָט אָ דאָרטען, אונטער דער קאַנאַפּע, אין אַ טעפּעל ליגט די
מתנה. מיקיטאַ... אָ, ער איז שוין איינמאָל אַ גוטער זוהן! נאָר
זיין ווייב, די ווייב זיינע, הלואי, גאָט אין הימעל, זאָל אויף
איהר אָנקומען טריאַסצאַ און כאָראָבע און כאָלעראַ און פּראַנ־
צען א.אַ.וו. א.אַ.וו.

זיין וואַרמעס האָט שוין דער חדר־יונג געגעסען אָהן
אַפּעטיט. אַלע ווײַלע אַריינגעלאָפען אין קינדער־צימער, געכאַפּט
אַ קוק אונטער דער קאַנאַפּע און אַרויסגעלאָפען. ביז וואַנען די־
די מאַמע האָט זיך צעבייזערט: אַ לויפעניש אויף מיין קאָפּ.
אין „חדר” געה!

פאַרנאַכט, אַז ער איז געקומען פון חדר, איז נאָך דער
טאַטע ניט צוריקגעקומען פון מעריב, די מאַמע — פון מאַרק,
די ניאַניע און ס׳קליין קינד האָבען געדרימעלט, און פייווקע
זיין קלענערער ברודערל, האָט זיך געשפּיעלט אין קיך. דאַן
האָט זיך וועלוועל אַריינגעכאַפּט אין קינדערשען צימער, איינ־
געבויגען זיך אונטער יענער קאַנאַפּע און שטילערהייט אויפ־
געהויבען דאָס דעקעל פון י ע נ ע ם טאָפּ. איינגעוויקעלט אין
אַ ריין פּויערישער לייווענט, האָט אויף איהם אַ גלאַנץ געטאָן
פון טאָפּ עפּעס אַ פּיערקאַנטיגער פעטער שטיק... האָט ער זיך
דערשראָקען, אַראָפּגעלאָזען דאָס דעקעל און אַרויס.

און אין מיטען דער נאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפען, און אין קינדער־צימער האָט די אַלטע געפּייפט מיט דער נאָז, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי איינער וואָלט איהם אַ צופּ געטאָן. ער האָט זיך באַמיהט איינצושלאָפען און נישט געקענט: „דער טאָפּ, דער טאָפּ״... פאַמעלעך האָט זיך וועלוועלע אַראָפּגעגליטשט פון בעט, ווייטער׳ צי־געגאַנגען צו דער קאַנאַפּע, געשטעלט זיך אויף־אַלע־פיער און אַריינגעקוקט אַהין מיט שרעק און מיט אַ זיסען ציטערען אין רוקען, ווי ער זאָל זיך געווען אַריבערבויגען איבער אַ שרעקלעכען, שוואַרצען אָפּגרונד. אונטער דער קאַנאַפּע איז געווען שוואַרץ, חושך. דער טאָפּ האָט זיך ניט אַרויסגעזעהען, אָבער וועלוועל האָט איהם געפיהלט אין דער פאַרסודעטער שוואַרצקייט. געפיהלט, ווי אַ קאַץ פיהלט אַ מייזעל. נאָר זיין ווייס העמדעל האָט זיך מאַט געבלייכט אין דער פינסטערניש. דעם טאָפּ גופא האָט ער אָבער ניט געוואַגט אָנצוריהרען. ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס.

עטלעכע טעג זיינען שוין אַריבער און דער טאָפּ אונטער דער קאַנאַפּע האָט איהם נאָך אַלץ ניט געלאָזען צורוה. דער סוד, וועלכער ליגט דאָרטען... דער סוד! האָט זיך וועלוועל באַמיהט צו באַשאַפען אין זיין פאָרשטעלונג אַ קלאָהרען געפיהל פונם דאָזיגען סוד; איז עפּעס ביי איהם אויסגעקומען אַ מין צפיחית בדבש, אַ וואונדערלעכער גן־עדן טעם. מען זאָגט, אַז פון חזיר־פלייש ווערט מען געזונט, געזונט ווי אַ שטיין... אַזוי זאָגט מען. אויפן קאַרק צוויי רויטע קנייטשען. געזונט!

שטעהט וועלוועל אויף אין דער פריה, דערמאָנט ער זיך אָן רבין, אָן דער גמרא בבא־בתרא, אָן דאַוונען... און פוילט זיך און גענעצט. אָבער ווי נאָר ער שטעלט זיך פאַר דעם טאָפּ אונטער דער קאַנאַפּע, אַזוי ווערט ער מיטאַמאָל פלינק און פלייסיג און כאַפּט זיך אָנטאָן גיך, גיך. איינס, צוויי און פאַרטיג.

וועלוועל האָט גענומען מאַכען הכנות צו „זינדיגען״. דער רוח אַליין ווייסט, ווי אַזוי ער, דער ניין־יאָהריגער בחור, איז מיטאַמאָל געוואָרען אַזוי קלוג און קאַלט־בלוטיג, אַזוי ממזריש-

אויסגערעכנט, מען זאָל איהם אין שטוב אַ האָר אויך ניט חושד זיין. ער האָט, למשל, קלאָר געזעהן, אַז ס'וועט איהם זיין שווער צו נעהמען פונם גרויסען שטיק, וואָס ליגט אין טאָפּ: אונטערגנבענען זיך צו דער קאַנאַפּע, אויפהויבען דאָס דעקעל, אַפּוויקלען דעם לייווענט, אַרויסנעהמען דעם פיערקאַנטיגען שטיק און צ׳פשניידען אַ קליינס מיטן מעסערעל, באַהאַלטען אין קע־שענע און ברענגען אַלץ צוריק אין אָרדנונג — דאָס איז אַ שווערע געשיכטע. מען קען אריין בשעת מעשה, די אַלטע סטערהוע קען דערקענען, אַז עס פעהלט עפּעס. אַ קלייניקייט ביקיטעס מתנה! און דאָ דאַרף מען אַלץ מאַכען קיילעכיג און שפּיציג. האָסט אַריינגערוקט דאָס הענטעל אין טאָפּ—אַ כאַפּ און...

האָט ער זיך אָנגעגאַרטעלט מיט געדולד און גענומען וואַרטען, אַז די אַלטע זאָל זיך אַליין נעהמען צום שטיק. זי האָט דאָך אַלע מאָל מורא ס'זאָל איהר ניט זיין ווענ־יג — און שניידט אָן איבעריגע שטיקלעך. אַזאַ טבע האָט זי; סיי זי עסט ברויט, סיי פלייש, סיי אוגערקעס. מסתמא וועלען איבערבלייבען עטלעכע גאַנצע שטיקלעך פון „דעם" אויך, וועט ער זיך נעהמען אַ פּיצעלע; אַ קלייניקע גנבהלע. זי וועט דאָס אַפילו ניט בעמערקען די „סטערווע". ער האָט זיך אַפילו אָנגעגרייט אַ פּאַפּירען זעקעלע פאַר דעם קינפּטיגען שטיקעל און האָט דאָס באַהאַלטען אין קעשענע. צו אַלע צרות איז נאָך דער גמרא־בחור געוועז אַ צוכט אויך.

געהט צריבער נאָך אַ טאָג, קומט אָן דאָנערשטאָג. קומט וועלוועל צו געהן פון חדר עסען וואַרמעס און זעהט, ווי אונזער גויה שלעפּט אַרויס פון טאָפּ דעם פיערקאַנטיגען ווייסען שטיק... שניידט אָפּ אַכט קליינע שטיקלעך פאַר איהר מאָהלצייט, וויקעלט איין דעם גרויסען שטיק אין דעם פויערישען לייווענט, לעגט עס אַריין צוריק אין טאָפּ אונטער דער קאַנאַפּע און זעצט זיך עסען. זי קייעט לאַנגזאַם, ניט געכאַפּט. איהרע איינגעקנייטשטע באַקען און איהרע צערונצעלטע שלייפען באַוועגען זיך און שפּרינגען און בויגען זיך — אַ גאַנצע מאַשינע! זי ציהט וועלוועלען די אָדערען מיט איהר קייען. איהר הויבט גאָרניט

אָן צו אַרען, וואָס די מאַמע וועט באַלד אָנהויבן טרייבן אין חדר אַריין... אָבער וועלוועל מאַכט זיך, אַז ער זעהט גאָרניט. ער בלעטערט תּמעוואָטע עפּעס אַ ביכעל מיט צאַצ־קעס און כאַפּט אַלע ווײַלע אַ קוק אויף די פּיערקאַנטיגע שטיק־לעך. ער האָט מורא, טאָמער וועט זי זיי איהם אײַנגאַנצען אַוועקפּטרן. ער קען זי דען ניט, וואָס? זי דאַרף מער ניט ווי אײַנעסען זיך, די סטערווע. אַז זי עסט זיך שוין אײַן — ווערט זי בלינד און טויב. די מאַמע האָט אָפּטמאָל מורא, זי זאָל די טעלער אויך ניט אויפעסען. וועלוועל האָט אַליין גע־הערט, ווי די מאַמע זאָגט אַזוי. אָבער שאַ, זי צלמט זיך שוין!.. זי טרייסעלט אָפּ די ברעקלעך פון פאַרטוך און שלוקערצט. דריי גאַנצע ווײַסע שטיקלעך זענען איבערגעבליבן פון איהר מאָלצייט. זי שטעהט אויף און קרעכצט. גלאַנצט פרום מיט די אויגען צו דער סטעליע, נעמט צוזאַמען די דריי ווײַסע שטיק־לעך, לעגט זיי אַריין אין טאָפּ, ניט פאַרוויקלענדיג אַפילו מיט לײַווענט, און דעקט צו.

וועלוועלען ווערט הייס אין די שפּיצען אויערען. ער פיהלט, אַז באַלד וועט ער עפּעס אָפּטאָן. ער וויל ניט, ער וויל ניט... פונדעסטוועגען וועט ער עס טאָן... שטערט אָבער די מאַמע. זי קומט אַרײַן אין קינדערשען צימער, די אַרבעל פאַרקאַטשעט, דער בעזים אין די הענט, די ברוסט אויפגערעגט. זי האָט זיך אַפּנים אָקאָרשט געקריעגט. ווי נאָר זי האָט דערזעהן דעם גמרא־בחור האָט זי אויף איהם אויסגעגאָסען דעם גאַנצען כּעס, אַ הויב געטאָן דעם בעזעם און פונאַנדערגעוויגט:

— אין חדר געה! ער דרעהט זיך מיר דאָ אויך אַרום! נויטיג דאַרף מען איהם דאָ!

כאַפּט וועלוועל די פיס אויף די הענט און אַנטלויפט אין חדר. די אויערען גליהען בײַ איהם און אין האַרצען דריקט עפּעס. און ווידער אַמאָל דעם רבינס „לאָקשען”, און ווידער אַמאָל מנחה, און אָבער אַמאָל מעריב, און ווייטער וועטשערע, און נאָכאַמאָל געשלאָפען און געפּייפט מיט די נעז. און וועל־וועל האָט מורא צו באַריהרען דעם טאָפּ בײַנאַכט. אונטער דער

קאַנאַפּע האָט זיך, דאַכט זיך, באַהאַלטען איינער אַ שוואַרצינ־קער, אַ כיטרער: האָט אָנגעשפּאַרט דאָס שפּיציג געמבעלע אָן דעם טאָפּ און קוקט אויף איהם מיט ממזרשע אויגלעך.

5

צו מאָרגען, פרייטאָג, איז ביי חדר־אינגלעך אַ „האַלבער טאָג". וועלוועל באַפרייט זיך פון חדר אַזייגער צוויי און קומט אַהיים צום ערב שבתדיגען וואַרמעס, דרעהט זיך אַרום איבער אַלע צימערען און עסט אָהן אַפּעטיט. ער שפּאַרט זיך צו אַלע ווילע אויף זיין פאַרבעט בעטעל, און שפּיעלט אָהן חשק מיט זיין קלענערען ברודערעל. אין זיין אויפגערעגטען קאָפּ קלינגען איהם דאָס מאָל די פּזרס מיט די זרקאס פון דער געמעבירטער סדרה און עקבוירען און עקבוירען, מען קען גאָר פון זיי ניט פּטור ווערען.

— מאַמע! — רופט וועלוועל גאָר פּלוצלונג — ווייסט, ווי מען מאַכט אַ שלשלת?

— יאָ, וואָס עפּעס אינמיטען דרינען?

— שלשע—ע—ע־לת!

— אַוועק פון מיינע אויגען!

און וועלוועל געהט אַוועק און באַליידיגט זיך אַפילו ניט. אין קאָפּ איז איהם נעפּעלדיג, אין די אויערען — הייס.

ער וואַרט אַלץ אויף אַ רגעלע, ווען קיינער וועט זיך ניט געפינען אין קינדערשען צימער. אַלע ווילע כאַפּט ער זיך אַריין אין קיך, וואו עס לאָזט זיך הערען אַ געשמאַקער ריח פון געפּעפּערטע פיש און געבאַקטע עפּעל. ער עקזאַמענירט זיך דאָרט, שטילערהייט, אַראָפּצונעהמען אַ דעקעל פון אַ טאָפּ אַזוי, אַז מען זאָל גאָרניט ניט הערען... דערהערט אָבער די מאַמע, אַז וועלוועל האָט עפּעס צו טאָן מיט טעפּ און איז איהם מכבד מיט אַ שטויס און מיט אַ קללה און שרעקט איהם מיטן טאַטען, און מיט יענער קאַנאַפּע בלייבט וועלוועל קיין

איינציקע מינוט ניט אַליין... כאָטש גער שריי: שמע ישראל! געהט אַרויס די „ניאַניע״ — לויפט אַריין די מאַמע, געהט אַרויס די מאַמע — פאָהרט אָן דאָס ברודערל פּיווקע מיט זיין האָל־צערנעם וועגעלע: „וויאָ—וויאָ״... אַ בעל־עגלה אויף וועלוועלס קאָפּ. טרייבט ער איהם אַרויס — הויבט אָן דאָס פּיצעל־קינד צו שרייען מיט אַזעלכע קולות, פּונקט ווי איינער וואָלט איהם געקניפּען דאָס בייכעל. און די מאַמע און די ניאַניע לאָזען זיך לויפען, מיט אַ געפּילדער צוריק אין קינדערשען צימער אַריין. די ערב־שבתדיגע פריהלינגס־זון הויבט שוין אָן אַראָפּ־צולאָזען זיך הינטערן ווייטען וואַלד. רויטע ליכט־פלעקען האָבען זיך צעגאָסען איבער די קליינשטעטעלדיגע שינדעל־דעכער. פּונקט ווי אויף צעפּוקעניש איז מען וועלוולען מכבד מיט פּוצען דעם טאַטענס שטיוועל. און באַלד נויט מען איהם, ער זאָל נעהמען גיכער, גיכער וואַשען דעם קאָפּ מיט זודיגע וואַסער, אָנטאָן זיינע שבתדיגע הויזלעך, לויפען נאָך ליכט, וואָס די מאַמע האָט פאַרגעסען קויפען, ווי דער שטייגער איז.

און ווידער אַמאָל דאָס קינדערשע צימער.

שאַ! דאָס מאָל איז קיינער ניטאָ. דאָס קינד שלאָפט, מאַכט מיט די ליפּעלעך. אַ נפש! רק ס׳חלומט זיך איהם אַ מאָנאָפּאָלקע מיט מילך. האַלב־טונקעל. אַ בהמה רעוועט ערגעץ ווייט... שווייג, בהמה!

פלינק גיט זיך וועלוועל אַ שטעל אויף די קניע לעבען דער קאַנאַפּע. אויף די קניע און אין די נייע שבתדיגע קליידער. „די מאַמע זאָל דאָס דערזעהן!...״ ער גיט אַ כאַפּ אַרויס דאָס פּאַפּירען זעקעלע פון קעשענע, קונציג אַ הויב — דאָס דעקעל איבערן טאָפּ... און באַלד דערשפּירט ער צווישען די פינגער אַ קליינעם „פּיער־קאַנטיגען שטיקעל״. ווי אַ געפעהרלעכע זאַך וואַרפט ער דאָס אַריין, פאָרזיכטיג און פלינק, אין פּאַפּירען זעקעלע, דערנאָך אַ רוק אַריין אין קעשענע... פאַרטיג.

וועלוועל קוקט זיך אַרום: שטיל. דער ליימענער טאָפּ שטעהט אויף זיין אָרט ווי אַן אָפּגאָט. שטיל. דוכט זיך, גאָרניט

געשעהן? נאָר דאָס האַרץ קלאַפּט שווער. אָט־אָט קייקלט עס זיך צו אונטערן האַלז.

— מאָ—אָ—אָ! — רעוועט די בהמה אויפן גאַס, שוין גאָר באַהנט. דאָס זאָגט זי איהם מוסר: „אַן עברה!...״

וועלוועל פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין און געהט אַרויס געלאַסען און זעהר אָנשטענדיג פון קינדערשען האַלב־פינסטערער קאַמער. ער מוז נאָך אַריבערגעהן דעם עס־צימער... דאָרט טרינקט מען שוין טיי... דער טאַטע דאַווענט מנחה, שטעהט שמונה־עשרה און שעפּצעט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען צו דער אויסגעקאַלכטער וואַנט.

— וואו באַגראָבסטו זיך דאָס, ווען אַלע טרינקען טיי?

דער מוהמע פייגעס קול.

— באַלד, באַלד... — גיט וועלוועל אַ זאָג מיט אַ האַלבען מויל און דרעהט זיך אַרויס.

אין אַ מינוט אַרום קלעטערט ער שוין אויפן לייטער און קריכט, ווי אַ קאַץ, אויפן קליין בוידעמעל, וואָס טיילט איבער דעם אַלטען דאַך פון פירהויז און שפּאַרט זיך אָן אין דער שטאַל פון דער בהמה. דאָס קליין בוידעמעל איז תמיד פול מיט היי און מיט שטרוי, און פון דאָרטען וואַרפט מען דאָס דער בהמה איהר אונטערלעגער און איהר „וועטשערע״ גלייך אין שטאַל אַריין. אַהינצו איז דאָס וועלוועלע פאַרקראָכען. די טרוקענע, שמעקענדיגע שטרוי האָט עפּעס מאָדנע געקנאַקט אונטער זיינע פאָרזיכטיגע טריט. אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל אויף דעם דאָזיגען בוידעם, אונטער קופּעס היי און בינטלעך שטרוי, האָט ער זיך שוין, מיט אַ טאָג צוויי צוריק, איינגע־אָרדענט אַ מין טיעפע, פינסטערע הייל, וואו ער זאָל קענען רוהיג „זינדיגען״.

פון די גרויסע שפּאַלטען, וואָס אינם פאַרפוילטען שינדעל־דאַך, האָט זיך געזייט אין בוידעמעל אַ גראָהע, פאַרטראַכטע ליכטיקייט... עס האָבען זיך קוים געזעהן שטיקלעך פרעמדע דעכער, דער באַגילדטער שפּיץ פון קלויסטער, קליינע שוואַרצע מענשעלעך... און ניט ווייט פון אוריס שטוב — אַ קאָפּ פון

אַ גויעשען פערדעל, אַריינגעטאָן ביז די אויערען אין אַ פּאַר־בונדען זעקעל, דער קאָפּ באַוועגט זיך אַרויף און אַראָפּ. וועלוועלען אָבער האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ווינקט ער צו איהם. און די קליינע שפּעלטעלעך אין דאַך האָבען איהם אָנגעקוקט, ווי לאַכענדיגע, גנבישע האַלב־פאַרמאַכטע אויגעלעך, וועלכע פאַרשטעהען אַלץ, פון וועלכע מען קען זיך ניט באַהאַלטען...

וועלוועל האָט זיך אָבער געשטאַרקט, פאַררוקט זיך וואָס טיעפער אין זיין הייל אַריין, מיט די אויגען צו די שטרוי, עס זאָל זיין נאָך פינסטערער, ער זאָל זיך אַליין ניט זעהן, און אַרויסגענומען דאָס „פיערקאַנטיג שטיקעל"...

די הענט האָבען איהם געציטערט. גראָד אַצינד האָט זיך איהם איינגאַנצען אָפּגעוואָלט פאַרזוכען דעם טעם פון טרפה, און פריהער האָט זיך איהם אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַזוי לאַנג האָט ער געגאַרט, אַזוי געדולדיג געוואַרט.

פונדעסטוועגען שטופּט ער דאָס מיט געוואַלד אין מויל אַריין און בייסט דעם שטיקעל, און בייסט. שווער עפּעס אָפּ־צובייסען פון דער מוראדיגער טרפה.

געזאַלצען. פעט. ניט־געשמאַק. אָט דאָס איז די גאַנצע הנאה אין „חזיר"! און וואו איז דאָס עפּעס דער וואונדערלעכער טעם? דער וואונדערלעכער סוד?... דער פרעמדער גויעשער סוד וואו איז?...

פונדעסטוועגען באַמיהט זיך וועלוועל איינצושמועסען זיך אַליין, אַז „טרפה" איז פּאָרט געשמאַק, געשמאַק און „געזונט". ער בייסט דאָס שטיקעל פעטס מיט די פאָדערשטע ציינער און טאַפּט זיך דערביי דעם דאַרען באַקען זיינעם. ער וויל באַשייג־פערלעך זעהן, ווי ס'ווערט דיקער, ווי ס'קומט צו.

ער בייסט... אַ ברירה האָט ער? אָבער וועה, ווי עס ווילט זיך איהם ברעכען. ניין, אדרבא געשמאַק... זעהר געשמאַק!

— אָט דאָס איז „חזיר"? אָבער — דער סוד, דער סוד...

— וועלוועל!! — קלינגט אויף אַ שטים — ער איז שוין נעלם געוואָרען... צו קבלת־שבת!

דעם טאַטענס קול.

ער בלייבט זיצען אַ פאַרציטערטער. אָבער דערוויילּווּאָס באַנוצט ער זיך מיט זיין שרעק, כאַפּט דאָס צעביסען שטיקעל טרפה, פאַררוקט עס טיעף, טיעף אין שטרוי, און שפּייט אויס. ער ציטערט און שפּייט.

— ווע—עלוועל! איך וועל דיר וויזען, וואַרט, וואַרט...

— אין גאָרטען איז זיין זכר ניטאָ! — דערהערט דער „זינדיגער", אין זיין שטרויענער נאָרע, דער מאַמעס קול. ער הערט אויך, ווי מען געהט אום, ווי מען זוכט איהם. און ווי איז, אַז מען ווייסט שוין אונטען, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן?

און מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ בת־קול:

— אַ מאָזשע יאָן נאַ הורע פּאָשיאָוו? *)

דער ניאַניעס קול. אזא סטערווע דאָס איז! און באַלד נאָך איהר — דאָס פרעהלעכע קוויטשען פון פייווקען, זיין קליין ברודערל: „דאָרטען, דאָרטען! נעכטען געווען! אייערנעכטען אויך טאַקע!...

גלייך נאָך דעם דערהערט וועלוועל שווערע טריט איבערן לייטער. דער טאַטע, דער טאַטע, דער טאַטע!... „אָה, ער וועט איהם דערשטיקען דעם קליינעם!... נאָר דאָס מסרט... דער טאַטע, דער טאַטע געהט!"

דער גמרא־בחור דרעהט זיך צוזאַמען אין זיין פינסטערער לאָך און וואַרט. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז „וועלוועל" איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. דעם טאַטענס טריט הערען זיך שוין נאָהענט. וועלוועל הערט שוין אפילו, ווי ער אָטעמט צאָרנדיג. די בינטלעך שטרוי קנאַקען און שושקען אַרום איהם. און וועלוועלען דוכט זיך, אַז אַ גרויסע מוראדיגע חיה גנבעט זיך צו איהם און וויל איהם פאַרצוקען.

און דערשטיקטע ווילדע ווערטער:

— האַ? וואו?... וואַרט, וואַרט, וואַרט.

---

*) אפשר איז ער ארויף אויפן בוידעם?

די הענט, וועלכע טאַפּען צווישען די קופּעס שטרוי, זיינען שוין צוגעקראָכען גאָר נאָהענט. אָט איז שוין דער קאָפּ!... א א שרעקלעכער באַבערדעלטער קאָפּ מיט שטיקלעך היי אין די צעשויבערטע האָר. אָט איז ער! שמע ישראל!

ווי עס ווייזט אויס האָבען זיך וועלוולען אַביסעל פאַרקאַטשעט די שבתדיגע הויזלעך, בשעת ער האָט זיך פריהער פאַררוקט אין שטרוי. זיינע ווייסע זאָקען האָבען אַ לויכט געטאָן. דער טאַטע האָט איהם געפּאַקט:

— אַ האַ — אַ — אַ!

און באַלד דערשפּירט ער, ווי מען שלעפּט איהם ארויס פון זיין „הייל", אַ וואָרף אויפן רוקען, און אַ שרעקליכער פּאַטש פּאַלט איהם פּלוצלינג, ווי פון הימעל אַראָפּ, איבערן פּנים. און וועלוועל שווייגט.

— „וואָס טהוסטו דאָ?"—און אַ פּאַטש. „וואָס עפּעס קריכען ערב שבת אויפן בוידעם?"—און אַ פּאַטש. „דער טאַטע איז אַ הונט?" — און אַ פּאַטש. „אַז דער טאַטע רופט, ענטפערט מען גאָרניט?" — און אַ פּאַטש. „וואָס ביסטו אַהער פאַרקראָכען, פרעגט מען דיך?" — און אַ פּאַטש. קבלת שבת איז ביי דיר גאָרניט?" — און אַ פּאַטש.

און וועלוועל נעהמט צו וויפיעל מען לעגט אין איהם אַריין, ליגענדיג אויסגעצויגען אויפן רוקען, מיט צוזאַמענגעקריצטע צייהן; און ס'דוכט זיך איהם, אַז מען גיסט איהם אויפן פּנים אויפגעקאָכטע, זודיגע וואַסער.

ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך פעטער אורי אַליין דערשראָקען פאַר דעם מאָדנעם שווייגען פון זיין גמרא־בחור. ווייל ער האָט מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן דעם געשלאָגענעם קאָפּ פון די שטרוי. מיט ביידע הענט האָט ער אַ הויב געטאָן און האָט זיך אין איהם איינגעקוקט מיט קיילעכיגע אויגען. ביי דעם בלייכען אָוונט־שיין, וועלכער האָט זיך געזייט דורך די שפּאַלטען פון דאַך, האָט ער דערזעהן אַ קינדישען געשוואָלען פּנים, אַ פאַרקיהלטען און פאַרעקשנטען בליק — און איז פאַרציטערט

געוואָרען. ער האָט אָפּגעלאָזען וועלוועלס קאָפּ, אָנגעשפּאַרט זיך האַלב־געחלשט אויף אַ קופּע שטרוי, און אָנגעהויבען שטאַמלען מיט חרטה:

— נו, זאָג... וואָס איז דאָס?... וואָס וועט פון דיר זיין?... נו... וואָס וועט פון דיר זיין דער סוף?...

ערשט דאַן, האָט זיך דער גמרא־בחור פונאַנדערגעקלאָגט

# פעטער אורי און פעטער פּיני

## 1

פעטער אורי האָט אַ אינגערען ברודער און פּאַהאָסט, אַ שעה אַכט מיט דער אַקס פון שקלאָוו. פּאַהאָסט האָט אַ שם־דבר מיט אירע נאַראָנים. מען זאָגט, אַז זי שטעלט צו שוטים פאַר גאַנץ ליטא, אַזוי ווי כעלם — פאַר פּוילען. נאָר פעטער פּיני איז דאָרט נאַרישער ניט געוואָרען. דער וואָס איז נאָר איין אייננצי־גען מאָל געבאָרען געוואָרען אין שקלאָוו — בלייבט שוין אַ איר אַ בעל־מוח אויפן גאַנצען לעבען.

אין פּאַהאָסט האָט זיך פעטער פּיני באַזעצט זינט ער האָט חתונה געהאַט. גלייך פון דער ישיבה אריינגעפאַלען אין אַ באַקאַליי־קראָם. באַקומען אַ שם פאַר אַ לא־יצלח. דאָרטען האָט ער אָנגעקינדעלט, אָנגעבאָרגט, געוואָרען נידערגעשלאָגען, צע־בראָכען און פאַרעלטערט פאַר דער צייט. דאָרטען זיינען ביי איהם די אויגען־ברעמען געוואָרען אַביסעלע אָנגעשוואָלען. רויט־לעך און פאַרשעהמט זעהען זיי תמיד אויס, ווי ביי אַ פרומען, אידענע נאָך תחינות־זאָגען. ער ווישט זיי ווען ניט ווער שטילינקערהייט מיט אַ ווייסער שמאַטקעלע, וועלכע ער האַלט צענויפגעקנייטשט אין פויסט, כדי קיינער זאָל נישט באַמערקען די ניט אַרומגעזוימטע ברעגען... זיין קוק איז אַ אומבאַהאָל־פענער, אָבער אַ רוהיגער און אַ צוגעטעמפּטער, ווי ביי אַ מענ־שען, וועלכער ווייסט גוט, אַז קיין רייכער קרוב וועט אים שוין מעהר ניט העלפען.

ווען ער רעדט מיט ריי ערע און שטאַרקערע פון זיך, ווערט ביי איהם עפּעס דער קוק אַביסעלע חניפהדיג, נאָכגיביג, אָבער טרויעריג.

פעטער פּיני לאָזט זיך אַראָפּ צוגאַסט קיין שקלאָוו ניט ווייניגער ווי צוויי מאָל אַ יאָהר. ימים-נוראים-צייט און פאַר פּורים, ניט ווייל ער פאַרבייינקט זיך אַזוי שטאַרק נאָכן פעטער אורין, נאָר ווייל, על-פּי שטייגער, פעהלט איהם אויס צו דער דאָזיגער צייט אַ פופציגער, אָדער אַ פינף-און-צוואַנציגער: „אַן אויפגאָב אויף פרישע סחורה". מעהר דאַרף ער נישט ווי אַן אויפגאָב... נאָר ביז וואַנען מען וועט אָנהויבן לייזען... דערנאָך וועט ער אָפּגעבען...

די ערשטע צוויי טעג איז ער נאָך ביים פעטער אורין אַ שטיקעל גאַסט. דערנאָך ווערט די מומע פייגע קאַלט. דערנאָך קיהלט זיך אָפּ דער פעטער אורי. דערנאָך הויבען אָן די קליינוואַרג, די יונגאַצעס, איבערווינקען זיך און איבערקרימען שטילינקערהייט, ווי פעטער פּיני עסט, ווי פעטער פּיני געהט, ווי ער פאַרזאַאיקעט זיך, ווי ער ווישט זיך די אויגען מיט דער שמאַטקעלע אין קולאַק.. ביז פעטער אורי גיט זיך מיט איינמאָל אַ הויב אויף און אַ געה-צו צום קאָמאָד, און שטעקט אָפּ זיין אָרימען ברודער דעם „אויפגאָב אויף סחורה" און ווינשט איהם אַ גליקליכען וועג.

עס טרעפט אַ יאָהר, אַז פעטער פּיני מיידט אויס שקלאָוו פאַר ראש-השנה. אָבער פּורים-צייט דאָס איז שוין אַ חזקה: פּורים-צייט קען זיך קיינמאָל פעטער פּיני ניט אויסדרעהען אָהן „אַן אויפגאָב אויף סחורה".

אַ וואָך פאַר פּורים, פאַרנאַכט, ווען די פענסטער זיינען אָנגעפרוירען און די לאָדען פאַרהאַקט און אין הרובע קנאַקט אַ פרעהליך פייערל, דערהערט זיך פלוצלונג הינטער פעטער אוריס שטוב אַ פייפענדיגער סקריפּ פון צ שליטען און אַ „ניאָביאָ" און אַ „טפּררררו", דערנאָך — ווי מען קלאַפּט אָפּ דעם שניי פון וואַטאָווע אַרבעל; און אַ פערשעהמט הוסטעלע.

אַלעמען אין שטוב איז גוט באַקאַנט דער דאָזיגער סיגנאַל. ביי

קליינוואַרג הויבען ממזריש אָן צו פינקלען די אויגעלעך. דער פעטער אורי גיט עפּעס אַ מעקע פאַר זיך, און די מומע פיי־גע פאַרקרימט דאָס פּיסקעלע אָן אַ זייט און מאַכט צום פעטער אורין:

— ווי ניט ליב איז דיר דיין פאַהאָכטער... גאַסט!

ווען האָט זי, אייגענטלעך, געוואָלט זאָגען „דיין פאַ־האָסטער שוטה", און האָט זיך איינגעהאַלטען.

אויפנעהמען נעהמט מען פונדעסטוועגען אויף דעם גאַסט מיט אַ פרעהליכע מינע. פעטער פיני לאָזט זיך אריין אין שטוב מיט זיין אַלטער שעפּסענער און שוועהרער פוטער.

— „ש... שלום-עליכם און אַ גוטינקער אָוועגט... וו... וואָס מאַכט איהר?"

ער זעהט האַלטען זיך ברייטלעך, מעשה-ברודער, ווי אַ נאָהענטער קרוב, וואָס איז אייגענטלעך נאָר פאַרפאָהרען אַ קוק טאָן, וואָס מען מאַכט דאָ אין געזונד. דער אָטעם איז איהם קורץ, דאָס האַרץ געפּרעסט, אָבער אויף זיין שטיקעל דער־פרוירענעם פנים, וואָס קוקט אַרויס לאַנג-נאָזיג פון שעפּסע־נעם קאָלנער, — ליגט אויסגעגאָסען אַ שמייכעלע. און באַלד שטויסט ער זיך אָן אויף דאָס קליינוואַרג, און דערשפּירט, אַז זיי קלייבען זיך שוין אָפּלאַכען און איבערקרימען איהם. צעטומעלט ער זיך:

— אַ-אַ... שלום-עליכם! וו... וואָס מאַכט איהר!... פ... פיי־וועלע, יר... ירחמיאלקע... דער פעטער איז ד... דאָך געקומען... חי־חי ש... שוין אויסגעוואַקסען... ג... גרויסע בחורים... האַ־האַ, קיין עין ה...

שלאָגט איהם איבער פעטער אורי:

— מילא, מיט זיי וועסטו שפּעטער ריידען. קודם-כל טו אויס דעם פוטער.

קריכט פעטער פיני אַרויס פון זיין שאָפּענעם אָפּגעריבע־נעם פעלץ, און פאַרלירט מיט איין מאָל זיינע ברייטע פּליי־צעס... דערנאָך וויקעלט ער אָפּ דעם האַלז און אין מיטען שטוב בלייבט שטעהען אַ דאַרער, נידערגעשלאָגענער איד, מיט

אַ שמאָלען רעקעל, מיט אַ גרויסען באַבערדעלטען קאָפּ. ער איז עהנליך צום פעטער אורין, כאָטש ער האָט נישט קיין קאָסאָקע אויגען. ער איז אָבער נישט אַזוי יאָדערדיג ווי פעטער אורי, מעהר געבראָכען. כאָטש לויט די יאָהרען נאָך איז ער יונגער. ער זאַאיקעט אונטער. בפרט ווען ער איז צעטראָגען, אָדער אויפגערעגט...

— גוט אָנגעפרוירען זיך אַודאַי, — פרעגט פעטער־אורי סתם אין דער וועלט אַריין, און קעמט זיך די באָרד מיט אַלע צעהן פינגער. אַלע מאָל ווען ער ווענדעט זיך גלאַט אַזוי צום פעטער פיני קעמט ער זיך די באָרד.

—ד... ד... דערפרוירען געוואָרען.—אײלט זיך פיני צו באַשטעטיגען דעם ברודערס רייד, דערווייזען איהם, אַז ער האָט געטראָפען אין פינטעל אַריין. ק... קוים אַ ל... לעבעדיגער דערפאָהרען. אַכט שעה מ... מיטן שליטען...

— אַפילו...—מאַכט פעטער־אורי מיט די פלייצעס,—כ'פאַרשטעה ניט... אין דיין טולופּ דאַרף מען גאָרניט אַזוי דערפרוירען ווערען. אָט פאָהר איך אין מיין פייענעם פעלץ און ווער אויך ניט דערפרוירען.

— יאָ. ס'הייסט, אייגענטלעך איז, איז... גאַנץ וואַרם ג... געווען... אַן אַלטער פ... פוטער, אָבער וואַרם!

אַזוי פאַרענטפערט זיך באַלד פעטער פיני. פאַר דעם פעטער אורי האָט ער רעספעקט. ער איז איינשטימיג מיט אַלץ, וואָס פעטער אורי זאָגט. מעג אַפילו זיין נערוועאישער און אַביסעלע דעספּאָטישער ברודער בייטען זיין מיינונג צעהן מאָל אַ שעה. ער ווייס, אַז פעטער אורי איז אַ נגיד. פאַרמאָגט אודאַי... צעהן טויזענד קאַרבען אייגענס. אַ שטוב, אַ בהמה. אין פאַהאָסט, דערצעהלט ער נאָך, אַז ער האָט גאַנצע צוואַנציג טויזענד רובעל מיט צוויי בהמות. און איז ער ביי איהם צו גאַסט, האָט ער איין כלל: זאָגט פעטער אורי נאַכט, איז נאַכט. געוויס איז נאַכט. איז זיך באַלד מיישב פעטער אורי און זאָגט פאַרקעהרט. ס'איז גאָר טאָג, צעלאַכט זיך פעטער פיני:

— כי־כי, וואָס דען, נאַכט איז עס! און נאָך אַ מין טאָג!
און דאָך באַמערקט שטענדיק פּעטער פּיני, אַז ער פּאַלט יעדעס מאָל אַריין. אָדער ער פּאַרלויפט פאָראויס, אָדער ער דערלויפט ניט. און פעטער אורי איז קיינמאָל ניט צופרידן מיט זיינע הסכמות. שווער, זעהר שווער צו גאַווירען דעם עלטערען ברודער, דעם שקלאָווער נגיד.

דעם זעלבען אָווענד צו וועטשערע, קומט פאָר אַזאַ געשפּרעך:

— עפּעס זעהר זויער היינט די קרויט — מאַכט פעטער אורי צו דער מומע פייגען.

— ט... טאַקע זויער, — זאַאיקעט נאָך פעטער פּיני — מ... מוראדיג זויער!

איך פאַרשטעה ניט, — רופט זיך אָפּ די מומע פייגע — איך האָב, דאַכט זיך, אַריינגעשאָטען אין טאָפּ אַ הויפען מעהל־צוקער. געקאָכטע קרויט, דאַכט זיך, האָט ליב, סע זאָל זיין „וואַיניג".

אַ ביסעלע האָט פעטער אורי מורא, אַז די מומע פייגע זאָל גלייך ניט ווערען אין כעס אויף איהם און אויף זיין גאַסט. איז ער באַלד מסכים:

— ווייסטו וואָס איכ'ל דיר זאָגען, פייגע מיין ווייב, אפשר ביזטו גערעכט, יאָ... ס'איז, דאַכט זיך, גענוג זיס. צום אָנהויב האָט זיך מיר געדאַכט...

— יאָ, אייגענטלעך, איז גאַנץ זיס, ז... זעהר זיס. — העלפט אונטער פעטער פּיני — ט... טייערע קרויט — אַ מ...מחיה.

געפעלט דאָס ניט דעם פעטער אורי:

— מ'נאַ... זיס, זיס. וואָס פאַר אַ טעם האָט קרויט, אַז ער איז זיס?

— וו... ווער זאָגט זיס! — דערשרעקט זיך פעטער פּיני — דער עיקר איז דאָך די, די... די זויערקייט. סע זאָל זיין וואַיניג...

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, פּיני, — שלאָגט איהם איבער פעטער אורי — עס בעסער! עס געזונטערהייט!

— וו...אָס דען טו איך? — וואונדערט זיך שטיל פּעטער
פּיני, און פאַרטיפט זיך אין טעלער. — וו...אָס דען? איך רעד?

## 2

נאָר דאָס אַלץ איז ניט מעהר ווי אַן הקדמה. די ברייטע שמועסען צווישען פּעטער אורי און פּעטער פּיני קומען פאַר אַ טאָג אָדער צוויי טעג שפּעטער. דער סאַמאָוואַר קאָכט אויפן טיש. די מומע פייגע איז אין מאַרק, די קינדער אין חדר, ביידע ברידער, דער שקלאָווער נגיד און דער פּאַהאָסטער גאַסט, זיצען אויג אויף אויג און רעדען פון וואָס איהר ווילט, נאָר ניט וועגען דער הלואה, צוליב וואָס פּעטער פּיני איז צוהער אַראָפּגעפאָהרען. אייגער מיידט אויס מחמת בושה, דער צווייטער מאַכט זיך ניט וויסענדיג. פּעטער אורי רעדט און פּיני העלפט. ווי אַ חזן מיט משוררים. פּעטער אורי איז אַביסעל אויפגערעגט. פּיני האָט איהם נאָך נעכטען געגעבען צו פאַרשטעהן, אַז ער מוז האָבען אויף „אַן אויפגאָב"... א גאַנצען פּופציגער, אַז ניט, איז כאָטש נעם און הענג זיך. די מומע פייגע האָט דאָס דער-הערט, האָט זי זיך גענומען ברוגזן, וויפיל איז דען דער שיעור?... ניין, זי קען דאָס מעהר ניט אויסהאַלטען פון זיין משפחה. זי האָט מעהר קיין כח ניט. האָט זי אַרויפגעכאַפּט איהר ביזענעם זשאַקעט, מיט דער וואָלענער פאַטשיילע, גע-נומען דעם קאָשעק אין האַנט און אַוועק אין מאַרק. ביי לייטען, אַז מען איז פאַרדאגהט, געהט מען אין טעאַטער; פּעטער אורי, אַז ער איז שלעכט געשטימט, געהט ער אַוועק אין בית-מדרש. די מומע פייגע — געהט אַוועק אין מאַרק. פון מאַרק קומט זי אַלע מאָל צוגעהן אַן אָפּגעפרישטע, אַ באַרוהיגטע.

פּעטער אורי איז אָבער ניט צופרידען, ווען די מומע פייגע פאַרבלייבט אין מאַרק שעה'ן לאַנג. ערשטענס, פיהלט ער זיך עפּעס עלענד אָהן איהר לעבען סאַמאָוואַר. ניטאָ ווער עס

זאָל אַ גלאָז טיי אָנגיסען... און, צווייטענס, וואָס טוט אַ אידענע אין מאַרק? מסתמא האָלט זי אין איין אויסגעבען געלד...

— אָט, זעהסט דאָך, — מאַכט דער פעטער אורי, ווי נאָר ער שטעהט אויס שמונה־עשרה פון מעריב — זי איז נאָך אַלץ ניטאָ פון מארק. עלינו לשבח לאדון הכל לתת גדולה... אוועק און ניטאָ, ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים. טפו... ושמו אחד... זי קען ר׳היג ניט איינזיצען, אַז ס׳איז דאָ אַ קאַרב אין שטוב... הויבט ער גלייך אָן מיט אַ דערפרישטען קול פון אַ מענשען, וואָס האָט באַקומען שטים־רעכט. — נאָר אויסגעבען געלד, נאָר אויסגעבען...

— נאָר זיי ברענגען אויס, געלד — איז מכבים פעטער פיני — עס איז זיי קיין געגוג ניטאָ, און עס איז זיי קיין שיעור ניטאָ, און עס איז זיי קיין ס...

פאַרדריסט דאָס דעם פעטער אורי. מיינט טאַקע פיני באמת, אַז זיין פייגע איז גלייך צו אַלע פאַהאָסטער קרעמער־קעס? און ציהט צוריק:

— נו, נו, מיין נאָר ניט, אַז זי איז קיין באַלעבאָסטע ניט. ס׳מאַכט ניט אויס. אַ קאַרב קען זי פאַרט היטען. ווען ניט זי, וואָלט מען מיך שוין לאַנג צעשלעפט...

— ווער זאָגט? — פאַרכאַפּט זיך באַלד פעטער פיני — זי איז שוין גראַד אַ באַלעבאָסטע... אַ גרויסע באַלעבאָסטע. הלואי אויף מיר געזאָגט געוואָרען...

און ערשט דערנאָך דערפיהלט פעטער פיני, אַז דער ברודער האָט איהם גראָב אַ שטאָך געטאָן, און עס ווערט אַ ווײַלע שטיל. אַן אומאַנגענעהמע שטילקייט.

פעטער אורי גיסט אָן צוויי גלאָז טיי, ברענט זיך אָפּ מיט דער פאַרע און זאָגט גאָרנישט. עס פאַרדריסט איהם שוין, וואָס ער האָט דעם אָרימען ברודער גאָר ניט ווילענדיג וועה געטאָן, און ער ציהט צוריק:

— נאָר עס מאַכט ניט אויס. קומען האָט זי שוין געמעגט קומען. אַ אידענע דאַרף וויסען, דאַרף זי...

— אַ ווייב מוז וויסען, — העלפט איהם אַרויס דער

פעטער פיני — אַ לויף אין מאַרק, אײַנגעקויפט און צוריק. איך טענה דאָס שטענדיק מיט מײַנער, טענה איך, אַ לויף אין מאַרק און אַהיים...

קומען אָן די קינדער פון חדר. פאַר פורים-צײַט לאָזט מען זיי אָפּ פריהער אַהיים. זיי קומען אָן מיט אַ פרישע שמעקנדיקע קעלט. דער מוזיקעל טראָגט אַן אָנגעצונדענע לאַמטערנע.

— ברוכים הבאים! — רופט אויס פעטער אורי — נאָר וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ „לימנאַציע"? „פאַרטאָג מיט אַ לאַמטערנע!" אויפן גאַס איז נאָך, דאַכט זיך, גאַנץ ליכטיק.

— און טאַקע — לערענט מיט זיי פשט פעטער פיני — וואָצו זאָלט איהר ברענען ליכט? גלאַט ברענען ליכט... קינדער זאָלען ניט וועלען פאַרשטעהן, אַז ליכט קאָסטען געלד...

— דאָס האָט ער אָנגעצונדען נאָר אויף אַ ווײַלעצקע — פאַרענטפערט דער גמרא-בחור דעם מוזיקעל.

— נו, אויף אַ ווײַלע מאַכט ניט אויס — איז מסכים פעטער אורי, און ער העלפט די קינדער אַראָפּצוציהען די פוטערלעך.

— יאָ, אויב נאָר אויף אַ מינוטקעלע, ערלויבט אויך פעטער פיני פון זײַן זײַט, איז גאָרניט... פאַר וואָס ניט?

זעצען זיך אויס די קלײנע חברה כלומרשט ווי די סטאַ-טיקלעך, נאָר אין דער שטיל קרימט מען איבער דעם פעטער פיני, און מען רײַצט זיך אײנער מיטן צווייטען. נאָר דער אײן עלף-יעהריגער גמרא-בחור איז אײַנגעהאַלטען. ער איז זשעדנע נאָך נײַע מענשען. ער קוקט אָן נײַגעריג דעם פעטער פיני פון פּאַהאָסט... דאָרטען וואוינט זײַן קוזינקעלע מירעלע. ער האָט זי נאָר אײן אײנציגען מאָל געזעהען אין שקלאָוו. זי האָט גרויסע, טרויעריגע אויגען, שוואַרצע און נײַגעריגע. און צע-פּעלעך שוואַרצע און לאַנגע און אַזוינע גלאַטע, אַז עס ווילט זיך אַ גלעט טאָן. אַז ער וועט זײַן אַ גרויסער, וועט ער זיך אין איהר פאַרליבען און חתונה האָבען מיט איהר. און אַז ער וועט דאַן פאָהרען מיטן טאַטען אין ניזני אויפן יאַריד, וועט

ער איהר ברענגען מתּנות... איהר טאַטען, דעם פעטער פּיני — אויך. אָט זיצט ער אַצינדביים טיש און ווייס גאָרנישט... אַ פּיינעם פּוטער וועט ער איהם קויפען אָנשטאָט זיין אַלטען שעפּסענעם פּעלץ, וואָס גיעט זיך אָפּ מיט ציגענעם שווייס. פּונקט אַזאַ פּוטער ווי ביי דעם טאַטען וועט ער איהם קויפען...

— נו, וואָס דרעהסטו זיך אַרום? — ווענדעט זיך צו איהם פעטער אורי — אָדער מ׳טרינקט טיי, אָדער מען זיצט מיט מענשען, אָדער מען נעמט אַ ספר אין האַנט.

— און טאַקע — פאַרריכט פעטער פּיני און פאַרזאַאיקעט זיך — וו...וואָס דרעהסטו זיך אַרום? ד...דער ט...טאַטע זאָגט... מעגסטו איהם טאָן אַ צוליב, מעגסטו... גלאַט געדרעהט זיך...

דעם גמרא־בחור ווערט מיט איינמאָל נמאס דער גאַנצער פעטער פּיני. איהם אַרט שוין ניט מעהר פאַר זיין אַלטען שאָפּענעם פּוטער. זאָל ער עס טראָגען... די שוואַרצע אויגען פון דער ווייטער, פאַרהאָסטער קוזינקעלע ווערען אויסגעלאָשען. ער גיט קרום אַ קוק אויפן פעטער פּיני און רוקט זיך אַרויס אין צווייטען צימער.

## 3

— ע...— מאַכט דער פעטער אורי,—האָט פיינט, אַז מען זאָגט איהם. אַן עקשן, אַ?

— ז...זאָל גאָט היטען, וואָס פאַר אַן עקשן דאָס איז! — שטימט באַלד איין דער פעטער פּיני, און דרעהט מיטן קאָפּ — אַ־גוואַלד!...

— דאָס וואַקסט אַ גאָרנישט. דו זעהסט דאָך. נו, זאָג אַליין!

— אַ ג...גרויסער גאָרנישט — צעהיצט זיך באַלד פעטער פּיני,—אַ גאָרנישט שבגאָרנישט.

פאַרדריסט שוין דעם פעטער אורין, וואָס מען איז אַזוי מבטל זיין גמרא־בחור.

— ניין, — מאַכט ער צו פעטער פינין בלחש — עס מאַכט ניט אויס, אַ קאָפּ האָט ער אַ טייערע, אַן אייזערנעם זכרון...

— פסס...—שעפּצעט נאָך פיני — ער האָט דאָך אַ שם... די מ... מלמדים זיינען דאָך פון איהם נתפּעל, זיינען זיי דאָך...

— אַ חריף!... אַ שרץ וועט ער דיר מטהר זיין בקן טעמים...

—וו... וואָס אמת, איז אמת,—צעקאָכט זיך אַלץ מעהר דער פעטער פיני,—אַ—אַ חריף — אַ יונג. צו ניין יאָהר אָנגהויבּען גמרא. נ... נישקשה, דו וועסט נאָך פון איהם האָבּען נחת...

פאַרדריסט שוין דעם פעטער אורי, וואָס מען האָט זיך אַזוי פונאַנדערלויבט איבּער אַזאַ שייגאַץ, וועלכער פאָלגט ניט אַ טאַטען, וועלכער אַנטלויפט, ווען מען הייסט איהם טרינקען טיי.

— און אָט... גאָרנישט,-צעשרייט ער זיך אין מיטען דערינען,—זיצט דאָרטען אין דער פינסטער און מיינט, אַז מען קלייבּט דאָ פון איהם נחת. וואַרט, וואַרט. איך וועל זיך נאָך מיט דיר אָפּרעכענען.

—און טאַקע — העלפט צו צום טאָן דער פעטער פיני, און שרייט אויך — בּיזטו ניט ווערט, מען זאָל זיך מיט דיר אָפּ-רעכענען? וו... וואָס פאַר אַ באַהאַלטען זיך פון טאַטען? שייגאַץ!

— וועסט נאָך הייצען די הרובעס בּיי ירחמיאלקען!

— אוי, וועט ער הייצען! וואָס דען? נאָך אַ מין הייצען!

— און מיינסט אפשר, אַז ירחמיאלקע איז אַן אַנטיקעל? אָט זיצט ער, דאַכט זיך, דער עברי-בּחור מעשה-מענש, אָבּער דו ווייסט נאָך גאָרנישט, וואָס פאַר אַ סחורה דאָס איז...

— אוי, אוי, צי איך ווייס. ס׳איז שוין איינמאָל אַ סחורהקע, אוי, אוי, אַ ירחמיאלקע!...

— שוין באַלד צוויי חדשים, אַז ער האָט צו טאָן מיט דער קאַץ, נאָר מיט דער קאַץ. אָדער ער האַלט זי אין דער לופטען פאַרן עק און וויגט זי. דאָס הייסט בּיי איהם אַ „זייגער”... אָדער ער וואַרפט איהר אַ בּיינדעלע אָנגעבּונדען אויף אַ פאָדים, שלינגט זי איין — שלעפּט ער עס צוריק אַרויס

פון גאָרגעל. דאָס הייסט ביי איהם „כאַפּען פיש". אזא יונ־גאַץ. אַ?

— אַזוי?? — וואונדערט זיך פּיני מיט האַרץ,—אָט אַזעט־קענע מעשים טוט ער אָפּ און מען שוויגט איהם?

— איך וועל זיך צו איהם נעמען. ער איז שוין לאַנג ווערט, אַז מען זאָל איהם אַריינצימבלען...

— מ'זאָל איהם קאַטעווען... מ...זאָל איהם די הויט שינדען.

ירחמיאלקע דער חומש־בחור, וואָס זיצט דערביי, דער־פיהלט, אַז פון רעדען גלאַט אין דער וועלט אריין, הויבט דאָס אָן איבערגעהן אויף אַן אמת. און פעטער פּיני, דער זאַאיקע, דער שלימזל, וואַרעמט נאָך אונטער. קען נאָך דער טאַטע מיטאַמאָל אַראָפּכאַפּען דעם פּאַסעק און מקיים־פסק זיין דאָ אויפן אָרט. צעוויינט ער זיך.

ווערט פעטער אורי ווייכער. איהם פאַרדריסט שוין, וואָס ער לאָזט אויס זיין כעס צו די קינדער. וואָס פּיני מישט זיך איהם אַריין. וואָס מישט ער זיך? און זיינע פאַהאָסטער ליי־דאַקעס זיינען אפשר בעסער, וואָס?

מאַכט ער צו ירחמיאלקען:

— נו, נו, רוכע זיך ניט... אַ טאַטע מעג זאָגען — אַ טאַטע.

— ניין, — ווענדעט ער זיך צו פעטער פּינין — אַזוי איז ער אַ וואוילער אינגעל, אַזוי, עס מאַכט ניט אויס.

— אַ טייערער אינגעל! וואָס? ווער זאָגט? ניין, אַזוי איז ער אַ וואוילער אינגעל.

— ער דאַרף זיך אָבער אָפּגעוואוינען פון דער קאַץ. דאַרף ער זיך. איז ווער האָט עפּעס צו איהם?

— נ...נאָר ניט מיט דער קאַץ. ווער וועט צו איהם עפּעס האָבען? דער עיקר איז ניט טשעפּען די קאַץ.

אָט אַזוי רעדען זיך איבער די ביידע באַבערדעלטע. בכבודיגע ברידער. הוידען זיך ווי צוויי גרויסע קינדער אויף אַ ברעט... — הויבסטו מיך אויף — לאָז איך דיך אַראָפּ. לאָזטו זיך אַראָפּ — הויב איך זיך אויף! אַזוי לאַנג, אַזוי

ברייט, ביז וואַנען פּעטער אורי זעהט זיך אַרום, אַז ס'איז קיין סוף ניטאָ און ס'איז קיין ענדע ניטאָ און קיין טאָלק ניטאָ. אַז זיי קענען אַזוי אַוועקרעדען ביז טאָג און זיך ניט דער־רעדען. און דער עיקר איז דאָך ניט די מומע פייגע מיט איהר מאַרק, ניט דער גמרא־בחור, ניט פּייוקע, ניט ירחמיאלקע, ניט די קאַץ, ניט קיינער ניט... ס'איז אַלץ פּוסטע מעשיות. דער עיקר איז דאָך דאָס נעמען און אַרויסנעמען דעם פּופּציגער און אָפּשטעקען פּינין אויף „אַן אויפגאַב", און פאָהר געזונט! צוליב וואָס ציהען די עצמות?

און ווען פּיני האַלט אין רעכטען מיטען זאַאיקען אין קאָכען זיך, שטעלט אויף איהם פּלוצלינג אַן פּעטער אורי ביי־דע קאַסאָקע אויגען. אַ ווײַלע קוקט ער איהם אַן שטיל און שווער, און גיט אַ שלאָג איבער שוין מיט אַ ניכטערער שטימע:

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, פּיני? ס'איז מיט דיר אויך ניטאָ וואָס צו רעדען. טרינק שוין בעסער טיי! טרינק געזונטערהייט!

און ער געהט צו האַסטיג צום קאָמאָד און הויבט איהם אַן שליסען מיט אַ מין אינערליכע פרעהליכקייט פון אַ מענשען, וואָס האָט גובר געווען דעם יצר־הרע פון קאַרגשאַפט און אַראָפּ־געוואָרפען זיין יאָך.

בלייבט פּעטער פּיני שטעהן אין מיטען, גיט אַ קוק אויף פּעטער אוריס פּלייצעס, און פאַרשטעהט, אַז דער גמילות־חסד וועט באַלד זיין אויפן טיש, לאָזט ער אַראָפּ די אויגען און זאַאיקעט אַביסעלע טרויעריג:

— אי... אי... איך טרינק דאָך... אַ...אודאי טרינק איך. וואָס דען טו איך? איך רעד?

# מען פרעגעלט איינגעמאַכץ

די מוהמע פייגע פרעגעלט היינט איינגעמאַכץ. מען מוז זיך צואיילען. דער סעזאָן פון מאַלינעס איז באַלד פאַרביי. האָט די מוהמע פייגע געכאַפּט, איינגעקויפט אַ גרויסע שיסעל מאַלינעס, אַ פופצעהן פונט צוקער און פרעגעלט.

די שפּיצען פון איהר קאָפּ־טיכעל האָט זי פאַרבונדען אויף הינטען. אַ סימן, אַז עס שטעהט פאָר אַ גרויסע בעל־הביתישע אונטערנעהמונג! זי איז היינט אויפן סאַמע שפּיץ בריהשאַפט. היינט ווערט באַשאַפען, אין דעם בעל־הביתישקייט, דער שעדעוור פון אַ גאַנץ יאָהר.

די בעקלעך פלאַמען ביי דער מוהמע פייגען, די שפּיץ נאָז און די פינגער זיינען ביי איהר פאַרפלעקט מיט מאַלינע־בלוט. די ליפען איהרע האָבען זיך צעבליהט און די אויגען זענען יונגער געוואָרען. זי איז היינט אין גאַנצען אַ זיסע, אַ קלעפּיגע, אַ פלייסיגע און אַ בייזע ווי אַ ביהן, בשעת קלייבען דעם האָניג.

די חברה קליינוואַרג, אָנהויבענדיג מיט'ן מוזיניקעל און ענדיגענדיג מיטן גמרא־בחור, האַלטען זיך מיט דרך־ארץ אָן אַ זייט. זיי פיהלען בחוש, אַז היינט איז אַ סכנה אָנצוהויבען זיך מיט דער מוהמע פייגען. מען טאָר ניט כאַפּען פון די טעלער, מען טאָר ניט שמעקען, מען טאָר ניט פרעגען, מען טאָר גאָרניט קלערען פון אַראָפּלקחענען אַ פּאָר מאַלינעס, אַזוי ווי דער שטייגער איז, ווען די מאַמע קומט מיטן פולען

קאָשעק פון מאַרק. וויל מען לעבען אויף דער וועלט, דאַרף מען זיצען און שווייגען... זיצען זיי און קוקען אַרויס פון די ווינקעלעך, ווי די קליינע שדימלעך אין אַ צויבער-קיך... נאָר די אייגעלעך גלאַנצען.

די צייטיגע מאַלינעס זיינען אָפּגעקליבען אין אַ גרויסען ווייסען פּאָלומיסעק, ווי אַ רויטע שמעקענדיגע פּיראַמידע פון רובינען. זיי האָבען פאַרשמעקט די שטוב מיטן ווילדען וואַלד, וואו די דאָרף־גויות האָבען זיי פאַרטאָג אויף דעם טוי געקליבען... איטליכע מאַלינע באַזונדער איז אַ קליינע פּיראַמידעלע פון צוזאַמענגעקלעפּטע, קליינינקע גראַנאַט־שטיינדלעך, אַ קעפּעל פון אַ מאַרקיז־פינגערעל מיט רובינען געפּאַסט.

ניט ווייט פון די מאַלינעס, אין אַן אַלט־מאָדישער שי־סעל מיט בלויע פויגלעך, איז אָנגעהויפט אַ צווייטע פּיראַמידע פון מעהל־צוקער. און ווייס איז דער צוקער ווי געפּאַלענער שניי מיט בלויליכע שאָטענס, וואָס דער ווינט האָט אין מיטען ווינטער נעבען פּלויט אָנגעווייעט.

די ווייסע קופּע צוקער שאָטענט צופּ די רויטע פּיראַמידע פון פרישע מאַלינעס.ביידע זיצען זיי אַזוי מלכותדיג, ברייט־לעך און ניי אויף דעם אָפּגעשאָבענעם הילצערנעם טיש. ס'איז פּראָסט אַן עברה צו נעהמען און פאַרקאָכען איינס מיטן אַנ־דערען אין דער גרויסער מעדניצע און מאַכען פון זיי איין רויטע קאַשע, איין איינגעמאַכץ...

נאָר די מוהמע פייגע האָט קיין רחמנות ניט. אַזוי ווי דער קינסטלער דערבאַרעמט זיך ניט אויף דעם ווייסען שטיק מאַרמאָר, וועלכען ער האקט און ברעכט און פיילט בשעת דער טאַלאַנט צעשפּיעלט זיך אין איהם...

די מוהמע פייגע מעסט אָפּ וואַסער אין דער מעדניצע. מיט אַ ריינער גלאָז מעסט זי דאָס. ס'איז אַן אַלטע ירושה־גלאָז מיט געשליפענע קאַנטען. אַ האַלבע גלאָז וואַסער אויף יעדען פונט צוקער, וואָס ליגט גרייט אויפ'ן טיש. איהר פּנים איז דערביי געשפּאַנט. די ליפּען באַוועגען זיך, שעפּטשען עפּעס... אַ באַשווערונג אָדער אַ ברכה? ווער ווייסט? כּוּנקט אַזאַ

פאַרסודעטען פנים האָט זי אויך בשעת זי מעסט פאָדעם אויף די וועקסענע ליכט ערב יום־כפור...

דערנאָך צינדט זי אָן די טרוקענע שפענדלעך, וועלכע ליגען גרייט אויפן פריפעטשאָק אונטערן דרייפוס.

ווי אַ סיגנאַל פון צויבער באַווייזט זיך דאָס ערשטע בלויע פייערל צווישען די שפענדלעך. אַ ציטערדיגער שיין געהט אויף. דערנאָך ווערט אַ קנאַקעריי און דער פלאַם ווערט אַלץ גרעסער און שטאַרקער. דער אָרעמער פאַרחושכטער, פאַרסאַזשעטער פריפעטשאָק ווערט באַגאָסען מיט אַ רויטער פלאַטערדיגער ליכטיקייט. אָ, ס'איז איהם היינט וואויל, דעם פריפעטשאָק! ער האָט געוואַרט אַ גאַנצען, קאַלטען ווינטער מיט אַ שטיק זומער און האָט זיך דערוואַרט...

דער געפּאָלירטער מעש פון פאַן לאַכט און שמייכעלט און בלינצעלט. אין פענסטער קוקט אַריין אַ שטיק בלויער הייסער הימעל, אַ סוף־תמוז־הימעל מיט אַ פאַרגרינטען ברעג דאַך פון אַ שכנס הויז. דער מוהמע פייגעס קאַפּויר פאַרבונ־דענע טיכעל, די קופּע מאַלינעס, די ווייסקייט פונם צוקער, די בלויקייט פון הימעל, דער גאָלד-גלאַנץ פונם מעש, די צונ־גען פייער אויפן שוואַרצען פריפעטשאָק, דאָס קנאַקען פון די פרישע, פעכיגע שפענדלעך — אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין איין פרעהליכער, סוף־זומערדיגער האַרמאָניע.

מען פרעגעלט איינגעמאַכץ. אפילו דער פעטער אורי איז עפּעס אויך ניט ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. ער איז עפּעס היינט אַ ביסעלע יום־טובדיג געשטימט און אַ גנאָדיג שמייכעלע שפּילט ביי איהם אונטער איין וואָנסע. נאָר ער שווייגט. נאָך דעם נאָכמיטאָגדיגען שלאָף געהט ער זיך אַדורך איבער דער קיך אין טלית־קטן, אין די ווייסע אַרבעל פון העמד מיט דער זיידענער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ. די ציצית פּאַטשען איהם ליעבלעך איבער די קני. אַ קוק מיט די קאַסאָ־קע אויגען אויף דער מוהמע פייגען, אַ קוק אויף די ווייסע־חברהניקעס, און גאָרניט. קיין וואָרט ניט גערעדט. ער טרייבט ניט די חדר-אינגלעך אין חדר אַריין, ווי זיין שטייגער איז.

אין איין מינוט ווערט ער ווי פארשכורט פון דעם מאַלינע־דופט, פון זייער זאַפטיגער רויטקייט, פון די ווייסקייט פון צו־קער, פון דער מוהמע פייגעס צעפּלאַמטע בעקלעך. לאָזט ער אַראָפּ די הענד אין די קעשענעס און גייט זיך אַדורך אַ פּאָר מאָל איבער אַלע צימערן מעשה בעל־הבית. דאָס זיסקייט פון געכאַפּטען דרימעל זידט נאָך ביי איהם אין די דלאָניעס, און עפּעס אַ גוטמוטיגער „בים־באָם" טרילט איהם אַרויס פון האַלב אָפּענעם מויל און פון נאָז.

דערנאָך זעצט ער זיך אויף דער קאַנאַפּע און נעהמט אַ ספר אין האַנט. נאָר לערנען מיט כונה לערנט ער ניט. צווי־שען די שורות רויטלען זיך די מאַלינעס מיט די צוקער, וואָס ער האָט ערשט אין קיך געזעהן, עס טאַנצען די פּייערלעך פון פּריפּעטשאָק... די „עולם־הזה" שפּאַרט זיך מיט אַלע כחות אין דעם „עולם־הבא" אריין... בלעטערט ער דעם ספר און קלעהרט עפּעס, שפּיעלט מיט אַ ציצה אויפן קניע... עס ווילט זיך איהם אַ גלאָז טיי. נאָר ער איז דאָס מאָל איינגעהאַלטען, נאָכגיביג און האַלב פּאַרליעבט אין דער מוהמע פייגעס הייסע בעקלעך. און ער מאַכט זיך, אַז עס אַרט איהם גאָרניט, וואָס מען האָט אַזוי שפּעט דעם סאַמאָוואַר ניט געשטעלט...

— אָה־האָ, טאַטע זיסער! רייסט זיך איהם אַרויס אַ פרעה־ליכער זיפץ פון הארצען. שוין באַלד אַוועק תמוז... אַוועק אַ זומער.. בים־באָם־באָם...

און די מוהמע פייגע פּרעגעלט.

פריהער זידט זי אויף דעם ווייסען, שניי־ווייסען צוקער. זי מאַכט חרוב די ווייסע שעהנע פּיראַמידע און שיט זי אַריין אין דאָס ביסעל קאָכיגע וואַסער אויפן דעק מעדניצע. און אַז דער צוקער זידט גוט אויף, פּרובירט זי עס מיטן לעפעל. פון איהר גרויסער הילצערנער לעפעל קאַפּעט מיט צעשמאָל־צענעם בורשטין. זי טריפט אַריין אַ ביסעל אין אַ טעלערעל, בלאָזט און בויגט דאָס טעלערעל אויף אַלע זייטען, כדי צו זעהן די שליימיקייט... אַצינד זעהט שוין דער צוקער אויס ווי אַ בלייכער האָניג.

דערנאָך הויבט זי אָן ביסלעכווייז אַריינצושיטען די אָפּגעקליבענע מאַלינעס אינם הייסען, קאָכיגען צוקער. גוואַלד, ווי האָט דאָס אַ אידענע קיין רחמנות ניט אויף אַזעלכע זאַפטיגע, איידעלע, ווייכינקע מאַלינעס! גוואַלד, פאַרוואָס שטראָפט זי זיי מיט אַזאַ גיהנום!

פריהער דערהערט זיך פון דער גרויסער מעדניצע אַ זשיפעריי מיט אַ קוויטשעריי מיט אַ זיפצעריי. די מאַלינעס שרייען: „גוואַלד, ראַטעוועט! אָי, אָי, מיר שטאַרבען! מיר וועלען דאָס ניט אויסהאַלטען!...” דערנאָך ווערט עס אויף אַ ווײלע שטיל. די איידעלע מאַלינעס זיינען, אַפּנים, אין חלשות געפאַלען... דערנאָך גיט עס עפּעס אַ בורטש אין דער פולער מעדניצע, אין סאַמע בויך. דערנאָך אַ צווייטער בורטש. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז עס הויבט זיך אָן אַ גלייכמעסיגער פּרעגלען.

און אָט דאָ קומט אָן דער געפעהרליכסטער מאָמענט אין דער איינגעמאַכץ-קונסט, דאָ דאַרף מען קוקען מיט ביידע אויגען. אַ לייבען-קנייטש לעגט זיך דער מוהמע-פייגען אויפן שטערען, און פאַרלענגערט איהר נאָז-וואָרצעל, פאַרוויכטיגט, ווי אַן אַפּטייקערין, שטעהט זי איבערן פייער, איבער דער שמעקענדיגער פאַרע, און מישט און לעקט און כאַפּט אַראָפּ דעם שוים מיט די אָנגעזאָדענע ביינדעלעך — „באַרבעצי” הייסט דאָס, אַ נאַשעריי פאַר די קינדער. דאָס שליימיגע רויטקייט מיטן מחיהדיגען שוים גיסט זיך ווי אַ זיסע, האָניגדיגע בלוט אויפן ווייסען פּראָביר-טעלערל.

ביי די קליינע חברה-לייט צעברענען זיך די אויגלעך און עס ציטערען די נאָזלעכער. אַז מען נעהמט שוין אַראָפּ „באַרביצע” איז אַ סימן, אַז די איינגעמאַכץ איז שוין באַלד פאַרטיג. זיי שפּירען אין דעם, מיט אַלע זייערע קינדערשע חושים, דעם פאַרבאַלזאַמירטען טעם און ריח פון זומער, פון פעלד און פון ווייטען גרינעם וואַלד, וואו נאָר גויים און גויות מעגען קלייבען מאַלינעס און אידישע קינדער טאָרען ניט; וואוהין נאָר שניידער-יונגען און דינסט-מיידלעך מעגען געהן שבת שפּאַצירען, און בעל-הביתישע קינדער דאַרפען זיצען אין

חדר, שוויצען און זאָגען פרק... נאָר די מאַמע, די מאַמע פרעגעלט, זי פאַרמאַרענירט דעם גאַנצען זומער־טעם, זי וועט דאָס פאַרבינדען און באַהאַלטען אין אַ גלעזערנעם סלאָי... אין די ווינטערדיגע, כמורנע שבת־טעג וועט זי דאָס דערלאַנגען צום טיי. פאַרזוכט מען אַ לעפעלע, ווערט דער גאַנצער מויל פול מיט אַ שמעקעדיגען טעם. דער טעם פון זומער אַליין. אַ דאַנק איהר דערפאַר!

— נאַ, ס׳וועט דאַכט זיך זיין געגוג!

אַזוי גיט אַ זאָג די מוהמע פייגע פון פייער און פאַרע און פון גוטען גערוך אַרויס; און באַלד — אַראָפּגעכאַפּט די גרויסע מעדניצע פון אָנגעגליהטען דרייפוס און אַרויס מיט איהר אין פירהויז. זי טראָגט זי מיט גרויס פאָרזיכט. פונקט ווי די פאַן וואָלט געווען אָנגעלאָדען מיט טייערע שטיינער און מיט גליהענדיגע קוילען. אין דער האַלב־טונקעלער פירהויז שטעלט זי עס אַראָפּ צום קיהלען אויף עטלעכע שייטלעך האָלץ, וועלכע ליגען אויסגעלעגט אין איין שמאָלען דרייעק... עס שלאָגט פון דער מעדניצע איבערן גאַנצען פירהויז מיט אַ זיסער, שמעקענדיגער פאַרע, כאָטש געהט נאַשט די לופט מיטביידע ליפּען. די מעדניצע איז אונטען אין גאַנצען פאַררויכערט, מיט אַ שעהנער סאַמעטענער שוואַרצקייט איז זי אויסגעדעקט. נאָר אינוועניג, אינוועניג גלאַנצט נאָך דער מעש ווי פריהער און עס רויטעלט זיך אַ גאַנצע האָניגדיגע מאַסע פון באַלזאַמירטע מאַלינעס.

אויפן פריפּעטשאָק לעשט מען אויס דעם פייער. בלייבט ער שטעהן צוריק פאַרחושכט, פאַרקלעמט, פאַרסודעט; און זיין פאַררויכערטע שוואַרצקייט ציהט זיך אַוועק ערגעץ הויך, הויך, וואוהין קיין אויג קען נישט אַריינדרינגען. אין שטוב ווערט עפּעס צוריק וואָכעדיג, ווי נאָך הבדלה. די מוהמע פייגע וואַשט זיך איין מיט קאַלט וואַסער און בינדט איבער די שפּיצען טיכעל צוריק אויפן האַלז. דאָס באַדייט, אַז זי איז צוריק געוואָרען אַ מאַמע און אַ בעל־הביתטע אין שטוב. באַוויזען וואָס זי קען און געגוג!

דער יצר־הרע פון וואָכעדיקייט הויבט אָן צו רייצען בעטער אורין. מיטאַמאָל הויבט ער אָן צו טרייבען די קינ־דער אין חדר אַריין: „וואו איז דאָס געהערט געוואָרען חדר־אינגלעך זאָלען זיך אַזוי שפּעט אַרומדרעהען איבערן שטובז?.. נאַ!"

און אין מיטען מוסר זאָגען הייסט ער גאָר שטעלען דעם סאַמאָוואַר. עס האָט איהם שוין איבערגעטריקענט אין האַלז, זאָגט ער. יאָ, עס ברענט איהם שוין, זאָגט ער, שונא ישראל, אין האַרצען...

די חדר־אינגלעך ווערען עפּעס מאָדנע טרויעריג, נער־וועאיש, עס ווילט זיך ניט אַוועקגעהן פון דער דופטיגער קיך, וואו עס אָטעמט זיך אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק. גיט מען זיי איטליכען צו צוויי שטיקלעך אַלט־געבאַקענע שבתדיגע חלה מיט פרישע „באַרבעצי" באשמירט. איין אָנגעשמירטער זייט צוגעלייגט צום צווייטען. און די שענע רויטקייט שפּאַרט זיך אַרויס פון שניט... טרייסטען זיי זיך דערמיט און געהען פאַ־מעלעך אין חדר אַריין.

און פאַרנאַכט, בשעת לערנען תנ"ך אין דעם דושנעם חדר, לעבט נאָך אין דער קינדערשער פאַרשטעלונג די גרויסע מעדניצע, פול מיט אַ געדיכטען פרישען עקסטראַקט פון זומער און פון מאַלינעס־בלוט. אונטען איז זי מאַט־שוואַרץ ווי טייע־רער סאַמעט, אינווענינ גלאַנצט אין איהר דער מעש... אויף דריי שייטלעך בעראָזאָווע האָלץ שטעהט זי ערגעץ וואו אין אַ טונקעלען ווינקעל אין פירהויז און קיהלט זיך, און קיהלט זיך, די גרויסע, זיסע מעדניצע...

דערמאָנען זיך די קינדער, און עס ווערט עפּעס פרעה־לעכער צו לערנען...

# מען שלאָגט חזירים

## 1

זומער־לעב צעבליהען זיך אין שקלאָוו די אוגערקע־גערטנער און עס צעבליהען זיך די זומער־ספאָרטען. אַרבייט איז דאָ ביז איבערן האַלז: גנבענען זויערע אַגרעסען פון צווישען די ענגע צאַמען און צושטעכען זיך די הענט. פליוש־קען זיך אין דער אָזערע. כאפען פליגען. גראָבען גריבער, ווען ס'איז טרוקען, און לאָזען פּאַפּירענע שיפעלעך נאָך א רעגען. פליקען סטרונעס פון פערדישע עקען. טרייסלען כל־נדרי־באַרעלעך אויפן בית־עולם. רייסען שטעכעלקעס אין די קאַנאַוועס און אַריינפּלאָנטערען זיי איינעם דעם צווייטען אין די האָר. וכדומה, נאָך אַזעלכע עולם־הזהס.

דאָס שעהנסטע פון אַלע פארגעניגענס בלייבט אָבער פאָרט דער איידעלער ספאָרט פון שלאָגען חזירים. עס ווערט געשלאָגען מיט ליידענשאַפט, מיט מסירות־נפש, מיטן גאַנצען דער־הויבענעם פייער, וואָס די יוגענד טראָגט אין זיך.

דער סעזאָן פון שלאָגען חזירים עפענט זיך אויף אין שקלאָוו, ווי נאָר עס באַווייזען זיך די אידישע קופּעס מיסט פון אונטערן שנעע און ווי נאָר עס שליסען זיך די פריש־אויפגע־אַקערטע אידישע גערטנער.

די חזירים פון שקלאָווער גויעשקע הינטער־געסלעך זענען גאָר ניט קיין שונאי־ישראל, ווי די ווייס־רוסישע באַלעבאַטים

זייערע, מיט די פאַרריסענע שוואַרצע נאָזלעכער און מיט די קליינינקע גרויע אויגעלעך. פאַרקעהרט, זיי האָבן אַ שוואַכקייט צו דער אידישער געגענד. ס׳געפעלען זיי, למשל, די אידישע פעטע מיסטען, די שיריים פון שבתים און ימים־טובים. ס׳געפעלען זיי די אידישע גערטנער, וועלכע זענען ניט אַזוי פעסט פאַרצאַמט ווי די גויעשקע. קען מען דאָרט דורכברעכען, די אונטערגעפוילטע פלעקענער, מיט איין שטויס פון שנויץ, און פאַרבייסען מיט אַ פרישע אוגערקע, מיט אַ זיסען ריבען, גלייך פון בייט. הײנט דאָס אויסרוהען זיך נאָך אַזאַ מלכותדיגער סעודה אין די זומפּען ביי דער אָזערע! ווי קומט די גויעשקע זאַמדיגע „פּליאַזשע" צום אידישען בלאָטיגען ברעג! אַהין, צום זאַמד, זאָלען נאַרישע מענשען לויפען באָדען זיך. אָבער אויף וואָס טויג אַ חזיר זאַמד? וואָס זאָל אַ פּראַקטישער דבר־אחר אָנהויבען צו טהאָן מיט זאַמד?...

די וויזיטען פון די אומגעבעטענע געסט הויבען זיך אָן גאַנץ פריה. פריהער פאַר אַלעמען געהט דער גרעסטער און עלטסטער, אַליאָשקע דעם שוסטערס דבר־אחר. גרויס איז ער און הויך ווי אַ יאָהריגע קאַלב, מיט שטעכעדיגע האָר אויפן האַלב־קיילעכדיגען, מיאוסען רוקען, מיט אַ גרויסען, שווערען בויך אויף דינע רעוומאַטישע פיסלעך. דוכט זיך דערפאַר אויס, אַז ער געהט באָרוועס, און אויף די שפּיצען פינגער. געהענדיג און שטעהענדיג — איז רק דאָס נישטערט און רק דאָס גראָבט עפּעס. אַ ווערימעל לאָזט דאָס ניט דורך. קאַרג איז דאָס און געפרעסיג ווי אַן אַלטער פּראָצענטניק. ער נישטערט און קרעכצט. זיין ברודיגער שנויץ־פּנים איז שטענדיג פינסטער, שטענדיג פאַרזאָרגט. אַ קלייניקייט, באַזאָרגען אַזאַ משפּחהלע, ווי די, וואָס שלעפּט זיך איהם נאָך, מיט חיונה און מיט דרך־ארץ, לערנען זיי ווי מ׳זאָל פיהרט זיך אויף צווישען לייטען!... נאָך איהם געהען נאָך זיינע דאַמען מיט זייער דערוואַקסענעם און ניט דערוואַקסענעם „פּריפּלאָד". חזרים און חזרימלעך פון אַלע גרויסען. און אַז די חברה זיינע צעיושען זיך אַביסעל, כאַפּען אַ טענצעל אָן דער זייט, שרייט ער, דער עלטסטער, אויף זיי

אָן, ניט אומדרעהענדיג דעם קאָפּ: „כריו-כריו״... ס׳הייסט: געהט ווי מענשען! פיהרט זיך אויף מיט לייטען גלייך!

— „כריו-כריו!״ — ענטפערט איהם קליינוואַרג פון הינ-טען — מען פיהרט זיך אויף אָנשטענדיג, אָבער גאָר לייטיש...

אָנגעקומען אין דער אידישער געגענד, הויבט מען אָן קרעכצען און אָכצען, ווי פאַרשפּעטיגטע מחותנים, וואָס ליידען אויף רעוומאַטיזם: „אָך-כאָאָאָ-כריו-כריו, קוים לע-בעדיגע דערגאַנגען... אַזאַ ווייטער מהלך... נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב גוטע שכנים!״...

און באַלד טאַקע דערהערען זיך פרעהליכע טאָסטען פון אידישע הויפען און גערטנער. דאָס נעהמט מען אויף מיט באַ-גייסטערונג די בכבודיגע געסט:

— אַ יו־־־ויס, כאָלעריע אויף דיר!

— אָי, אַן אומגליק! די בוראַקעס!

— גוואַלד די קלייען! אַ מכּה אין דיין טריפהנעם גע-ביין אַריין!

— אַ מהומה, אַ שרפה, אַ מגפה!

— אַ יוס-יוס-יו-וס!

געריהרט פון אַזאַ וואַרימען קבלת-פנים, פון זודיגע קענדעלעך וואַסער און פון געשליידערטע האַלבע ציגעל און שייטלעך האָלץ, פאַרגעהען זיך די מחותנים אויף אַלערליי פאַל-צעטען. זיי קוויטשען אַנטציקט „הי-אי-י״, ווי מיט אַ טעמפּער פייל איבער גלאָז, און לאָזען זיך לויפען צוריק אין זעהר אַ געהויבענער שטימונג. אַזש די בייכער טרייסלען זיך.

וואוהין לויפט מען נאָך אַזאַ פרעהליכען אָנבייסען מיט אונטערגעהאַקטע זייטען? פאַרשטעהט זיך, אַז צו דער אידישער בלאָטע מיטן גרינעם שוימעלע, ביים ברעג אָזערע, פונקט אַנט-קעגען פעטער אוריס הויז.

אַז וואַרימע בלאָטע איז גוט צו קנאָכען-וועהטאָגען, צו ציהעניש און צו „רייסעניש״, האָט אַליאָשקעס דבר-אחר בקבלה פון זיינע אור-אור-עלטערן, נאָך איידער נגידים האָבן אַנטדעקט מאַריענבאַד, נאָך איידער מאַריענבאַד איז אויף דער וועלט

געוועז. לויפט ער אהין מיט זיין נגידישן טריבעך און ציהט נאך זיך נאך זיין אייגענע משפחה און אויף פרעמדע פאמי־ליעס. אינם געדיכטען שליים, צווישען די טראָסטינעס ציהט מען זיך אויס זייט ביי זייט, ווי אויף פּערינעס, להבדיל. די אינגערע דרעמלען גלייך איין. נאָר דער עלטסטער, דער רעווי־מאַטיקער, קען זיך אַלץ קיין אָרט ניט געפינען. ער אָכצעט און קרעכצט און גרעבצט און שלוקערצט, שטעהט אויף און לעגט זיך און דרעהט זיך און שילט דעם מזל זיינעם, זיינע וועהטאָגען אויף די עלטערע יאָהרען, ביז ער ווערט מיעד. זיפצט ער אָפּ פון גרויסען בויך אַרויס, ציהט אויס דעם שנויץ און דרימעלט אויך איין.

און עס חלומען זיך איהם אמאָליגע געדיכטע וועלדער, אין טיעף־פּאָלעסיע, ערגעץ־וואו אַרום פינסקער בלאָטעס: פון וואַנען עס שטאַמען זיינע אור־אור־עלטערן, די ווילדע חזירים פון פאַר הונדערטער יאָהרען... וואו מען האָט פאַרגריזשעט אָפּגעשטאַנענע יעגערס לעבעדיגערהייט... און אַצינד... אכריו־אכריו, ווייבער מיט פאַרטיכער פאַריאָגען איהם מיט אַ שטיין, מיט אַ ביין, מיט אַ קענדעל קאָכיגע וואַסער... כריו, אַז אָך און וועה צו די יאָהרען!

נאָר אַפילו אָט־אָ דער אומרוהיגער דרימעל געדויערט אויך ניט לאַנג. באַלד קומען אָן אוריס קינדער פון חדר, וואַ־רימעס עסען, און אויף די אויסגעצויגענע קור־געסט, אין שוואַרצען זומפּ, הויבען אָן פליהען שטעקענער און האַלבע ציגעל. איז אויס מנוחה און אויס קוראַציע! די זייטען זענען נאָך אַפילו ניט פאַרהיילט, ניט אויסגעוואַרעמט, נאָר סע העלפט ניט, מען מוז אויפשטעהן.

פריהער פאַר אַלעמען שפּרינגען אויף די יונגע דברי־אחרלעך, נאָך זיי די מאַמעס זייערע און די עלטערע „ברידער". נאָר אַליאָשקעס דבר־אחר, דער עלטסטער, איז נאָך ניט אויס־גערוהט, פוילט ער זיך נעבעך זעהר. שווער און צובראָכען, הויבט ער זיך אויף, אויף די פאָדערשטע רעוומאַטישע פיסלעך, און גיט אַ פרעג: „כריו?" ס'הייסט: וואָס איז עס פאַר אַ טומעל?

ענטפערט איהם די גאַנצע משפּחה, אַלע אויף איין מאָל: „כריו, כריו, אָבינו־פאָטער! די שונאים זענען אָנגעפאַלען! גיכער!״

גלויבט ער אַלץ ניט, דער אַלטער תרח, דער גראָבער בויך. ער פוילט זיך און וויל געווינען צייט, פרעגט ער איבער נאָך אַמאָל:

— כריו?

אָנשטאָט אַן ענטפער, פליהט איהם שוין אַ האַלבער ציגעל גלייך אין שנויץ אַריין... און מיט איין מאָל, גיב נאָר אַ קוק! ער האָט פאַרגעסען זיין שוועהרע עלטער, זיין רעוומאַטיזם, זיין דיקען בויך. מיט אַ מוראדיגען בריל שפּרינגט ער אויף, אויף אַלע פיער, און לאָזט זיך לויפען ווי אַ פאַרשטעלטער הינקענדיגער בעטלער, דערזעהענדיג פּאָליציי... ער טראָגט זיך ווי אַ שטורעם צוריק, אין די גויעשקע געסקעס אַריין, און די גאַנצע כאָפּטע חזירים נאָך איהם. אַלע קוויטשען און אַלע גוואַלדעווען:

— הי—אי—אי—י. מען האָט דאָך אונז געקוילעט! געוואַלד, פּראַוואָסלאַווניע, מען האָט דאָך אונז געשאָכטען! וועהגעשריען, קריסטען, מען האָט דאָך אונז שלעכטס געטהאָן!...

מיינט מען דאָך פּטור, אין דער ערד מיט די טריפהנע ביינער! — אָבער ווי נאָר די ווייסע חברהניקעס געהען אַוועק אין חדר אַריין, ערשט אַהאַ!... די מחותּנים זענען ווייטער דאָ. די טייערע קרעכצענדיגע געסט, פון די גויעשקע געסלעך.

## 2

ס'טרעפט אַמאָל, אַז אַ יונגער דבר־אחר פאַרלירט דעם וועג צוריק אַהיים. ער פאַרלירט זיך אין די אידישע גאַסען: אָדער מען האָט איהם אַזוי גוט מכבד געווען, אַז די פּיסלעך דינען איהם ניט גוט. דאַן קומט פאַרנאַכט די באַלעבאָסטע זיינע אויפזוכען איהם. זיצען זיך אַזוי אידישע משפחות, נאָך וועטשערע, אויף די פּריזבעס און אין מיטען גאַס שפּרייזט

בּאָרוועס. אין איין ציצענעם קליידעל, וואַסיע, אַליאָשקע דעם שוסטערס פלוניתטע, אַ הויכע מרשעת מיט ברייטע באַקען-ביי־נער און מיט בייזע, קאַלמיצקע אויגעלעך. אונטער איין אָרעם האַלט זי האַלב־איינגעבויגען אַ גרויסע, פאַרזשאַווערטע, בלע־כענע פּושקע, און וואַרפט פון דאָרטען איינס נאָך איינס קליי־נע בולבעסלעך, כדי צו פאַרנאַרען נאָך זיך דעם פאַרבלאָנ־דזשעטען תכשיט איהרען. זי וואַרפט און זינגט צו איהם אַזוי זיס, ווי צו אַ בן-יחיד, וואָס וויל קיין זופּ ניט עסען:

— וואַסיוטקאַ, וואַסיוטקאַ! וואַס-וואַס-וואַס..

און דער וואַסיוטקאַ איהרער לויפט איהר טריי נאָך, כאַפּט די בולבעסלעך, טשמאָקעוועט און ריטשעט פאַר הנאה:

— אַמרוה — אַמרוה... נאָך אַ בולבעצקע, מוטערל, נאָך אַ בולבעצקע... איך עס דאָך... איך געה דאָך...

קוקען אידען צו, און סע קאָכט אין זיי די יוכע פאַר אַזאַ ליעבע צו אַ חזיר. ס׳געהערט! שוין גאָר „וואַסיוטקע״ גאָר.

— וואָס זאָגסטו צו איהרע יאָהרען? — ווענדעט זיך מוהמע־פייגע צום פעטער אורין און לעגט צו אַ פינגער צום באַק,— אַ קדיש!...

— הערסט דאָך — ענטפערט פעטער אורי — זי הייסט „וואַסיע״ און דער דבר־אחר הייסט „וואַסיוטקאַ״. היינט געה טרעף, ווער נאָך וועמען איז אַ נאָמען.

— און אָט דאָס פרעסט מען! — שפּייט אויס עשקע די שכנטע אויף דער צווייטער פריזבע.

— אַן אומה! — רעדט נאָך אָהן צייהן מוהמע-לאהקע, די באָביצי, אוריס מוהמע, און שאָקעלט צו מיטן טשעפּטשיק. ווי איינע זאָגט: אַז אָך און וועה צו אייערע שטוב-בהמות, צו אייערע מאכלים, און צו אייער לייב און לעבען.

פּייוועלע, דער חומש-בחור, הערט זיך צו צום געשפּרעך פון די עלטערע און די אויגען פלאַקערען ביי איהם. דאָס זי־סע לידעלע פון וואַסיען און דאָס פּיעסטשען־זיך פוגם חזירל געהען איהם איבערן לעבער. ער וואָלט איהם מכבד געווען מיט אַ האַלבען ציגעל גלייך אויפן אָרט. נאָר ער האָט מורא פאַר

אַליאָשקען — וואַסיעס מאַן. אַליאָשקע האָט אַ נאָמען פאַר אַ רוצח. מען זאָגט, אַז ער האָט אין קיעוו, אויף אַ פּאָגראָם, געשלאָגן אידען און גערויבעט... און דערפון אויסגעבויט זיך זיין כאַטע. קריצט ער אין דער שטיל די צייהן אויף וואַסיען און אויף איהר תכשיט: „איך וועל דיר שוין מאַכען אַ וואַסיוטקאַ וועל איך דיר מאַכען!“...

ער רופט צו ירחמיאלקען, זיין אינגערען ברודערל, און רוימט איהם אַריין:

— האָסט געזעהן אָט דעם „וואַסיוטקען“? ער האָט דאָך אַ פלעק אונטערן אויער.

— יאָ, יאָ, טאַקע אַ שווארצער פלעק! — טאַנצט אונטער דאָס מוזינקעל.

— מ'עט איהם אונטערהאַקען די פיסלעך — רעדט דער חומש-בחור שטיל און זאַכלעך ווי אַ פאַרשווערער.

און ער האַלט וואָרט.

דער בעסטער אָרט וואו צו שלאָגען חזירים איז אויס אַרומגעצאַמטער הויף. און אַז אַליאָשקעס חזירל „מיטן שווארצען פלעק“ פאַרגאַדיעט זיך אין אויס קרויט־גאָרטען, ציהט מען אַרויס איין פלאָקען פון צוים, צווישען גאָרטען און הויף, און מען טרייבט דורך דעם דבר־אחר, דורך דעם דאָזיגען שפּאַלט, אין הויף אַריין, און מען פאַררוקט צוריק דעם פלאָקען. אַצינד איז שוין דער חזיר געפאַנגען, און אַלץ איז פיקס און פאַרטיג צו געבען קלעפּ. דער געפאַנגענער באַוועגט די אָפּגעהאַנגענע אויערען זייגע מיט גרויס פאַרדאַכט. ער פיהלט בחוש, אַז גאָר גלאַט וועט די עבירה פון עטליכע אויפגענאַשטע אוגערקעס ניט אָפּלויפען... און זוכט אַ שפּאַלט וואו אַרויסצוקריכען. נאָר ס'איז אַן אומזיסטע טרחה! ביי אַלע שפּאַלטען שטעהן אויס וואוילע יונגען מיט שטעקענער אין די הענד, ווי די תלינים, און וואַרטען אויף דער עקזעקוציע. פון אַזאַ כשרע הנאה, ווי שלאָגען אַ חזיר, קען זיך ניט אָפּזאָגען אפילו וועלוועל, דער עלף יאָהריגער גמרא־בחור. צוליעב אַזאַ מצוה רופט מען אַריין אין

הויף אפילו שמוליקען, דעם שאָרניקס יאַטעל, וואָס וואוינט אין שכנות. זאָל ער אויך וויסען, אַז מען לעבט אויף דער וועלט.

דעם ערשטען צייכען גיט דער היציגער חומש־בחור, וואָס וואו עפּעס אַ שקאָצעריי איז ער דער ערשטער. מיט שטי־לינקע טריטעלעך דערנעהענט ער זיך צום געפאַנגענעם. ער האַלט דערביי דעם שטעקען פאַרוואָרפען איבערן קאָפּ, ער האַלט איהם פעסט, ווי אַ קאָוואַל זיין האַמער, און רעדט צום חזיר אַזוי זיס און פאַרפיהרעריש:

— וואַסיוטקאַ, וואַסיוטקאַ... וואַסי־וואַס־וואַס...

מיינט דער חזיר, אַז מען וויל דאָ מיט איהם שליסען פרידען. און ווער ווייסט? אפשר ווארפט מען איהם נאָך צו אַ בולבעצקע... מען קען ניט וויסען. גיט ער אַ שאָקעל מיט ביידע אָדערדיגע אויערען איבער די אויגען און מאַכט זעהר העפליך: „כריו". ס'הייסט: אַדרבא, פון זיין זייט איז קיין מניעה ניטאָ... אָבער גלייך נאָך זיין רעוועראַנס באַקומט ער אַזאַ קנאַק איבערן שאַרבען, אַז ס'פאַרגעהט איהם יעדער פאַציפיס־טישער געדאַנק. לאָזט ער זיך לויפען צו אַ צווייטען הויף־ווינקעל מיט אַ קוויטש און מיט אַ כריוק: „נאַ־נאַ, ער שלאָגט זיך גאָר!"... אָבער דאָ שטעהט שוין גרייט ירחמיאלקע און טיילט איהם אַריין אַ מתנת־יד מיט זיין שטעקען פון דער פולער האַנד. ערשט דאָ זעהט איין דער חזיר, אַז ס'איז גאָר ניט קיין קאַטאָוועס, אַז דאָס זענען אמתע קלעפּ און אמתע ביינער־ברעכעריי. מאַכט ער אַ געוואַלד, אַז מען ממיתט איהם, אַז מען קוילעט איהם. טרעפט איהם אָבער גלייך אין שנויץ אַ שטיין פונם שאָרניקס אַ יאַטעל, אַ מזיק אַ פלאָקען־שיסער. און נאָך איהם — אַ שטעקען פון גמרא־בחור. נעהמט איהם אָפּ יעדער חשק צו קלאָגען זיך. ער קוויטשעט נור און ווינ־זעט, אַז ער וועט שוין זיין גוט און פרום, אַז ער וועט שוין מעהר ניט קריכען אין פרעמדע גערטנער, אַז ער וועט... נאָר ווער הערט איהם, און ווער גלויבט דאָס אַ חזיר? לויפט ער אַזוי אַרום זוכען אַ ראַטונעק פון איין הויף־ווינקעל צום

צווייטען, פון איין לײדאַק צום אַנדערען; און באַקומט קלעפּ מעהר וויפיעל שטעכיגע האָר אויף זיין רוקען.

דערהערט מוהמע פייגע דעם טאַראַראַם, קלאַפּט זי אָן אין שויב, שטעקט אַרויס איהר באַטיכבעלטען קאָפּ פון קיך־פענסטערעל און צעשרייט זיך:

— פייוועלע, שוין ווייטער אַ געשעפט מיט חזירים! דאַרפסט זיך נויטיג אום לעבען טשעפּען זיך מיט אַלאָשקען, דאַרפסטו?

רוקט זיך אַרויס אוריס קאָפּ, אין אַ סאַמעטענער יאַר־מולקע, פון אַ צווייטען פענסטער, און רעדט האַרב און מיט פאַרשטאַנד:

— אַ דבר־אחר דאַרף מען צופיעל ניט שלאָגען! ער וועט געדענקען וואו ער האָט באַקומען קלעפּ, וועט ער קומען צוריק.

נאָר דאָס איז נאָר אַזוי גערעדט. די ווייסע חברה־ניקעס ווייסען, אַז גראָד אויף דער דאָזיגער שקאָצקערייי קוקען די עלטערע דורך די פינגער. זיי פיהלען, אַז דער חזיר איז ביי די עלטערע לייט נאָך מעהר פאַרהאַסט ווי ביי זיי... ס'איז עפּעס דאָ אַ מין שטומער אָפּמאַך, אפילו צווישען שטרענגע טאַטעס און אינגלעך־סטאַטיקלעך:

„מילא, פאַרפאַלען... שלאָגט!"

אַ סך, אַ סך דורות האָבען אידען אין דעם חזיר געזעהן די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס גויעשקע, פון אַלדאָס בייזע און טריפה; דעם סימבאָל פון ווילדקייט, פון פרעמדקייט און פון טעמפּער אַכזריות. זיי האָבען אין איהם געזעהן דעם שאָטען. וועלכער באַגלייט אַלע פאַרפאָלגונגען און באַשמוצונגען, אַלע בלוטיגע צו־להכעיסן... ער ווערט געפרעסען פון אַלע פאַר־פאָלגער... פון זיין פלייש און פעטס האָבען זיי עס באַקומען זייער טרייפענע בלוט, זייער פאַרגרעבט האַרץ. אָה, דער טשאַד פונם געדויכערטען דבר־אחר, אויפן מזבח אין בית־המקדש, אין אַנטיכוס־עפּיפאַנוס צייטען, האָט זיך נאָך ניט

אויסגעוועבט... דאָס שטיין-בילד פון דעם חזיר-קאָפּ אויף די מויערן פון ירושלים, אין אַנדריאַנוסעס צייטן, לעבט נאָך ערגען-וואו אין אַ מוח-ווינקעל, אינם אידישן אונטער-באַוואוסטזיין... די גוים, וועלכע ווייזן אידן אַ שפּיץ פון אַ פּאָלע און שאָקלען זי, דערמאָהנען עס נאָך ביז היינט-יגן טאָג. און דער דאָזיגער מאָדנער האַס גיט זיך איבער פון דור צו דור, ווי אַ זעקסטער געפיהל; אַ מין פאַרבאָרגענע אכזריות צו אַ לעבעדיגער גאָטס באַשעפעניש, וואָס איז שווער צו דערקלערען. און אויך אוריס בנים האָבן דעם געפיהל געירשנט. מיט וואָס זיינען זיי ערגער פאַר אַנדערע? טאַטע-מאַמע טראָגן אויפן חזיר אַ שווער הארץ, און זיי, די קינדער, גיסן עס אויס. זיי לעגן אַריין אין אָט דער בייזער שטיפעריי, אַ מאָדנע ערנסטקייט, אַ טיפע ליידענשאַפט, אַ ניט-געבראָכטע גבורה, אַ ניט-דערפילטע נקמה. פייוועל, אוריס חומש-בחור, לעגט נאָך אַריין אין זיינע קלעפּ זיין גאַנצע „ביטערע הארץ", וואָס האָט זיך אָנגעווייטאָגט אין חדר, לערנענדיג „שוואַרבע". ער רעכנט זיך אָפּ פאַר שאול-המלך, ווען די פלשתים האָבן אומגעבראַכט אין גלבוע, פאַר צדקיהו המלכס צעהן זיהן, וואָס נבוכדנצר האָט געשאָכטן אין רבלה. ער רעכנט זיך אָפּ פאַר חנהן מיט איהרע זיבען קינדער, פאַר די אידן, וואָס אַליאַשקע דער שוסטער האָט געשלאָגן און גערויבט אין קיעוו; פאַר די מייטקעס, וואָס גויעשקע אָנגערייצטע הינט האָבן איהם צעריסן, בשעת ער איז אַליין געגאַנגען באָדן זיך... קיינער האָט דאָס איהם ניט אויפגעקלעהרט, אָבער ער פיהלט, אַז נאָר „דאָס חזירישע", אויף דער גאַנצינקער וועלט איז שולדיג אין אַלדי-צרות... דערפאַר באַציהט ער זיך אַזוי סקעפּטיש צו מוהמע פייגעס כלומרשטן קלאַפּן אין שויב און צום פעטער אוריס יאַרמולקע מיט זיין גאַנצער קלוגער עצה פון אָפּנעמען פענסטערל אַרויס. נאָר פון יוצא-וועגן פאַרמסרט ער דעם קרבן זיינעם האיך אויפן קול:

— אַז דער חזיר האָט צעטאָפּטשעט דעם גאַנצען גאָרטען, דעד חזיר!..

— טאקע צעטאָפּטשעט, צעטאָפּטשעט! — זאָגט עדות די באַנצע שעהנע חברהצקע, אַלע אין איין כאָר.

— לאָזט איהם אַרויס, זאָגט מען אייך! — דראָהט זיי אויס יאַרמולקע.

— עפענט אויף דעם טויער! — שרייט מוהמע-פייגעס קאָפּ־טיכעל.

— אַז ער וויל ניט אַרויס! — זינגט דער הומש-בחור, ווי אַ חזן.

— אַז ער וויל ניט אַרויס!—העלפען איהם אונטער זיינע משוררים.

פון יוצא-וועגען עפענט מען פונדעסטוועגען אויף אַ ביסעל דעם טויער, און מען נעהמט זיך ווידער צום דבר-אחר אַרויסיאָגען איהם, פּלומרשט, פון הויף, מעהר ניט ווי אַרויס-יאָגען... אָבער ווי נאָר די יאַרמעלקע און דער קאָפּ־טיכעל פאַרשווינדען פון די שטוב-פענסטער, נעהמט מען זיך ווידער שלאָגען. און ווי נאָר די חיה לויפט צו צום אָפענעם טויער, באַקומט דאָס אַ קלאַפּ און ווערט פאַרטריבען צו אַ צווייטען שלאָגער. אַצינד איז די איידעלע מלאכה גרינגער. די חיה איז שוואַכער און מידער געוואָרען, קוים וואָס ס'האָט כח אויסצומיידען די שטעקענס. עס קוויטשעט ניט מעהר. עס ווינזעט נור שטילערהייט. און ס'דאַכט זיך, כמעט, אַז די קלעפּ איז עס מקבל באהבה. נאָר מיט אַמאָל, גאָר פּלוצלונג, געהט דעם חזיר אויס די לופט. ער גיט אַ פאַל אויף די הינטערשטע פיסלעך. דאַן דערשרעקען זיך אונזערע גבורים. מען ווערט בלייך ווי קרייד. טאָמער בלייבט דאָ ליגען אַ פגר. מען שטעלט זיך שוין פאַר, ווי אַליאָשקע דער שוס-טער מיט זיינע גזלנישע אויגען רייסט זיך אַריין אַהער אָפּ-צעהמען זיין מת... מען ווערט אַנטשוויגען פאַר שרעק. מען שעהמט זיך קוקען איינער דעם צווייטען אין די אויגען אַריין. אַצינד עפענט מען שוין אויף דעם טויער ווי געהעריג איז און מען העלפט שטופען דעם קרבן שטילערהייט, כמעט מיט

רחמנות: „איוס־יוס־יוס“. יענער שלעפט אַוועק זיינע הינטער־שטע פיסלעך גלייך צום אָפענעם טויער. אָבער ווי נאָר ער איז אַריבערגעקראָכען דעם שוועל — ערשט, אַהאַ! ער לויפט שוין ווידער אויף אַלע פיער. ער כריוקעט שוין. ער לאָזט זיך פייל פון בויגען גלייך צום זומפּ, אויפן ברעג אָזערע, נעהמען אַ לעבעדיגע באָד פון בלאָטע לויפט ער. ער האָט בקבלה, אַז ס׳איז גוט צו געבראָכענע ביינער.

און כך־הוה, אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט ער שוין ווי־דער אַ געהיילטער, אַ מונטערער, מיט אַ געהויבענעם אַפּעטיט און מיט נייע ריזיקאַלישע אונטערנעהמונגען...

פּעטער אוריס נבואה איז מקוים געוואָרען. דער דבר־אחר געדענקט גוט וואו מען האָט איהם געשלאָגען און ער קריכט גלייך אין זעלבען גאָרטען אריין, צווישען די זעלבע צאַם־פּלעקענער, אין דער זעלבער געפאַהר.

און די סדרה הויבט זיך אָן פון דאָס ניי.

# פּיוּקע פֿאָהרט רײַטענדיג

## 1

שלאָגען חזירים איז טאַקע זעהר אַן איידעלע זאַך, אַ כשרער פֿאַרגעניגען. אָבער ניט אַלע מאָל לויפֿט עס אָפּ אַזוי גלאַטיג. ס'אַ מזל-זאַך.

איינמאָל, למשל, אַ פֿרייטאָג, ווען יונגוואַרג איז פֿריי פֿון חדר אַ גאַנצען „האַלבען טאָג", האָט אין אוריס הויף געטראָפֿען אַזאַ מעשה: דער געיאָגטער און געפּלאָגטער דבר־אחר האָט זיך, פֿון גרויס פֿאַרצווייפֿלונג, אַריינגעבראָכען צווישען די אונטערגעפֿוילטע ברעטער פֿון טויער. דער שטויס איז געווען אַזוי האַסטיג, אַז דער קאָפּ, אַריבער די אויערען, האָט זיך פֿאַרקלעהמט און געבליבען שטעקען דרויסען; און דער גאַנצער חזירשער גוף מיט די איינגעשפּאַרטע געשפּאָלטענע קאָפּיטעס— אין הויף. ניט אַהער, ניט אַהין.

צו דער גאַס אַרויס האָט געריטשעט אַ דערשראָקענער שנויץ, אַ משונהדיגער קאָפּ פֿון אַ משוגע־געוואָרענעם סופּליאָר... און איבער זיין רוקען, „הינטער די קוליסען", אין אוריס הויף, זיינען איהם באַפֿאַלען די גרויסע אַרטיסטען־פֿון־שלאָגען־חזירים— אוריס דריי בנים, מיט די שטעקענס אין די הענד. זיי האָבען באַשיינפּערלעך געזעהען, אַז דער אויבערשטער אַליין האָט זיי געהאָלפֿען, מען זאָל קאָנען שלאָגען אַ דבר־אחר אָהן מיה און אָהן האָרעוואַניע... ניט מען דאַרף נאָכלויפֿען, גיט מען דאַרף

מאַכען אַ גערודער, ניט מען דאַרף סאָפּען און שוויצען. אַז אין דער שטעקען און אָט דער רוקען מיט די שטעכעדיגע האָר. ווילסטו שלאָג, ווילסטו רוה דיך אויס! שטיל און פיין און איידעל... וואָלט דאָך געווען גאָר גוט! האָט אָבער דער פאַרקלעמטער שנויץ אויפגעהויבען אויף דער גאַס אַ מוראדיגע גרילצענדיגע יללה, מיט אַ תלישאָ־גדולה, להבדיל, און מיט אַ פזר און מיט אַ שלשלת... און דערהערענדיג אַזאַ „מפטיר”, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען אַלע חזירים, פון קליין ביז גרויס, אַלע ניט־געבעטענע מחותנים, סיי די וואָס האָבען זיך, דאַ־מאָלסט, געפיטערט אויף אידישע מיסטען, סיי אַזעלכע וואָס האָבען שוין אונטערגעלעהנט דאָס האַרץ און גענומען אַ וואַנע אין זומפ ביים ברעג אָזערע. זיי האָבען אַרומגערינגעלט דעם, אין דרויסען, פאַרקלעהמטען שרייענדיגען קאָפ פון זייער לייב־לעכען ברודער, מיט קולי־קולות, מיט אַ וויזגען און מיט אַ חיגדזען, פונקט ווי גאַנצע פורען מיט אָנגעלאָדענעם אַלטען אייזען וואָלטען זיך געטרייסעלט אויף אַ שלעכטען שאָסעי:

— הי־הי־הי... די זשידעס! מען פייניגט! מען קוילעט אונזער בלוט־און־פלייש, כריו־כריו־כריו, געוואַלד געשריען!

די אָנגעלאָפענע חזירים האָבען זיך ניט באַגנוגענט מיט גוואַלדעווען אַליין. ניין. ווי די גוטע פּאָזשאַרניקעס האָבען זיי גענומען געבען גרויס ראַטונעק זייער פאַראומגליקטען קרוב. מיט די שנויצען גענומען אונטערגראָבען דעם טויער, מיט די צייהן געריסען די ברעטער, מיט די זייטען געשטויסען. דער פאַרקאַן פון הויף האָט זיך אַ שאָקעל געטאָן, אוריס הויז האָט, דאַכט זיך, גענומען געהן אויף רעדלעך. די גאַס איז שוואַרץ געוואָרען פון מענשען, קינד און קייט זיינען זיך צוזאַמענגע־לאָפען אויפן ביי־וואונדער, אויף אַזאַ אומזיסטען „טריאַטער” אין מיטען העלען פרייטאָג, נאָך וואַרימעס.

אַז אוריס בנים, אין הויף, האָבען דערהערט אויף דער גאַס אַזאַ איינגעלויף, האָבען זיי זיך אַ ביסעל אויסגעטשוכעט פון דער זיסער שיכרות. וואָס האָט זיי אַרומגעכאַפּט בשעתן שלאָגען, מיט אַזאַ באַקוועמלעכקייט, דעם פאַרקלעמטען דבר־

אחר. זיי האָבען אָפּגעוואָרפען די שטעקענס און גענומען זוכען אַן עצה, ווי אַזוי צו מאַכען אַ סוף מיט דער מיאוסער מעשה. נאָר ניט אַזוי גיך טוט זיך ווי עס ווילט זיך. דער חזיר האָט זיך אַזוי פאַרהאַקט אין לאָך מיטן קאָפּ און אויערען, אַזוי עקשנותדיג איינגעשפּאַרט זיך אין טויער, אַז ס'איז נישט געווען מעגלעך צו ריהרען די קליאַמקע פון אָרט. דער סקאַנדאַל אויף דער גאַס האָט דערווייל געהאַלטען אין איין וואַקסען.

האָבען אוריס צעשראָקענע חדר־יונגען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך יעדער פּיצעל חרפה, גובר געווען אין זיך יעדען געפיהל פון ניט־גוטקייט, און גענומען שלעפּען, מיט די אייגענע כשרע הענט, דעם דבר־אחר אויף צוריק. מען האָט איהם געשלעפּט פאַרן פאַרדרעהטען עקעלע, פאַר די פיסלעך... אָבער די אָנגעדראָלענע חזירשע אויערען זיינען פון ענגען שפּאַלט צוריק ניט געקראָכען. ביי יעדען ריהר האָט דער בעל־דבר אויפגעהויבען אַ נייעם קוויטש, אַזש הימעל עפּען זיך!

און איידער וואָס ווען זיינען פון שטוב אָנגעלאָפען מוהמע-פייגע מיט אַ פּאַטש מיט די הענט און מיט אַ „ווערה איז מיר!" און פעטער אורי מיטן פּאַסעק פון די הויזען, און גענומען קאַטעווען די פלייסיגע חדר־אינגלעך פון הינטען. ס'האָט זיך אינם ערשטען טומעל באַקומען זעהר אַ פיינע דאָפּל־סצענע. וואויל איז דעם, ווער עס האָט דאָס זוכה געווען צו זעהן! — אין הויף שטעהען אויף די קני'ע דריי פאַרהאַוועטע חדר־יונגען און שלעפּען צו זיך, פאַרן עק, איין צאַפּעלדיגען האַלבען־חזיר, איבער זיי שטעהט אורי מיטן פּאַסעק, אין יאַרמולקע און אין בלויזע אַרבעל, און קאַטעוועט, אויף וואָס די וועלט שטעהט, איבער פלייצעס און הינטענס... דעם צווייטען האַלבען חזיר, אין דרויסען, ראַטעווען פאַרן שנויץ די אָנגעלאָפענע חזירים צו זיך. די גאַנצע גאַס שרייט „הוראַ!"... און נאָר דער פּאַרקאַן פון הויף שירעמט־פאַנאַנדער ביידע גאָלדענע סצענעס.

געווען אָבער אויך אַזעלכע גליקלעכע, וואָס האָבען זיך

פאַרגונען צו געניסען פוןביידע פאַרשטעלונגען אין איין און דער זעלבער צייט. מיט איין אויג אויף דער גאַס און מיט דער צווייטער אויג — דורך די שפּאַלטען פון הויף. מען האָט זיך פשוט צעריסען אַויף צווייען. ס'האָט אָבער געלוינט.

וואָס ס'האָט זיך געטאָן אין אוריס הויף נאָכדעם, ווי די חדר-יונגען האָבען אָפּגעלאָזט ראַטעווען דעם חזיר און געכאַפּט ראַטעווען זיך אַליין, קען מען גאַרניט אויסדערצעהלען. צוליב וואָס מבייש זיין אַזעלכע געראָטענע בחורים? גענוג איבערצו-געבען דאָס לידעל, מיט וועלכער די אינגלעך פון דער גאַס האָבען פאַרנאַכט באַגלייט אוריס בנים, בשעת יענע זיינען מיט אַראָפּגעלאָזטע און אויסגעצוואָגענע קעפּ, נאָכגעגאַנגען נאָך אור'ין, צו קבלת-שבת אין ליובאַוויטשער בית-מדרש. מען וועט שוין אַליין אויך פאַרשטעהן:

געהט אַ חתן-בחור,
טוט איהם וועה דער... !
אַי, האָט מען בעקאַטעוועט,
די מאַמע האָט געראַטעוועט.
די שוועסטער טראָגט דאָס עסען,
די באָבע לייגט קאָמפּרעסען.

נאָר מילא, דאָס האָבען כאָטש געזונגען אייגענע מענשען, חדר-אינגלעך, זכרים. מען וועט זיי שוין באַצאָהלען ערגעץ-וואו אין אַ געסעלע... בישקשה, ביי אוריס בנים געהט גאָרניט ניט פאַרלאָרען! אַ סך אַ גרעסערער פאַרדרוס איז געווען צו הע-רען דעם שכנס ניין-יאָהריגע מיידעלע, דעם שאָרניקס טעכ-טערל — שצערקע, מיט די בלויע, שעהנע אויגען, צו וועלכער מען איז ניט געווען גלייכגילטיג, ניט דער גמרא-בחור, ניט דער חומש-בחור, אפילו ניט דאָס מוזיניקעל... אויף איין באָר-וועס פיסל איז זי געשפּרונגען, דאָס בלאָנדע צעפּעל האָט ביי איהר געטאַנצט, און אונטערן נעזעלע האָט זי חנעוודיג גע-פּאָנפּעט:

„געשמיסען, געשמיסען,
געהאקט אַן איין;
ארויסגעוואָרפען
אויפען שניי.
בלוט געגאַנגען,
הויט געהאַנגען״.

ס'איז אַ רעכט ביסעל איבערגעטריבען! ערשטענס איז זונ'ער ניטאָ קיין שניי. בלוט איז נ י ט געגאַנגען. און הויט... כ'ווייס, ס'רעדט זיך נאָר אַזוי. נאָר דער פּאַרדרוס... דער פאַרדרוס איז דערפון קלענער ניט געוואָרען.

2

אַ צווייטען מאָל האָט געטראָפען, אַז מען האָט געשלאָגען אַ חזירטע מיט מאָדנע פּרעטענזיעס... ווייזט אויס געווען טראָגעדיג אַביסעל. ווייל זי האָט געשנאָרכט און געבלאָזען פון זיך און היסטעריש געקוויטשעט. טאַקע נאָר ווי אַ נקבה קען קוויטשען. און אָט פאַרשטעלט זי זיך גאָר, אַז זי הלשט און פאַלט אויף די הינטערשטע פיסלעך... כאָטש קלעפּ האָט זי נאָך, בערך, געקראָגען זעהר ווייניג. אָבער מיט אַמאָל, גאָר אומגעריכט, האָט זי מיט איין קעהר און מיט אַ כח, וואָס פאַסט גאָרניט פאַרן שוואַכען מין, אַ ריס־געטאָן דאָס טירעל פון טויער מיט איהר שנויץ, אַרויסגעשפּרונגען ביי די קליינע תּלינים פון אונטער די הענט, און געלאָפען ראַטעווען זיך גלייך צום ברעג אָזערע, צו די דאָרטיגע זומפּען.

דער חומש־בחור האָט אַזאַ חוצפּה, פון אַ געפאַנגענעם חזיר, ניט געקענט פאַרטראָגען. שוין גאָר אַזוי? אַ געשלאָגענער דבר־אחר זאָל נישט וועלען וואַרטען ביז מען וועט איהם אַליין אַרויסלאָזען? וואַרט־אָקאָרשט!

מיט אַ גראָבען שטעקען האָט ער זיך געלאָזען לויפען

נאָך דער דבר־אַחרטע, און באַגלייט זי מיט קלעפּ און מיט כבוד ביזן זומפּ אַריין.

ביז אַהין איז די חיה געלאָפן מיט הכנעה, מיט שטילע קרעכצן. אונטערגעוואָרפן זיך איהר חזירישן מזל, דער בייזקייט פון אַ מענשישן שנעק... אָבער דאָ האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן איהר עלעמענט, אָהן איהר זומפּ. ווי אַ גוסטדיגע פיש אין וואַסער אַריינגעטראָפן... און דאָ האָט זי זיך פּלוצלונג אַ קעהר געטאָן צו איהר פאַרפאָלגער.

דער קליינער מזיק האָט גלייך דערפיהלט, אַז מען האָט פאַר איהם פאַרלאָרן יעדן דרך־ארץ, האָט ער געמאַכט אַ בעוועגונג צו דערמאָנען דאָס דער חזירטע מיטן שטעקן, און געבליבן שטעהן... ער האָט פאַר זיך פּלוצלונג דערזעהן אַן אויפגעהויבענעם צעקנייטשטן שנויץ, אַ מוראדיגן פּיסק אויפגעריסן ביז די אויערן, באַוואָפנט מיט אויסגעשטשירעטע רייסצייהנער, געלע און קרומע, ווי פאַרזשאַווערטע שוסטער נאָלן... צוויי קיילעכדיגע נאָז־לעכער האָבן זיך געצאַפּעלט אין אַ פייכטער פלייש־רעדעלע און אַרויסגעלאָזט אַ דריי־גאָרענדיגן, כאָרכלענדיגן, ווילדן ריטש. זינט ער לעבט, האָט ער ניט געהערט אַזאַ קול־נגינה ביי אַ חזיר. אָט דער דאָזיגער בלוט־דורשטיגער בריל איז דעם חומש־בחור אַריין ביזן מאַרך פון די ביינער. ס'איז איהם פינסטער געוואָרן פאַר די אויגען, ס'האָט גענומען קלינגען אין די אויערן... און אָנשטאָט אָפּצושפּרינגען, איז ער געבליבן שטעהן שטאַר פאַר שרעק, ווי אַ באַצויבערטער.

מיט זיינע אויסגעגלאָצטע אויגען זעהט ער, אַז די חזירטע הויבט איהר צעקנייטשטן שנויץ אַלץ העכער און העכער, מיט אַ מערדערישער פאַמעליכקייט און מיט אַ קאָכעדיגן כאָרכלען, ווי זי וואָלט געלעסטערט אַלע מענשען, די וועלט, גאָטס באָמען... און זעה!... צוויי בלוי־וואַסערדיגע, חזירשע „קוקערלעך” קוקן גלייך אין הימעל אַריין... וועה, וועה!

מען דאַרף וויסען, אַז צווישען חדר־אינגלעך, אין שקלאָוו, געהט אַרום אַ לעגענדע, אַז דער חזיר איז די שרעקליכסטע

חיה אויף דער ערד. כ'וואָלט אַלעמען „גאַרצוקט" און הרוב־ געמאַכט די וועלט. איין גליק איז, וואָס סע קען ניט אויפ־ הויבען די אויגען צום הימעל. אָבער הס ושלום, אַז דער חזיר וועט אַמאָל אויפהויבען די אויגען און וואָלט אַ קוק טאָן אויפן הימעל, דאַן...

היינט מיט אַמאָל דערזעהט פאַר זיך דער פאַרשטאַר־ טער חומש־בחור אָט דאָס שרעקליכסטע, פאַר וואָס אַלע חדר־אינגלעך האָבען אַזוי מורא: צוויי חזירשע אויגעלעך קוקען גלייך צום הימעל אַרויף, אַן אָפענער שנויץ, מיט אויפגעשטעל־ טע שמאַטע־אויערען, לעסטערט... אַ מכשפה מיט אַ חזירשען פנים... און אַ מין שמד־געלעכטערעל כאָרכעלט אין גיהר טריפהן האַלז... היינט דאָס קוקעלע! דאָס זייגען גאָרניט קיין אויגען! דאָס זענען גאָר צוויי קאַלטע קוואַלען פון גזלנות, צוויי בלויליכע בלאָטקעלעך טומאה, מיט אַ פאַסקודנער מוט־ נעקייט, אַרומגעזוימט מיט אָפגעקראָכענע אומריין־געלבליכע וויעס. אָט אין דער בלויליכער מוטנעקייט האָט דער קינדער־ שער חוש דערשפּירט די גרויסע געפאַהר פאַר זיך, פאַר דער גאַנצער וועלט... דעם תהום צווישען מענשען און חיה, צווישען שטיפעריי און טעמפער אַכזריות... ער האָט, ווי אין הינער־ פלעט, דערזעהן אין זיי דעם אָפשיין פון אייביגע זומפען און אור־וועלדער, דעם צאָרן פון ווילדע קאַבאַנעס, דעם לעצטען קוק פון פאַרגריזשעטע יעגערס... „יכרסמנו חזיר מיער"... האָט איהם דורכגעשאָסען אַ פסוק דורכן קאָפּ. דאָס האַרץ איז אין גאַנצען געבליבען שטעהן. דער שטעקען איז אַרויסגעפאַלען פון האַנט.

דאָס אַלץ האָט געדויערט בלויז איין קליינע ווילע. ער האָט אָבער אין דער ווייטלעצקע טועם געווען דעם טעם פון זיבען טויטען.

— אוי, אוי, מאַמע! — האָט ער אַרויסגעשריען קוים מיט מאַטערניש און ניט דערקענט זיין אייגענעם קול.

אָבער ווי נאָר דער וואַכער אויסגעשריי האָט דערגרייכט צו זיינע אייגענע אויערען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און, ניט

טויט ניט לעבעדיג, געכאַפּט לויפען אַהיים און שרייען, ווי פון זינען אַראָפּ:

— מאַמע! מאַ—מע! מאַ—מע!

מוהמע פייגע האָט דערהערט די קולות פון איהר קדיש, איז זי איהם אַרויסגעלאָפען אַנטקעגען און אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט:

— וואָס איז? וועה איז מיר, ווינד איז מיר! דו האָסט דאָך גאָר קיין פּנים ניט...

דערזעהענדיג דער מוהמע פייגעס היימישען פּאַרצוף, איז דער חומש־בחור אַביסעל געקומען צו זיך. ער האָט ניט ווי־לענדיג אַ טאַפּ געטאָן דעם פּנים. דער פּנים איז דאָ אויפן אָרט... נאָר די צונג דינט ניט. פון די צעקרימטע בלאַסע ליפּען רייסען זיך קראַמפּהאַפטיגע הברות:

— אַקאַ... אַחאַ... דע־דע־דע...

— רעד, רעד, וואָס איז מיט דיר?—האָט איהם די מוהמע פייגע גענומען טרייסלען.

— אַקאַ... אַמאַ... אַחאַ... — האָט איהר געענטפערט דער חומש־בחור, און געלאָזען זיך פיהרען אין שטוב אַריין, פאַרן האַנט, ווי אַ קליין קינד.

דאָ איז איהם שוין געקומען אַנטקעגען פעטער אורי מיט די ווייסע אַרבעל און מיט דער יאַרמעלקע אויפן פאַרשלאָפע־נעם קאָפּ, און דערזעהענדיג דעם פּנים פון זיין בחורל, האָט ער, מיט זיין שכל־הישר, גלייך פאַרשטאַנען:

— אַהאַ, שוין ווייטער געטשעפּעט זיך מיט אינגלעך? ווידער געשלאָגען זיך?

— איך, איכל... ניין! — האָט זיך פּיוועלע אינגאַנצען אויסגעמונטערט.

נאָר דערצעהלען האָט ער גאָרניט ניט דערצעהלט. ניט געוועזן וועמען צו דערצעהלען און ניט געווען וואָס צו דערצעהלען. געה דערצעהל זיי פון אַ חזיר... געקוקט אין הימעל... וואָס וועלען זיי פאַרשטעהן? קיין וואָרט האָט מען פון

איהם מעהר ניט געקענט אַרויסציהען. איז געבליבען, אַז דאָס האָבען איהם אינגלעך געשלאָגען.

אורי האָט קיין מוט ניט געהאַט מכבד צו זיין דעם חומש־בחור, צו געבען איהם אַ הוספה, ווי זיין שטייגער איז, ווען פייוקע קומט אַ צעשלאָגענער פון דער גאַס. דער חומש־בחור איז שוין געווען עפּעס צופיעל געפאַלען ביי זיך... איז זיך פּעטער אורי דורכגעגאַנגען איבערן שטוב מיט די בלויזע אַרבעל און איינגעטייטשט אַ פּסוק מוסר:

— עפּעס אַלעמאָל שלאָגט מען דיך... אָט זעה, זאָג! פאַרוואָס שלאָגט מען מיך ניט? דו שווייגסט, אַ? ביין, אָט גלייך זאָלסטו מיר זאָגען! פאַרוואָס אינגלעך שלאָגען מיך ניט?

דער צעשראָקענער חומש־בחור האָט געוויס אָפּגעשאַצט די טיעפקייט פון אַזאַ געדאַנק. וואָרום ער האָט נעבעך ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען... און טאַקע, אַ טענה איז עס דאָך! פאַרוואָס שלאָגען עפּעס אינגלעך איהם ניט?... איהם, דעם פופציג־יאָהריגען באַבערדעלטען אידען מיט די קאַסאָקע אויגען?...

אָבער אורין אַליין איז זעהר שטאַרק געפעלען געוואָרען זיין שלאָג־וואָרט, וואָרום ער האָט מיט אַ געוויסען שטאָלץ צוריק אַרויסגערופען די מוהמע פייגען פון קיך און געשטעלט זי פאַר אַן עדות:

— ביין, אָט זאָל ער זאָגען, דער יונגאַטש, פאַרוואָס אינגלעך שלאָגען מיך ניט?...

## 3

אַ צייט נאָך דער דאָזיגער מעשה האָט זיך דער חומש־בחור געהיט פון שלאָגען חזירים ווי פאַר פייער. נאָר אויסהייַלען זיך פון דער דאָזיגער תאוה האָט ער זיך ניט אויסגעהיילט, ביז ס'האָט געטראָפען די דריטע און די לעצטע מעשה.

איינמאָל אין דער פריה, ווען פייוועלע האָט זיך געקליבען

געהן אין חדר — דערהערט ער עפּעס אַ פאַרדעכטיגען גערודער אין שטאַל פון דער בהמה, לעבען פירהויז. ער ווייסט, אַז די בהמה איז נאָך צוריק פון פּאַשע ניט געקומען. נאָר די הייסע „פּאָילע“ איהרע, געקאָכטע קלייען מיט קאַרטאָפעל־שאָלעכץ, שטעהט שוין גרייט פאַר איהר אין שטאַל, אין אַ גרויסען צעבער מיט צוויי אויערלעך. גנבעט ער זיך פּאַוואָלינקע צו צום שטאַל און כאַפּט אַ קוק דורך דער האַלב־אָפּענער טהיר... ער וואָלט שווערען, אַז ס'איז אַ חזיר! כך הוה. וואָס דען? און נאָך וואָס פאַר אַ חזיר! טאַקע אַליאָשקעס חזיר, דער עלטסטער און געמיינסטער, וועלכער האָט אַ שם אין גאַנץ שקלאָוו מיט זיין גרויס און מיט זיין פרעסעריי. שטעהט ער זיך אַזוי גאַנץ באַקוועהם אין שטאַל, מיטן גרויסען טריבעך, אויף זיינע רעוומאַטישע פיסלעך, און זשליאָקעט דער בהמהס „פּאָילע“, אויף וואָס די וועלט שטעהט, אונטערשאָקלענדיג דערביי מיט זיין געמיינעם שנויץ און מיט זיינע אַראָפּהאַנגענע אויערען, ווי אַ ווילדער אַכלער, וואָס קוועלט גאָר אָן פון דער פרעס־ארבייט גופא, און גיט זיך נאָך אונטער חשק, זיך אַליין: „אַי, גוט, אַי, פיין, אַי וואויל! נאָך־נאָך נאָך־נאָך“...

אַ ווילדער צאָרן פון גערעכטיקייט האָט אויפגעקאָכט ביים חומש־בחור אין האַרצען: אַזאַ עולה דערלויבט זיך אָפּצוטאָן אַליאָשקעס חזירולע אַ כשרער אידישער בהמה, זייער אייגענער בהמה און ביי זיי אין שטאַל!.. ניין, אַזאַ זאַך קען ער ניט פאַרשווייגען. קיין צייט צו שלאָגען ווי ס'געהערט צו זיין איז ניטאָ. מען מוז געהן אין חדר אַריין... אָבער איינמאָל מוז מען מכבד זיין. איינמאָל, אָבער ס'זאָל זיין עפּעס רעכטס, סע זאָל זיין „שקול כנגד כולם...“ פאַרגעסט ער אויף דער גאַנצער מעשה ביים ברעג אָזערע און גנבעט זיך שטילינקערהייט צוריק, כדי נעהמען אין דער האַנט אַריין עפּעס אַ וואָגיקע זאַך, סע זאָל שפּאַלטען דעם חזירישען קאָפּ מיט איין קלאַפּ.

גנבענענדיג זיך אַזוי, טרעפט ער אָן זיינע צוויי־

ברידערלעך, דעם גמרא-בחור און ס'מוזיניקעל, ווי זיי שטעהען גרייט מיט די טיכעלעך אָנבייסענס אין די הענט צו געהן אין חדר. די טויער איז אָפען לכבוד דער בהמה, וועלכע מען הערט שוין רעווען פון דער ווייטענס... מאַכט ער ביידע ברידערלעך אַ צייכען: שאַ, מען זאָל זיין שטיל. ווייל באַלד וועלען זיי עפּעס זעהען „אַ שעהנע זאַך”. ווערען די ברידערלעך שטיל און וואַרטען אויף דער „שעהנער זאַך”.

אין הויף-ווינקעל, וואו עס וואַלגערט זיך אַלטע ברוכוואַרג, זוכט פייוועלע אויס אַ האַלבע קאָטשערע, אויסגעבּרענט און פאַרזשאַווערט, מיט אַן אָפּגעבראָכענעם שטאַנג. פרעהט ער זיך שטאַרק אויף דער מציאה, וואָס דער אויבערשטער האָט איהם צוגעשיקט. ער מאַכט געשווינד אַ פּראָבּע און גיט אַ פּאָך. ס'איז פּונקט וואָס מען דאַרף פאַר אַזא שטיקעלע אַרבייט! ס'איז וואָגיק ווי אַ וואורף-שטאָק און באַקוועהם ווי אַ האַמער. פאַרוואַרפט ער די האַלבע קאָטשערע אויפן פּלייצע, מעשה סאָלדאַט, און זאָגט נאָך אַמאָל די ברידערלעך: „שאַ” און די ברידערלעך ענטפערען איהם: „שאַ”. אַזוי לאָזט ער זיך געהן, פּאַוואָלינקע, צו דער האַלב-אָפענער טירעל פון שטאַל, כדי צו איבערראַשען דעם חזיר אויפן אָרט פון פאַרברעכען און באַשטראָפען איהם גלייך אויפן שטעל.

מיט דער לינקער האַנט עפענט ער אויף ברייטער דאָס טירעל פון שטאַל און אין דער רעכטער האַנט צעוויגט ער די האַלבע קאָטשערע, כדי גוט אָנצילעווען דעם קלאַפּ. ער שפּירט שוין פאָרויס דעם עפעקט פון אַזא קנאַק איבערן חזירישען שאַרבען, די זיסקייט פון דער נקמה פאַר דער בהמהס „פּאָילע”. דער סטראַטעגישער צוג איז אויסגערעכענט אין פּינטעל: די שטאַל איז שמאָל, און אין טירעל פון שטאַל שטעהט ער, אַזא ניין-יאָהריגער גבור מיט אַ האַלבער קאָטשערע אין „אויסגעשטרעקטען אָרעם”... דער חזיר האָט ניט קיין אויסוועג, צי אַזוי, צי אַנדערש, אָבער דעם קלאַפּ מוז ער באַקומען פּונקט צווישען ביידע פאַרפרעסענע אויערען...

אָבער אפילו נאַפּאָלעאָן ביי וואַטערלאָ, האָט דאָך איבערגעשאַצט זיינע כחות, און אויך אונזער יונגער סטראַטעג, פּייוּוקע דער חומש־בחור, האָט זיך פאַררעכנט... אין דער זעלבער מינוט, ווען ער האָט צעוויגט זיין האַלבע קאָטשערע איבער דער פאַרע פון צעבער און שוין געווען זיכער אין זיין נצחון, אין דער זעלבער סעקונדע האָט אַליאָשקעס מגושמדיגער דבר־אחר אַ הויב געטאָן זיין שוואַרצען שנויץ פון דער האַלב־אויסגעזשליאָקעטער פּאָמוניצע, און איינגעטונקט אין קליין־ברייי ביז די אויערן, כאַפּט ער אַ קוקעלע און דערזעהט פאַר זיך אַ קליינעם מענשליכען שונא, שטעהט מיט צעשפּרייטע פיסלעך און צילעוועט איהם גלייך אין נאַקען...

אָבער אָנשטאָט נתפעל צו ווערען, קוויטשען און געוויי־סענהאַפטיג אָנגעהמען דעם אָנגעגרייטען קלאַפּ, לאָזט ער גאָר אַרויס אַ מוראדיגען הייזעריגען מלחמה־ריטש, אַ מין שברים־תרועה פון אַ צעשפּאָלטענעם טראָמייטער, גיט זיך אַ מאָרדעווע איבערן צעבער, און רייסט זיך אַדורך, ווי אַ שטורעם פון שמוץ און רציחה, גלייך צו דער אָפענער שטאַל־טירעל; ער טרעפט אַריין, מיטן פאַרדריפּעטען שנויץ, פונקט צווישען פּייוּו־קעס צעשפּרייטע פיסלעך, הויבט איהם אויף אויפן שטעכעדיגען קרומען רוקען, אַזוי ווי מען הויבט אויף אַ שטרויעלע. און מאַרש, מאַרש! מיט איין אימפּעט און אין איין חזירישען גאַלאָפּ — אַוועקגעטראָגען דעם צעטומעלטען חומש־בחור, מיטן פּנים צום חזיר־עק, און מיט דער האַלבער קאָטשערע אין האַנט... פון שטאַל אין הויף אַריין, פון הויף צום אָפענעם טויער, און פון אָפענעם טויער — איבער די אידישע גאַסען.

דאַכט זיך אַזאַ אַלטער תרח, אַזאַ פוילער טריבעך, אַזאַ מיאוסער דבר־אחר מיט אַ שלוקערץ! פון וואַנען האָט זיך דאָס אין איהם פּלוצלונג גענומען אַזאַ שוואַרצע גבורה? ווער זאָל זיך ריכ־טען אויף אַזאַ כח צו לויפען? ניט אַנדערש, אַז ער אַליין האָט זיך דערשראָקען פון דער אומגעוועהנליכער משא אויפן רוקען... אמת, ער איז שוין געוואוינט, פון כל ימיו, מען זאָל אויף

איהם אַ ביסעל אונטערררייטען. אַמאָל אַ גרויער ראָב, וואָס קראַקעט, ווי אַ בייזער ווינטער־נביא, אין נעבעל אַריין; אַמאָל אַ שוואַרצע סאָראָקע מיט צעשפּרייטע פליגלען און מיט אַ רויטען, זשעדנעם פּיסק — אַ פלינקע קאָנקורענטין אויף אידישע מיסטען... אָבער אַזאַ מין מאָדנעם ראָב, וואָס איז אַזוי מוראדיג שווער און מאַכט אַזעלכע אידישע געוואַלדען, און קראַקעט מיט אַ מענשליכער שטימע: „מאַמע, מאַ־מע!" ניין, אַזאַ ראָב האָט ער, אַליאָשקעס חזיר, נאָך קיינמאָל ניט געטראָגען אויף זיך... דאָס בייטשט אונטער זיין אימפּעט און טרייבט פון גאָרגעל די ווילדעסטע קולות.

עס ריטשעט דער חזיר און עס קוויטשעט, להבדיל, דער חומש־בחור. און ביידע טראָגען זיך, אין אַ געווירבעל פון שטויב, ווי אַ רוח, ווי איין באַשעפעניש: האַלב דבר־אחר האַלב־מענש. עפּעס אַ מין פאַרקעהרטער „קענטאַוור"... גוואַלד! וואוהין? וואוהין? וואוהין?

דער לעצטער קלאָרער איינדרוק פון פייוועקען איז געווען: אַ הויף... דעם טאַטענס הויף. די צוויי ברידערלעך שטעהען מיט אויפגעריסענע אויגען און מיילער, מיט די פּעקעלעך אָנבייסענס אין די הענט... און די בהמה, וועלכע איז אָקאָרשט געקומען פון סטאַדע, שטעהט דאָ אויך, קוקט נאָך בהמיש פאַרוואונדערט און דרעהט מיט די אויפגעשטעלטע אויערען... און ווייטער פליהט עפּעס אַלץ קאַפּויר. די ערד הוידעט זיך, און אויף ביידע זייטען גאַס טאַנצען הייזקעס. אַנטלויפען פון איהם ערגעץ־וואו... און אונטער איהם און מיט איהם טראָגט זיך אַ מין ברודיגע, ריטשענדיגע חיה, אָהן אַ קאָפּ... אָנשטאָט אַ קאָפּ — אַ פערדרעהט עקעלע מיט האַרטע פרענז... זי טראָגט זיך ראַפּטום, אַלץ אויף צוריק, אויף צוריק... סע טרייסעלט איהם די נשמה אַרויס. ער האַלט זיך איינגעקלעמט מיט איין האַנט אין שטעכעדיגע האָר. מיט דער צווייטער האַנט אין אַ קאָטשערע... עס שווינדעלט. מען שרייט עפּעס אַרום. דערנאָך גיט זיך די וועלט אַ שאָקעל. און, און...

— — — — — — — — —

4

# אַ לויב-געזאַנג

כ'וועל טאָן זינגען צו אוריס חומש-בחור, מוהמע פייגעס קדיש וויל איך פּרייזען.

אַ לויב-געזאַנג זיין העלדישקייט, אַ לויב-געזאַנג זיין רייטען!

אַ לויב זיין הויכען זיצען, אַ לויב זיין הייסען „שפּרינגער"!

זאָל לעבען זיין טריאומף-וואָגען, זיין שאַלען: „מאַמע, מאַמע!"

כ'וועל עפענען מיין מויל מיט אַ משל, מיט רעטענישען פון אַלטע צייטען:

אויך נבוכדנצר איז געפאָהרען רייטענדיג, אויף אַ לייב איז ער געריטען; אָן זיין גריווע האָט ער זיך אָנגעהאַלטען, מיט אַ שלאַנג האָט ער איהם אָנגעטריבען...

אָבער ווי קומט דאָס צו פּייוקע אוריס מיט דער האַל-בער קאָטשערע אין האַנט!

אויך אַלעקסאַנדער מוקדון איז געפלויגען, צו דער זון אויף אַ שטאָלצען אָדלער. מיט פלייש אויפן שפּיז געררייצט איהם, און מיט די פּיאַטעס איהם געקיצעלט...

וואָס פאַר אַ פאַרגלייך צו פּייווקעס פליהען, אויף דעם רוקען פון אַליאָשקעס חזיר! מיט בערשטעל-האָר אָנשטאָט ליי-צעס, און מיט בלאָטע אָנשטאָט אַ זאָטעל.

אויך מאָנדרישען האָט מען אָנגעטאָן כבוד, אין די גאַסען פון שושן-הבירה. אויף אַ פערד באַדעקט מיט פּורפּור, אָן אָנ-טרייבער — המן דער רשע, אין פעלץ פון אחשורושס קרוין-טאָג, מיט אויסשרייען: „ככה יעשה"...

ס'אַ משל צו פּייוועלעס גדולה, צו זיין חן און „פּאַטשאָט" ביים רייטען! צום לויפען פון קוואָקצענדע הינער, צום מעקען פון דערשראָקענע ציגען... ס'מעג שושן-הבירה זיך שעמען, פאַר דער פּאָמפּע אין שקלאָווער גאַסען.

ס'האָבען מיידלעך אַנטציקטע אַרויסגעקוקט, מיט צעפּאַטעלטע האָר פון די פענסטער. באַלעבאָסטעס — פון קיכען אַרויסגע-לאָפען, מיט קאָך-לעפעל וואָס טריפען מיט קרופּניק:

— ווער א י ז דאָס? וואָס א י ז דאָס? וואו א י ז דאָס? אַ חזיר, אַ גלגול, אַ אינגעל!... אַ חזיר? אַ טפוי זאָל עס ווערען!

שוסטאַרעס זיינען געלאָפען מיט נאָלען און ליימער מיט ליימיגע אייזענס. מלמדים מיט רצועות און טייטלען, און חסידים מיט טלית און תפילין:

— אַטו! ער פאַרטראָגט איהם... דער חזיר! אַ אינגעל פון חדר — דער חזיר! אַליאָשקעס דבר-אחר, דער גרויסער!

— ער שלעפּט איהם, ער טראָגט איהם, ער פּלאָגט איהם! — אַי-אַי-אַי, אָך, ער וועט איהם פאַרגריזשען!

— נעהמט, כאַפּט איהם, נעהמט, לאָפּט איהם! אוי, האַלט איהם! אַי-אַי-אַי!... און — אַ גרויסער געלעכטער.

דערשראָקען פון אידישע קולות, האָט דער חזיר געגאַר-טעלט די לענדען. פאַרדאָפּעלט די כחות צום לויפען, צו אַנ-טרינען אין די גויאישקע געסקעס. מיטן געחלשטען יונג אויפן רוקען.

ביז ער האָט איהם פאַרטראָגען מיט אימפּעט און האָפּ — אין אַ שוואַרצער קאַנאַווע. אַ גרעניץ צווישען גויים און אידען, וואו מען ווייזט זיי אַ שפּיץ פון אַ פּאָלע...

דאָרט איז ער געשטרויכעלט געוואָרען, און מיט איהם איז געפאַלען דער רייטער. אַראָפּ — פון געהויבענעם זאָטעל, מיט דער קאָטשערע אין געחלשטען אָרעם... דער צעטומעלטער אָדלער — אַנטלאָפען, דער העלד — אינם מיסט פון קאַנאַווע.

אויף עמלקס חילות געזאָגט געוואָרען! אויף די יעגער פון „פּיפּאָקס-המלך!" זאָל וואַסער פון די עמערס זיי רינען, ווייער סוף זאָל א ו י ך זיין ניט ערגער.

לישועתך קויתי!

* *
*

און וואָס איז דאָ נאָך צו דערצעהלען? מען האָט דעם חומש־בחור אויפגעהויבען אַ צעמזיקטען, אַ האַלב־געהלשטען, אַ פּאַרפּאַסקודיעטען, מיט געפּלאַצטע מייטקעס, אָהן אַ היטעל. די האַלבע קאַטשערע האָט ער אָבער געהאַלטען פּעסט פאַרקלעמט אין דער רעכטער האַנט, ווי אַ געפאַלענער גבור זיין שווערד.

מען האָט איהם אַוועקגעטראָגען אַהיים אויף די הענט. עטליכע טעג איז ער געלעגען אין קאָמפּרעסען פון „וויסען־ועסערעל". דערנאָך... אַך, יאָ, דערנאָך: דאָס קומען צו זיך, דאָס אויפשטעהן, די גליהענדע חרפּה אין הארצען. דאָט אַרויס־געהן אויפן גאַס. די בזיונות אַרום און אַרום. היינט גלאַט די צונעמעניש: „ר' מרדכי אויפן חזיר", „שרבית־הקאַטשערע", „אחשתרן", „פּאָטשטאַליאָן" וכדומה. אַז ער, דער חומש־בחור, האָט דאָס אַלץ אויסגעהאַלטען, איז ער טאַקע שטאַרקער פון אייזען. ווי עס זאָל ניט זיין, — אָבער אַז ער האָט זיך אויס־געהיילט פון זיין דערשיטערונג, האָט ער זיך שוין, פאַר איינע הוצאות, אויסגעהיילט פון נאָך אַ שוואַכקייט.

„ותשקט הארץ"... פון דאַמאָלסט אָן איז אין אוריס הויף שטיל געוואָרען. פייוועל האָט מעהר קיין חזירים ניט געשלאָגען.

# מעו געהט „איז כּיבוד"

אויף פּסח געהט מען „אין כּיבוד". נאָר דער גרעסטער יום־טוב פון פראַווען כּיבודים איז פּאַרט סכּות און שמחת־תּורה. און כּיבוד, דאַרף מען וויסען, איז אין שקלאָוו אַ זאַך פון וואָס עס זענען אָפּהענגיג די גוטע באַציהונגען צווישען קרובים אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. עס הענגט אָפּ דערפון ווען מען קומט צו כּיבוד, ווי אַזוי מען קומט צו כּיבוד, וויפיעל עס ווערט געגעסען פון כּיבוד. צי עס ווערט פאַרזוכט פון אַלע מינים כּיבוד, צי נאָר פון־אַ טייל כּיבוד. צי די קרובישע נעזער גיבען זיך אַ קרום אויף דעם אָדער יענעם געריכט, צי ניט. הכּלל, עס איז דאָ אַ גאַנצער „קיבעדאַמעטער". און חס ושלום מען זאָל ביי נאָהענטע קרובים פאַרפעלען, אָדער ניט קומען אָפּנעהמען כּיבוד פאַר כּיבוד. מען וועט זיך שוין ניט אויסצאָהלען, ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט. עס קען קומען צו אַ ברוגז אויך. לכּל הפּחות – ביז איבער אַ יאָהר ראש-השנה. בקיצור, אויב איהר זענט אַ רודף־שלומניק, איז גלייכער איהר זאָלט אָפּהיטען כּיבוד ווי דאָס אויג פון קאָפּ. פון אַלץ פאַרזוכען, פאָסמאַקעווען זיך מיט אַלע געריכטען און פאַרבייסעכצען, כאָטש עס קריכט אייך שוין פון האַלז.

אָבער ווער עס מיינט, אַז געהן „אין כּיבוד" צו עטליכע

שקלאָווער קרובים נאָכאַנאַנד, איז אַ לייכטע זאַך. אַן אָנגענעה־מע זאַך, יענער האָט, מחילה, אַ גרויסן טעות. שקלאָוו איז ניט מינסק... און שקלאָווער כּיבוד איז ניט מינסקער כּיבוד. און שקלאָווער קרובים זענען ניט קיין מינסקער קרובים. אָט װעלן מיר, למשל, אויסרעכענען אײן כּיבוד־מעניו פֿון אײן מוהמע־פּייגען, װאָס זי דערלאַנגט פעטער זשאַמען און מוהמע מיכלען און דעם בן־יחיד זייערן „צו פֿאַרבייסן״. וועט מען שוין „ציהען קאָנסעקווענצען״ אויף אַלע אַנדערע כּיבודים, וועלכע מען האָט צו אָפּפּטרן אין איין יום־טובדיגען טאָג.

באַלד נאָכן מאַכען שהכּל, אָדער בורא־פּרי־הגפן, מוז אַן אַנשטענדיגער שקלאָווער קרוב פאַרבייסן מיט אַ שווערען שטיק האָניג־לעקאַך. האָניג־לעקאַך איז דאָ צוויי סאָרטען: קאָרענער און ווייצענער. דער קאָרענער איז טונקעל ווי שאָקאָלאַד, פעט און טעם און זעטיגט, און דער ווייצענער — איז טרוקענער, לייכ־טער, העלער. אָבער ביידע צעגעהען אין מויל און קלעפּען זיך געשמאַק אָן גומען. און וויל מען מקיים זיין די מצוה פֿון קרובהשאַפט, מיט אַלע דקדוקים, מוז מען פאַרזוכען פֿון ביי־דע סאָרטען. דערנאָך מאַכט מען ערשט דעם אמתן לחיים און מען פאַרבייסט מיט אַ שטיק אייער־לעקאַך, וואָס איז פוכקע און אונטערגעברוינט, און וואָס מיט איין טונק שעפּט ער אויס אַ האַלבען בעכערעל בראָנפען. אָט אַזאַ כּח־המושך האָט איך זיך דער שקלאָווער אייער־לעקאַך! דערנאָך פאַרבייסט מען מיט קרוכלע האָניג־טייגלעך, איבערגעשאָטענע מיט מאָן און געשני־טען אין דער קרום אַזוי, אַז די געשניטענע באָבקעס שטשירען זיך אויף אייך פֿון געברוינטען האָניג ווי פרעהליכע צייהן: „אַנו, בייסט אונז אָן, אַנו, קומט אונז ביי!״ ווי באַלד איהר זייט ביי־געקומען אַזאַ פרישען און פרעהליכען גרויסען שטיק האָניג־טייגעל, געהט שוין דער ענין פֿון פאַרבייסען אַביסעלע לייכ־טער. עס ווערען אייך צוגערוקט געפּרעגעלטע קייקלעך פֿון געשיילטע וואַלד־ניס־יאָדרעס מיט ראָזינקעס. דערנאָך—געפּרע־געלטע וועלשענע ניס מיט שוואַרצע פלוימען, וועלכע טרינקען זיך אין אַ סירופּ פֿון געברוינטען האָניג. דערנאָך, כאַפּט ניט!...

דערנאָך אינגבערלעך, געפּרעגעלט פון אינגבער און האָניג און מצה־פאַרפעלעך, וועלכע זיינען פאַרבליבען פון פסח. דערנאָך צוקער־לעקעכלעך, געדרעהט ווי „קינדער" און געפיהלט מיט געזיסטען צימערינג. דערנאָך פּאָמעראַנצען־שאָלעכץ אויף שקלאָווער אַרט. דהיינו: די שעהנע שטיקער שווימען אין אַ גרינליכען סירופּ צוזאַמען מיט האַלבע מאַנדלען, אַ דערקוויקעניש צו קוקען און צו פאַרזוכען – אודאַי און אודאַי! דערנאָך איינגעמאַכץ פון געריבענעם כריין, פון אין לאָקשען געשניטענעם רעטאַך און פון געבראָקטע בוריקעס, געפּרעגעלט אויף האָניג און אינגבער. דאָס איז דער שעדעוור פון שקלאָווער יום־טובדיגע „גוטע זאַכען"! ווער עס האָט דאָס ניט פאַרזוכט, מיט יענעם איז ניטאָ גאָר וואָס צו רעדען!... דערנאָך געדיכטע פּאַסטילא פון שוואַרצע יאַגדעס און אַגרעסען, איינגעקאָכט מיט אַ סך צוקער און געווירצען, געשניטען אין לאַנגע צוקער־לעקאַכלעך און איבערגעשאָטען מיט מעהל־צוקער, כדי זיי זאָלען זיך ניט קלעפען, כלומרשט... נאָר צוליעב דעם! אָבער אין דער אמתען איז דאָס נאָר אַ ראַפינירטער אויסרייד פון נאַשער. וואָרום דער צוקער ליגט אויף דער פּאַסטילא ווי אַ געדיכטער פראָסט. און די געשמאַקע שוואַרצקייט קוקט אַרויס פון דער בלויליכער ווייסקייט פאַרפיהרעריש און זינדיג־זיס. און מ'דאַרף שוין, שונא ישראל, זיין אינגאַנצען אָהן אויגען און אָהן אַ גומען, כדי מען זאָל זיך קענען איינהאַלטען, ניט אָננעהמען מיט אַלע פינף פינגער און ניט פאַרזוכען אַזאַ גוטע־זאַך... האָט איהר אַ פּאָר־ציע זיסע פאַרבייסעכצען. פאַרגעסט זשע ניט פון אַלץ צו פאַרזוכען. אויב איהר ווילט ניט פאַרשעהמען די מוהמע־פייגען און אויב איהר ווילט, אַז דורך אייער כשרן צונג זאָל דורכגעהן די גאַנצע גאַמע פון יום־טובדיגע טעמים.

איצט — יעמוד! אַ גאַנצע שערענגע פון מאַרינאַדען און פון קאַלטע פאַרבייסעכצען. פון זויערס און האַלב־געזאַלצענס.

ערשטענס: מאַרינירטע צעשניטענע הערינג, וואָס שווימען אין זייער אייגענער מילכיגער יויך און אַרומגעלעגט מיט לאָרבער־בלעטער און מיט ציבעלע־רינגעלעך. מאַרינירטע שטיקער

היינט די איינגעמאַרינירטע דאַרינקע „כּל־נדרי אוגערקעלעך", וואָס טוקען זיך אין עסיג און אין צוקער און אין פעפערלעך. ס'איז נויטיג אום לעבען איהר זאָלט אַריינרייבען אַ פּאָר אַזעלכענע אוגער־קעלעך. זיי פאַרטרייבען די שמייע, זיי דערקוויקען, זיי מאַכען אָרט פאַר די אַנדערע פאַרבייסעכצען. ווייל, פאַרגעסט ניט, אַז מיר האָבען נאָך צו פאַרבייסען מיט געהאַקטע אייער און שמאַלץ, מיט קאַלטע קייקלעך פון געקאָכטען קאַרפּ אין אַ פּאַרקיהל־טער ציבעלע־יויך. און פאַרגעסט ניט, אַז מיר האָבען נאָך ניט אָנגעריהרט די קאַלטע פּופּיקלעך. און אויב איהר ווילט ניט מען זאָל זיך אויף אייך בלאָזען, מוזט איהר אַלץ אָנטאַ־פּען מיטן גאָפּעל, פון אַלץ פּאַרזוכען. ס'איז, כ'לעבען, גלייכער צו באַלעקען זיך נאָך אַזעלכע גוטע זאַכען ווי אָנמאַכען זיך שונאים...

איך זעה, אַז איהר קלייבט זיך שוין מאַכען די „לאַנגע ברכה", אויפשטעהן פון טיש און אָנהויבען זיך ווינשעווען. ס'איז בלאָטע! זיצט, זייט מוחל, ר' קרוב, אַז איהר זיצט. מען וועט באַלד דערלאַנגען די הייסע פאַרבייסעכצען. שאַ! אָט טראָגט מען זיי שוין גלייך פון אויוון אַרויס. איך דערקען זיי שוין יעדערען אָן זיין ריח. ערשטענס, די געהאַקטע קייקלעך „בייליק" פון תוהן אין אַ געווירצטען און פעפערדיגען ברוינעם סאָוס. דערנאָך גאָגעלאַך. דאָס איז אַ שקלאָווער ספּעציאַליטעט, געמאַכט פון געריבענע און גוט־אויסגעווייקטע בוריקעס, דורכ־געשלאָגען מיט אייער, מיט געריבענע חלה און געפּרעגעלט אין היהנערשע שמאַלץ. אַ טעם גן־עדן! דערמאָנט אָן געבראָטענע קעלבערנע געהירלעך, נאָר אַ סך, אַ סך פיינער אין געשמאַק. נו, היינט אָנגעשניטענע הייסע קוגעלעך; קוגעלעך פון מאַנע־גרייפּלעך מיט ראָזינקעס, קוגעלעך פון לאָקשען, און קוגעלעך פון געברוינטען מעהל מיט גריבינקעס, וואָס מען רופט „פּראָסט־

קוגעלעך", ווייל עס געהט פון זיי קיין פּאַרע ניט און זיי זעהען, כּלומרשט, אויס ווי פאַרפרוירען. אָסטאָראָזשנע, קרובים! אין דער אמתן האַלטען זיי אין זיך אויף אַ היץ — סכּנת־נפשות! נאָכן אָנשטעכען מיטן גאָפּעל מוז מען אויף זיי בלאָזען ביז זיי קיהלען זיך אַביסעל אָפּ. און אַפּילו דערנאָך ווערען זיי געגעסען מיט אַ ספּעציעלען פאַרעדיגען און יום־טובדיגען „אוף־אוף־אוף", וואָס גיט זיך אָפּ מיט עולם־הזה און מיט „ושמחת בחגך"... נו, און וואו זיינען די לאַטקעלעך, און וואָס מאַכען די געפּיהלטע העלזלעך?... איהר קענט שוין מעהר ניט עסען, זאָגט איהר? ס'וועט אייך ניט העלפען! די הייסע פאַרבייסעכצען — דאָס איז דאָך דער עיקר פון גאַנצען כּיבוד. אָט נאָר די הייסע פאַרבייסעכצען שמעקען מיט עכטען יום־טוב און מיט דער מוהמע פייגעס געהויבענסטער בריהשאַפּט. גיב איך אייך אַן עצה, איהר זאָלט זיך אָנטאָן אַ כּח און פאַרזוכען פון אַלץ. אַז ניט, אין אַ בייזער שעה זאָל עס ניט זיין אויסגערעדט, קען די מוהמע פייגע מיינען, אַז ס'געפעלט אייך ניט, אַז מיט עפּעס אַנדערש וואָלט איהר יאָ פאַרביסען... און פון דער אומדערשעפּליכער אויווען וועלען אָנהויבען מאַרשירען נייע אָנגעברוגזטע טעפּעלעך, טשוהונטשיקלעך און טשאָרלעסלעך. פול מיט שמעקעדיגע צימעסלעך, מיט איינגעפּרעגעלטע געגנזענע פּאָלקעס, מיט איינגעפּרייעטע שטיקער צונג... בקיצור, ס'איז גלייכער איהר זאָלט פאַרזוכען דאָס, וואָס מען דערלאַנגט אייך, מיט גוטען. וועט זיך אפשר מוהמע פייגע אויף אייך מרחם זיין, און וועט לאָזען שטעהן די ברוגזדיגע טעפּעלעך אין אויווען, אונטער זייערע צו־גרויסע טשוהונעגע אָקרישקעס, וועלכע זיינען אָנגערוקט אַביסעל לאָבוסעוואַטע און אַביסעל פאַרסודעט, איבער די באַהאַלטענע מאכלים...

נאָר כּדי עס זאָל זיך בעסער פאַרבייסען, גיעט מען אייך אַן עצה אַריינצוכאַפּען, פון מאָל צו מאָל, אַן איינגעמאַרינירטע פרישע פלוים אין בשמים־עסיג, אַן איינגעמאַכט שטיקעל באַרנע מיט ברוסניצע, זיי שטעהען טאַקע דאָ, לעבען אייך, אויפן טיש. מיט אַ הייסען קייקעל היהנערשען בייליק לאָזט זיך עס

עסען גאָר נישקשהדיג. און ווער עס האָט פיינט צו עסען פליישׂ־שפייזען „מיט נישט", דער קען צובייסען אַ שטיקעל קרוכלען אייער־קיכעל... נישקשה, מען דאַרף זיך דערצו ניט וואַשען. מוהמע־פייגע זאָגט אויך אַזוי.

נו, ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז אַזוי פיעל פאַרבייסעכצען האָבען ליעב, מען זאָל זיי באַנעצען. איז פאַרגעסט־זשע טאַקע ניט צו אָנטאָן כבוד די משקאות און צו פאַרזוכען פונם פראָסטען זעכ־ציגער בראָנפען און פון ניינציגער שפּירעט, געבליבען פון פסח, און האָט אַ הפלאדיגען ריח... נו, ווישניאַק איז ווישניאַק. און פּאָמעראַנצאָווקע, וואָס די מוהמע פייגע האָט איינגעשטעלט פון פורימדיגען פּאָמעראַנץ — איז פּאָמעראַנצאָווקע. און זוב־ראָווקע, איינגעשטעלט אויף וואַלד־קרייציכער, איז זובראָווקע. איהר קענט ניט? וואָס הייסט איהר קענט ניט? נקבות פאַר־בייסען און טרינקען ניט. זיי טרינקען נאָר נאַליווקע פון שוואַרצע יאַגדעס און קרימען זיך פון „שטאַרקייט". אויך מיר אַ שטאַרקייט! זאָלען זיי זיך קרימען געזונטערהייט! און מיר וועלען נעהמען צו קאַפּעלעך און טאַקע נאָך אַמאָל צו ביסעלעך פון די אמתע, פון די זיבענגראָדיגע, פון די אש־להבהדיגע, פון די פּימפּער־לגפנדיגע שנעפּסלעך. און לאָמיר זיך ווינשען „לחיים". לחיים, קרובים! גאָט זאָל געבען, אַז, אַז, אַז...

איך זעה, אַז עס ווילט זיך אייך שטאַרק ווינשעווען, „אַז מיר זאָלען שוין מיט מזל אויפשטעהן פון טיש, פּטור ווערען פון שקלאָווער כיבוד און בלייבען מיט גאַנצע בייכער"...

נאָר עס העלפט ניט. שטאָט איז שטאָט. און קיין שונאים וויל זיך דאָך קיינער ניט אָנמאַכען. איז קלערט אייך וואָס איהר ווילט און ווינשעוועט, אַז מיר זאָלען דערלעבען איבער־אַ־יאָהר אין דער צייט צו אַ ניט־ערגערען יום־טובדיגען כיבוד. ונאמר אמן!

און לאָמיר זיך לערנען ביים פעטער זשאַמען. ווארום האָט אַזוי ווינשעוועט ער זיך, טאַקע ער אַליין, און מוהמע מיכליע, זיין ווייב, און איטשייזשע, זייער בן־יחיד, ווען די מוהמע־פייגע איז זיי אַזוי פיין מכבד מיט זיסע און מיט קאַלטע און מיט

הייסע פאַרבייסעכצען. ער חכמעט זיך אַפילו מיט דער מוהמע פייגען נאָך יעדער געריכט, לויט איהר טעם:

— נו, אַצינד, שווענערין, איז מיר שוין גאָר זיס!

— שווענערין, פססס!...

— ס'איז מיר קאַלט, שווענערין! ס'איז מיר וואַרים! ס'איז מיר אָנגעזאַלצען.

— שווענערין, אַי-אַי-אַי...

און איבער די מאַרינירטע פלומען זאָגט ער אַלע יאָהר די זעלבע חכמהלע:

— זיס און זויער שלאָגען זיך און דערווייל האָב איך הנאה!

אָבער אַז מען כאַפּט זיך אַרויס פון אוריס שטוב קוים מיטן לעבען און מען לאָזט זיך געהן אַהיים, ציהען זיך די פּנימער אויס. מוהמע-מיכליע, די שוואַכסטע פון דער פאַמיליע, הויבט זיך אָן די ערשטע צו טאַפּען אונטערן לעפעלע. זי שלוקערצט און רעדט זעהר שטיל, אַז די מוהמע פייגע, ווער איז איהר ניט, די מוהמע פייגע האָט זי געקוילעט... פּשוט, גענומען אַ אידענע און געשאָכטען...

מאַכט איטשייזשע דער בן-יחיד: אַדרבא, איהם איז אַ סך בעסער. ביי איהם אין בויך האָבען זיך נאָר די מאַרינירטע הערינג מיט די איינגעמאַכטע העכט צעקריגט איבער אַ גאָגעלע. אך ניין, וואָס רעדט ער? — די קעלבערנע יוצרות מיט דער היהנערשער העלזעל אַמפּערען זיך ביי איהם איבער אַ האָניג-טייגעל... מען קען ניט וויסען. אָט-אָ שטורכען זיי איהם אין זייט! אָט-אָ—יעצט פאַרשטעהט ער דעם טייטש פון „ויתרוצצו״...

זשאַמע אַליין איז, געלויבט דער אויבערשטער, אַ געניי-טער פאַרבייסער, אַן איינגעפונדעוועטער כיבוד-עסער. ס'דריקט איהם אַפילו איבערן לעדערנעם הויזען-פּאַסעק; נאָר ער שווייגט. זיין פּראַקטישע אויג דערקענט אָבער, אַז זיין פלוניתטע און זיין בן-יחיד מאַכען עפּעס צופיעל קאַטאָוועס. קריגט ער פּחד, אַז פון קאַטאָוועסלעך זאָל עס ניט איבערגעהן צו דער אמתער ניט-גוטקייט און צו נאָך ערנסטערע זאַכען. זוכט ער עפּעס אַ

מיטעל צו שטאַרקען זיין האַלב געחלשטע פאַמיליע צו העלפען איהר אין דער פאַרדרייאונג, און געפינט ניט קיין בעסערע זאַך, ווי צו דערמאָנען זי אָן די דריי שוועסטער זיינע: בלומקע און עטקע און מאַריאַשקע, וואָס זיינען אויף איהם ברוגז, און וואָס ער און זיין פאַמיליע זיינען, געלויבט דער אויבערשטער, פטור געוואָרען פון זייער דריישטוביגען, ניינציג־טעלערדיגען כּיבוד.

— האָב, זאָגט ער, קיין יסורים ניט, מיכליע! אורי און פּייגע מיט זייערע בנים וועלען מאָרגען האָבען אַ שווערערע שטיקעל אַרבייט. מעגסט בענשען גומל, וואָס דיינע אַנדערע דריי שוועגערינס זיינען ברוגז. און דו, איטשע־אייזשע, וואָס טויג דיר קלעהרען וועגען פעטע גאָגעלעך? קלעהר בעסער וועגען אַן עסיג־אוגערקע, וועגען אַן אויסגעקוועטשטער לימענע, וועגען חלשות־טראָפּענס...

אָט אַזוי ריידענדיג און פאַררעדענדיג די צייהן, מינ־טערט זיי פעטער זשאַמע ביזקעל זיין הויז, און ראַטעוועט זיך אַריין, מיט זיין שוואַכער פאַמיליע, אין טויער אַריין. און וואָס דאָרטען קומט פאָר, דאָס איז שוין ניט אונזער עסק.

2

געערעכט איז פעטער זשאַמע. אוריס כּיבוד־אָפּקומעניש איז אַ סך אַ שווערערע. מיט זיינע שוועסטער איז ער, צום גרעס־טען באַדויערן פון דער מוהמע פייגע, ניט צוקריגט. ער איז פּאַ״ט דער איינגערער פון די צוויי ברידער. ער איז דער למדן, דער איידעלער. איז ער נאָכגיביגער ווי זשאַמע — דער תּקיף, דער פּראָסטער חי־וקים, דער סקאָרניאַק... ער, אורי, וועט די שוועסטער זיינע ניט פאַרשעמען. בפרט אַז די עלטערע, בלומקע די הויכע, איז אַן אַלמנה, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, און ער העלפט איהר דאָס אויס מיט איהרע צוויי יתומים. מעג עס געהן אום לעבען, אָבער פאַרפעהלען ביי איהר כּיבוד וועט ער ניט. נו, און אַזוי ווי די אינגערע, אויסגעגעבענע צוויי

שוועסטער וואוינען מיט איהר בשכנות, אין איין ירושה-הויז, מוז ער שוין ביי זיי אויך זיין אויף כיבוד. פארפאלען.

קומט דער צווייטער טאג יום־טוב נאכן דאוונען, הויבט אורי אן א קאפעלע צו זיפצען, א האָרעלע — צו אָכצען. ער געהט אהיים אביסעלע פארקלערט, מיט איינגעהאלטענע טריטלעך, ווי א בעל-תשובה, ווי א מענש, וואס דארף זיך באלד לאָזען געהן אין א סכנה, איבער כייכען פון שטארקע „נאליווקעס" און איבער בערג פון טאָרט און מארינאדען.

אָנגעקומען אהיים, טוט ער ניט אויס דעם פאלטא, מאכט קידוש אין סוכה און פארזוכט פון יוצא-וועגען א זופעלע וויין און א כזית טאָרט. דערנאָך גיט ער ווייטער א זיפץ און הויבט אָן מאָביליזירען די בנים זיינע: וועלוועלע דעם גמרא-בחור, פייווקען דעם מזיק און ירחמיאלקען—דעם מוזיניקעל. ער ווייסט אפילו, אז קיין גרויסען נחת וועט ער פון זיי ניט האָבען, אז א סך גלייכער וואָלט געווען צו לאָזען זיי אין דער היים, איידער צו שלעפען זיך מיט אזא כאָפטע בנים צו די שוועסטער. אלא, וואָס דען? ער איז גאָר ניט אזוי אויסען דעם יום-טוב-דיגען פארגעניגען פאר זיין קליינוואַרג, ווי דאָס וואָס זיי וועלען איהם העלפען עסען כיבוד. די דריי כיבוד-מוהמעס וועלען זיך דאָך, ווילענדיג ניט-ווילענדיג, מוזען אָפּגעבען מיט די דריי טייערע פלימעניקלעך. דערווייל-וואָס וועלען טאטע-מאמע קענען דורכלאָזען, ביי יעדער שוועסטער, א וועלכע פינף-זעקס פארבייסעכצען. אין אזא שווערער אונטערנעהמונג איז עס פאָרט א שטיקעל הילף. בישקשה, אין דעם ענין פון לעקען און נאשען קען ער זיך אויף זיין שעהנער חברהצקע פארלאָזען. און דער אויבערשטער וועט העלפען.

די מוהמע-פייגע שטעכט אָן אויפן פארוק איהר יום-טוב-דיגע היטעלע, זעהר א שעהנע היטעלע, געמאכט פון בלויען אטלאס, פון דראָט און פון שווארצע קרעפ, אין געשטאלט פון א פאפירען שיפעלע. און דאָס שיפעלע איז אָנגעלאָדען מיט רויטע רעטעכלעך, מיט מיני יאגדעס און וויינפערלעך, אלע אָנגעשטאָכען אויף דרעטלעך. און פון די וויינפערלעך קריכט

אַרויס אַ קאָפּ פון אַ קאַטשקעלע מיט אַ גאָלד־גרינעם האַלז און מיט אַ געלבען פּיפּיטש, וועלכער לאָזט זיך אַראָפּ צום שטערען, צו מוהמע־פייגעס שטערען. מאַכט די מוהמע אַ האַסטיגען טראַט — צעשאָקלען זיך גלייך די רעטעכלעך מיט די ווייַנפּערלעך: און דער ענטעלשער שנאָבעל עפענט זיך אַ קאַפּעלע, און די גלעזערנע גרינע אויגעלעך קוקען דערשראָקען:

— ניט אַזוי גיך, מוהמע! מען קען דעם אָטעם ניט כאַפּען!

אָט אַזוי, יום־טובדיג אויסגעפּוצט, לאָזט זיך אַרויס אוריס משפּחה אין כּיבוד אַריין. טאַטע־מאַמע אין מיטען, דאָס מוזיני־קעל האַרט ביי דער מאַמען און וועלוועל און פייוקע לעבען טאַטען. מען געהט געלאַסען און אַביסעלע פאַרזאָרגט. מוהמע פייגע מיט פאַרשנירטע ליפּעלעך און פעטער אורי מיט אַ פאַר־שעמטען שמייכעלע אונטער די וואָנצעס, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגען: „שוין ערגערע זאַכען איבערגעקומען, פייגע מיין ווייב...״

מען שפּרייזט צום מאַרק צו, וואו עס וואוינען, אין דער גרויסער ירושה־שטוב פונם זיידען, עליו השלום, בלומקע די היזכע, מאַריאַשקע די קורצע און עטקע די מיטעלע. דער זיידע ר׳ חיים, עליו השלום, האָט ניט געהאַלטען פון אוועקלאָזען טעכטער אין דער פרעמד. חתונה־געמאַכט אַ טאָכטער, איז באַלד געוואָרען צוגעבויט אַ נייער „וועגעל״ צום אַלטען הויז. צוויי אָדער דריי בערוועגע־ווענט וואַקסען אַרויס פון די אַלטע בער־ווענעס, ווי אַ געלבע שוועמעלע פון אַן אַלטער, פון רעגען און ווינט פאַרשוואַרצטער שוואָם... אַ דאַך ווערט אָנגעשינדעלט, אַ טיר ווערט דורכגעבראָכען אין דער בלינדער וואַנט, צווישען דער אַלטער און נייער וואוינונג. און לעבט אייך, טעכטערלעך, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר צוזאַמען!

נאָר די אויוען, וועלכע פאַרנעמט אַ דריטעל פון דער אַלטער שטוב, ווערט קיינמאָל ניט געריהרט, צוליעב מזל; און זי געהערט צו אַלע דריי אויסגעגעבענע טעכטער בשותּפות.

צו אָט דער דריי־שטוביגער קאָלאָניע פון די אויסגעגע־בענע שוועסטער שפּרייזט דאָס אורי מיט זיין משפּחה אָפּצואַר־בייטען די קאַטאָרזשנע אַרבייט זיינע, פון כּיבוד און פון יוצא־

זיין פאַר יעדער שוועסטער באַזונדער. ווער עס זיינען אמת־צופרידען פון עסק — דאָס זיינען די דריי בנים. מען וועט געהן פון טיר צו טיר, מען וועט זיך ווינשעווען, מען וועט נאַשען, מען וועט זיך איבערעסען מיט „גוטע זאכען". שפרייזט מען און מען טענצעלט אונטער, מען בלאָזט אָן אַ באַק און מען „האַקט פוזירעס"... אָבער פעטער אורי איז גערייצט:

— איהר זאָלט מיר געהן ווי מענשען, זאָלט איהר מיר!...

דערזעהענדיג אַזאַ כיבוד־פּראָצעסיע פון פינף פּאַרשוין, שטעקען שכנים אַרויס די קעפּ פון די פענסטער, מאַכען זיסע פּנימער און וואַרפען קאָמפּלימענטען, אַזוי אַז מוהמע־פייגע און פעטער אורי זאָלען הערען:

— וואוילע קינדער... פיין, זעהר שעהן...

אייגענטליך קענען זיי זעהר גוט אוריס מזיקים, אָט די באַרעלעך־טרייסלער, חזירים־שלאָגער, אָט די הינער־שרעקער, ציגן־יאָגער, ריבעלעך־שלעפּער. זיי מאַכען נאָר אַן אָנשטעל, אַז פון די דאָזיגע מעשים־טובים ווייסען זיי גאָרניט. עס איז יום־טוב. אויפן האַרצען איז גוט, טאָ זאָלען שכנים הנאה האָבען...

— איהר הערט, — מאַכט פעטער אורי, אין האַרצען שטאַרק צופרידען, — איהר הערט וואָס מען זאָגט?... זעהט־זשע עס זאָל זיין אַן אמת!...

אָבער מוהמע פייגע איז פאַרשנירט און צוריקגעהאַלטען. זי קען בעסער די שכנים ווי פעטער אורי. גיט זי אַ טרייסעל מיט דער קאַטשקעלע איבערן שטערען און מיט די רעטעכלעך אויף דער היטעלע און מאַכט אַ מינע:

— כ'וועל איהם זעהן וועל איך איהם זאָגען...

געהען אַרויס די רביים פונם דרדקי־אינגעלע, פונם חומש־בחור און פון דעם גמרא־בחור, שטעלען זיך ביי די טירען פון זייערע לעדיגע חדרים. זייערע אויסגערוהטע פּנימער שמעלצען זיך, דאַכט זיך, פאַר נחת, וואָס זיי זעהען זייערע תלמידים אין אַזאַ גדולה, צווישען טאַטע־מאַמע, אין די יום־טובדיגע גאַרני־טערלעך.

— אַ גוט יום־טוב, ר' אורי! אַ גוט יום־טוב, באַלעבאָסטע!

— ענטפערט „גוט יום־טוב״! — שרייט אָן אורי אויף זיינע בנים.

— ג...ג...גוט יום־טוב! — ענטפערען די טייערע תּלמידים אין איין כאָהר און פאַרדויטלען זיך. אין האַרצען אָבער וויינען זיי שטאַרק ניט צופרידען פונם טאַטענס דרך־ארץ לערנעריי, און טראַכטען טוען זיי דערביי: „וואָס זאָלען מיר עפּעס ענטפערען? ענטפערט אַליין!...״

אָט דורך אַזעלכע טריאומף־באַגעגענישען, דורך אַזעלכע געבלומטע ווערטער און מיט אַזאַ פּאַראַד שפּרייזט דאָס אוריס משפּחה, דורך די געסלעך, ביז זיי קומען אָן אין מאַרק, צו דער גרויסער ירושה־שטוב פונם זיידען, ר׳ חיים, עליו השלום.

# פון מוהמע צו מוהמע

## I

### ביי מוהמע-בלומען

אויף דעם זיידענס גאַניק, אַ גרויסער גאַניק אָהן פּאָרענ-צעס און מיט אַ פּאָדקעווע אויף דער אונטערשטער טרעפּעל,— שטעהט מוהמע-בלומע די הויכע, אוריס עלטערע שוועסטער, און קוקט אויס אויף „כּיבוד-געסט". זי מאַכט אַ דעכעלע צווישען רעכטען אויג און קאָסינקע און דערזעהט אורין מיט דער משפּחה. אָבער באַגעגענען די געסט מיט אַ שמייכעל און מיט ליעבהאַרציקייט איז ניט איהר טבע. זי איז אַן אַלמנה און האָט טענות צו דער גאַנצער וועלט; און צו אורין — מעהר ווי צו אַלעמען. אורי גיט איהר דאָך אויף דער הוצאה. הייגט צו וועמען זאָל זי האָבען טענות, אויב ניט צו איהם? פאַרשנירט זי די דינע ליפּעלעך איהרע און באַגעגענט איהם און מוהמע-פייגען מיט אַ מינעלע:

— גוט יום-טוב, גוט יאָהר! שוין געמיינט איהר ט'ניט קומען...

דריינגט דערפון אַרויס מוהמע-פייגע, אַז דאָס מיינט מען זי. מען איז אַפּנים חושד, אַז זי רעדט דאָס אָן אורין ניט צו געהן אין כּיבוד צו זיינע שוועסטער, אַזוי ווי פעטער זשאַמע געהט ניט... גיט זי אַ שאָקעל מיט די רעטעכלעך אויף

איהר היטעלע און וויל אויך אַ שטאָך טאָן. נאָר אוריס קאַסאָ־קער קוק האַלט זי אָפּ. זי זעהט אויך, אַז די אַלמנה איז אָנ־געלאָדען ווי אַ ביקס, ספּעציעל לכבוד יום־טוב און מיט אַ יום־טובדיגען פּולווער. עפּעס אַ האָר ניט אַזוי — „שיסט" זי און ווערט ברוגז... לאָזט פייגע אויס דעם גיפט צו איהרע קינ־דער אין די נייע גאַרניטערלעך:

— וואו איז דאָס עפּעס אייער גוט יום־טוב?

— גוט יום־טוב! גיבען אַ שאָס אָפּ דער גמרא־בחור און פּייוקע מזיק. נאָר דאָס מוזיניקעל האָט פאַרשפּעטיגט. אַ צעטו־מעלטער קוויטשעט ער אָפּ זיין חלק, ווען אַלע האָבען שוין אָפּגעיום־טובט:

— גו... גוט יום־טוב!

אָט דער דאָזיגער קוויטש צעטרייבט אַ ביסעל די וואָל־קענס, וואָס האָבען זיך געגנומען זאַמלען פון פאָרן אריין, ביים זיידען אויפן גאַניק. די מוהמע בלומע גיט גנאָדיג אַ שמייכעל, דרעהט זיך אום און פיהרט נאָך זיך פייערלעך אַלע פינף פאַר־שוין פון אוריס משפחה. אוריס בנים באַוואונדערען אפרי־העך צום טויזענטסטען מאָל, די פערדישע פּאָדקאָווע אויף דער אונטערשטער טרעפּעל. דערנאָך נעהמען זיי אָן די פּאָלעס פון די צו לאַנגע פּאַלטעס אין שטייגען אויפן גאַניק. מען געהט אריין אין גרויסען עס־צימער אַ ביסעלע אָנגעבלאָזען, צוגעדריקט פונם אַלמנהשען האָנער און טרוקענקייט. אויפן טיש שטעהען שוין טאַצען אָנגעלאָדען מכל־טוב. פון דער אייזערנער האַלב־אָפּע־נער זאַסלענקע, קוקען אַרויס דריי שערענגעס מיט כמורע טע־פּעלעך. יעדע שערענגע געהערט אַ באַזונדער שוועסטער. און אָט פון די אַלע טעפּעלעך וועט מען עס מוזען פאַרזוכען. זיפצט אורי אָפּ און גיט אַ פרעג, אַזוי אָן דער זייט, דיפּלאָ־מאַטיש:

— און וואו איז דאָס עפּעס מאַריאַשקע? און וואו איז דאָס עטעל?

ער מיינט דערמיט צו געבען אָנצוהערעניש, אַז ס'וואָלט

געוועזן אַ גרויסער שכּל אָפּצופּטרן דעם כּיבוד אַלע צוזאַמען. כ׳מיין... ס׳איז דאָך איין הויז, איין משפּחה.

פאַרשטעהט אָבער בלומע־די־הויכע דעם טריק און פאַר־בייסט אַ ליפּ:

— וועסט זיי נאָך פּאַספּעיען זעהן... זעץ דיך, פייגע! זעצט אייך קינדער, טוט אויס די פּאַלטעלעך. אורי, מאַך ברכה!

אורי טוט אויס זעהר געלאַסען דעם פּאַלטאָ און לאָזט איהם פאַלען מיט די אַרבעל אויף צוריק, איבערן הויכען לעהן פונם אַלטען לעדערנעם פאָטער־שטול, דעם טאַטענס שטול, עליו השלום. ער גיסט אָן דעם גרויסען זילבערנעם כּוס, וועל־כער איז געצאַצקעט מיט שוואַרצער קאַווקאַזער עמאַל; אויך דעם טאַטענס כּוס, עליו השלום, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צו בלומקען. ער גיסט פּאַוואָליע פון גראַפין און מאַכט „באַם־באַם־באַם״. ס׳איז איהם אויפן האַרצען ניט אַזוי איבעריג פרעהלעך. עס פאַרדריסט איהם נאָך עד היום, וואָס אָט דער רביעית־בעכער האָט בלומקע, נאָכן טאַטענס טויט, צוגענומען זיך. אַ קידוש־בעכער געהערט צו אַ זוהן, ניט צו אַ טאָכטער. נאָר זי איז דאָך עפּעס אַן אלמנה. האָט ער עס פאַרשוויגען. זשאַמע איז ברוגז געוואָרען. ער ניט... אויסער דעם שרעקט ער זיך אַ ביסעל אין האַרצען פאַר די גרויסע קיילעכדיגע טאַצען מיט זיסע פאַרבייסעכצען און מיט קאַלטע מאַרינאַדען... ווער האָט דאָס כּח אַלץ אויפצועסען און צופרידענצושטעלען בלומקע די אַלמנה? מיט דעם חסידישען „באַם־באַם״ וויל ער פאַרטרייבען פון זיך די שלעכטע מחשבות, דעם יצר־הרע פון ירושה... מיט דעם „באַם־באַם״ כראַבּרעט ער זיך דאָס אַנטקע־גען די גרויסע באַלאָדענע טאַצען. ס׳הייסט: „מיט גאָטס הילף... מען וועט אייך אויך בייקומען...״

שטעלט ער האָפערדיג אַוועק דעם פולען קאַווקאַזער בע־כער אויף די פיער אויסגעשטרעקטע פינגער, שפּאַרט איהם אונטער מיטן אגודל, שאָקעלט זיך און מאַכט די ברכה. דער בעכער שטעהט פעסט אויף דער דלאָניע. ער שאָקעלט זיך מיט

און אַ טראָפּען פּאַלט פון איהם ניט אַרונטער. נאָר חבדער חסידים קענען אַזוי קונציג אומגעהן מיט אַ פולען בעכער. אורי זופּט אָפּ און שטעלט אַוועק געלאָסען. און פאַר זיינע צע־שראָקענע קאָסאַקע אויגען הויבט זיך אָן צו דרעהען דער ערשטער טאַץ מיט די זיסע פאַרבייסעכצען...

די דייטשען מיינען, אַז זייער גרויסער טעאַטער־מייסטער, רבנו ריינהאַרד, האָט דער ערשטער צוגעקלעהרט די דרעה־ביהנע, כדי צו געווינען צייט און כדי צו קענען געבען אין איין פאָרשטעלונג אַ שטיק אין וויפיעל בילדער מען וויל... ס'איז אַ טעות! נאָך איידער דער גאון רבנו ריינהאַרד, מיט אַלע זיינע טאַלאַנטען, איז געבוירען געוואָרען, האָט שוין שקלאָוו לאַנג געהאַט דערפונדען אַזאַ עהנליכע חכמה: די דרעה־טאַצען מיט כיבוד...

די דאָזיגע אַלט־מאָדישע מעשענע טאַצען זיינען אַ ביסע־לע אריינגעדריקט אין מיטען, אַרומגעשטעלט אַרום און אַרום מיט פולע טעלערלעך און מיט גלעזערנע שיסעלעך. און אין צענטרום שטעהט אַ שווערער גראַפין מיט צוגערויטעלטען בראָנ־פען, כדי צו האַלטען גלייכגעוויכט. דער אורח זעצט זיך אַוועק פון איין זייט טאַץ און דער מכניס־אורח ביי דער צווייטער זייט, פונקט אַנטקעגען. דער באַלעבאָס דרעהט דעם טאַץ און דער גאַסט נישטערט מיטן גאָפּעלע, טאַפּט אין אַלע טעלער־לעך און בייסט צו. אָט אַזוי, איז — אי מען געווינט צייט, אי דער אורח קען זיך ניט אַרויסדרעהען מיט קיינע שום קונ־צען און מוז פון אַלץ פאַרזוכען. ווייל די בעל־הביתטע צי דער בעל־הבית, וועלכער זיצט אַנטקעגען איהם, האָט אַ גענויע קאָנ־טראָל איבער אַלע פאַרבייסעכצען: וועלכע, אַ שטייגער, עס זיינען שוין אָנגעשטאָכען געוואָרען און וועלכע ניט.

איידער פעטער־אורי האָט אַראָפּגעשלונגען דאָס ערשטע פאַרבייסעכץ, דעם לעצטען ביסען לעקאַך, ערשט — אַהאַ! דער טאַץ גיט זיך אַ דרעה, ווי דורך אַ כשוף, און אונטער אוריס קאָסאַקע אויגען וואַקסט אויס אַ גלעזערנע שיסעלע מיט אַ הורבע האָניג־טייגלעך. יעדער שטיק די גרויס ווי אַ קולאַק,

מיט ווייס־געשניטענע באָבקעס אין דער קרום. אין דער זעל־בער צייט בלייבט שטעהן פאַר מוהמע־פייגעס אויגען אַ טעלערל מיט ווייכען אייער־לעקאַך, וואָס ווייבער האָבען ליעב צו טונ־קען אין בעכערעל און פרעגען וויפיעל אייער מען האָט אין לעקאַך אַריינגעשלאָגען... ס'איז קונציג אויסגערעכענט פון מוהמע־בלומען. זי פיהרט דאָס מיט איהרע פלינקע, טרוקענע און דעספּאָטישע הענט די רעזשי — הינטער די קוליסען פונם דרעה־טאָץ. און גלייכצייטיג מיטן דרעה, דערהערט זיך איהר ברוגזדיגער קולכעל, וועלכער קלינגט ווי אַ באַפעהל:

— פאַרזוך מיינע טייגלעך, אורי! פייגע, וואָס שווייגסטו, טונק איין אַ שטיקעל טאָרט!

ביי אורין אויפן באָרד האָט זיך אָנגעהאָנגען אַ האָניג־דיגע „באָבקע". וואָס האָט זיך איהם אַראָפּגעגליטשט פון שטיק טייגעל. די באָרד שאָקעלט זיך און די באָבקע שאָקעלט זיך מיט. נאָר אורי ווייסט דען וואָס סע טוט זיך מיט איהם? ער גריזשעט דאָס שטיק קרוכלע טייגעל מיט פאַרצווייפלונג און קרימט די קאַסאָקע אויגען אויף די איבעריגע טעלערלעך. אָהן עין־הרע! היינטיגען יום־טוב האָבען זיי זיך געמעהרט און „גע־פישעלט". אַ געראָטענער כיבוד־סעזאָן! ער גריזשעט און קוקט אויף דער שוועסטער, וועלכע איז כלומרשט פאַרטאָן אין גע־שפרעך מיט דער מוהמע־פייגען, וועגען דעם רעצעפּט פון איהר אייער־לעקאַך, וויפיעל צוקער און וויפיעל בוימעל און וויפיעל מאָנטשינקע... ער האָפט, ווי ניט איז, אַליין אַ דרעה צו טאָן דעם טאָץ און איבערהיפּען עט׳יכע טעלער, אַזוי ווי מען היפּט איבער די תפילות, להבדיל, אין אַ פאַרשפּעטיגטען מנחה־דאַוונען... אָבער מוהמע־בלומע רעדט מיט פייגען און האַלט אַן אויג אויפן ברודער. דער טאָץ גיט זיך אַ דרעה און אין דער זעהונג־פעלד פון אוריס קאַסאָקע אויגען פאָהרט אונטער גאָר אַ געהויבענער טעלער מיט אינגבערלעך, האַרט ווי ביין און דיק ווי אַ פינגער. אין דער זעלבער צייט פאָהרען אונטער, אונטער פייגעס נאָז, די האָניג־טייגלעך, וואָס אורי איז שוין איבערגעקומען: „עס, עס, לאָז זיך ניט בעטען!..." טרייבט אָן מוהמע־בלומע פון יענער זייט

טאָץ, „פאַרזוך, פייגעלע!" מאַכט זי צו דער שוועגערין און פאַר־שנירט די ליפּעלעך.

דערנאָך פאָהרט אונטער אַ טעלער מיט ברויגעם כריין־איינגעמאַכץ.

פאַרלאָזענדיג זיך אויף גאָט, פּרובירט אורי אַ דרעה צו טאָן דעם טאָץ אַ ביסעל ווייטער, כדי איבערצוהיפּען עטלעכע ווייבערישע קלעפּיגע פאַרבייסעכצען. אָבער מוהמע־בלומע האַלט חשבון. זי דערלאָזט ניט.

— דאַכט זיך שוין פאַרזוכט... — פאַרענטפערט זיך אורי און לאָזט אַראָפּ די אויגען.

— ניין, דו האָסט ניט פאַרזוכט! — זאָגט אָפּ מוהמע־בלומע שטרענג און טרוקען. און דער טאָץ דרעהט זיך אויף צוריק...

אָפּגעפּטרט די געאיינגבערטע איינגעמאַכץ, ווערט אורי'ן שוואַרץ פאַר די אויגען. עס לויפט אָן אַ גלעזערנע שיסעלע מיט געפּרעגעלטע שוואַרצע פלוימען און ניס. דערנאָך — די אין פרעגלען גרין־געוואָרענע שטיקער פּאָמעראַנצען־שאָלעכץ.... אָט אַזוי ביי טען זיך פאַר איהם די קאָלירען און שווינדלען ווי די בייע לאָק־פאַרבען, פאַר די אויגען פון אַ פאַרצווייפעלטען, פאַר־שפּילטען רולעטקע־ליבהאָבער. און דאָס שפּיל איז נאָך ווייט ניט געענדיגט...

ווערט מיטאַמאָל אורי אַ געטרייער פאָטער, אַ פאַרזאָר־גער פון זיין חברהצקע נאַשער, און רופט, אָנשטעכענדיג אויפן גאָפּעל אַ גרויסען שטיק פּאַסטילא פון שוואַרצע יאַגדעס:

— קינדער, קומט אַהער, פאַרזוכט!...

זיין כוונה איז — זיי זאָלען איהם העלפען אויפעסען דעם געפּרעגעלטען שטיק „דיעגאַכץ". אין טומעל פון פאַרטיילען, וועט ער זיך אפשר ווי סע ניט איז אַרויסדרעהען פון אַנדערע האָניגדיגע, סירופּדיגע, פריקרע פאַרבייסעכצען. נאָר בלומע־די־היכע איז אויך ניט קיין הינקענדיגער שניידער — און פאַר־היצט אַ ליפּעלע:

— די קינדער וועט מען אַליין געבען, די קינדער... עס, עס!

און זי גיט, ווען א איינגעבערעל, ווען א קייקעל איינגעמאַכטע ראָזינקעס, ווען א צוקערלעקעכל מיט צימרינג. און אונטער אוריס טרויעריגע אויגען דרעהט זיך ווייטער דער גרויסער קאַלוואַראָט פון מוראדיגען טאָג, ווי די דרעה-פערדלעך אויף א יאַריד.

געלויבט דער אויבערשטער! אָפגעפטערט די זיסע פאַר-בייסעכצען. אצינד געהט אָן, ווי א כמאָרע, א נייער טאָג מיט מאַרינאַדען און האַלב-געזאַלצענע פאַרבייסעכצען. דאָס איז א שוואַרצער ירושה-טאָג, מיט גאַלדענע אָפגעריבענע פליטערלעך, וואָס אורי קען שוין פון כמה יאָהרען און האָט איהם פיינט ווי א שפּין. דער דאָזיגער טאָג האָט צוויי מיאוסע אויערלעך. ער איז פלאַך און דרעהט זיך ניט אזוי גוט ווי דער פריהער-דיגער, ווי דער מעשענער, אַלטער און „דורכגעטריבענער" טאָג. אָבער נישקשה, מוהמע-בלומע גיט זיך אַן עצה, זי אַרבייט גאָר פלייסיג מיט איהרעביידע דעספּאָטישע, אָפּגעמאָגערטע אַלמנה-הענטלעך. און פאַר אוריס אויגען שוועבען פאַרביי הערינגלעך, אוגערקעלעך, מאַרינירטע פיש, און געפיהלטע פיש, מאַרינירטע קירבעס און האַלבע פּופּקעלעך, געהאַקטע אייער.

— קינדער! — שרייט אורי ווי א מענש, וואָס טרינקט זיך.

נאָר בלומע-די-הויכע לאָזט איהם א קאָפּ ניט אויפהויבען.

— וואָס — קינדער? אָט עסען זיי דאָך! — מאַכט זי און פאַרקנייטשט דאָס דינע פּיסקעלע, — דו האָסט נאָך גאָרניט פאַר-זוכט מיין „נאַליווקע"...

אצינד הויבען אָן צו קריכען פון אויוועץ די הייסע טעפּ-לעך און טשוהונטשיקלעך. מוהמע-בלומע כאַפּט זיי אַרויס פון אויווען מיט א לאַנגער ווילקע. זי איז פלינק ווי א מצה-בעקע-רין. און אין די אַלטמאָדישע טעלער, מיט רויטע פויגלעך און מיט בלויע לייבען הויבט אָן צו פאַרען, מיט ראָזינקע-יויך, מיט געגנזענע שמאַלץ און מיט געווירצען, אַלערליי פלייש-קייק-לעך, קיגעלעך, גאָגעלעך, לאַטקעלעך...

נאָר אַלץ ענדיגט זיך אויף דער וועלט. און אויך מוהמע-בלומעס כיבוד קומט צו ענדע. איהרע צוצעפּענישען,

צושטעהעניִשען און מינעלעך ווערען שוואַכער. פעטער אורי מאַכט די „לאַנגע ברכה", מיט אַ שטיקעל פרייד אין האַרצען. דעם שווערסטען כּיבוד איבערגעקומען! איין קלייניקייט! טוהמע־בלומעס כּיבוד... אַ גוט יום־טוב, אַ גוט יאָהר! טען־טען־מען ואַל... אַז, אַז, אַז...

II

## ביי מוהמע עטקען

נאָר דאָ עפּענט זיך אויף אַ טיר; פון דעם צוגעבויטען שטיק שטוב עפענט זי זיך, און אויפן שוועל, צווישען איין צימער און צווייטען, שטעהט שוין עטקע, די מיטעלסטע שוועסטער מיט מענדלען איהר מאַן:

— גוט יום־טוב, אורי! גוט יום טוב, שוואָגער! גוט יום־טוב שוועגערין! גוט יום־טוב קינדער! מען וואַרט דאָך שוין אויף אייך...

אַ טומעל. אַ גדולה, דאַכט זיך, אַ? אָבער עטקע מיט איהר מאַן קוקען דערביי מיט גרויס פאַרדאַכט אויף פעטער אורין. זיי פאַרפאָלגען יעדע באַוועגונג פון מוהמע פייגען, צי ווילען זיי זיך ניט אוועקמאַכען, צי האָבען זיי ניט געהאַט בדעה אַוועקצומאַכען זיך... און מוהמע פייגע און פעטער אורי, פון זייער זייט, כאַפּען אַ ציטערדיגען קוק צווישען הענט און קעפּ פון עטקען און פון איהר מאַן... וואָס דען! אַ ריזיגער טאַץ, מיט פלעשלעך און גראַפינען, מיט טעלער און מיט טעלערלעך, שטעהט שוין אָנגעגרייט פאַר זיי אויפן טיש אין דער טיעף צימער. ער בלינצעלט צו זיי ממזריש. מיטן געשליפטען קרישטאָל פון די שטאָפערלעך:

— אַנו, קרובים. קומט אָקאָרשט אַריין!...

נעהמט אורי דעם פּאַלטאָ אויף די פלייצעס ווי אַ „דעליע".
די אַרבעל טוט ער אַפילו ניט אָן. עס זעהט אָבער פאָרט אויס,

ז ער געהט צו גאַסט אין אַ צווייטער הויז... אַזוי לאָזט ער זיך אַריין צו עטקען, זיין שוועסטער, אין איהר וואוינונג, מיט גאָר אַ שפּאָגעל־נייעם „באַם־באַם־באַם".

ניט מאַכענדיג קיין לאַנגע שהיות, בראָקט ער אָפּ אַ ברכה איבערן כוס. און דער ערשטער טאָג הויבט זיך אָן צו דרעהען. מוהמע עטקע האָט איבערגענומען די זעלבע דערפינדונג פון דער עלטערער שוועסטער. זי האָט אויך בירושה אַ מע־שענעם אַלטען טאָג, אין מיטען אַריינגעבויגען, די בּרעגעס אויפגעהויבען. דרעהט ער זיך לייכט און אָהן אַ שום גערויש, אַזוי ווייך און פאַררעטעריש, ווי אַ היימישער גנב אין וואָלענע זאָקען: „עס, עס, אורי!"

אורין שווינדעלט שוין נישקשהדיג אין קאָפּ, און עס דאַכט זיך איהם, אַז ניט עטקע זיין שוועסטער, און ניט מענדעל, איהר מאַן, רעדען דאָס צו איהם. דאָס רעדט צו איהם דער טאָג אַליין. דאָס איז גאָרניט קיין טאָג. דאָס איז אַ גלגול. דרעהט ער זיך און לאַכט געמיין מיט זיין אָפּגעפּאָלירטען מעש, מאַכט פון איהם חוזק:

— אורי, אָט איז אינגבערלעך, מיינע זייגען גאָר אַן אַנטיק!

— עפּעס גאָר געהויבענעס, שוואָגער!

— מיינע טייגלעך גאָרניט פאַרזוכט?

— און די געפּרעגעלטע פלוימען?

— נו, און טאָרט? גאָרניט?

— עסט!

— עסט, עסט!

עטקע האָט אַפּילו יאָ אַ מאַן ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און אַן אינגערע שוועסטער איז זי אויך... מען קען זי דאָך אָבער ניט מבייש זיין. טוט מען וואָס מען קען. עס געלינגט אַפּילו איבערצוהיפּען עטלעכע טעלער, פון זיסען און פון זויערען. מען בעט זיך ווי ניט איז אָפּ. אָבער ווי עס קומט צו די הייסע טעפּעלעך פון אויווען, זאָגט זיך אורי אָפּ אינגאַנצען. עטקע זאָל אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט האָבען. ער איז

ניט בכח צו עסען גאָגעלעך מיט לאַטקעלעך מיט קוגעלעך...
ער האָט שוין אַלץ געגעסען, ביי בלומען האָט ער...

— אַזוי? — ציהט אויס עטקע און די אויגען ווערען ביי איהר אש־להבה. — פאַרוואָס עפּעס ביי בלומען יאָ?

זעהט אורי איין, אַז ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ער האָט דאָ געמאַכט אַ גרויסען דיפּלאָמאַטישען פעהלער, אַז עס שמעקט מיט אַ ברוגז; הויבט ער אָן דרעהען אויף צוריק: ער האָט געמיינט, געמיינט האָט ער... ער פון זיין זייט — יאָ, נאָר דער „פּערשעל", זי קען איהם דאָך... דער פּערשעל האָט איהם אָנגעזאָגט... אַז, אַז... למען־השם...

אָבער עטקע איז הארט ווי אייזען. זי טענהט איהר טענה:

— שוין גאָר דער פּערשעל?... פאַרוואָס ביי בלומען—יאָ?

זעהט אורי, אַז ער וועט זיך דאָ ניט אַרויסדרעהען, און קלערט צו אַ פּשרה:

— כ'מיין... אויב דו האָסט עפּעס... עפּעס רעכטס, עפּעס אַזוינס, הייסט דאָס... איז, איז...

בלייבט אַ ווײַלע עטקע שטעהן מיט אַ מינע פון אַ פּראָ־פעסאָר, קוקט זיך איבער מיט איהר מאַן און גיט פּלוצלונג אַ פּאַטש מיט ביידע דלאָניעס: „שאַ! זי האָט עפּעס אַזוינס, אַזעל־כענעס... אַ זאַך... אָט באַלד וועט ער זעהן..."

מענדעל, איהר מאַן, הויבט ניט אָן צו וויסען, וואָס זי מיינט דערמיט. פונדעסטוועגען העלפט ער איהר אונטער מיט געהיימניספולע תנועות און ווערטער:

— עפּעס, זאָג איך דיר, אורי... גאָר, גאָר... הכלל פון די גאָר געהויבענע ענינים...

עטקע לויפט אַרויס און באַלד לויפט זי אַריין מיט אַ בלויען פּאָלומיסעק, פול מיט מאָדנע פירקאַנטיגע שטיקלעך, געברוינטע און האַלב־דורכזיכטיגע. גריבענעס — ניט־גריבענעס, פּעטשאַ — ניט־פּעטשאַ. אורי איז פאַראינטריגירט:

— עפּעס גאָר אַ מין „דוכיפת"! — חידושט ער זיך און טאַפּט מיטן גאָפּעל, — אַ משוגענע פיש! כּזרע גד... אַ מין סאָרט „קאַליאַנדרע" רחמנא ליצלן!... הכלל, עטקע, וואָס איז דאָס?

עטקע און מענדעל שמעלצען זיך פאַר נחת. אַזוי גאָר? ער דערקענט עס ניט... כאַ־כאַ. אויב אַזוי, טאָ זאָל ער טאַקע פאַרזוכען.

שטעקט שוין אורי אין ערנסט זיין גאָפּעל אינם געריכט, טראָגט־צו צו די ליפּען אַ פּעטלעכען דורכגעברוינטען, פּיר־קאַנטיגען שטיק. אַ שטאַרקע היץ גיט איהם אַ שלאָג פון דער מאָדנער פאַרבייסעכץ. בלאָזט ער מיט פאַרדאַכט, בייסט אָפּ אַ שטיקעלע און קייעט פּאַוואָליע, מיט שכל. קייענדיג און צוהער־רענדיג זיך צום געשמאַק, כדי צו כאַפּען וואָס דאָס איז, מאַכט ער האַלב שטיל צו דער שוועסטער זיינער:

— זעה, אוף־אוף, עטקע... וואָס עפּעס אַזוי קאַלט?

צעטרייסעלט זיך ביי עטקען די מילך. כאַ־כאַ און כי־כי. אַזוי? קאַלט? יאָ. טאַקע, באמת, קאַלט... אַ „קאַליעלע"!... ער ווייסט נאָך אַלץ ניט וואָס דאָס איז? אויב אַזוי, טאָ זאָל ער טאַקע פאַרזוכען נאָך אַ שטיקעל. אָט אָ דעם שטיקעל. אָהו! מעהר ניט ווי אָט דעם!

— ס'איז נישקשה! — מאַכט אורי און שלינגט אַראָפּ מיט גרויס גבורה. — ס'איז „חעשעווו" (חשוב), — שלוקערצט ער אָפּ:

— הכלל, עטקע, מוטשע מיך ניט, זאָג שוין אויס דעם סוד. איך וואָלט שווערען וואָלט איך, אַז ס'איז, דאַכט זיך, אַזוי צו זאָגען, הייסט דאָס...

— אייטער... — כאַפּט אונטער עטקע. — איינגעפרייעטע קוה־אייטער.

— אַזוי גאָר די מעשה! — שלוקערצט אָפּ אורי נאָך אַמאָל. — זעהר „חעשעווו"!

— איהר ווייסט דען, וואָס פאַר אַן אַרבייט מ'האָט דער־מיט? — באַריהמט זיך מענדעל מיט זיין ווייבס בריהשאַפט — כדי עס זאָל ניט זיין „בשר בחלב", מוז מען ערשט בראָטען דעם גאַנצען שטיק אויף אַ ווילקע איבער אַ גרויסען פייער, די מילך זאָל אָפּקאַפּען. דערנאָך ערשט צעשניידט מען דאָס אין טאָווועלעך און מען לאָזט עס פרייען אין אויווען אַ... מעת־לעת,

מיט ציבעלקעלעך און מיט פעטרישקע, מיט קנאָבעל און מיט... מיט מעהרעלעך...

— שאַ, שאַ, צעלויף זיך ניט אַזוי! — שלאָגט איהם איבער עטקע — וואָס פאַר אַ מעהרעלעך? ווי קומען אַהער מעהרעלעך?

פון אַזאַ אַפעטיטלעכען שמועס, פול מיט רמזים און מיט פּאַטראַוועס, ווערט פּייוקע גאָר אויפגערעגט. ער איז ניט אַזוי להוט נאָך דער אכילה, ווי שטאַרק נייגעריג. עס געהט איהם אויס דאָס חיות נאָך אַ שטיקעל געפּרייעטע אייטער.

קען ער זיך ניט דערוואַרטען ביז די באַרעדעוודיגע מוהמע עטקע וועט ענדיגען איהר רעצעפּט און וועט מכבד זיין איהרע פלימעניקלעך. און ווען אַלע זיינען פאַרנומען מיטן געשמאַקען געשפּרעך, ציהט ער אַליין אויס זיין גאָפּעלע, שטעקט אַן אַ פּיערקאַנטיגען, דיקען שטיקעל, און כאַפּט אַריין, אָהן שהיות, גלייך אין מויל...

אַז ס'איז „קאַלט", האָט ער דאָך אָקאָרשט געהערט פון טאַטען אַליין און פון מוהמע-עטקעס געלעכטערל. נאָר געוואַלד און, וועה געשריען! אָנשטאָט אַ מחיהדיגע קיהלקייט, אָנשטאָט אַ „חעשעוועו" טעם, גיט דאָס גאָר אַ מוראדיגען בריה-אָפּ דעם גומען און אַ פלאַמענדיגען ברען אויף דער צונג. פּייוקע שפּייט עס אויס ווי אַ צעשמאָלצענעם בליי און, פאַרגעסענדיג פון וועהטאָג יעדע בושה, גיט ער אַ רעווע מיטן גאַנצען האַלז:

— אוי-אוי-אוי, מאַ—מע!

אַלע גיבען זיך אַ מאָרדעווע צו איהם: „האַ? פּייוקע? וואָס איז? ווער איז?..."

פונם קנויל מענשען הערט מען אַ טומעל און אַ געוויין איין פראַגע לויפט איבער דער אַנדערער. דערנאָך — אַ געלעכטער און אַן אָפּשפּייעניש. מען זאָרגט זיך און מען לאַכט. מען באַדויערט און מען מוסרט אין איין אָטעם: „דערוואָרגען זיך? ניין? אָפּגעברענט? מיט וואָס? כאַ-כאַ! טפוי! זאָלסטו ווערען! וואָס כאַפּסטו? טהוט וועה? ווער האָט דיר געהייסען.

כאַפּען? אייטער האַלט־אָן היך. אַ אינגעלע זאָל ניט כאַפּען אַ חדר־אינגעל דאַרף וואַרטען... כע־כע, אייטער האָט אַזאַ טבע... זעהר רעכט!.., בישקשה, ביז דער חתונה וועט זיך פאַרהיילען...״

דערזעהט אורי, אַז ס׳איז גאָרניט. פייווקע האָט זיך אָפּגעבריהט די צונג און מעהר גאָרניט... באַנוצט ער זיך מיט דער סומאַטאָכע, גיט זיך צוריק אַ זעץ אויף זיין אָרט און הויבט אָן צו בראָקען אויף גיך די „לאַנגע ברכה״. פריהער אין דער שטיל, און וואָס ווייטער אַלץ העכער און פרסומדיגער: „אַי־אַי־אַי, ועל תּנובת־השדה ועל ארץ חמדה טובה ורחבה שרצית אַי־אַי!...״

ער קנאַקט און אין האַרצען איז ער מלא שמחה, וואָס ער האָט עטקען אָנגעפּייפּט. מיט איין סטראַטעגישען צוג אָפּגעשטעלט אַלע חיילות פון ווייטערדיגע פאַרבייסעכצען, וואָס זיין שוועסטער האָט זיך געקליגט נאָך אָנצושיקען אויף איהם.

דערהערט עטקע די טריאומפירענדיגע טענער פון אוריס „לאַנגער ברכה״, רייסט זי זיך אָפּ פון איהר פאַראומגליקטען פלימעניקעל און גיט זיך אַ וואָרף צום ברודער. זי וויל איהם אָפּשטעלען, ברעכען די „אָפּענסיווע״ זיינע וויל זי.

— ס׳טייטש, אורי, גאָט איז מיט דיר! מ׳עט דאָך נאָך דערלאַנגען „פּראָסט־קוגעלעך״, מ׳עט דאָך נאָך דערלאַנגען עפּעל־לאַטקעלעך...

ענטפערט איהר אורי אָפּ זעהר פרום, פאַרגלאָצט זיינע קאַסאָקע אויגען און טרומייטערט:

— נו, אָה... ועל מזבחך ועל היכלך טצ־טצ... ובנה ירושלים עיר הקודש. אָה... נו!

ס׳הייסט: ס׳איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, געדאַרפט פריהער זאָגען. זי זעהט דאָך!... ער האַלט שוין אין סאַמע מיטען: אַי־אַי ושמחנו בבנינו ונברכך עליה...״

ווערט די מומע־עטקע צאָרנדיג אויף איהר האַרציגען פלימעניקעל, וואָס מיט זיין כאַפּען און לאַפּען האָט ער איהר קאַליע געמאַכט אַלע איהרע פּלענער, געגעבען צייט אוריין

אָפּצוטאָן איר אַזאַ ספּאָדיק. פּאַרגעסט זי, אַז זי האָט אָקאָרשט געדעט צו פּייוועקן צוקער־זיס און בייזערט זיך אויף איהם אָן:

— וואָס האָסטו געכאַפּט? אַ אינגעלע דאַרף וואַרטען, אַ אינגעלע...

פּייוועקע לעקט זיך פּאַראומערט דעם אָפּגעבּרענטען גומען און קוקט אָן פּאַרוואונדערט די מוהמע־עטקען. רבונו של עולם! וואו איז עס מיט אַמאָל אַהינגעקומען איהר גאַנצע גוטסקייט?...

און געפינט ניט קיין ערקלערונג.

אָפּגעשאַלט די „ברכה־אחרונה" ווערט אורין אַ ביסעל לייכטער אויף דער נשמה, וואָס ער האָט אַזוי קונציג איבער־געכיטרעוועט עטקען מיט איהרע ממזרישע הייסע טעפּעלעך. אָבער די שלעכטע פּאַרדייאונג פון אַזוי פיעל געריכטען דריקט איהם פּאָרט אונטערן פּאַסעק פון די הויזען. גיט ער זיך אויף אַ טשעפּע צו פּייוועקען:

— נו, געדאַרפט כאַפּען פון די הייסע טעלער?... נאַ... איז אַט זעהסטו שוין!

זיין כונה, דערבּיי, איז ניט אַזוי פּייוועקעס שטאַט, ווי אַ גלעט צו טאָן די באַליידיגטע מוהמע־עטקע. אַ חנפע טאָן זי, אַז זי איז גערעכט, אַז זי האָט, מיט איהר כעס אויף דעם פּלי־מעניקעל, דעם נאַשער, געטראָפען אין פּינטעל אַריין. אָבער פּייוועקע מזיק פּאַרשטעהט ניט קיין חכמות. ער זיצט פּאַרקרימט פון שמערץ און אָפּגעגאָסען מיט אַ קאַלטען שווייס. ער פיהלט אַ ביטערע שנאה צום טאַטען און צו זיין שלוקערצדיגען מוסר־השכל. אַפריהער האָט איהם אַט דער איד מיט זיין חכמהלע, וועגען דער „קאַלטקייט" פון די אייטער, פּאַרפיהרט ער זאָל זיך אַזוי מיאוס אָפּברענען, און אצינד שיט ער איהם נאָך זאַלץ אויף די וואונדען. פון ביטערניש ווענדעט ער זיך ניט צום פעטער אורין, נאָר צו דער מוהמע־פייגען:

— אַז דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז „קאַלט", דער טאַטע...

ס'איז אי אַן ענטפער, אי אַן אָנקלאָג... און מוהמע־פייגע, וועלכע איז שוין מיד צום חלשן פונם כיבוד, גיט אַ שאָקעל־צו

מיט די רעטעכלעך אויף איהר היטעלע, און נעהמט דעם הומש־בחור אונטער איהר מוטערלעכער שוץ:

— אָט דאָס קומט אַרויס, אַז מען טרייבט קאַטאָוועס מיט קינדער...

שטעהט אורי אויף מיט האַרץ און וואַרפט אויף זיך אָן דעם פּאַלטאָ זיינעם ווי אַ „דעליע". ער איז אין כּעס. לא די, וואָס די בנים זיינע האָבען איהם ניט דערלייכטערט די פּראַצע פון כּיבוד־עסען, מאַכען זיי איהם נאָך שווערער. זאָגט ער צו פייגען אַזוי:

— ווייסט, וואָס איכ'ל דיר זאָגען, פייגע?... וואָלסט בעסער דיין תּכשיט געלאָזט אין דער היים.

בלאָזט זיך מוהמע־פייגע אָן און וויל איהם אָפּענטפערען, אַז דאָס האָט ע ר, אורי, און ניט זי, געשלעפּט די קינדער צו זיינע שוועסטער... יאָ, ער... און אַצינד טשעפּעט ער זיך...

נאָר דאָ עפענט זיך פייערליך אויף אַ הילצערנע טירעל, צו אַ צווייטער צוגעבויטער שטוב, און אויפן שוועל, צווישען איין צימער און צווייטען, שטעהען: אוריס אינגסטע שוועסטער— „מאַריאַשקע־די־קורצע" מיט העניכן איהר מאַן: „גוט יום־טוב, אורי! גוט יום־טוב, שוועגערין!"

ווייטער אַ גדולה.

III

## ביי מוהמע מאַריאַשקען

איבער מאַריאַשקעס קורצען קאָפּ און נידעריגע פּלייצעס זעהט אורי, אין אַנדערען צימער, די זעלבע חתונה. אַמאָל אַיך אַ גאָוינקע! — אַ קיילעכדיגען טאָץ מיט זיסע צובייסענס און מיט שוועהרע פלעשער אין מיטען. דער דריטער אַקט פון כיבוד הויבט זיך אָן.

צו מאַריאַשקען געהט שוין אָבער אוריס משפּחה אַריין אַ ביסעל אָנגעדרודעלט. ערשטענס איז מאַריאַשקע די אינגסטע און נאָך אַ „קורצע" דערצו. צווייטענס, האָט אורי און זשאַמע, זיין ברודער, געגעבען איהר נדן, איז זי ניט אַזאַ יחסנטע... דריטענס, איז אורי אַ ביסעל ברוגז אויף פייגען זיין ווייב, וועגען דערציהונג פון קינדער, און פייגע איז ברוגז אויף איהם. פיווקען שמאַרצט די צונג, און דאָס מוזיניקעל און דער גמרא-בחור זיינען גלאַט געדריקט, צוליב אַלעמענס שלעכטע שטימונג.

ברייטלעכער ווי צו די אַנדערע שוועסטער, געהט אורי אַריין אין מאַריאַשקעס וואוינונג און ווארפט פון זיך אַראָפּ די „דעליע", מיט דער באַוועגונג פון אַן אָנטשלאָסענעם מענשען, וואָס קלייבט זיך דאָ ניט צו מאַכען קיין שום לאַנגע מחזקות. און קוקענדיג מיט אָפענער שנאה צום טאָץ מיט די פאַרבייסעכצען, רעדט ער צו מאַריאַשקען קלאָרע דבורים: זי קען זיין ברוגז וויפיעל איהר האַרץ גלוסט, אָבער קיין טייגלעך און

קיין אינגבערלעך און קיין אַנדערע זיסע שמאַכטעס וועט ער מעהר ניט עסען, און אַ סוף און אַ עק...

— כ׳מיין ווער האָט דאָס כח צו עסען אַזוי פיל נאַשערייען ?— העלפט איהם אונטער פייגע, זיין אשת־חיל, און גיט אַ שאָקעל מיט דער קאַטשקעלע אויפן שטערען.

פאַלט ביי זיך מאַריאַשקע די קורצע אַראָפּ : „סטייטש, פאַרוואָס און פאַרוועןּ ? פאַרוואָס קומט דאָס איהר, מען זאָל זי אַזוי פאַרשעהמען ?” איהר קול ציטערט.

קריגט אורי רחמנות אויף דער אָרימער שוועסטער און מאַכט אַ פשרה :

— מילא, דאַרטען... ברכה, אַן אוגערקעלע, אַ דאָס, אַ יענץ...

כאַפּען גלייך מאַריאַשקע און העניך, איהר מאַן, און רוימען אָפּ דעם גרויסען טאָץ מיט די פאַרשעמטע זיסע זאַכען און דערלאַנגען דעם קלענערען טאַץ, דעם „געזאַלצענעם”.

ווערט אורי פרעהלעכער, וואָס ס׳איז איהם געלונגען אָפּ־צוטשעפּען זיך פון פופצעהן קלעפּיגע טעלער מיט איין מאָל. פון גרויס שמחה מאַכט ער גלייך „לחיים” מיט העניכן, מאַריאַשקעס מאַן. צעקלאַפּט זיך מיט איהם מיט די בעכערלעך בראָנפען, און צעווינשעוועט זיך :

— לחיים, העניך, לחיים, מאַריאַשקע... איהר הערט, גאָט זאָל געבען מע זאָל... אַז מע, מע, מע...

— וואָס מעקעסטו ? — מאַכט צו איהם שטיל מוהמע־פייגע. זי דערקענט, אַז אורי׳, איהר מאַן, האָט שוין אַביסעל אין קאָפּ, און די צונג הויבט זיך איהם אָן צו פּלאָנטערען, — גענוג צו מאַכען לחיים. פאַרבייס שוין בעסער !

עס ווערט אַ געלעכטער, אַ יום־טובדיגער געלעכטער, און מאַריאַשקע העלפט אונטער : „אַדרבא ואדרבא, זאָל מען טאַקע פאַרבייסען. אָט דאָס מיינט זי דאָך טאַקע...”

בייסט מען צו און עס ווערט פרעהלעכער. נישט־פרעהלעך איז נאָר פייוקע. עס שמאַרצט איהם נעבעך די אָפּגעברענטע צונג... דאָס מוזיניקעל זליאָקעט פון אַ טעצעלע מאַרינירטע

פלוימען; וועלוועל, דער גמרא־בחור, כראָמשקעט אַן עסיג־אוגער־קעלע. פייוועל וויל עפּעס אויך אַ נאַש טאָן און קען ניט. מאַריאַשקע רוקט איהם אונטער און ער זאָגט „אַ דאַנק!“.

— וואָס דאַנקסטו עפּעס, פייוועלע? — וואונדערט זיך מאַריאַשקע, הויך אויפן קול. — אַה? וואָס דאַנקט ער עפּעס? — ווענדעט זי זיך צו די אַנדערע.

— ער האָט זיך אָפּגעבּרענט די צונג, — כאַפּט זיך אַרויס ירחמיאלקע, סמאָצקענדיג אַ מאַרינירטע פלוים.

— ווער פרעגט בּיי דיר, פּרעסער? — ווערט פייוועלע אש־להבה און דערלאַנגט איהם אַ שטורך אין זייט.

אָבער עס העלפט נישט. אַלע צעלאַכען זיך, אַפילו דער טאַטע, וואָס האָט איהם אַזוי מיאוס פאַרפיהרט אין די הייסע קוה־אייטער, לאַכט אויך. פייוועלען שטעלען זיך טרעהרען אין די אויגען פאַר בושה. אי ער קען מעהר ניט נאַשען, אי מען בעהמט איהם נאָך לעבער. פאַרברענט זאָל עס ווערען — די בהמישע אייטער! כל זמן ער וועט לעבען, וועט ער עס מעהר אין מויל ניט נעהמען.

אָבער באַלד האָט פייווקע אַ געלעגענהייט צו האָבען נקמה אין טאַטען. עס קומט אָן די רייע פון די הייסע פאַר־בּייסונגען, „פאַרסטרייקט“ אורי ווידער אַמאָל. ער איז אַביסעלע בגלופין און אַ קאַפּעלע גראָבלעך מיט מאַריאַשקען, וועלכער ער האָט געגעבען נדן, און וועלכע האָט חתונה געהאט פאַר אַזאַ לעקיש ווי העניך.

— איין מאָל פאַר אַלע מאָל, — טענהעט אורי און פאָכעט מיט אַ גאָפּעל און מיט דער נשמה, — לאַ! טאַקע נאָך אַמאָל לאַ מיט אַן אַלף... ער האָט ניט קיין קאַזיאָנע קישקע האָט ער ניט... וויפיל מאָל האָט ער זיך געבעטען, אַז אַלע דריי שוועסטער זאָלען מאַכען דעם כיבוד צוזאַמען. אָט זשאַמע איז שוין לאַנג ברוגז געוואָרען... וויל מען, הייסט דאָס, האָבען אַ ברוגז מיט איהם אויך. מילא!...

זעהט מאַריאַשקע, אַז ס'האַלט זעהר שמאָל מיט איהרע הייסע טעפּעלעך. די עלטערע שוועסטער האָבען אויסגעכאַפּט

אורין און זיין מאָגען... איהם איבערגעשטאָפּט. מאַכט זי אַ פאַראומערט פּנים און העניך מאַכט אַ פּאָר אָנגעבלאָזענע אוי־גען, ווי אַ קאַלב, וואָס קייט אַ ברעג טישטוך. קריגט אורי רחמנות אויף זיי ביידען. גיט ער, אַ ביסעל פאַרשעמט, אַ וואָרף מיט אַ פּלייצע. „מ...נאַ!..." דערזעהט מאַריאַשקע אַזאַ תנועה און נוצט אויס אוריס גנאָד גלייך אויפן אָרט. זי מאַכט אַ וויינענדיגען פּנים און זאָגט שטיל, אַז זי האָט... זי וויל דער־לאַנגען גאָר איין פאַרבייסעכץ, אַ לייכטע זאַך, עפּעס גאָר אַ לייכטע זאַך.

— דהיינו? — לאָזט זיך אורי איינקנעלען און גיט אַ שטעל דעם גאָפּעל.

— אַ געפּילטע היהנערשע העלזעל! —ענטפערט מאַריאַשקע מיט גרויס ענוות.

— אַ געפּילטע העלזעל! —העלפט אונטער העניך איהר מאַן.

— אָט דאָס איז ביי אייך אַ לייכטע זאַך? — גיט אורי אַ בליאַסק מיט די קאַסאָקע אויגען.

— ניט מיט מעהל געפּילט,—פאַרענטפערט זיך מאַריאַשקע,— מיט מאַנע־גרייפּלעך.

— מיט מאַנע גרייפּלעך — זאָגט נאָך העניך.

— און מיט ריינע היהנערשע שמאַלץ און מיט היהנערשע גריבענקעס...

— הינערשע גריבענקעס — זאָגט נאָך העניך.

— וואָס זינגסטו מיר נאָך ווי אַ „בעהעלפער"? — ווערט מאַריאַשקע אין כּעס אויף העניכן.

דערזעהט אורי, אַז די געפּילטע היהנערשע העלזעל קען דאָ קאַליע מאַכען אַ שלום־בית. גיט ער זיך אונטער:

— מילא, דערלאַנג שוין דיין היהנערשע העלזעל!

פאַרגעסט מאַריאַשקע די קורצע מכבד צו זיין דעם מאַן ווי עס דאַרף צו זיין, און לויפט אַוועק אויף איהרע קורצינקע פיסעלעך אין קאָך־שטוב.

אויפן טיש קומט אָן די היהנערשע העלזעל אַ צעשניטענע, אַ צעטיילטע אין דיקע רעדעלעך, כּדי אורי זאָל זעהן, אַז די־

געפילטע העלזועל איז שוין אַ געקוילעטע, אַ פאַרפאַלענע פאַרן אויוועץ, און זאָל ניט קענען חרטה האָבען. און זאָגען מוז מען דעם אמת, אַז די דיקע „טאָלער“ פון דער העלזועל זייבען ברוין-דורכזיטיג ווי אַלטער בורשטין, און די מאַגע־גרייפלעך שיטען זיך אין שניט ווי זאַמד-פערעלעך, און די אָנגעשטעקטע גריבענקעס לויכטען ווי געלבע טאָפּאַזען, און די העלזועל-הויט אַליין ברעקעלט זיך אַזש פון איינגעפרעגעלטקייט... ס'איז אַ יצר-הרע, ניט קיין העלזועל! מען דאַרף שוין באמת זיין פאַר-פרעסען ווי אַן עשו ניט צו קענען פאַרזוכען אַזאַ שטיקעל יום-טובדיגען געפילעכץ. שטאַרקט זיך פעטער אורי, לאָזט אָפּ אונטערן טיש פאַוואָלע דעם ענגען פאַסעק פון די הויזען, מאַכט לחיים צום לעצטען מאָל, פאָהרט אַריין מיטן גאָפּעל צווישען די זאַמד-פערעלעך און גאָלד-געלבע גריבענקעס, אין בעסטען שטיקעל העלזועל אַריין, און נעהמט זיך פאַרבייסען צום לעצ-טען מאָל, מיט די לעצטע קרעפטען. ער מאַטערט זיך, ער סאָפּעט אונטער און שלינגט שווער אַראָפּ.

— נו, שלעכט אפשר? — פרעגט זיך נאָך מאַריאַשקע, — עס, עס געזונטערהייט! נעהם נאָך אַ שטיקעלע, אָט אָ דעם, אָ!... גאָט זאָל געבען, מען זאָל... אַז מען, זאָל... זאָל מען... וואָס-וואָס... וואָס איז? האַ-אַ?

אין רעכטען מיטען ווינשעווען איהם, ווערט פעטער אורי אַביסעל בלאַס, דער גאָפּעל גליטשט זיך איהם אַרויס פון האַנט. ער כאַפּט זיך ביים האַרצען; אַ שווייס זעצט איהם אַרויס פו-שטערען.

— אָה...—גיט ער כלומרשט אַ שמייכעל און קען ווייטער ניט רעדען.

גיבען זיך צו איהם אַ מאָרדעווע העניך דער לעקיש, מאַריאַשקע די קורצע און מוהמע פייגע זיין ווייב — אַודאי און אַודאי:

— וואָס איז? אורי! ווערה מיר ניט... דו שווייגסט?

— אי!... — וויל אורי זאָגען אַ חכמה און קען ווייטער ניט רעדען.

דער איינציגער, וועלכער איז אינגאַנצען רוהיג, דאָס איז פּייוקע. ער זעהט דאָ אַן עהנלעכע סצענע, ווי ס'האָט פריהער געטראָפען מיט איהם אַליין. פריהער ער, איצט — דער טאַטע. איז ער שטאַרק טשיקאַווע וואָס וועט דאָ זיין דער סוף.

— שאַ! — שרייט העניך און בלאָזט אָן די אויגען. אַצינד, זאָגט ער, האָט ער זיך דערמאָנט. ער האָט אין שלאָף־צימער געשטויסענע ציטרין־זאַלץ מיט סאָדע. זאָל שוואָגער־אורי אויסטרינקען אַ האַלבע גלאָז און זיך צושפּאַרען, וועט איהם גלייך איבערגעהן...

— ע...—איז מסכּים אורי און קען ווייטער ניט רעדען.

מען פיהרט אורין אַוועק מיט גרויס פּאַראַד אין שלאָף־צימער אַריין. קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. אַ ברעג פון „פּאַסעק” הענגט איהם אַרויס פון אונטערן סורדוט. עס האַלטען איהם אונטער די אָרעמס, ווי חתונה־אונטערפיהרער, מאַריאַשקע פון איין זייט און העניך פון דער צווייטער זייט. מוהמע פייגע געהט נאָך און שאָקעלט פאַרזאָרגט מיט דער קאַטשקעלע אויף איהר ווייבערשער היטעלע.

אין שלאָף־צימער טומעלט זיך נאָך אַ היבשע ווײלע, און ביי די פאַרלאָזענע טאַצען, מיט כּלערליי כּיבוד, בלייבען זיצען חברה־קליינוואַרג אַליין. אַ ביסעל זייבען זיי צעשראָקען פונם טאַטענס חלשות און אַ ביסעלע צופרידען, וואָס מען איז אַצינד פרייער און מען דאַרף מעהר ניט היטען קיין שטאַט. גענוג וועט זיין צו זיצען און גענוג וועט זיין צו עסען ווי די אינדיקעס ביי די מוהמעס פון די הענט! מען איז אַליין אויך שטיקלעך מענשען...

דער ערשטער שפּרינגט אויף פּייוקע. זיין שעה איז געקומען. אַצינד וועט ער זיך אָפּרעכענען פאַר זיין אָפּגעבּרענטע צונג, פאַר אָפּלאַכען פון איהם. ער טאַנצט אַרום און נישטערט אין אַלע טעלערלעך, שמעקט פון אַלע פלעשלעך. ווי אַ קליינער יצר־הרע מיט אַן אָפּגעבּרענטען צינגעל שפּרינגט ער אַרום. אַליין איז ער שוין היינט ניט בּכח צו „זינדיגען”, נאָר פאַרפיהרען אַנדערע — דאָס יאָ.

— קינדער! — רעדט ער אָן די ברידערלעך זײַנע און מאַכט ממזרישע אויגלעך, — וואָס שווייגען מיר? גענאַשט זאָל ווערען!...

דאָס מוזיניקעל איז גלייך מסכּים, ער כאַפּט אַרויס פונם, אָן דער זייט געשטעלטען, טאָץ אַ גרויסען שטיק אינג־בערל און צעגריזשעט זיך אין גרויס איילעניש, ווי אַ מויז פאַרטאָג. ווערעל דער גמרא־בחור שעמט זיך אַ ביסעל. ער געהט צו צום זיסען טאָץ מיט אַ זייטעל און שלעפּט מיט אַ גאָפּעלע פונם ברוינעם כריין־איינגעמאַכץ. איינגעמאַכץ איז ווייך, עס מאַכט ניט אָן אַזאַ געקריש, ווי די האַרטע טייגלעך און אינגבערלעך... פייוקען אָבער שמאַרצט נאָך גוט די צונג. קען ער אַזעלכע שאַרף־געווירצטע נאַשערייען ניט פאַרטראָגען, זוכט ער עפּעס אַן אַנדער זאַך, אָן וואָס ער זאָל זיך קענען „אָפּ־רעכענען", שטילען דאָס צעקאָכטע האַרץ. דערזעהט ער אויפן קאָמאָד אַ שעהנע קריסטאָל־שיסעלע, פול מיט גרויסע וועלשענע ניס. אפשר האָט דאָס מאַריאַשקע אָנגעגרייט פאַר די פלימע־ניקלעך און פאַרגעסען צו געבען? אפשר יאָ, אפשר ניט. ווער האָט דאָס צייט צו טראַכטען?... צייט איז ניס!

— זעהט, קינדער! — ווייזט אָן פייוקע אויף דאָס קריסטאָלען שיסעלע און פאַרקרימט אַ באַק. — וואָס שווייגען מיר?

ירחמיאלקע, דאָס מוזיניקעל, איז מסכּים. ער הויבט גלייך אָן צו פּאַקען אין קעשענע אַריין. דער גמרא־בחור פאַרשעמט זיך אָבער פאַר אַזאַ גראַביאָזש, אין מיטען העלען טאָג, ווען דער טאַטע פּאָכעט מיט דער נשמה אין אַ צווייטען צימער. ער ווערט רויט און דרעהט זיך אום צום פענסטער. זאָלען די קלענערע ברידערלעך טאָן וואָס זיי ווילען. ער ווייסט פון גאָרניט.

לאַכט פון איהם פייוקע אָפּ, הינטערן רוקען:

— זעה נאָר אַ צדיק!... ער וויל ניט? דאַרף מען ניט! נישקשה, אין דער היים וועט ער מאַנטשיען אַ נוס... ירחמיאלקע, וועסט זעהן.

אין איין מינוט ווערען אַלע וועלשענע ניס פּאַרשוואונדען ביי פּייוּוקען אוןביים מוזיניקעל אין די קעשענעס.

אָפּגעטאָן דאָס העפלעכע שטיקעלע ארבייט, צעזעצט מען זיך ווי די סטאַטיקלעך און מען וואָרט מיט פּלומרשט פאַרזאָרגטע פּנימלעך, ווען דעם טאַטען וועט בעסער ווערען.

אין אַ האַלבע שעה אַרום שיטען זיך אַרויס פון שלאָפצימער: די מוהמע פייגע — אַ ברוגזדיגע, העניך און מאַריאַשקע — נעבעך זעהר פאַרשעמט, און נאָך זיי — פעטער אורי אַליין. ער איז נאָך געלבלעך בלאַס, אָבער אַ ביסעל מונטערער. מען זעהט באַשיינפּערלעך, אַז אין צווייטען צימער איז איהם לייכטער געוואָרען. פון וואָס פּייוּוקע איז חושד, אַז ניט פון סאָדע־וואַסער אַליין...

מאַכט די מוהמע־פייגע „אוף״, זעצט זיך צו אַ פאַרמאַטערטע און רופט אויס:

— קינדער, נעהמט די פּאַלטאָטשיקלעך! מ׳עט געהן אַהיים...

מען הויבט זיך אָן צו ווינשעווען, צו גוט־יום־טובען און גוט־יאָהרעווען. מאַריאַשקע דערמאָהנט זיך אָן עפּעס... זי גיט זיך אַ דרעה אויס צום קאָמאָד, צו דער קריסטאַלענער שיסעלע. זי האָט בדעה צו פאַרגלעטען דעם שלעכטען סוף פון דער געפיהלטער היהנערשער העלזעל, זי וויל מכבד זיין אוריס קינדער אויפן וועג, יעדערען אַ הייפעל ניס, איינקויפען זיך דערמיט... זי געפינט אָבער דאָס שיסעלע ליידיג. קיין שאָלעכץ איז דאָרטען ניט געבליבען.

דרעהט זי זיך אום מיט אַ פאַרביסענער ליפּ צו די בנים. פון זייער קוקעניש, וואָס זיי קוקען אין צפון־זייט, פאַרשטעהט זי, אַז דאָס האָבען איהר די טייערע, ליבהאַרציגע פּלימעניקלעך אָפּגעטאָן אַ ספּאָדיק. ניט געוואָרט, זיך אַליין באַזאָרגט מיט איהרע אָנגעגרייטע מתנות... זי מאַכט אָבער אַ שווייג. פאַרפאַלען. כּיבוד איז כּיבוד. אַ גוט יום־טוב, אורי, אַ גוט יום־טוב, קינדערלעך!

# גיטעל־באַשע מיטן פּענכער

## 1

אַז מען וויל אין שקלאָוו אָנשרעקן קינדער, זיי זאָלן ניט עסן צופּיטל גרינע אוגערקעס, ניט טרינקען קיין וואַסער נאָך רויהע עפּעלעך, ניט קויפן קיין גרינע אַגרעסן — האָט מען פאַר זיי איין שרעקעניש:

— מ׳עט רופן גיטעל־באַשען!

— אָט געהט גיטעל־באַשע!

— גיטעל־באַשע וועט דיר שוין מאַכן אַ חתונה!

זי איז דער פּחד פון די קליינע קינדער אין אַלע גאַסען. שוין פון זעהען זי אַליין — הויבט זיי אָן צו דרעהען אין בייכעל. היינט די חרפּה! אַז מען דערוויסט זיך אין חדר, אַז גיטעל־באַשע האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ אינגעלע, איז שוין זיין רעפּוטאַציע אַ פאַרלוירענע. ס׳איז ערגער ווי צו שטעהן אין אַ קונע מיט אַ פלעדערוויש אין היטעל, ס׳איז ערגער ווי אָפּגעשמיסען צו ווערען פון רבין.

גיטעל־באַשע איז אַ אידענע, אַ שווייגעדיגע, אַ געלע ווי וואַקס. סיי זומער סיי ווינטער זעהט מען זי אין דער זעלבער אָפּגעטראָגענער פאַטשיילע, אין דער זעלבער אָפּגעקראָכענער קאָפּטיכעל אָהן אַ שום קאָליר. איהר פּנימל איז די גרויס ווי אַ פייג. ס׳איז מוראדיג אָפּגעבליאַקעוועט, מוראדיג צעקנייטשט, מיט אַ זויערען אויסדרוק אַרום די בלוילעכע ליפּען און

איינגעזונקענע אויגען. אפנים איהר פרנסה האָט זי געבראַכט צו אַזאַ אויסזעהן. זי האָט שוין אין איהר לעבען אויסגעקוועטשט אַזוי פיעל רפואה־פענכערס, אַז איהר פנים האָט באַקומען פונקט אַזאַ צעקנייטשטקייט און פונקט אַזאַ אויסדרוק, ווי דער פענכער גופא. איהר מאַן דער רופא, דער באַנקעס־שטעלער, דער אָדערען־שלאָגער, איז שוין לאַנג געשטאָרבען. האָט זי פון איהם געירשנט זיין אומנות און זיינע כלים. וואו זי געהט און וואו זי שטעהט טראָגט זי זיי אַרום איינגעבונדען אין אַ שלעכט־געוואַשענער חסידישער טיכעל, אַ רויטע פאַטשיילע אַזאַ, מיט אַמאָל־געוועזענע שוואַרצע רעדעלעך... ירחמיאלקע, פעטער אוריס מוזיניקעל, האָט איינמאָל צוגעזעהן, מיט שרעק און מיט בייגעריקייט, ווי זי לופטערט איהרע כלים אויף אַ גראָזיגער פריזבע, אויף דער אויפגעבונדענער געהיימניספולער רויטער פאַטשיילע, האָבען זיך געשוואַרצט און געברוגזט אַ פּאָר טוץ גלעזערנע, פאַררויכערטע באַנקעס, אַ שטיקעל סטאַטשעק פון וואַקס — אַ מין רעשטעל פון אַ הבדלה־ליכט. אַ מאָדנער מע־סערל מיט צווי קיילעכדיגע שאַרפען און מיט אַ שפּיץ. אפנים דער אינסטרומענט צו שטעלען געהאַקטע באַנקעס. דאָ זיינען אויך געלעגען אַ פושקעלע שוועבעלעך, אַ לאַנגער גלאַטשטיין, אַ פאַרמאַכטער ראַזיר־מעסער און אַ פעקעלע וואַטע. און אין סאַמע מיטען, ווי אַ הונד אין קראָפּיווע — אַ „יענע מעשה"... אָט טאַקע יענע זאַך פאַר וואָס קליינע קינדער האָבען אַזוי מורא. זעהר מאָדערן און זעהר אָנציהענד האָט די דאָזיגע כלי ניט אויסגעזעהן. צווישען אונז גערעדט: וואָס פאַר אַ שעהנעם פנים קען האָבען אַ קעלבערנער, געלבליכער פענכער, וועלכער איז פעסט אָנגעבונדען, מיט אַ רויטען פאָדים, אָן אַ שטיקעל הילזע פון אַ געניזען־פעדער?

אַז ירחמיאלקע און זיינע חברימלעך האָבען דערזעהן די דאָזיגע כלי, האָבען זיי זיך דערפיהלט נאַקעט, און האָבען זיך פאַרשעמט ווי אדם מיט חוהן נאָכן זינדיגען.

ווי חתנים, וועלכע האָבען אָקאָרשט באַקומען אָפּגעשיקט די תנאים, האָבען זיי זיך גענומען טאַפּען די פינגערלעך און

צוגאַנגען זיך פאַרטראַכטערהייט און מיט אַ פעסטען באַשלוס: מעהר קיין גרינע ווייַנפּערלעך ניט צו עסען, מעהר קיין וואַסער נאָך רויהע ריבעלעך ניט צו טרינקען... די פרומסטע בעלי־תשובות וואָלטען זיי געקענט מקנא זיין!

איז טאַקע זעהר שעהן און זעהר פיין. אָבער דער יצר־הרע פון זומער, פון אומצייטיגע אויבסט און גרינסען שלאָפט הויך ניט. ער צעוואַרפט זיך, אין די קרויט־גערטנער, מיט געלבע קווייטען, ער צעפּויזעט זיך אין פרישטשעוואַטע, ביטערע אוגערקעלעך, מיט שלאַנגישע נאַקעטע בייכלעך. ער צעשוי־בערט זיך אין פיינע פיליגרין־בלעטער פון מערעלעך, ער צע־לאָבוסט זיך אין יונגע ציבעלקעס מיט די ווייסע קעפּלעך צראָפּ און מיט די גרינע מייטקעס אַרויף, ער צעפּערעלט זיך אין דורכזיכטיגע ווייַנפּערלעך, האַרט ביי די צוימען פון פרעמ־דע גערטנער. ער באַהענגט די אָרעמס פון די פלוימען־בוימער מיט גרינע און בלאַסע פרוכטלעך: אַזעלכע לאַנגינקע און גע־פּאַלדעוועטע אין מיטען בייכעל, ווי שבועות־פּלעצלעך... ער צעבאָמבעלט זיך, פאַרפיהרעריש, אין ווילדע האָלציגע באַרעלעך אויף הויכע און צווייגיקע פעלד־באַרנטעס. ער צעשמייכעלט זיך אין ממזרשע אין עסיג־זויערע עפּעלעך, מיט כּלומרשט־פאַרשעמ־טע בעקעלעך. און אָט דאָס אַלץ דאַרף אַ חדר־אינגעל זעהן און שמעקען אַרום זיך, אין אייגענע און אונטער פרעמדע סעדער, עסען טרוקענע קיכעלעך מיט פּוטער, לערנען טרוקענע עברי און אויסהאַלטען!

האַלט מען טאַקע ניט אויס.

ווייסען דען ניט די רשעים, אַז ס׳איז דאָ אַ „יענע וועלט״ מיט אַ חיבוט־הקבר, מיט פייערדיגע ריטער, מיט הייסע סקאָ־ווערדעס?... פונדעסטוועגען, ניט צו פאַרזינדיגען — זינדיגט מען צו ביסלעך.

ווייסט דען ניט אוריס מוזיביקעל, אַז ס׳איז דאָ אַ גיטעל־באַשע אויף דער וועלט מיט אַ פענכער און מיט אַן אָנגעזייפ־טען שפּיץ פון אַ געגנזענער פעדער? ער ווייסט עס זעהר גוט. נאָר וואָס זאָל מען טהאָן?... אַז דוקא לעבען די צוימען פון

די גויעשקע סעדלעך וואַקסען קוסטעס פון אַגרעסען און פון ווײַנפּערלעך און פון זשאַווענעס. די קוסטעס רוקען אַרויס עט־ליכע בלעטערדיגע ריטלעך פון די צוימען און רייצען זיך: „אינגעלע, וואָלסט אפשר געוואָלט אַ בעלן מאַכען שהחיינו?" און וואָס זאָל ירחמיאלקע טאָן, אַז זיין שמאַלע און מאָגערע הענ־טעלע פּאַסט זיך גראָד אַריין אין די ענגע שפּאַלטען צווישען די פּלעקענער. וואַרטען אפשר ביז די ווײַנפּערלעך וועלען רויט ווערען און ביז די אַגרעסען וועלען ווייך ווערען? איז ערשטענס: ווער האָט דאָס כח צו וואַרטען אַזוי לאַנג? און צווייטענס: אַז זיי זאָלען צייטיג ווערען, וועלען די בעלי־בתים פון די סעדעלעך מן־הסתם ניט וואַרטען ביז ירחמיאלקע, אורי דעם קאַסאָקעס מוזיניקעל, וועט קומען פּליקען זיי פון הינטערן צוים אין מויל אַריין.

גיט מען זיך אַן עצה — בייצייטענס.

## 2

קיינער האָט נאָך ניט באַמערקט, אַז די אַגרעסען אין פּרעמדען סעדעל, צווישען די שכנישע קרויט־גערטנער, האָבען שוין אָפּגעבליהט מיט זייערע אייליגע, געלב־גרינע קוויטלעך. אָבער ירחמיאלקעס שאַרף אויגעל האָט שוין יאָ באַמערקט. אַלע טאָג, געהענדיג אין חדר און פון חדר, שטעלט ער זיך אָפּ קוקען ווי די פּיצינקע אַגרעסלעך גיסען זיך אָן ווי פּאַטשער־קעס פון בוטעל־גלאָז. זיי זיינען נאָך אַזוי קליין און אַזוי גרין, אַז זיי פאַרשווינדען צווישען די שעהנינקע געקאַרבטע בלעט־לעך. קיינער קען זיי נאָך ניט זעהן. אָבער זיין אויגעל זעהט זיי שוין. ער האָט שוין אפילו געפּרובט פאַרזוכען איין פּיצינ־קען אַגרעסעל. האָט עס געהאַט אַ טעם פון גראָז. שפּעטער מיט עטליכע טעג האָט שוין דאָס אַגרעסעל באַקומען אַ ביי־טערקייט. אין אַ מולדיגער שעה! אַבי ס'פּיהלט זיך שוין אַ שטיקעל מענשליכער טעם! אַ וואָך איז אַריבער ביז זיי האָבען

באַקומען אַ זויערקייט. נאַ, ס'גייט שוין אויף אַ דרך!... און גאָר עטלעכע זוניגע טעג האָבן געמוזט אַריבערגעהן, ביז די זויערקייט איז געוואָרען שטאַרקער, געלויטערטער, און האָט זיך גענומען אָפּגעבן מיט אַ ווייטען טעם פון יאַגדעס. אין יעט־ וועדער אַגרעסל האָבן זיך פאַרהאַרטעוועט עטלעכע שליימיגע קערענדלעך. די שאָלעכץ אַרום זיי איז שוין געלעגען פעסט ווי אַ ווייכע גלאָז און אַפּעטיטלעך געקנאַקט אונטער די ציין. האָט ירחמיאלקע באַשלאָסען, אַז אַצינד איז שוין געקומען די ריכ־ טיגע צייט פון „האַרבצען ווייַנטרויבען"... אָט אַזאַ פּסוק פון חומש איז איהם אַריינגעקראָכען אין זיין עקשנותדיג קעפּעל: „און די טעג זיינען געווען טעג, ווען מען האָרבצט וויַנטרויבען"...

מיט אָט דעם יום־טובדיגען פּסוק האָט ער זיך געפּע־ דערט, אין איין זוניגען פריהמאָרגען, און איז אַוועק אין חדר מיט אַ שעה פריהער, כדי ער זאָל האָבן גענוג צייט צו „האַרבצען" פאַרן דאַוונען, קומען אין חדר מיט אַ פולער קע־ שענע אַגרעסלעך און דערשיינען דאָרטען אַלס דער ערשטער „שהחיינו־מאַכער" פון היינטיגען סעזאָן.

זיינע עלטערע ברידערלעך האָט ער קיין וואָרט ניט גע־ זאָגט. מורא־האָבען פאַר זייער קאָנקורענץ דאַרף ער ניט. אָהן זיין הילף קענען זיי דאָ גאָר ניט מאַכען. זייערע „חומש" און גמרא־הענד" קענען דורך די צוים־שפּאַלטען אפילו ניט דורכ־ קריכען. היינט וואָס טויג עס איהם? — ער זאָל זיך די פינ־ גער צעבלוטיגען, זיי זאָלען איבער איהם קאָמאַנדעווען, און דערנאָך זאָל ער זיך נאָך מוזען טיילען מיט זיי מיט זיין „רויב"? ניין. דאָס מאָל וועט ער שוין „האַרבצען" איינער אַליין.

געטראַכט און געטאָן. מיט גאָטס הילף און מיט צעשונ־ דענע פינגער האָט ער „אָנגעהאַרבצט" אַ גאַנצע קעשענע ניט־ צייטיגע אַגרעסלעך. אמת, די קרומע נאָדלען פון די קוסטעס האָבען איהם צעמזיקט. יעדער אַגרעסל איז איהם אָנגעקומען מיט אַ גוטען שטאָך. ער האָט זיך אָבער מיט די בייזע צווייגעלעך אויך אָפּגערעכענט. זייערע פּרותלעך האָט ער

אָפּגעקניפּען, זייערע בלעטעלעך אָפּגעפּליקט, זייערע שפּיצן אָפּגעבראָכען און... „זאָלען זיי וויסען!"...

אין חדר איז ער אָנגעקומען ווי אַ גבור פון שלאַכט־פעלד, מיט שטאָלצע ריסען אויף די הענד און מיט אַ „זאַק־רויב" אין קעשענע. און ווער מאַכט דער ערשטער „שהחיינו" איבער אַגרעסען? ער. אַלץ ער. ירחמיאלקע, אוריס מוזיניקל!

דער כבוד זיינער אין חדר האָט זיך דערפון זעהר גע־הויבען. מיט גרויס פאַראַד האָט ער אויפן ניכטערען הארצען צעקייט די ערשטע עטלעכע אַגרעסען. און די חברימלעך האָבען צוגעקוקט, געשלונגען שפּייעכץ און האָבען איהם פאַרגעטערט. צוליעב דעם אַליין האָט שוין געלוינט צעקראַצען זיך ביידע הענט.

מען קען ניט זאָגען, אַז ירחמיאלקע האָט אין די „גע־הארבצטע" אַגרעסען דערפיהלט אַ טעם גן־עדן. פון דער מורא־דיגער ביטערלעכער זויערקייט האָבען זיך איהם די יאַסלעס גלייך צוזאַמענגעצויגען, ווי אויסגעשמירט מיט יאָדינע. פונקט אַזאַ טעם האָט ער איינמאָל דערשפּירט, ווען די מאַמע האָט איהם, מיט אַ היהנערשער פעדער, אויסגעשמירט אין אָנגעשוואָ־לענעם האַלז...

באַלד נאָכדעם איז אָבער אַוועק דער משונהדיגער. פע־כיגער געשמאַק, און עס האָט זיך דערפיהלט אַ שטאַרקע זויערקייט. פּאָרט אַ שטיקל גרויס פון דעם גויעשקען סעדעל און פון אָנהויב זומער!... ירחמיאלקע האָט אַזוי פאַזאָלינקע אויפגענאַשט אַ נישקשהדיג הייפעל. ער האָט זיך אַ ביסעל געקרימט. אָבער ס'איז ווי־ניט־איז אַראָפּ. מען קען דאָך אויך ניט בלייבען שטעהן אינמיטען, ווען אַזוי פיעל באַגייסטערטע אויגען פון די חברימלעך קוקען אויף איהם. האָט ער זיך אַזוי לאַנג געקוויקט ביז די צונג איז איהם געבליבען שטעהן ווי אַ פלאָקען, אין האַלז האָט איבערגעטריקענט און די ציינער זיי־נען טעמפּ געוואָרען און ' געגומען זיך שאָקלען. דאַן האָט ער ברייטהאַרציג צעטיילט דאָס רעשטעל אַגרעסען צווישען זיינע אונטערטעניגע חברים. אַדרבא, זאָלען זיי זיך קוויקען אַזוי ווי

ער האָט זיך געקוויקט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַרום איהם אַ קייעניש און אַ שפּייעניש. ביי עטלעכע חברימלעך זיינען די אויגען געקראָכען פון קאָפּ. נאָר זיי האָבען ניט געוואָלט ווייזען, אַז זיי זיינען וועניגער כוואַט פאַר ירחמיאלקען. האָט מען זיך מיט מסירת־נפש געקוויקט און געוואָרגען זיך, ביז דער רבי מיטן טלית־זעקעל איז אָנגעקומען פון דאַווענען און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן „זעצט זיך!״ האָט מען זיך געזעצט אַרום טיש אויף די הויכע הילצערנע בענקלעך, מיט אַראָפּגעהאַנגענע פיס־און־שיכעלעך, וועלכע דערגעהן ניט ביזקעל דער ערד.

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבען ווי געוועהנליך. מ׳האָט אויפגעמישט די סידורים ביי „מה־טובו״ און דער רבי האָט אָנגעטהאָן די יאַרמעלקע און אַוועקגעזעצט זיך טייטלען. אָבער ווי ס׳איז געקומען צו „אדון־עולם״ האָט ירחמיאלקע דערשפּירט אַ שאַרפען שניט אין מאָגען.

— אדון. עולם. אשר. מלך. בטרם. כל. יציר. נברא...

דער רבי האָט געטייטעלט, ירחמיאלקע האָט געבראָקט עברי. אָבער דאָס שניידען אין רעכטען זייט האָט זיך איבערגעחזרט און אַזוי שאַרף, אַז ער האָט זיך פאַרקאָרטשעט.

דער רבי האָט געמאַכט אַ פּאָר קיילעכדיגע אויגען און אַ געשריי געטהאָן:

— וואָס זיצסטו ניט איין? טרפהנע ביין!...

אָבער די „טרפהנע ביין״ האָט זיך דערפיהלט זעהר ניט גוט. דער רבי מיטן פּאַסעק איז שרעקלעך, אָבער די שניידענישען אין בויך זיינען נאָך שרעקלעכער. און צווישען אָט די צוויי פּייערען דאַרף מען דאָס אָפּבראָקען אַ דאַווענען, אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד! אַ שווייס האָט ירחמיאלקען אַרויסגעזעצט אונטערן קאַזיראַק פון היטעלע, קרימענדיג זיך און אומרוקענדיג זיך אויפן הויכען בענקעל, האָט ער זיך קוים דערשלעפּט ביז דער תפילה פון דער „עקדה״ און איז שטעהן געבליבען.

— זאָג, משומד! — האָט איהם דער רבי אונטערגעגעבען חשק.

ירחמיאלקע, ביי וועמען עס האָט שוין אינווייניג געבורטשעט און געשטאָכען, האָט זיך אומגעקוקט מיט שרעק אויף דער לאַנגער תּפילה. דער „רבונו-של-עולם" האָט איהם געטאַנצט פאַר די אויגען. און ווי אַ מענש, וואָס וואַרפט זיך טרינקען, האָט ער אַ וואָיע געטהאָן:

— ר... רבי! די קליינע אותיותקעס וועלען מיר אויך זאָגען ?...

די אינגלעך האָבען זיך צעלאַכט. און אָנשטאָט אַן ענט־פער האָט ער פון רבין באַקומען אַזאַ שטורך, אַז ער איז אַרויפ־געפאַלען מיטן קאָפּ אויפן חברס פּלייצע.

אָבער אַצינד האָט ירחמיאלקע באַקומען אַ געלעגענהייט אַרויסצויאָמערען זיינע גרויסע שמערצען, זיין מוראדיג שניידע־ניש אין בויך. ער האָט זיך דערמיט באַלד באַנוצט און פאַר־גאַנגען זיך מיט אַזעלכע געוואַלדען, אַז די רביצין איז אַריינ־געלאָפען פון קיך, און דער רבי אַליין האָט זיך ניט אויף קאַטאָוועס דערשראָקען. ער האָט דערזעהן, אַז זיין געשטור־בעטער תּלמידל איז געבליבען ליגען אויפן בענקעל, קאָרטשעט זיך פאַר וועהטאָג און קלאָגט.

— וואָס איז דיר, וואָס איז מיט דיר ? — זיינען צו איהם צוגעפאַלען דער רבי און די רביצין.

— דער בויך... אָי, אָי ! — האָט שוין ירחמיאלקע, דע שטאָלצער „שהחיינו-מאַכער" געיאָמערט אָהן אַ פּיצעל בושה און געבויגען זיך אין דרייען.

דער סוד פון גרינע אַגרעסען איז מיאוס אַנטפּלעקט גע־וואָרען. ירחמיאלקעס העלדישקייט איז געוואָרען צו גאָרנישט מיט נישט.

## 3

פאַר אַ הענטעלע האָט איהם די רביצין אָפּגעפיהרט אַהיים. ער האָט זיך געסטאַרעט געהן ווי אַ מענש. ניט וויינען אויפן

קול. נאָר טרעהרען זיינען איהם געשטאַנען אין די ברייט־אויפ־געריסענע אויגען. ער האָט זיך אַזש געביסען די צונג פאַר וועהטאָג. פאַרבייגעהענדיג דעם סעדעלע, וואו ער האָט מיט אַ שעה צוויי צוריק אַזוי גרינדלעך אַרומגעפּליקט דעם קוסט פון אַגרעסען, האָבען זיך אַ פּאָר אָפּגעבראָכענע צווייגעלעך אַדורכ־געשטופּט דורך די ענגע שפּאַלטען פון צוים אָנצוקוקען דעם באַשטראָפטען חברה־מאַן, וועלכען די רביצין פיהרט אַצינד אַהיים ווי אַ קליינעם אַרעסטאַנטעל. ירחמיאלקען האָט זיך געדאַכט, אַז די באַליידיגטע צווייגלעך ווינקען זיך איבער, שאָקלען איהם נאָך:

— אַהאַ, פּרעסער! צעבראָכען, צעשטאָכען אונז... אַצינד גאַ־דיר!

אין דער היים האָט ער פון דער מאַמען געקראָגען אַ גלאָז הייסע טיי, דערנאָך מיאַטע, דערנאָך ביטערע קרייטיכער, וואָס ווייטער און ווייטער אַלץ ניט־געשמאַקער, אַלץ פּאַסקודנער זענען געוואָרען די רפואות. אָבער די שמערצען אין מאָגען האָבען ניט אויפגעהערט. פאַרקעהרט, זיי זיינען אַראָפּ אַלץ טיפער און טיפער; צעוואָרפען זיך איבער די געדערים און געשניטען ווי מיט מעסערס. ירחמיאלקע איז אָבער אויף אַלץ איינגעגאַנגען, אויף „ריבאַרבערים", אויף כאָלערע־טראָפּענס, מיט גרויס הכנעה האָט ער אַלץ איינגענומען און שטיל גע־קרעכצט. אַבי נאָר די מאַמע זאָל ניט רופען די מיאוסע רופאטע מיטן פענכער... אָבער בין פאַרנאַכט איז איהם גרינגער ניט געוואָרען. די בעקלעך זיינען איהם איינגעפאַלען, אַרום די מאַטע אויגלעך האָבען זיך געלייגט שוואַרצע שאָטענס. רופט זיך אָפּ מוהמע־פייגע צום פעטער אורין אויף ריין גויאיש, כדי דער קליינער זאָל ניט פאַרשטעהן:

— טרעבאַ זאַוואָלאַטש רעפעטו!...*)

האָט אורי אַ בליאַסק געטאָן מיט די קאָסאָקע אויגען אויפן קליינעם, און פיעלדייטיג אָפּגעענטפערט:

---

*) מ'דאַרף אַ רוף טאָן די רופאטע.

— אומהו!
דעם לשון האָט ירחמיאלקע ניט קלאָר פאַרשטאַנען, נאָר וויסען האָט ער זעהר גוט געוואוסט, אַז ס'שמעקט מיט גיטעל-באַשען. ער איז שוין אָבער געווען אַזוי אָפּגעמאַטערט, אַז ס'איז איהם געוואָרען אַלץ איינס. ער האָט נאָר גאַנץ שוואַך אַ זאָג געטאָן „ניין, ניין!", און האָט זיך שטיל צעוויינט. די מאַמע האָט אויף זיך אַרויפגעכאַפּט די פּאַטשיילע, ביט-גוט אַ שמייכעל געטאָן, און איז אַרויס.
אין אַ האַלבע שעה אַרום איז אָנגעקומען גיטעל-באַשע מיט איהר אויסגעקוועטשט געל פּנימל און מיט איהר רויטער חסידישער פּאַטשיילע, וואָס זי האָט געירשנט פון איהר מאַן. זי האָט זיך צעלעגט, ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען, מיט אַלע איהרע כּלים, אין קאָכשטוב, אויפן טרפהן ביינקעל.
כּדי דאָס מוזיניקעל זאָל ניט צוזעהן, וואָס פאַר אַ חרפּה מען גרייט איהם דאָ צו און זאָל ניט איינלעגען וועלטען, האָט מען איהם פאַרשפּאַרט אין קינדער-צימערל. און גיטעל-באַשע האָט באַקומען פרייע הענט צו מאָן איהר געהיים-טהוערייי.
קודם-כּל האָט זי אַ פּרוב געטאָן, צי די הויפּט-מאַשין געהט גוט. יאָ, עס געהט גוט. דער שפּיץ פון גענזען-פעדער, פון וועלכען מען האָט אַרויסגענומען דעם „גנבל", איז פעסט אָנגעבונדען אָן קעלבערנעם פענכער. קיין טראָפּעלע לופט רייסט זיך ניט דורך. מאַכט זי צו דער מוהמע-פייגען גאַנץ ברייטלעך, ווי אַ מענש, ביי וועמען אין די געלע הענט עס ליגט אַצינד דאָס געזונד פון אַ גאַנצען מוזיניקעל.
— פייגע, אפשר האָט איהר אַ ביסעל הייסע וואַסער מיט אַ שטיקעלע זייף?
— אַודאי! — הויבט זיך מוהמע-פייגע אָן צו טומלען, אָט איז אַ שיפעלע הייסע וואַסער און אָט איז זייף.
— דער עיקר איז זייף! — ערקלערט גיטעל-באַשע איהר געהיימע וויסענשאַפט און נעהמט זיך מוליען דאָס הייסע וואַסער מיטן פרעגטעלע זייף. איהר שטענדיג-זויערע מינע ווערט דערביי פאַרזאָרגט. דער שטערען קנייטשט זיך אָן אונטערן

קאָפּ־טיכעל, די ליפּען פאַהרען אַרויס. זי מאַכט מולינעס און שווייגט. נאָר אינמיטען-דערינען דערמאָנט זי זיך:

— פייגע, אפשר האָט איהר אַ טראָפּעלע בוימעל?

— יאָ. — רופט זיך אָפּ מוהמע־פייגע, אַ קאָפּ פּאַרוואַנסקע־בוימעל איז טאַקע פאַראַן.

דערקלערט איהר גיטעל-באַשע דעם שכל פון בוימעל אַזוי:

— דאָס מאַכט ווייך די קישקעלעך...

זי טריפט דאָס אַריין אין די הייסע מולינעס און מישט מיט אַ שטעקעלע. אָבער גלייך נאָכדעם גיט זי זיך אַ כאַפּ:

— אָך, גאָר פאַרגעסען. אַ האָרעלע זאַלץ...

— זאַלץ! — שמייכעלט פרייגיביג מוהמע־פייגע — ס'פעהלט דען זאַלץ אין אַ אידישער שטוב? זאָל אַזוי פעהלען אַל-דאָס־גוטס.

— דאָס מאַרינירט די קישקעלעך... — ערקלערט וויסענ־שאַפטלעך גיטעל־באַשע. טהוט אַריין אַ הייפעלע זאַלץ און מישט גיך־גיך ווי אַ כשוף-מאַכעריך. נאָר באַלד פאַלט איהר אַריין אַ נייער גליקלעכער געדאַנק:

— שאַ, — מאַכט זי — פייגע, אפשר האָט איהר גאָר אַ ביסעלע מילך?

— מילך? — פרעגט איבער מוהמע־פייגע — אַז ס'איז דאָ, געלויבט דער אויבערשטער, אַ בהמה אין שטוב, איז דאָ מילך. אָט איז אַ קריגעלע מילך.

— דאָס מאַכט לייכט! — ערקלעהרט גיטעל-באַשע. און צו דער זייפיגער געמישעכץ קומט צו אַ האַלבער קריגעלע מילך. באַלד, נאָך אַזאַ פאַרווייסען, טונקט גיטעל־באַשע איין איהר קאָריאַווען פינגערל אין דער שיסעלע און פרובט די וואַרימקייט.

— נאַ, — מאַכט זי — פייגע, אַצינד, אַז עס האָט זיך שוין אָפּגעקיהלט, קען מען שוין אַריינטאָן אַ ווייסעל פון אַן איי, ס'וועט זיך ניט פאַרקאָכען.

— אַ ווייסעל?! — וואונדערט זיך מוהמע־פייגע.

— אַ ווייסעל! — ענטפערט שטרענג גיטעל־באַשע ד
רופאטע. — איהר ווייסט דען ניט, אַז מען מוז האָבען אַ ווייסעל?

— איך זשאַלעווע דען אַן איי? — פאַרענטפערט זיך מוהמע־פייגע. — צוליעב אַ קינד זשאַלעוועט מען ניט. נאָר איך הער עס צום ערשטען מאָל.

— דאָס מאַכט שליימיג! — ערקלעהרט איהר די רופאטע, זעהר זעלבסט־באַוואוסט, און צעלויפט זיך מיט איהר הילצערנעם שטעקעלע אין שיסעל, כדי די זאַטע פליסיקייט זאָל בעסער אויפנעהמען דאָס ווייסעל, וואָס די מוהמע־פייגע טריפט אַריין פון אַן איי־שאָלעכץ. די רופאטע פלייסט זיך און מישט ווי אַן אַפּטייקערין. זי האָט זיך אַליין אויפגערעגט פון איהר אַלכעמיע. אַלע ווײלע גיט זי זיך אַ וויש די נאָז מיט אַ געלען פינגער פון איין האַנט. און הערט ניט אויף צו מישען אין שיסעלע מיט דער צווייטער האַנט. אין איהר אויסגעקוועטשט פנימל, אונטערן ברודיגען קאָפּ־טיכעל, בייטען זיך אַלערליי מינעס. אַט דריקט עס אויס פרומקייט, אַט ניט־גוטקייט, אַט זאָרג, אַט אומגעדולד. נאָר מיטאַמאָל ווערט דאָס פלייסיגע מישען רוהיגער, גיטעל־באַשע פאַרטראַכט זיך. דער מיש־שטעקעלע בלייבט שטעהן.

— פייגע, — דערמאָנט זי זיך — ווי אַלט איז אייער אינגעלע?

— זיבען יאָהר, קיין עין־הרע! — געהט צו די מוהמע־פייגע און קוקט אָן די רופאטע אַ ביסעל פאַרזאָרגט — וואָס איז?

גיטעל־באַשע גיט זיך אַ וויש די נאָז פון שאַפערישער אויפרעגונג.

— איהר וואָלט געהאַט, — מאַכט זי — אַ שטיקעלע האָניג, וואָלט גאָר גוט געווען. מען קען נעהמען אַ ביסעלע קראָכמעהל אויך. נאָר האָניג איז בעסער...

מוהמע־פייגע קען זיך ניט אָפּוואונדערען:

— האָניג?... קראָכמעהל?... — שטאַמעלט זי.

— יאָ, האָניג אָדער קראָכמעהל! — ווערט די רופאטע

ברוגזלעך. אָרימעלייט קענען זיך באַגעהן מיט קראָכמעהל. נאָר אַזאַ באַלעבאָסטע ווי איהר, אַ מוזיניקעל...

— ס'איז דאָ, ס'איז דאָ! — לויפט די מוהמע־פייגע צום אַלמער. — געבליבען פון פסח. כ'האָב, נאָר געמיינט...

— וואָס איז דאָ וואָס צו מיינען? — שלאָגט איבער די רופאטע. — ביי אַ קינד איז גוט אַ שטיקעלע האָניג. דאָס פאַר־גלעט די קישקעלעך...

וואָס עס מיינט מיטן „דאָס פאַרגלעט" פאַרשטעהט שוין מוהמע־פייגע אינגאַנצען ניט. נאָר זי געהמט אָן אויך אָט דעם טיעף־מעדיצינישען אויסדרוק, ווי אַ זאַך, וואָס אָהן דעם קען מען אַזאַ מיקסטור ניט פאַרטיג־מאַכען. זי נעהמט דאָס אָן ווי דאָס איי־ווייסעל, ווי דעם בוימעל, ווי דאָס זאַלץ און שאר־ירקות, וואָס גיטעל־באָשע האָט פאַרלאַנגט מיט אַזאַ זיכערקייט, מיט אַזאַ שטרענגער דאָקטאָריע.

— אָט איז האָניג, — טראָגט זי איהר צו אַ גלעזעלע, — ס'וועט זיין גענוג?

— ס'וועט זיין גענוג! — גיט די רופאטע גנאָדיג אַ שאָקעל מיט איהר ברודיגען קאָפּ־טיכעל — ס'וועט נאָך איבער־בלייבען.

— הלואי זאָל מען ניט דאַרפען! — זיפצט אָפּ מוהמע־פייגע מיט אַ פרומער מינע. זי לעגט צו צוויי פינגער צום באַק און קוקט ווי אין דער וואַרימער, מילכיג־שליימיגער און זייפיגער פליסיקייט צעשמעלצט זיך דער האָניג ווי אַ שטיק ווייכער בורשטין. זי קלעהרט זיך נאָר, אַז ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס אַ מענשלעך־לייב האַלט ניט אויס אַזאַ ווילדע גע־מישעכץ. מען זאָל אַזאַ פּאָטראַווע אַריינשפריצען אין אַ מיר־מעל־שטיין וועט עס אויך אויפרייסען.

געלויבט דער אויבערשטער, ס'איז פאַרטיג. אַצינד נעהמט זיך די רופאטע צו איהר קעלבערנעם פענכער מיט דעם גענוזע־נעם שפּיץ. זי גלעט איהם אויס, נעהמט איהם אָן פאַר ביידע איינגעפאַלענע באַקען און ציהט אין איהם קונציג אַריין די גאַנצע מיקסטור, זי רייבט אָן דעם גענזענעם שפּיץ מיט זייף

און מאַכט אַ גענעראַל-פּראָבע אונטערן טרפהן בענקעל. עס דערהערט זיך אַן אויסדרוקספולער, אַ בלעזעלדיגער קוויטש. דער אַפּאַראַט אַרבייט ווי ס'געהער צו זיין. מאַכט גיטעל-באַשע אַ שפּלדיגע מינע און רופט אויס:

— נאַ, פייגע, מען קען שוין!

דערהערט דאָס מוזיניקעל אין קינדער-צימערל, אַז „מען קען שוין", געהט איהם אָן אַ חלשות און אַ טויט-שרעק. ער דערפיהלט שוין „אויף אויסגעווייניג" אַלע טעמים פון אַ געפּייניגט לייב און פון גאָר אַ גרויסער חרפה, וואָס די צווי ווייבער קלייבען זיך איהם אָנצוטאָן. מאַכט ער קולות-געוואַלדען אין הימעל אַריין: „אַי-אַי-אַי!" און נאָכאַמאָל: „אַי-אַי-אַי!"

נאָר ווער הערט איהם, — אַזאַ שנעק ווי ער? און ווער פרעגט איהם — אַזאַ אַגרעסען-פרעסער? ער לערנט טאַקע עברי ביי משה-הירשלען אין חדר, אָבער צוויי ווייבער זיינען שטאַרקער פאַר איהם.

4

איבערמאָרגען אין דער פריה, שאַרט זיך ירחמיאלקע אַריין אין משה-הירשעלס חדר. ער איז אָפּגעבלאַסט, אָבער געזונט. שוין באַלד אַ מעת-לעת, אַז ס'איז איהם געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען. ער איז נאָך אָבער צעשראָקען און פאַרשעהמט פון גיטעל-באַשעס קונסט און פון דער מאַמעס באַרמהערציקייט. די יסורים פון לייב זיינען אַוועק, אָבער הויבען זיך אָן די יסורים פון זעל. אַ סך ערגערע, אַ סך געברענטערע צרות זיינען דאָס. וואָרום אַלע זיינע חברימלעך אין חדר ווייסען שוין געווס, וואָס פאַר אַ תנובה די רופאטע האָט איהם אָפּגעשפּילט. זיי ווייסען עס מיט אַלע פּישצעווקעס. זיי קענען אפילו דעם גאַנצען רעצעפּט, אַלע וואונדערלעכע שטאָפּען, וואָס ירחמיאלקע האָט אין זיך אויפגענומען. דער גאַנצער רעספּעקט פאַר זיינע עהרענטפּיגע גבורות, פאַר זיינע זויערע אַגרעסען,

פאַר זייגע צעקראַצטע הענט, איז אַוועק ווי אַ רויך. געבליבען איז נאָר אַ שטיפערישע, אַ זלידנע אַכזריות.

שליאָמקע-נאָז, מיט דער בעלמע אויפן אויג, צעהלט אויף די פינגער:

— באָד-וואַסער איז ניט איינס. זייף, איז ניט צוויי. זאַלץ, איז ניט דריי. ווייסעל פון אַן איי, איז ניט פיער. אַ קריגעלע מילך, איז ניט פינף. פסחדיגער האָניג, איז ניט זעקס. ונאמר אמן!

און די גאַנצע חברהצקע האַלטען איהם אונטער. יעטוועדער טראַכט צו עפּעס אַ נייע פּאַטראַווע.

ליאָנקע פּיסקליאָניק שפּרינגט אויף זיינע היהנערשע פיסלעך און קוואָקצעט:

— פעפער איז פעפער, צימרינג איז צימרינג, געשטויסענע יאַדרעצעס, שמעק-טאַבאַק, באָב-יויך, לאַקריץ און קובעבע...

דאָס אַלץ לעגט ער צו פון אייגענעם שכל. און פון יעדען נייעם געווירץ טריפט ירחמיאלקען דאָס בלוט.

כאַפּט אונטער איציקעל מיטן שפּענצער, דער קלענסטער אין חדר. ער גיט זיך אַ וויש דאָס פאַרסמאַרקעט נעזעל מיטן אַרבעל און קוויטשעט אַרויס אַלע מאכלים, וואָס ער האָט געזעהן אין זיין „בענשערל״:

— ציבעלע-„סאָלעכץ״ אויך, גענזען-„סמאַלץ״ אויך... בוריקעס-„ראָשעל״... ע-ע-ע — אייאיר-וואָרצעל און — און — און... „שמעטענע״ אויך טאַקע...

אַ פערטער אינגעלע, פון די „גערעטענע״, אַבעלע דעם פאַראָמשטשיקס בן-יחידל, אַ אינגעלע אַ פּאַמפּעשקע, לעגט איהם אויס דעם גאַנצען „סדר״, וואָס איז, לויט זיין השערה, אַריין אין גיטעל-באַשעס געמישעכץ:

— קדש, ורחץ, כרפס, יחץ... קדש איז דער טייטש: מען מאכט קידוש איבער ראָזינקע-ווין און מען מישט... ורחץ—מען וואַשט זיך די הענט און מען מישט. כרפס—מען בראָקט אַריין אַ ציבעלע מיט זאַלץ-וואַסער און מען מישט. יחץ — מען צעטיילט אַן איי אויף צוויי און מען —

נאָר אין מיטען קומט אָן דער רבי פון דאַווענען און

טרייבט אָפּ די חבֿרה פֿון ירחמיאלקען, ווי אַ בייזען היישעריק, אַצינד אין זיין אייגענע ריי געקומען. ער האָט אודאי וואָס צו זאָגען... ער, דער רבי אַליין, מעסט אַצינד אָפּ דעם גענעזענעם תּלמיד מיט זיינע בולטע אויגען. ער שאַצט אָפּ דעם געזונט־צושטאַנד פֿון זיין פֿאַרזינדיגטען חדר־יונג: צי קען מען איהם שוין אָפּשמייסען פֿאַר דער מעשה מיט די זויערע אַגרעסען, צי ניט? און ער באַשליסט — אַז יאָ.

— „מען קען שוין"... — לויפֿט דורך ירחמיאלקען אין מידען קאָפּ גיטעל־באַשעס קולכעל.

און דאָ זיצט שוין דער רבי מיט דער רצועה אויף דער פֿאַרשמאָלצעוועטער קניע און ווינקט איהם, געהיימניספֿול און שפּאָטיש, מיט איין פֿאַרטאַבאַקטען פֿינגער:

— קום אַקאָרשט אַהער, מיין תּכשיטל! — —

געהענדיג צוריק אַהיים וואַרמעס־עסען, פֿיהלט זיך ירחמיאלקע אַ סך קראַנקער ווי עהערנעכטען, בשעת ס'האָט איהם געשניטען און געריסען אין די געדערים און די רביצין האָט איהם געפֿיהרט אַהיים פֿאַר אַ הענטעלע. ער קוקט אַוועק פֿון די אַגרעסען־קוסטעס מיט אַ מוראדיגער שנאה. איהם דאַכט זיך, אַז די אָפּגעפּליקטע צווייגלעך קוקען איהם נאָך פֿון פֿרעמ־דען סעדעל און זינגען איהם נאָך מיט אַ מענשלעכען קול, מיטן רבינס קול:

— אַ אינגעלע, אַ אינגעלע, זאָל ווייטער נ י ט רייסען קיין אַגרעסלעך...

ירחמיאלקע גיט זיך אַ פֿייערדיגען נדר מעהר קיין זויערע אויבסט ניט צו עסען, מעהר ניט אומצוקוקען זיך אויף פֿרעמדע סעדלעך. זאָל ער שטאַרבען אויב יאָ, זאָל ער אַ מיתה־משונה איינגעהמען!

נאָר דער זומער־יצר־הרע שלאָפֿט אויך ניט. ער לאַכט אין די גרינע בלעטער פֿון ירחמיאלקעס נדר. ער באָמבעלט זיך פֿון די באַרנטעס. ער הוידעט זיך אויף די רויטלעכע פֿלוימען־ביימער. ער מאַכט כי־כי־כי ביי די עפּעל־בוימער אונ־טער די שוואַרצע „פּאַכטעס"...

II

# די עפּאָפּעיע פון לייבע-האָרב

## על ף נאָוועלען

# מען גנבעט עפּעל

## 1

ניט ווייט פון פּעטער אוריס הויף שטעהט, איינגעפּאַסט צווישען צוויי אוגערקע־גערטנער, אַ געלער מויערעל. לייבע־האָרב דעם פּראָצענטניקס מויערעל.

געבויט איז דאָס מויערעל פון ציגעל, געמישט מיט ווילדע שטיינער. אָבער געדעקט איז ער מיט געוועהנלעכע שינדלען, ווי אַלע אַנדערע שקלאָווער הייזער, וועלכע זענען געבויט פון בערוועגעס. סיי ביי זיי, סיי ביים מויערעל אויפן דאַך וואַקסט אַ סאַמעט־גרינער פליכעוואַטער מאָך, פאַרדעקט זייער פוילעניש און פאַרשיינט זייער עלטער.

אַ מאָדנער מויערעל איז דאָס... זיינע צוויי פראָנט־פענסטער זיינען הויך פאַררוקט, כמעט אונטערן סאַמע דאַך, און טיעף אַריינגעשניטען זיינען זיי אינם דיקען מויער, ווי צוויי זשעדנע פינסטערע אויגען, וואָס קוקען מיט פאַרדאַכט. אַזעלכע אויגען ווי ביים פּראָצענטניק אַליין... אונטער זיי לאָזט זיך אַרונטער, אין דער קרים, אַ בייכיגע שטיינערנע וואַנט. זי דערגעהט ביז קעל אַ קעלער־פענסטערעל, מיט אייזערנע גראַטעס. דאָס פענסטערעל אַליין זיצט פעסט אין אַ ראַנד פון צוזאַמענגעוואַפּנעטע רויהע שטיינער. דאָס גאַנצע מויערעל, אויסערען רויהען פונדאַמענט, איז געל געטינקעוועט; נאָך געלער זיינען

די פייכטע פלעקען אויף זיינע ווינקלען. און פון וואַנען זיי שטאַמען ווייסט מען ניט.

מילא, דאָס וואָס די פענסטער זיינען אַזוי משונהדיג הויך און פאַררוקט אונטערן דאַך, קען מען נאָך דערקלערען: „גנבים זאָלען ניט אַריינקלעטערען...״ אָבער צוליעב וואָס, למשל, ברויכט מען, אַז אין וואַנט, איבערן פונדאַמענט, זאָל זיין איינגעמויערט אַ שטיק פון אַ מילשטיין. און דוקא — אַ וועלכע פיער איילען איבער דער ערד? דעם דאָזיגען סוד וואָלט אפשר געקאָנט דערקלעהרען יענער ליימער-אַרכיטעקט, וועלכער האָט אַמאָל אויסגעבויט אָט דעם צאַצקעדיגען בנין. אָבער דאָס מויערעל איז שוין זעהר אַלט. און דער מייסטער זיינער איז שוין לאַנג געשטאָרבען, און דעם סוד פונם האַל-בען מילשטיין האָט ער אין קבר מיטגענומען.

יאָ, שטאַרבען שטאַרבט דאָס לייב פונם קינסטלער, אָבער אייביג לעבט זיין קונסט!... שטעקט זי אַזוי אַרויס, פון דער פראָנט-וואַנט, זיין שאַפונג, וואָס ער האָט געשאַפען — דער איינגעמויערטער שטיק מילשטיין. אייביג יונג און אייביג מונ-טער זיצט ער אויף דער וואַך. און, אין רעגענדיגע נעכט און אין שנייאיגע פאַרטאָגען, צעביילט ער שטערענס, צעקיילט באַ-קען-ביינער און צעבלוטיגט נעזער פון די, וועלכע האָבען אַ טבע צו שאַרען זיך ביים וואַנט. על-פי רוב טרעפט עס מיט „ניט-היגע״, וואָס הויבען ניט אָן צו קענען, ניט דעם פראָ-צענטניקס מויערעל, ניט די קונצשטיקלעך פון דעם איינגע-מויערטען מזיק.

סע דאַכט זיך אָפט, אַז ער טשיקעוועט אין דער פינס-טער אויף אַן אורח: „פון וואַנען אַ איד? פון רישקאָקי? פון קאַפּוסט? ס׳קאַצעל קומט! מע וואַרט דאָך שוין אויף אייך! ק׳מט, זייט מוחל, אַ ביסעל נעהענטער, נעהענטער און... טררראַך! גלייך אין שלייף אַריין, אָדער אין גאַמבע אונטערן באַרד. ס׳הענגט אָפּ פונם אורחס וואוקס.

— אי, אי! וואָס איז דאָ-אָס?

„אַי, אַי וואָס איז דאָס? זיך מישב געווען! געדאַרפט פריהער פרעגען. אַז מען געהט דאַרף מען קוקען ווי מען געהט... דאָס בין איך... טאַקי איך אַליין! דער מילשטיין פון לייבע-האָרבס מויערעל״...

אָט אַזוי גיט ער עס אָפּ „שלום-עליכם״ אומבאַקאַנטע אידען. און מען דאַרף נאָך גומל בענשען, וואָס ער, דער גאַסט-פריינדלעכער שטיין, טרעט אַרויס פון וואַנט האַלב-קיילעכדיג, וואָס ער איז אויסגעגלעט פון רעגענס און פון לאַנג-יאָהריגע פּראַקטיק — האַקפּן שטערענס. שלאָגט ער זיך מיט חסד. קומט מען אָפּ מיט אַ ביסעל שרעק און מיט אַ בלויען בייל. מעהר גאָרנישט. וואָלט עס געווען אַ רויהער שטיין, ווי אַלע שטיינער, וואָלט מען, שונא-ישראל, אַוועק אָהן קעפּ.

דערפאַר אָבער היטען זיך פאַר איהם די שכנים פון גאַס, וואָס זיינען שוין באַקאַנט מיט זיינע שטיקלעך. זיי געהן איהם אַרום, אַזוי ווי אַ שטומען, אָבער בייסיגען, הונט. פון געוואוינ-הייט געהט מען איהם אַרום אפילו בייטאָג, ווען די זון שיינט און די גאַס איז העל. נאָר אַ סך גלייכער איז, אינגאַנצען ניט שטעהן אין זיינע דלת-אמות, פאַרבייגעהן אויף דער צווייטער זייט גאַס. פון דערווייטענס זעהט אויס דאָס גאַנצע מויערעל מיט זיין פראָנטאָווער וואַנט, מיט די צוויי פענסטער אונטערן דאַך, מיט דעם גראַטענעם לופטערעל פון קעלער און מיט דעם איינגעמויערטען שטיק מילשטיין איבערן רויהען פונדאַמענט, ווי אַ פלאַך-אויסגעצויגענע געלע צורה, מיט צוויי בייזע אויגען און מיט אַ געשוואָלענער ליפּ איבער זשאַווערדיגע פאַרשטשי-רעטע צייהן, וואָס מאַכט: „פע־ע...״, אַ צורה, וואָס איז אַזוי פאַר-שטאַרט געוואָרען, אין איהר געלקייט און פאַרקרימעניש, אויף אייביג.

אָבער אָט די מיאוסע העויה אַרט שוין קיינעם ניט. דעם שטערען, פון דערווייטענס, קען עס פאָרט ניט דערלאַנגען...

## 2

צי די הויכקייט פון די פענסטער, אויבען, איז אַ גוטע שמירה פאַר די שקלאָווער גנבים, איז נאָך אַ גרויסער ספק. נאָר אַז דאָס גראַטען־פענסטערל פון אונטען איז קיין שום שמירה ניט פאַר די עפּעל אין קעלער — דאָס קענען באַ־שטעטיגען אוריס בנים, אַלע דריי: ס'מוזיניקעל, דער חומש־בחור, און אפילו וועלוועל — דער עלף־יאָהריגער גמרא־בחור.

ווי קומט צו לייב־האָרב אין קעלער עפּעל? ס'איז אַ גרוי־סע שאלה! לייבע האָרבס קעלער איז טיעף און גוט געמויערט. אַ האַלבע גאַס בעלי־בתּים שטעלען ביי איהם זייערע פּעסער מיט געזייערטע אוגערקעס. און ס'איז נאָך דאָ געניג אָרט פאַר ווינטערדיגע עפּעל, וואָס אויבס־הענדלער שיטען ביי איהם אָפּ, און וואָס ער אַליין באַהאַלט צום פאַרקויף. ביי לייבע־האָרב דעם פּראָצענטניק געהט גאָרניט פאַרלוירען. אפילו זיין פינס־טערער קעלער טראָגט איהם איין.

שוין אַ פּאָר וואָכען פאַר סוכּות הויבט אָן צו שלאָגען פון דער גראַטענער פענסטערל אַ געדיכטער ריח־נחוח פון ווינטער־עפּעל. מען געהט, דאַכט זיך, אין חדר אריין, און מען שפּרייזט זיך, גאַנץ רוהיג, פאַרביי דעם מויערל. פאַרן מיל־שטיין האָט מען לעת־עתּה קיין מורא ניט. לעת־עתּה דערגרייכט ער נאָך ניט ביז די אינגעלשע שטערענס... אָט, אַז מען וועט אונטערוואַקסען, וועט ער, אם ירצה השם, אָפּנעהמען זיין חוב מיט פּראָצענט. וועט האַקען די שלייפען ביז מען וועט איהם נעהמען אויסווייכען. דערווייל לאָזט ער די קינדער דורכגעהן אויף קרעדיט...

איז געהט מען זיך אַזוי אין חדר און מען האָט קיין שום שלעכטע מחשבה ניט. ס'איז ימים־נוראים צייט. אַ פיש ציטערט אין וואַסער. די וועלט טהוט תשובה... ערשט מיט אַמאָל — האַלט! אַ גאַנצער שטראָם פון זויערלעכען דופט רייסט זיך אַרויס פון קעלער־לופטערל. אַ וואונדערלעכער ריח! לויט זיין פרישקייט און שאַרפקייט קען מען איהם ניט פאַרגלייכען

מיט קיין שום אַנדער ריח אויף דער גאַנצינקער וועלט. אפילו ניט מיט אַ פולער מעדניצע געפּרעגעלטע מאַלינעס... ער באַטויבט מיט זיין ווייניגער זיסקייט. ער קיצעלט אין נאָז, ער דערגעהט ביזקעל מאַרך פון די ביינער. אַ מין סענץ פון טויזענט אויבסט־גערטנער. ס'איז דער ווייראַך פון יצר־הרע אַליין!...

וואָרום דער מויל ווערט גלייך פול מיט וואַסער, ס'הויבט אָן צו זויגען אונטערן לעפעלע און חלשן דאָס האַרץ. בויגט מען זיך אַ ביסעלע אַראָפּ, צום לופטערעל, און מען דערזעהט אַ גאָטס־שפע, אַ גאַנצע מלוכה פון גרינע און געלע עפּעל. זיי זיצען זיך אַזוי ברייטלעך אין הויכע און שפּיציגע קופּעס, אויף אויסגעבעטען שטרוי. האַלטען אָפּ אַן אסיפה אין דער שטילער טונקעלקייט פון קעלער. זיי ריידען ניט. זייער לשון — דאָס זיינען די גוטע, ווייניגע ריחות. שושקען זיי זיך און פאַרשמעקען אַ וועלט. זיי שמייכלען אַרויס צו די קינדער גוטמוטיג און מיעד. מיעד פון שטורעם־ווינטען, פון הענגען ביים נאָפּעל אויף בוימער, פון אַ לאַנגען זוניגען זומער: — „גאָט איז אונזער עדות, קינדער, אַז מיר וואָלטען אייך געוואָלט מהנה זיין... גאָר וואָס זאָלען מיר טאָן? אַז דער פּראָצענטניק האָט אונז איינגעשפּאַרט, פאַרזעצט אונז אין אַ טונקעלער געפענגעניש”...

אַזוי ריידען די עפּעל און קרעכצען, דאַכט זיך, צו. און זייער ריידען און קרעכצען האָבען אויך אַ גוטען ריח.

און טאַקע... אַן איינפאַל פון אַ האָרב! אָנשיטען אַזאַ קעלער מיט עפּעל און פאַרצאַמען עס מיט אייזערנע גראַטעס: „באַט, קוקט און ווערט צעפּלאַצט!” ס'איז פּראָסט אַ תוכחה פון דער תורה: „און בערג מיט עפּעל וועלען דיינע אויגען זעהן, אַ גלוסטעניש וועסטו גלוסטען, און פאַרזוכען פון זיי וועסטו פאָרט ניט פאַרזוכען!”...

הויבט מען זיך אויף פונם לופטערעל און די קעפּ שווינדלען, ווי פון גוטען וויין. מען באַקומט שלעכטע מחשבות און מען קריצט מיט די ציינער. וואָס מיר עשרת־ימי־תשובה, וואָס מיר שופר־בלאָזען! מען האַלט אין איין טראַכטען ווי

צוצוקומען צום עפּעל-גן-עדן, צו דעם קוואַל פון אַזוי פיעל ריחות און געשמאַקען.

וואָס העלפט אָבער דאָס טראַכטען? אז דער אָרעם איז קורץ און דער יצר־הרע איז, בעוונותינו הרבים, גרויס און די עפּעל — ווייט. וואָלט דאָך טאַקע געוועזן זעהר שלעכט... וואָס זשע טהוט אָבער גאָט? זיינען דאָ פּאָמעלעס אויף דער וועלט... נעהמט מען אַ לאַנגען און דינעם דראָנג פון אַן אָפּגעניצטער פּאָמעלע, מען שלאָגט דורך איין עק מיט אַן אַלטען טשוואָק און דעם צווייטען עק נעהמט מען אין דער האַנד אַריין, און... מעריב-צייט, ווען ס'איז פינסטערלעך, ווען די מאַנסבילען דאַוו־נען און די ווייבער זיינען פאַרנומען מיט צוגרייטען וועטשערע, לאָזט מען פּאַוואָליע אַראָפּ אַזאַ מין דראָנג דורך דעם לופטע־רעל, מען שלאָגט אָן מיטן טשוואָק אין אַ זאַפטיגער קופּע אַריין, מען דרעהט אום און מען ציהט אַרויס אַ „צאַפּעלדיגע“ אָנגעשטאָכענע פּרי. דער זשוואַוועדיגער טשוואָק טריפט מיט זאַפט. יעטוועדער עפּעלע, כאָטש ס'איז פאַרוואונדעט, גיט דאָך אַ שמייכעל מיט איין בעקעל, ווי אַ באַפּרייטע בת-מלכה... פּטור געוואָרען פון לייבע-האָרבס געפענגעניש!... אַזוי ציהט מען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, ביז מען האָט די קעשענעס פול. און מאָרש — אַהיים! דעם דראָנג מיטן טשוואָק באַהאַלט מען אין גראָז, און די עפּעל טיילט מען זיך זעהר יושרדיג, און מען עסט. זיי זיינען נאָך אַ ביסעל האַרטלעך, זיי דאַרפען זיך נאָך אויסליגען. אָבער ביי אוריס בנים האָבען זיי אַלע זיבען טעמים. קיין עפּעל אין דער וועלט האָט ניט אַזאַ ווייניקייט און אַזאַ ריח ווי אָט די, די... איהר מיינט: ווי די „געגנבע־טע“? וואָס שייך געגנבעטע? אַ מענש איז דאָך ניט פון איי־זען. און ווער איז דאָס באמת מחויב צו ליידען אַזעלכע יסורים פון לייבע האָרבן, פון זיין קעלער מיט די פאַרשטשירעטע גראַטעס? נישקשה, דער פּראָצענטניק מעג האָבען וועניגער מיט עטלעכע עפּעל...

פון „גנבה“ ווערט דערפאַר צווישען אוריס בנים גאָרניט דערמאָנט. אויף זייער כשרער שפּראַך הייסט דאָס „כאַפּען פּיש“.

„וועסט געהן כאַפּען פיש? האָסט שוין געכאַפּט פיש? וויפיעל פיש האָסטו אָנגעכאַפּט? היינט מוזטו כאַפּען פיש. מאָרגען וועל איך כאַפּען פיש״...

כדי ניט צו וואַרפען זיך אין די אויגען, געהט מען ניט אַרויס אויף רעזבאַי אַלע אויף איין מאָל. יעדער פון אונדז חדר-יונגען האָט זיך זיין טאָג. אַמאָל געהט פּייוועל, אַמאָל וועל-וועל און אַמאָל פאַרטרויט מען דעם געטשוועקעוועטען דראָנג — דעם מוזיניקעל, און מען שטעהט אויף שמירה פון דער-ווייטענס. אַלץ איז אויסגערעכענט אין פּינטעל, ווי ביי די גוטע קעשענע-שניידער. און ס׳איז זעהר שווער עפּעס חושד זיין, דערטאַפּען זיי. לייבע האָרב באַמערקט יאָ, אַז די שפּיצען פון די קופּעס עפּעל זיינען עפּעס צעוואָרפען און פאַרשטעהט ניט וואָס דאָ קומט פאָר. אפשר זיינען עס מייז?...

### 3

סוף-כל-סוף האָט זיך דער פּראָצענטניק פאָרט אָנגע-שטויסען, גענומען נאָכקוקען; אַ פּאָר מאָל צו מעריב ניט גע-געגאַנגען. און איין מאָל, אין אַ נעבעלדיגען פאַרנאַכט... אַז ניט גערעכט זאָל יענער פאַרנאַכט ווערען, אויף וויסטע פּעל-דער זאָל ער פאַלען! איין מאָל, אין אַן אָסיענדיגען פאַרנאַכט, האָט ער געפּאַקט איינעם פון אונדז בנים ביי אַזאַ שטיקעל אַרבייט, מיטן אַראָפּגעלאָזענעם דראָנג אין קעלער אַריין... און טרעפט וועמען? פאַרשטעהט זיך פּייוקען דעם חומש-בחור, דעם אויפטהוער פון אַלע שטיפערייען. פּייוקע האָט זיך שטאַרק גע-ווען פאַרפאַלקאָמט אין „כאַפּען פיש״, איז ביי זיך געוואָרען תקיף, די גאַנצע גאַס געהאַלטען פאַר נאַראָנים, און האָט אויפ-געהערט צו זיין געגוג פאָרזיכטיג. און מיט אַמאָל — פּאַק! אַן אָדערדיגע זשעדנע הענטעל האָט איהם, ווי אַן אייזערנע צוואַנג, אָנגעכאַפּט ביים אָרעם.

דאָס איז פון אַ ווינקעל אַרויסגעשפּרונגען לייבע האָרב

אַליין. גאָר אומגעריכט איז ער אַרויסגעשפּרונגען, ווי אַ גרויער הונט אָהן אַ געביל, ווי דער מילשטיין פון זיין מויערל אויף אַן אורח... ער האָט זיך איינגעקוקט אין פּייוקעס פּנים מיט גרויסע פינסטערע אויגען, פול מיט שוואַרצען פאַרדאַכט; פּונקט ווי די פענסטער אין זיין געלען מויערל... ער האָט פּייוקען פאַרכשופט מיט דעם דאָזיגען קוק, אַזוי ווי אַ שלאַנג פאַר־כשופט אַ העזעל. ער האָט ביי איהם פריהער אָפּגענומען דעם רצון... דערנאָך ערשט האָט ער גיפטיג אַרויסגעפּאָנפעט;

— אַהאַ־אַ־ן!

און אַראָפּגעריסען ביי פּייוקען דאָס היטעלע. אין דעם זעלבען מאָמענט האָט פּייוקע דערפיהלט, אַז זיין פאַרקלעמטער אָרעם איז פריי.

אַראָפּכאַפּען ביי אַ אינגעל דאָס היטעלע איז דער זי־כערסטער און דער פיינלעכסטער משכון אין שקלאָוו, וואו מען געהט זעכצעהן שעה אין מעת־לעת מיט אַ צוגעדעקטען קאָפּ. אַנו, זייט אַ בריה און קומט צוגעהן פון דער גאַס מיט די בלויזע צעפּאַטעלטע האָר מיט אייערע? וואָס פאַר אַ תירוץ וועט איהר געבען פעטער אורין אויף זיינע האַרבע „פיער קשיות”, ווי למשל: גאָר אָהן אַ היטעל? וואו איז עפּעס דיין היטעל? ווער האָט דאָס דיר אַראָפּגעריסען ס'היטעל? פאַרוואָס אַראָפּגעריטען ס'היטעל?... בקיצור, ס'איז אַ סך לייכטער צו קומען, שונא־ישראל, אַהיים אָהן אַ קאָפּ, ווי אָהן אַ היטעל.

איז אונזערן חומש־בחור פאַרגאַנגען אַ גרויסער וועהטאָג. ער האָט דערפיהלט אַ שוואַכקייט אין די קניע און אָנגעשפּאַרט זיך אָן די רויהע אונטערשטיינער פון מויערל. דער דראָנג מיטן טשוואָק האָט זיך איהם אַרויסגעגליטשט פון דכר האַנט; בלויז זיין עק האָט נאָך קוים אַרויסגעשטעקט פון גראַטענעם לופטערל. מיט אויפגעריסענע אויגען האָט ער געקוקט אויף זיין צעקנייטשטען קאַשקעטעל אין לייבע־האָרבס הענט, ווי מען קוקט אויף אַ פאַרשפּילטען גליק, אויף אַ פאַרלוירענעם לע־בען... און לייבע־האָרב אַליין — דער מלאך המות זעהט ניט אויס ערגער פון איהם!

ערשט אַצינד האָט איהם פּייוקע פונאַנדערגעקוקט אין דער אָסיענדיגער טונקעלקייט, זיין הויקער אונטער זיין „טשאָרטעוועקאָזענער" קאַפּאָטקעלע, וועלכע איז אַזוי טונקעל־געל ווי די פלעקען אויף זיין מויערעל... נעהענטער צום האָרב אין די קאַפּאָטע העלער, אויסגעריבענער; אויף די פּאָלעס — טונקעלער. אויפן האָרב זיצט אַ צו־גרויסער קאָפּ מיט אַ היב־שער סיווער באָרד און מיט אַ פּאָר זשעדנע, כמעט פוסטע אויגען. די ברעמען איבער זיי זיינען געבליבען טונקעל, ווילען ניט גרוי ווערען, און גיבען צו דעם הויקער־פּנים אַ טרויעריגע שאַרפקייט. אַ פּאָר אינגעלשע שוואַרצע הויזלעך מיט שיך און זעקעלעך קוקען אַרויס פון דער גרוינער קאַפּאָטקעלע. אין לינקען אויער באַמבעלט זיך אַ גרויסער זילבערנער אויריגנעל — אַ סגולה פון זיין מאַמען, עליה השלום. די מאַמע זיינע האָט פאַרלוירען אַלע איהרע קינדער. און אַט דער תכשיט, „לייבעלע מיטן הערבעל", איז איהר גאַנץ געבליבען, נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט איהם אָנגעטאָן אַן אויריגנעל און ניט גערופען ביים נאָמען, נאָר „אַלטער"...

מיט דער שאַרפקייט פון אַ פאַרוואונדעטער חיה, האָט פּייוקע דורכגענומען דעם פּראָצענטניקס גופעלע, זיין אָנטהויעכץ; געזוכט פאַרוואָס אָנצוכאַפּען זיך, איין פינטעלע פון רחמנות... און ניט געפונען. אַ פּאָר פוסטע אויגען האָבען אַרויסגעקוקט פון באָרד און הויקער. האָט ער זיך אין גאַנצען פאַרלאָרען און גענומען כניקען ווי אַ דרדקי־אינגעלע:

— זעהט, רב לייבע, איהר זענט דאָך אונזער שכן... נאַט אייך בעסער מיין... מיין „אַרבע־כנפות"... גיט מיר אָפּ מיין היטעל...

און ווי אין הינער־פלעט גענומען ציהען דעם אַרבע־כנפות פון אונטערן רעקעל.

דער איינפאַל איז גראָד געווען ניט קיין שלעכטער. וואָרום ווער וועט באמת כאַפּען בודק־זיין, און דוקא היינט, פאַרן שלאָפען געהן, צי ער טראָגט דעם אַרבע־כנפות צי ניט?... אָבער לייבע־האָרב, ווייזט אויס, איז פון אַזאַ געניאַלער פשרה

אַ האָר ניט נתפּעל געוואָרען. ווייל ער האָט זיך נאָך אַמאָל איינגעקוקט מיט זיינע זשעדנע אויגען אין פייוועס צעקרימטען פּנימל און קאַלט געענטפערט:

— אַזוי גאָר? איז דעם אַרבע־כּנפות ווילסטו י אָ אָפּ־געבען?... ע... וועמענס ביסטו?

— כ'בין... כ'בין אוריס — שטאַמעלט דער חומש־בחור — מיין מאַמע שטעלט דאָך ביי אייך אוגערקעס, די מאַמע...

— אַ—אַ... זכות־אָבות... — מורמעלט דער הויקער און די אויגען ווערען איהם נאָך פּוסטער — גוט, בחורל. נאָך ווע־טשערע וועל איך אַרויף צום טאַטען. זאָל ער פּסקענען: דאָס היטעלע, צי דער „אַרבע־כּנפות”...

אָפּגעזאָגט און אַפילו קיין שמייכעל ניט געטאָן, אויסגע־דרעהט דעם האָרב און לאָזט זיך געהן.

— רב לייבע, רב לייבע! — כאַפּט איהם פייוקע אָן ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך. ער כאַפּט איהם אָן ביי דער „טשאָרטעפּעקאָזענער” קאַפּאָטע, איבערן האָרב. דער הויקער האָט אָנגעוואָרעמט איהר אויסגעריבענע גלאַטקייט... און פייוקע דערפיהלט אַ מוראדיגע ניט־גוטקייט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געוועזן אָנכאַפּען, אין אַ מינוט פון אַנגסט און נויט, אָן דער גלאַטער פעל פון אַ „וויזעל־טיר”, פון אַ פּיפּערנאָטער... פונ־דעסטוועגען לאָזט ער די קאַפּאָטקע ניט אָפּ.

— אַוועק, דו פאַרך דו! — גיט אַ ברום דאָס וויזעלטיר. און אַ האַרטער פּאַטש פּאַלט אַראָפּ איבער פייוועס אויסגע־שטרעקטער האַנט.

לייבע האָרב מיטן געגזלטען קאַשקעטעל פאַרשווינדען. און פייוקע בלייבט שטעהן, לעבען דער גראַטענער פּענסטערל פון קעלער, איינער אַליין אינם נעבעלדיגען פאַרנאַכט. דער געדיכטער ריח פון די עפּעל שטיקט איהם אַצינד ווי אַ משאַד פון געסמאַליעטע פעדערען. ער קען ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי ס'האָט זיך איהם פריהער אַזוי געגלוסט... עס בלייבט איהם אַצינד ניט מעהר ווי לויפען טרינקען זיך אין דער אָזערע־

צעווינט ער זיך שטיל און ביטער, אָנגעשפּאַרט אָן פונדאַמענט פון מויערל.

נאָר אין דער זעלבער רגע, אין דער ביטערסטער רגע פון פּייוקעס ניין-יאָהריגען לעבען אויף גאָטס וועלט, דערהערען זיך טריט מיט אַ קלונג פון שליסלען, און אַ וואַרעמער ווייבערשער קול פאַלט איבער איהם אַראָפּ:

— אינגעלע, וואָס ווינסטו?

פּייוקע הויבט שעמעוודיג אויף זיין פאַרוויינטען פּנים און דערזעהט, אַז איבער איהם שטעהט איינגעבויגען בת־שבע, לייבע האָרבס יונגע ווייב, זיין צווייטע ווייב, אַ געוועזענע אָרימע יתומה... איהר פּנים איז פריש, איהרע צייהן גלאַנצען, איהרע פרעהליכע אויגען קוקען איהם בייגעריג אָן. און איהרע הויכע בריסט הענגען איבער איהם אַראָפּ, אונטער דער מול־טענער קאָפּטעל, אַזוי מוטערלעך-ווייך, מיט אַזוי פיעל טרייסט, ווי איבער אַ כליפּענדיג זויג-קינד. אין איין האַנט טראָגט זי די גרויסע שליסלען. אפּנים אָקאָרשט פון קראָם געקומען. שטאַרקט זיך פּייוקע און ווינט קוים אַרויס:

— מיין היטעל, או-או... רב לייבע... איז... האָט... או-או-או...

— אַראָפּגעכאַפּט דיר די היטעל? — שטויסט זיך אָן בת-שבע אויף זיין טעלעגראַם-שפּראַך, — רב לייבע, זאָגסטו?

— ר... ר... רב לייבע.

— שאַ-שאַ, אינגעלע. וואַרט צו אַ ווייל׳נקע.

זעהט דער חומש-בחור באַשיינפּערלעך, אַז ס'איז געשעהן אַ נס. אַ מלאך פון הימעל האָט זיך איהם אַנטפּלעקט איום געשטאַלט פון אַ שעהן־ווייבעל. גלייכט ער זיך אויס מיט גרויס בטחון. ווישט אָפּ די אויגען. דער ריח פון די עפּעל געפעלט איהם שוין ווידער...

און קיין דריי מינוטען געהען ניט אַריבער, ווי בת-שבע אַנטפּלעקט זיך איהם ווידער. דאָס מאָל קומט זי מיטן מיאוסען מאַנדעל צוזאַמען. לייבע האָרב האַלט פּייוקעס קאַשקעטעל מיט צוויי פינגער, אַזוי ווי מען האַלט אַ שרץ:

— וועסט ווייטער גנבענען עפּעל, וועסטו? — פרעגט דאָס הויקערעל.

— ניין, ניין! — קלאַפּט אָפּ דער חומש־בחור און קוקט אויף בת־שבען. איהר זאָגט ער עס צו, גוט און פרום צו זיין, ניט איהם... אָבער לייבע האָרב באַנוגענט זיך ניט, און זעהט אַרויסציהען פון קאַשקעטעל כלערליי נוצען, אַלץ נאָר וואָס מען קען:

— און וואו איז עפּעס דער דראָנג דיינער, אַ?

— אָט איז ער! — פלייסט זיך פייוקע, כאַפּט זיך צום עק דראָנג, וואָס איז געבליבען שטעקען אין גראַטען־פענסטע־רעל, ציהט איהם אַרויס, ווי אַ געניטער פאָזשאַרניק, און לעגט איהם אַוועק צו די פיס... ניט צו די פיס פון לייבע האָרב, נאָר בת־שבען צו די פיס. ער לעגט דעם דראָנג אַוועק ווי אַ באַזיגטער גבור — זיין פיקע. ער וואָלט זיך ניט גע־שעמט, וואָלט ער איהר אויסגעקושטביידע קניע איהרע. אַ גע־זונט צו איהר!

ערשט דאַן באקומט ער זיין היטעלע צוריק. און כאַפּט עס לײדענשאפטלעך אַרויף ביז די אויערען און דערקוויקט זיין פאַרשמאַכטען, נאַקעטען קאָפּ.

אָבער לייבע האָרב, פונקט ווי ער וואָלט געוואָרען איי־פערזיכטיג אויף פייוקען, פאַר זיין גאַלאַנטען זשעסט, כאַפּט גלייך אַוועק דעם ריטערלעכען דראָנג פון אונטער בת־שבעס פיס, און צעברעכט איהם אויף זיין שפּיציגער קניעלע. מיט אַ האַסט און מיט אַ כוח, וואָס פייוקע וואָלט גאָר קיין מאָל ניט דערוואַרט פון אַזאַ נפש.

אָבער בת־שבעס קול טרייסט. בת־שבע וויל, דאַכט זיך, פאַרגלעטען די שלעכטע מאַניערען פון איהר מאַנדעל, דעם פלעבעי, מיטן זילבערנעם אויירינגעל אין אויער. זי זינגט צום באַזיגטען ריטער, צו פייוקען, אַזוי געטלעך זיס:

— געה אַהיים, אינגעלע! מען וועט קיינעם ניט מסרן...

* *
*

אין יענעם אָוונט זיינען פייווקען קלאָהר געוואָרען צוויי זאכען:

ערשטענס, אַז עפּעל פון לייבע־האָרבּס קעלער וועט ער שוין מעהר ניט גנבענען.

און, צווייטענס, אַז ער איז פאַרליעבּט אין בּת-שבען.

דער נאָמען „בּת-שבע" אַליין רופט בּיי איהם אַרויס אַ מאָדנעם נאָגענדיגען געפיהל. דער נאָמען שמייכעלט מיט מאַנ־דעלדיגע צייהן, ער רוישט מיט ווייכע וויבערישע קליידער.

ליגענדיג זיך יענע נאַכט אין בּעטעל, און איבערחזרענ־דיג דעם ליבּלעכען נאָמען, האָט איהם דאָס האַרץ געחלשט פּונקט אַזוי, ווי בּשעת ער האָט צום ערשטען מאָל דערשפּירט דעם וואונדערליכען עפּעל-ריח, וואָס זעצט אַרויס פון לייבּע האָרבּס טונקעלען קעלער, וואָס האָט איהם אַזוי פאַרפיהרט... אַצינד האָט זיך איהם געדוכט, אַז בּת־שבע אַליין... זי זיצט עס דאָרט איינגעשלאָסען און זי, ניט די עפּעל, שמייכעלט דאָס צו איהם און שמעקט אַרויס, אַזוי מחיהדיג פריש פון די זשאַווערדיגע גראַטעס.

# אין לייבע־האָרבס מויערל

## 1

נאָך דער מיאוסער מעשה מיט די עפּל, האָט פייוקע געגנומען אויסמיידען לייבע־האָרבן און זיין מויערל, ווי נאָר ער האָט געקענט. אויף דער קעלער־פענסטערל האָט ער ניט גע־קענט קוקן. די אייזערנע גראַטעס האָבן איהם אַצינד אויס־געזעהן ווי א נעץ פון א גרויסען שפּין, אַזוי גרויס ווי דער יצר־הרע אליין, וואָס פאַנגט נאַשערס... אַזעלכע נאַשערס ווי ער, פייוקע, און ווי זיינע ברידערלעך.

נאָך בת־שבען, זיין באַשיצערין, האָט ער געלעכצט פון דערווייטענס. ער פלעגט איהר נאָכקוקען פון שפּאַרונקעס. פון הינטער צוימען. ער האָט באַוואונדערט איהרע קאַרשען־רויטע ליפּען, איהרע פרישע באַקען מיט גריבעלעך, איהר אָפענעם פּנים, איהרע הויכע בריסט, וואָס רייסען אויף אַלע איהרע בלוזעס און פאַטשיילעס, אַפילו איהרע רויטלעכע, שטענדיג אָנ־געפּרוירענע הענט זיינען איהם געפעלען געוועזן.

איינמאָל האָט ער זי דערזעהען, גאָר אומגעריכטערהייט, ווי זי טראָגט פון מאַרק אַן אָפענעם קויש פול מיט א שטאַרקע גרינס, מיט באָטווינע, צי מיט פּעטרישקע. דער קאָנטראַסט צווישען ביידע קאָלירען — בת־שבעס ליפּען און באַקען און דאָס גרינס אין קאָשעק, איז געוועזען אַזוי שאַרף, און דאָך אַזוי צוגעפּאַסט. איין פרישקייט איז געלאָפען אין געוועט מיט דער

צווייטער, אוןביידע האָבען דערפון אויסגעוואונען. פּיוּוקע איז געבליבען שטעהן פאַרגאַפט. זיין ניין־יאָהריגע „מאַנסבילשאַפט" האָט אומקלאָר דערפיהלט די ברכה פון ווייבלעכקייט און ערד, ווי זי דערנעהנטערט זיך צו איהם און וויגט מיט ווייכע היפּ־טען און מיט גרינס... געהערט האָט ער, אַז לייבע־האָרב האָט זיך געגעס מיט דער ערשטער ווייב, פון וועלכער ער האָט, ערגעץ־וואו, דערוואַקסענע קינדער און וויל פון זיי ניט וויסען; אַז ער האָט דערנאָך בת־שבען גענומען פון דאָרף אַלס אַן אָרימע יתומה און זיינע אַ וויטע קרובה; אַז ער האָט זי אָפּ־געפליקט, „ווי אַן עפּעלע אין גאָרטען", מיט זיינע קמצנישע הענט, אַראָפּגעבראַכט און פאַרשפּאַרט אין זיין מויערעל, זי זאָל זיך איהם אויסליגען אין פּעדערען, געבוירען איהם זעל־דעלען און חיימקען. דערוואָרעמען זיין בייזע, הויקערדיגע על־טער... וועגען דעם אַלעם האָט ער, פּיוּוקע, עפּעס געהערט. נאָר אַזוי קלאָר און באַשיינפּערלעך ווי אַצינד, האָט ער עס נאָך קיינמאָל ניט דערפיהלט.

איז ער רויט געוואָרען ווי פייער, גענומען טאַפּען זיך אַן אויער.

בת־שבע האָט באַמערקט, ווי דאָס אינגעל איז געבליבען שטעהן אַ צעטומעלטער. זי האָט איהם דערקענט און געמיינט, אַז דאָס שעמט ער זיך פאַר דער מגשה מיט דער היטעלע... האָט זי זיך צעשיינט מיט אַ ברייטען טרייסט־שמייכעל, מיט פרעהלעכע ווייסע צייהן און מיט חן־גריבעלעך. איהר שמייכעל האָט נאָך שטאַרקער באַלויכטען איהרע רויטע ליפּען און דאָס גרינס אין קאָשעק. זי האָט איהם, אַפּנים, געוואָלט עפּעס זאָגען... אָבער פּיוּוקע האָט זיך פּלוצלונג דערשראָקען פאַר איהר, פאַר זיך אַליין; אויסגעקערעוועט זיך און געמאַכט פּליטה.

פון דאַמאָלסט אָן האָט ער נאָך מעהר אויסגעווייכט דאָס געל־מויערעל. און וואָס מעהר עס האָט איהם געצויגען צו בת־שבען, אַלץ מעהר האָט ער פיינט געקריגען לייבע־האָרבן. זיין פיינטשאַפט האָט געהאַט איהר יניקה ניט נאָר פון באַליידיגטען

האָנאָר, פאַר דער אַראָפּגעריסענער היטעלע. אָ, ווייס ניט דאָס אַליין!...

ס'טייטש! — פּלעגט זיך פּייוועקע אָפטמאָל כאַפּען ביי שלעכטע מחשבות, — אַזאַ עבירה! זי איז דאָך אַן אשת-איש... אָבער זינט ער האָט געלערענט אין חדר די מעשה מיט דוד המלך און מיט אוריה החתיס ווייב, איז איהם לייכטער געוואָרען אויפ'ן הארצען. דוד-המלך האָט געמעגט? מעג ער אויך. און זעה, אַ קונץ אַ ביסעל! יענע אשת-איש האָט אויך געהייסען בת-שבע: זי האָט געוויס אויסגעזעהן ווי דעם האָרבס ווייב... ער איז זיכער, אַז דוד-המלך האָט זיך פאַרליבט פּונקט אין אַזאַ ווייבעל... שטעהט זיך אַזוי דוד-המלך אויפ'ן דאַך מיט'ן קרוין אויפ'ן קאָפּ און שפּילט פידעל. ערשט מיט אַמאָל — אַהאַ! בת-שבע געהט פון מאַרק, איהרע ליפּען לויכטען רויט און איהר קאָשיק איז פול מיט גרינע פּעטרישקע... נו, האָט זיך איהם פאַרגלוסט. אוריה-החתי האָט געמוזט זיין אַזאַ נפש ווי לייבע האָרב. אפשר אָהן אַ האָרב, אָבער אַזוי אַלט און אַזוי גוט ווי ער. האָט איהם דוד געטאָן דאָס רעכט... געשיקט אין מלחמה אריין, פּטור געוואָרען... וואָס דען? ער איז דאָך עפּעס אַ מלך! אז ער, פּייוועקע, וואָלט געווען אַ מלך, וואָלט ער דען געווען בעסער?... גאָר אָט... ער איז גאָר אַ אינגעל, לערנט נאָך אין חדר. און אוריה החתי, דאָס הייסט, לייבע-האָרב, רייסט נאָך ביי איהם אַראָפּ דאָס היטעלע...

אויפכאַפּענדיג זיך פון אַזאַ קייזערלעכען חלום, פּלעגט זיך פּייוועקע באַלד נעהמען טרייסטען, אַז לייבע-האָרב איז שוין אַלט און בת-שבע איז ערשט איבער דרייסיג. כ'מיין, ווי-לאַנג לעבט אַ מענש? ס'איז טאַקע אַ גרויסע רחמנות אויף די קינדער, אויף זעלדען און חיימקען, וואָס זיי מוזען נעבעך באַלד בלייבען יתומים... אָבער ער, פּייוועקע, קען דאָ גאָרניט העלפען. און אַז בת-שבע וועט בלייבען אַן אַלמנה, איינע אַליין, וועט ער, פּייוועקע, וועט ער... וואָס וועט ער?... וועגען דעם האָט פּייוועקע פיינט געהאַט אָפּגעבען אָפּגעבען זיך אַ קלאָרען חשבון, באַלד אויף אַן אָרט. ווי אַזוי ער, אַ גיין-יאָהריגער בחור'ל,

װעט טאָן פֿאַרשפּרייטען זײַנע פֿליגלען איבער אַזאַ דרײַסיג־יאָהריגע אידענע װי בת־שבע — האָט ער פֿײַנט געהאַט צו טראַכטען, געלאָזען דאָס אויף שפּעטער. זאָל נאָר פֿריהער לײבע־האָרב אײַנעהמען אַ מיתה משונה. שפּעטער װעט מען שוין זעהן...

אײנמאָל, אין אַ העלען מיטען מיטװאָך, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען האָט אָקאָרשט לײבע־האָרבען שיער ניט דער־װאָרגען. אַ שיכורער גוי איז געקומען אָפּנעהמען זײַנעם אַ משכּון און געכאַפּט װערגען דעם פּראָצענטניק, טאַקע אויף דעם קאַסטען מיט משכּנות... מען האָט איהם קוים אַ לעבעדיגען אָפּגעשלאָגען...

אַ גאַנצע װאָך האָט זיך לײבע־האָרב ניט געװיזען אין דער מתנגדישער שול. ניט אַרויס פֿון זײַן מויערל. האָט שוין דער חומש־בחור געמײנט — אַ סוף מיטן האָרב!... ערשט מיט אַמאָל — נאַ דיר! ער לעבט נאָך. נאָך אַ מין לעבען. ער געהט אַפֿילו צו קבלת־שבת. זײַן שבּתדיגע ראַצעמאָרענע קאַ־פּאָטקעלע גלאַנצט איבערן האָרב, און דער זילבערנער אוירינ־געל — אין אויער. אמת, די האַלז איז איהם נאָך אַרומגעבונ־דען. אָבער ס'איז גאָרנישט... בת־שבע איז אַ װײַב, לײבע־האָרב איז אַ מאַן. און פֿײַװקע לערענט ערשט „שװאַרבע" אין חדר...

## 2

אָבער דער אויבערשטער האָט געװאָלט, אַז פֿײַװקע זאָל זיך, געגען זײַן װילען, צוזאַמענטרעפֿען מיט לײבע־האָרבען, אַז ער זאָל מיט איהם זיך מוזען באַגעגענען אַלע טאָג, אַז ער זאָל אַפֿילו װערען אַן אײַנגעהער אין די האַלב־טונקעלע חדרים פֿון געלען מויערל.

געשעהן איז דאָס אַזוי: מוהמע־פֿײגע האָט פֿײַװקען גע־דונגען אַ נײַעם רוסישען לעהרער — הערשקע „קאָפּ", װאָס האָט אַ שטערען װי אַ קירבעס און אַ פּאָר קלײנינקע װענצעלעך

אונטער אַ בולבעוואַטען נאָז. ער האָט אין מאָהליוו אויסגעהאַלטען עקזאַמען אויף פינף קלאַסען גימנאַזיע, און מחמת גרויסע קענטעניש אין רוסיש, מאַכט ער זיך, אַז ער רעדט שלעכט אידיש. אַ גרויסער יקרן איז ער, אָט דער הערשקע, ער נעמט צוויי רובעל אַ חודש, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַז ער האָט פאָרט אַ גוטען „פּאָטשעראָק"...

כדי אויסצוגעווינען מעהר צייט פאַר זיך און איינשפּאָרען געלד די בעלי-בתים, מאַכען די „טייערע" לעהרער אין שקלאָוו אַזאַ קאָמבינאַציע: זיי פּאָרלען צוזאַמען אויף איין „אוראָק" ווייטע מיט נאָהענטע, אינגלען מיט מיידלעך, אָרימערע מיט רייכערע, און מען לערענט.

איז אויסגעפאַלען גראָד אַזוי, אַז הערשקע-קאָפּ האָט צוזאַמענגעפּאָרט אויף איין אוראָק לייבע-האָרבס מיידעלע און אוריס חומש-בחור. אַלס אַ קאַוואַליער, מוז, פאַרשטעהט זיך, פייוקע אַזוי גוט זיין און געהן צו דער „באַרישניע". אַזוי האָט בפירוש דער נייער לעהרער אָפּגעמאַכט מיט מוהמע-פייגען. צו אַזאַ ריטערלעכקייט איז מען שוין, געלויבט דער אויבערשטער, אין שקלאָוו יאָ דערגאַנגען. אָבער אַז פייוקע האָט דערהערט וואוהין ער וועט מוזען געהן אַלע טאָג, פאַר וואַרמעס, איז ער געבליבען אַ טויטער. איין קליינקייט! לערנען זיך רוסיש אַלע טאָג, אַ גאַנצע שעה, צווישען צוויי פייערען... צווישען לייבע-האָרב דעם פּראָצענטניק, וועמען ער האָט דאָ נאָך סוכות, אָנגעבאָטען דעם „אַרבע-כנפות" אָנשטאָט דער היטעל, און צווישען בת-שבען „מיט די גריבעלעך", אין וועלכער ער איז אַזוי הייס פאַרליעבט.

— ניין, ניין! — האָט זיך פייוקען ניט ווילענדיג אַרויסגעריסען. נאָר ער האָט זיך גלייך פאַרכאַפּט. אַ שעהנע מעשה, מען זאָל נאָך נעהמען פונאַנדערפרעגען, מען זאָל זיך דערוויסען...

מוהמע-פייגע האָט גלייך באַמערקט, אַז ס'איז איהם געוואָרען קאַלעמוטנע און האָט איהם דורכגענומען מיט די אויגען:

— ביסטו גאָר ניט צופרידען, פּייוועלע, צו לערנען זיך מיט אַזאַ שעהנער „בּאַרישנע“ ווי זעלדעלע? זי איז דאָך אין דיינע יאָהרען.

האָט דער חומש־בּחור געמוזט מאַכען אַ גוטע מינע צו אַזאַ בּייזער שפּיל און זאָגען, אַז ע... יאָ, ער איז צופרידען.

ער איז אַוועק מיט אַ שווערער האַרץ. געוואַלד, ווי אַזוי זאָל ער דאָס אַריין צום פּראָצענטניק אין מויערל? עס קען דאָך ניט אַראָפּ גאָר גלאַט, אָהן בּזיונות... איז ער קודם־כּל אַוועק אויפזוכען חיימען, בּת־שבעס אינגעלע, אַ טאַפּ טאָן בּיי איהם אין וואָגען. ער האָט איהם געשענקט אַ גרויסען בּיינער־נעם קנאָפּ און האָט זיך פון איהם דערוואוסט, אַז גראָד איינס אַזייגער, ווען זעלדעלע האָט דעם „אוראָק“, עסט לייבּע־האָרבּ ווארימעס אין דערהיים איינער אַליין. דערנאָך געהט ער אַוועק אין קראָם און בּת־שבע קומט און עסט ווארימעס מיט די קינ־דער. איז מילא, כאָטש אַ האַלבּע צרה. ער וועט זיך כאָטש דעם ערשטען מאָל ניט דאַרפען שעמען פאַר בּת־שבען. האָט פּייוקע בּאַשלאָסען קומען צום אוראָק מיט אַ האַלבּע שעה פריהער, אַריינוואַרפען זיך אויף קידוש־השם אין מויערל אַריין. און וואָס ס'וועט זיין — וועט זיין...

ער איז טאַקע געקומען פאַר דער בּאַשטימטער צייט. און אַז ער איז אַריינגעטראָטען מיט זיין רוסישען ביכעל און העפּ־טעל אונטערן אָרעם אינווייניג, אין לייבּע־האָרבּס מויערל, האָט איהם אַרומגענומען אַ קאַלטקייט פון שטיין, אַ טוכלעקייט פון דיקע ווענט, אַ האַלב־פינסטערניש פון משונהדיקע פענסטער, וועלכע זיינען הויך פאַררוקט אין דער גרעבּ פון מויער און — פאַרמאַכען זיך מיט לאָדען פון אינווייניג. ער האָט קוים פונאַנדערגעקוקט די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע אונטער די פיס, די פּאָדלאָגע, וועלכע שפּרייט זיך אויס איבּער יענעם גרויסען קעלער מיט עפּעל... פּייוקע אַליין האָט זיך דערפיהלט אין אַ מין קעלער. אין אונטערשטען קעלער — עפּעל, אין אויבּערשטען — מענשען... פון אַלע כּלים אין שטוב האָט גע־וועהט מיט אַ פרעמדקייט. ווען פּייוקע וואָלט געווען עלטער,

וואָלט ער געזאָגט: מיט מיטעלאַלטער. ס'האָט דאָ אין גאַנצען געפעהלט יענע בעל־הביתישע פריינדלעכקייט פון אירישע הייזער, ווי ביי זיין טאַטען, ווי ביים פעטער זשאַמען. דאָס איז געווען אַ פרעמדקייט פון איינוואוינער, וואָס האָבען זיך ליעב צו באַהאַלטען, וואָס האָבען וואָס צו באַהאַלטען און פאַר וועמען צו באַהאַלטען.

דער ברוינער טיש אין זאַל, מיט זיינע אַלטמאָדישע האַרטע שטולען, זיינען געשטאַנען אבלדיג אין דער כמורנעקייט פון די ווענט. זיי האָבען מיט אַ זויערער מינע פאַרבעטען: נו, מילא... זעצט זיך! אַז איהר זענט שוין געקומען — טאָ זעצט אייך...

הינטער אַ סיצענעם פאָרהאַנג מיט רויטע קווייטלעך האָבען זיך שטיל געאַמפּערט אַ גויעשער קול און אַ אידישער: „נו ביאַראָש, ניע ביאַראָש?... כאַי בי קאַרבאָווניצו, לעיבאַ!... ניאַ, ניאַ, כאָזאַאין, דאָסיטש!... לעיבאַ, לעיבאַ...“ *)

ס'האָט זיך דערהערט אַ ברום פון אַ גרויסען קאַסטען־שלאָס. און פייוקע האָט דערפיהלט. אַז הינטער אָט דעם זעלבען פאָרהאַנגעל, אויף דעם קאַסטען מיטן ברום־שלאָס, האָט דער שיכורער גוי געוואָרגען לייבע־האָרבען... און פונקט ווי, כדי צו ווען איהם דערשרעקען נאָך מעהרער, האָט דער ציצענער פאָרהאַנגעל אַ ציטער געטאָן, און ס'האָט זיך פון איהם אַרויסגערוקט אַ הויקער־קאָפּ אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ סיווער באָרד און שוואַרצע ברעמען, און מיט אַ זילבערנעם סגולה־אוירינגעל אין אויער — לייבע־האָרבס קאָפּ. ער האָט דעם קליינעם אורח ניט דערקענט און מיט פאַרדאַכט אַ פרעג געטאָן:

— בחורל, דאַרפסט עפּעס?

— בין געקומען צום אוראָק, — האָט פייוקע קוים אַרויסגערעדט — דער לעהרער האָט געהייסען...

---

*) נו, נעהמסט, צי דו געהמסט ניט? — כאָטשי אַ רובעל, לייבע! ניין, ניין, בעל־הבית, גענוג! — לייבע, לייבע!

— אזוי פריה? — האָט זיך דער קאָפּ געוואונדערט, — זעלדעלעס לעהרער קומט דאָך ערשט איינס אַזייגער?

וואָס האָט פּייוקע געהאַט צו ריידען?... האָט ער געשוויגען.

הינטערן פּאָרהאַנגעל האָט מען זיך נאָך אַ ווײַלע געשושקעט. דערנאָך איז פון איהם אַרויס אַ הויכער גוי אין אַ וואַטאָווער פּאָדיאָווקע*) מיט אַ באַראַשקענער היטעל אונטערן פּאַכווע, צעהלענדיג אין האַנט עטליכע גילדען. נאָך איהם — לייבע האָרב מיט זיין אייביגער, טונקעל־געלער „טשאַרטאָוועקאָזענער" קאַפּאָטקעלע, אַציגד פריי אויפגעשפּיליעט, ווי אַ שטובּכאַלאַט. ס'האָבען זיך פון איהר אַרויסגעזעהן זיינע שווארצע הויזלעך, מיט אַ גלאַנץ, אויך עפּעס פון יענע מיני־סחורות, וואָס טראָגען זיך אייביג... דער ערל איז אַוועק מיט אַ בוק „ביזקעל גאַרטעל". און לייבע האָרב מיט אַ גרויסען ציינערדיגען שליסעל אין האַנט האָט באַטראַכט זיין קליינעם גאַסט מיט זלידנע, שוואַרצע אויגען.

— אַ, דאָס ביסטו? — האָט ער אויסגעזונגען, און אפילו קיין שמייכעל ניט געטאָן.

פּייווקע האָט געשוויגען.

— אוריס בחורל, דאַכט זיך, אַ?

פּייווקע האָט אויף זיך שטומערהייט גענומען די יסורים. פּאַרפאַלען. מען מוז דאָך אַמאָל אָפּמאָזלען... אָבער לייבע האָרב האָט איהם ניט אָפּגעלאָזען:

— דאָס האָסטו מיר אָנגעבאָטען דיין „ארבע־כנפות" פאַר דער היטעלע?

ער וואָלט איהם נאָך לאַנג געצויגען די אָדערען, ווען ניט דאָס דינסטמיידעל. איהר צעפּאַטעלטער קאָפּ האָר האָט זיך אַרויסגעשטעקט פון דער טונקעלער קיך, ביים איינגאַנג:

בעל־הבית, זאָל איך שוין גרייטען צום טיש?

— גרייט אוי־אוי, גרייט! — האָט איהר לייבע האָרב

*) האַלב־פּעלצעל.

געענטפערט מיט אַ זיפץ. דאָס זיפּצעלע האָט אפנים געזאָלט הייסן: „וואָרימעס קאָסט טאַקע בלוטיגע געלט, אָבער עסן מוז מען דאָך”... האָט ער דערווייַלע פאַרגעסן פּייווקעס „ארבע־כנפות” און איז אַוועק זיך מכין זיין צו דער סעודה. וואַשען די הענט.

פּייווקען איז אַראָפּ אַ שטיין פון הארצען. געלויבט דער אויבערשטער! אַראָפּגעשלונגען. אָפּגעמאָזעלט. פון דעם פונאַנ־דערגערוקטען פאָרהאַנגעל האָט איצטער אַרויסגעקוקט דער שווערער קאַסטען מיטן ברום־שלאָס. גרויס און ברודנע־טונקעל, אויף מאַסיווע הילצערנע רעדלעך, מיט אַ הויכען האָרבאַטען רוקען, ווי ביים בעל־הבית אַליין. אינגאַנצען אַרומגעשלאָגען מיט אייזערנע פאַסען. און פּייווקע האָט געטראַכט, אַז ווען מען האָט לייבע האָרב געוואָרגען אויף דעם האָרבאַטען קאַס־טען, האָט איהם דער הויקער שטאַרק געמוזט וועה טאָן, אפשר אַ סך שטאַרקער ווי דער האַלז... און געדוכט האָט זיך פּייוו קען, אַז אַזוי גלאַטיג וועט איהם אָט דער קאַסטען מיט די גוישע משכנות ניט אָפּלויפען; פריהער אָדער שפּעטער... מיט לייבע־האָרבען וועט געשעהן אַן אומגליק, און קומען וועט דער אומגליק פון אָט דעם כמורנעם קאַסטען.

עס זיינען אָנגעקומען זעלדעלע מיט אַ ביכעל אונטערן אָרעם, אַ ביסעלע שעמעוודיג: חיימקע, איהר ברודערל, מיט זיינע פּאַמפּעשקע־בעקלעך, ווי ביי זיין מאַמען, און אין מויע־רעל אין געוואָרען פרעהלעכער. דאָס דינסטמיידעל האָט געגרייט אַן עק פון ברוינעם, אומפריינדלעכען טיש, אויסגעשפּרייט אַ האַנטוכעל, געשטעלט אַ מעסטעלע זאַלץ, אַוועקגעלייגט ברויט, און דער טיש איז אויך געוואָרען אַ ביסעל פרעהליכער.

## 3

איינס אַזייגער איז אָנגעקומען הערשקע־קאָפּ, דער לעהרער.

און גלייך גענומען מאַכען אַן אָנשטעל, אַז ער רעדט שלעכט אידיש:

— נו, זדראַסטוועטע! טאַקס. דו, זעלדא, נעם די בוך... טאָ יעסט קניזשקו. און דו, קאַק טעבע זוואַט? ניט פאַר־שטעהסט? — פּיוועלע? כאַראָשאָ. נעם פּאַפּיר. טאָ יעסט, טעטראַד — — —

מען האָט זיך געזעצט צום „אוראָק" נעהנטער צום פענסטער, ביי אַ קליינעם טישעל. הערשקע קאָפּ האָט אויפ־געעפענט פּיוואָקעס העפט מיט קרומע ווירעס, צום „ריין־שרייבען" און האָט, מיט זעהר אַ שטאָלצער מינע, אויפגעשריבען די אויבער־שטע שורה.

אויפגעשריבען האָט הערשקע דער לעהרער נאָר איין וואָרט, דאַכט זיך, אַז? בסך־הכל איין „יע־קאַ־טע־רי־נאָ־סלאַוו". לאָמיך זאָגען, אַז ער האָט דערביי אַ ביסעל געסאָפּעט מיט דער בולבעוואַטע נאָז, און לאָמיך זאָגען, אַז ער האָט דערביי געצויגען זיינע קליינינקע ווענצעלעך אַזוי, אַז מען האָט גע־קענט מיינען, אַז זיי זיינען לכל הפחות אַזוי גרויס ווי ביי אַ זשאַנדאַר... אָבער וואָס טויגען אונז אַלע חכמות, אַז ער האָט דאָס פּאָרט אויפגעשריבען זעהר קונציג. און אַלע פערצעהן רוסישע אותיות פון „יעקאַטערינאָסלאַוו" האָבען פונקט פאַרנו־מען די גאַנצע אויבערשטע שורה פון פּיוואָקעס העפט, ניט מעהר און ניט ווייניגער. אפילו איין איבעריגער עקעלע האָט ניט אַרויסגעשטעקט. יעדער אות איז זיך געלעגען אין זיין קרומען קעסטעלע פון ווירעס, ווי אַן אַרבעס אין סטרוטשע. הייגט דער „גרויסהאַנטיגער" רוסישער „יע"! דער איז זיך גע־שטאַנען אין אָנהויב שורה צוויי שטאָק די הויך, ווי אַ דאָפּעלט אויפגעשפרונגענע ספּרונזשינע. גאָט און לייט האָבען זיך מיט אַזאַ „יע" געמעגט פריידהען.

אויפגעשריבען און מיט אַ קרומען שמייכעלע אונטערגע־רוקט עס פּיוואָקען אונטער דער האַנט. ווי איינער זאָגט: „כ'וואָלט געוואָלט אַ בעלן זעהן, צי ס'איז דאָ אַ בשר־ודם אויף דער וועלט, וואָס וועט עס קענען נאָכשרייבען..."

פייוקע האָט זיך מיט לייב און לעבען אַ נעם געטאָן נאָכמאַכען דעם לעהרערס שורה. נאָר באַלד ווי ער האָט זיך גענומען פלייסען אויסצודרייהען דעם גרויסהאַנטיגען „יע", איז ער, שוין אויפן אָרט, געשטרויכעלט געוואָרען. ס'איז ביי איהם אַרויס אַ פּאַרזעהעניש, א מין מפּיל־קינד מיט אַ צעקוועטשטען וואַסער־קאָפּ און מיט אַ פאַרדרייהטען נאָפּעל. האָט פייוקע גע-פּרואווט סאָפּען מיט דער נאָז, ווי דער לעהרער זיינער, פון סגולה־וועגען... ער האָט געפּרואווט צריינשפּאַרען דעם שפּיץ־צונג אין דער לינקער באַק און מאַכען מיט איהם אַלערליי דריידלעך, לויטן געשטאַלט פון די רוסישע אותיות. ער האָט זיבּצעהן־מאָל פאַר יעדער אות געטונקט די פעדער אין טינט, ווי גאָר אַ וואַזשנער שרייבער. נאָר ס'האָט ווייניג וואָס גע-האָלפען. כ'מיין, און אַז מען זאָל זיין מיט זיבען הענט און מיט זיבען צינגער, וועט מען דען קענען נאָכמאַכען אַזאַ „יעקאַ-טערינאָסלאַוו", ווי הערשקע דער לעהרער האָט אויסגעצאַצקעט?

דער ווייטערדיגער רוסישער „ק", למשל, איז ביי פייוו-קען אַרויסגעקומען ווי א טשוואָק מיט צוויי אָנגעשטאָכענע הינטער־פיסלעך פון א זשאַבע. דער רוסישער „אַ" — ווי אַ צעבראָכענע איי מיט אַ לאַפּקע און אַ קעפּעל פון אַ פּיס-קליאַטע, וואָס האָבען זיך אָקאָרשט דורכגעשטופּט פוןביידע זייטען. דער רוסישער לאַנגער „ר" — ווי אַ קרומער סלופּ פון א תליה, וואָס אַ געהאַנגענער אַסטראָזשניק הענגט אויף איהם מיט אונטערגעקאָרכ־טע קניע. דער „וו" — ווי אַ מעוברת־דיגע אידענע, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט און שטרעקט אויס אַ האַנט אויף הינטען, מען זאָל איהר העלפען אויפשטעהן... און אַזוי אַלע איבעריגע אותיות פונם פערצעהן־פּנימדיגען „יעקאַטערינאָסלאַוו". אויסער זייער „שעהנקייט" איז נאָך יעדער אות געלעגען, ביי פייוקען, אין דער קרומלעכער געווירעטער קעסטעלע, אַזוי „באַקוועם", ווי א בעל־עגלה אין אַ קינדער-וויגעלע. הענט און פיס און בייטש־שטעקעל זיינען געהאַנגען פון אַלע זייטען, אַז ס'איז געווען גאָטס רחמנות. און נאָך צוויי שורות פון שווערער אַרבייט, מיט די פינגער און מיט דער

צונג, האָט זיך פּיוּוקע מיאש געווען. ער, פון זיין זייט, האָט געטאָן אַלץ, וואָס אין מענשלעכע כּוחות איז, כּדי בּלייבּען טריי דעם געטלעכען אָריגינאַל, ס'הייסט דעם לעהרערס „פּאָטשע־ראָק". אָבער ער זעהט, אַז ס'איז דאָס זעלבּע ווי קלעטערען אויף אַ שטוּבּ־לייטער נאָך דעם טעלערעל פון הימעל. אַזאַ „יעקאַטערינאָסלאַוו" ווי הערשקע, זיין לעהרער, וועט ער שוין ניט מאַכען כּל זמן ער וועט לעבּען. פאַרפאַלען! האָט ער אָוועקגענומען די פאַרמאַטערטע צונג פון באַק און געלאָזען געהן די פעדער זיינע, ווי אַ לאָשעק אָהן לייצעס. גענומען בּייגעריג צוהערען זיך און כאַפּען אַ קוק וואָס עס טהוּט זיך ארום איהם. און זעה — א מאָדנע זאַך! די אותיות קומען אַרויס ניט ערגער ווי פריהער; פאַרקעהרט, אַ סך בּעסער...

הערשקע־קאָפּ האָט דערווייל מיט גרויס פּרסום איינגע־קנעלט מיט זעלדעלען אַ טשיקאַווע מעשה פון דער רוסישער כרעסטאָמאַטיע:

— פּאָסאַדיל דיעד רייעפּקו — דער זיידע האָט איינגע־זייט אַ ריבּעלע. איז אויסגעוואַקסען אַ גהויסע, גאָר אַ גרויסע. איז געקומען דער זיידע אַרויסרייסען זי. שלעפּט ער און שלעפּט, און צַרויסרייסען קען ער ניט.

פּאָזוואַל... — האָט דער זיידע צוגערופען די באָבּעלע. די באָבּעלע פאַרן זיידעלע, דער זיידעלע פאַרן ריבּעלע...

נאָר הערשקע דער לעהרער האָט זיך אַריינגענומען אין זיין קירבעסעוואַטען קאָפּ, אַז מחמת זיינע טיפּע קענטעניש אין רוסיש, רעדט ער שלעכט אידיש. האָט ער בּכיון געדרעהט די טייטשווערטער ווי אַ גר, פאַרבּיטען לשון זכר אויף נקבה און פאַרקעהרט. דערבּיי נאָך צוגעמוסרט זעלדעלען, וואָס זי איז אַזוי צעטראָגען. איז עס אַרויסגעקומען ניט בּעסער און ניט ערגער, ווי די אותיות פון „יעקאַטערינאָסלאַוו" בּיי פּיוּוקען; אומגעפעהר אַזוי:

— פּאָזוואַל... דאַ—אַס... האָט דער באַבקע גירופּט, זנאַ־טשיט, דעם וונוטשקע. דער וונוטשקע פאַר דעם באַבקע. דאַ—אַס. דער באַבקע פאַר די דעדקע, זנאַטשיט. קוק ניט מיין נאָז...

וו׳קניגו גליאַדי! (אין בוך קוק!) די דיעדקאַ פאַר דעם רעפּקאַ א. אַ. וו..

לייבע־האַרב איז שוין געזעסען אַנטקעגען, ביים געדעקטען עק פון גרויסען ברוינעם טיש און געגעסען וואַרימעס. דערווייל האָט ער, אייגענטלעך, נאָך נ י ט געגעסען. דערווייל האָט ער סך־הכל געבראָקט ברויט אין אַ שיסעלע באָרשט. פון לאַבען ברויט האָט ער געטרענט המוצקעס. די המוצקעס געשניטען אין לאַנגע פרענטלעך, די פרענטלעך געבראָקט אין פיער־קאַנטיגע שטיקעלעך, אָט פונקט אַזעלכע שטיקעלעך ווי פּייווקעס טאַטע בראָקט פאַר ביעור־חמץ... אָבער לייבע־האַרב האָט זיי געבראָקט מיט גאָר אַן אַנדער התמדה, אַ סך, אַ סך מעהר, און מיט אַן אַנדער חשבון... אַ בראָק־אָן און אַ זיפץ, אַ זיפץ און אַ בראָק. זיין אייגען לייב, דאַכט זיך, האָט ער געבראָקט אין דער שיסעלע באָרשט. איבער דער שיסעלע האָט געגומען וואַקסען אַ ברוינע, אַפּעטיטלעכע בערגעל. און לייבע האַרבס זיפצעלעך זיינען געוואָרען אַלץ זיסער און קירצער.

— עסט געזונט! -- האָט איהם הערשקע דער לעהרער צוגערופען אויף רוסיש, צווישען „באַבקאַ" און „דעדקאַ" אין דער כרעסטאָמאַטיע, און זשעדנע אַ שלונג געטאָן די צונג.

האָט איהם לייבע האַרב אָפּגעדאַנקט, דעריקלערט מיט אַ סרויערינע מינע, אַז דאָס מוז ער אַזוי בראָקען, ווייל ער האָט „סוואַכע ציינער", און האָט זיך גענומען איבערגיסען דאָס בערגעלע מיט רויטען באָרשט. מיט אַ צינענע לעפעלע האָט ער געשעפּט דאָס שיטערע רויטקייט פון דער זייט און איבערגעגאָסען דאָס ברוינע, קימעלדיגע בערגעלע איבערן סאַמע שפּיץ. נאָך יעדען איבערגוס איז דאָס בערגעלע אַלץ געזונקען און געזונקען, ביז זי איז איינגאַנצען אונטערגעגאַנגען אין רויטען געקעכץ. און לייבע האַרב האָט מיט מזל גענומען מישען און אויסזוכען די גוט־צעווייקטע שטיקעלעך, פאַרוואַרפענדיג דערביי דעם קאָפּ אַזוי פאַרגעניגענדיג און האַלב־געחלשט, פון אייך האַרבאטער פלייצע צו דער אַנדע־ער, ווי ער וואָלט זיך

געפּיעשטשעט אָנטקעגען דער פּולער שיסעלע: אָט וויל ער יאָ, אָט וויל ער ניט.

פייוקען האָט, פון די אַפּעטיטלעכע הכנות, גענומען ציהען דאָס האַרץ. ער אַליין איז געווען פאַר ווערימעס. ס'האָבען זיך איהם שטאַרק גענומען גלוסטען פיערקאַנטיגע שטיקעלעך ברויט מיט פליישיגען באָרשט. דוקא פיער-קאַנטיגע. געוואַלד, פאַר-וואָס האַלט ער אין דערהיים פון איילען און כאַפּען און פון נאַשען? אָט ווי מען דאַרף עסען אויף דער וועלט!

ער גיט אַ קוק, וואו עס האַלט ביי איהם מיט „יעקאַטע-רינאָסלאַוו" — וואו, וואָס, ווען? ביזן סוף איז נאָך זעהר ווייט. בסך-הכל האָט ער ערשט נאָכגעשריבען דריי שורות. פון האַרץ-ציהעניש האָט ער געגעבען אַ דרעה אויס אַ גרויסהאַנטיגען „יע". אָנשטאָט צוויי שטאָק „ספּרונדזשינע" זיינען איהם אַרויס-געשפּרינגען גאַנצע דריי... האָט ער זיך אַליין דערשראָקען און גענומען פלייסען זיך פון דאָס ניי.

# לייבע־האָרב בענשט

## 1

לייבע־האָרב האָט נאָך אַלץ געַנישטערט אין דער שיסעלע באָרשט די אָנגעוויקטע ביעור-חמץ-שטיקעלעך; און הערשקע דער לעהרער האָט איהם געהאַלטען אין איין באַווייזען, אַז ער נעהמט ניט קיין אומזיסט געלט, ווייל ער האָט געקנעלט מיט זעלדעלען מיט גרויס פרסום, געזונגען ווי אַ מאַרשעלאָק, בשעת די מחותּנים עסען די גאָלדענע יויך.

— פּאָזוואָל ווגוצקאַ זוצקו!... — האָט הערשקע אַרויס־געשריען מיט אַ קוויטש, באַגייסטערט פון דער הויכער רוסישער מליצה. און בכּיוון גלייך פאַרטייטשט מיט אַ שלעכטען אידיש, כּדי דער בעל־הבית זאָל דערפון באַגרייפען זיין טיפע קענטע־ניש אין רוסיש; — האָט, זנאַטשיט, „דער" ווגוצקע גערופען „די" הינטעל. הינטעל פאַר ווגוצקאַ, ווגוצקאַ פאַר „דעם" באַבקע, באַבקע פאַר „דער" דיעדקאַ, דיעדקאַ — זיידע זנאַטשיט, פאַרן ריבען...

פון הערען אַליין האָט שוין פייווקע געקענט אויסוועניג די גאַנצע פאַרוויקעלטע מעשה. אויך מיר אַ זאַך! ער געדענקט אויסוועניג אַ ביסעל שענערע מעשיות פון חומש און פון „שוואַרבע". וואָס קוועלט ער אַזוי אָן, דער קלוגער לעהרער זיינער, פון דעם „דעדקאַ" מיט דער „רעפּקאַ". ער האָט אַפּנים קיינמאָל ניט געלערענט אין חדר... זאָל ער בעסער איבערלייענען,

דער קירבעס, די געשיכטע פון דוד-המלך מיט בת־שבען! ס'איז אַ סך טשיקאַווער... און וואָס פאַר אַ ספּאָדיק דרעהען זיי אידי־שע קינדער, אָט די גויעשקע שרייבער פון כרעסטאָמאַטיעס! זיי מיינען אַפּנים, אַז ער, פּייווקע, און זעלדעלע, זיין חברטע, זיינען גאָר נשקשהדיגע נאַראָנים. צי אָט אַזוי רייסט מען אַ ריבען?... אַ ריבען רייסט מען גאָר אַנדערש. מען דאַרף ניט האָבען ניט די באָבען, ניט דעם אייניקעל, ניט דעם הונט... חס ושלום הינט! וואָס פאַראַ הינט! אָהן הינט הויבט זיך ביי גוים ניט אָן. אַ סך גלייכער קיינער זאָל דערביי ניט זיין. ווייל ריבען וואַקסען, בטבע, אין דעם שאָרניקס גאָרטען, באַלד נאָך דער פּוסטער בייט, וואָס גרענעצט אָפּ זייער אייגענעם גאָרטען און דעם שכנס. די מאַמע זיינע, מוהמע־פייגע, לאָזט ניט זייען קיין ריבען. זי האַלט ניט פון ריבען. ריבען, זאָגט זי, איז בויכווייטאָג... דער שאָרניק האַלט אָבער גראָד יאָ פון ריבען. אַ געזונט צו איהם! גנבעט מען זיך אַריבער איבער דער פּוסטער בייט, מען שטרעקט אויס אַ האַנט און מען טאַפּט אָן אַ געדיכטע טשופּרינע פון אַ ריבען. די ריבען אַליין זיצט זיך אַזוי ברייטלעך, האַלב־נאַקעט און בלוי... ווי אַ שיקסע וואָס באָדט זיך שוין צו לאַנג און שעמט זיך אַרויסצוגעהן... פריהרט זי און זיצט אין דער פייכטער ערד ביז די זאַפּטיקע פּלייצעס איהרע. גיט מען זי אַ נעהם אָן פאר איהרע גרינע קודלעס ביים סאַמע לייב. בייסט זי זיך אַ ביסעל, די ריבען, זי שטעכט זיך הייסט דאָס. אָבער, נישקשה, עס לוינט! ציהט מען זי אַרויס, מיט איין ריס, אַ קיילעכדיגע און אַ מגושמדיגע. זי איז מורא־דיג שווער, זי איז באַהאַנגען מיט שוואַרצע שטיקער ערד, מיט אַ לאַנגען בלאַסען עק. זי מיינט אַפּנים אָפּצושרעקען... גיט מען זי אַ גוטען טרייסעל און אַ שלאָג אָפּ די ערד. ווערט זי באַלד לייכטער, לאָזט זיך איבערבעטען און בלייבט הענגען אין האַנט אַ פלאַכע און אַ נאַקעטע, אַ קאַלטינקע און אַ גע־שמאַקע. נעהמט מען זי שיילען מיט אַ מעסערעל. פּאַסענווייז. איהר פרישע הויט איז דיק און ווייס און בויגיק ווי אַ גוט־געגערבטער פאַרמעט. באַווייזט זיך איהר „פלייש" — די אמתע

זאַפטיגע לייב פון ריבען, פעסט ווי מירמעלשטיין און זיס ווי צוקער, מיט אַ פיינער ביטערקייט פון אויסגעוועפּטען כריין... שניידט מען אַרויס אַ רעכטען שטיק און מען גיט אַ ביס אויין, אז—אַ?... מען רייסט פאַר אַן אויער?

אַנשטאָט אַ ווייסען שטיק ריבען, דערזעהט גאָר פאַר זיך פייוקע אַ בולבעוואַטע נאָז, הערשקע דעם לעהרערס נאָז. אונטער איהר — קליינעטשקע ווענצעלעך מיט געלבע פאַר־שטשירעטע צייהן.

— טי טשטאָ עטאָ? — טיקעט איהם אין העפט אַריין אַ פינגער מיט אַן אָפּגעגריזשעטען נאָגעל. הערשקע קאָפּס פינגער.

פייוקע גיט אַ קוק: אַי־אַי! אַנשטאָט דעם דריי־רוקענ־דיגען רוסישען „טע" האָט ער אַוועקגעלייגט דריי קיילעכדיגע רעדער, איין ראָד האַרט בײַ דער צווייטער. זיי זעהען אויס ווי דריי אָפּגעשיילטע ריבעלעך... פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען אין מיטען „יעקאַטערינאָסלאַוו"?... ער פינטעלט מיט די אויגען און קען דאָס גאָרניט פאַרשטעהן. ער גיט אַ קוק אויף זעלדעלען — זי ציהט די פּלייצקעס און איז, ווי־ס'אויס, זעהר צופרידען, וואָס מען האָט זי געלאָזען אַ מינוט צורוה מיט איינקנעלען די „רעפּקאַ" מיטן „דיעדקאַ" מיט זיין גאַנ־צער משפּחה. זי האָט זיך גאָר דערקוויקט פון פייוקעס פאַר־לעגענהייט, פון זיין געריסענעם אויער.

— וואַרט, וואַרט, טראַכט ער בײַ זיך מיט ביטערניש,— מען וועט שוין זעהן ווי דו וועסט שרייבען אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד איין פּאַסקודנעם וואָרט, וואָס פאַרנעהמט אַ גאַנצע שורה...

און פייוקע באַשליסט פעסט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַצינד וועט ער שוין שרייבען גאָר ווי מען באַדאַרף. ער מוז באַווייזען: אַז ער וויל קען ער.

גאָר ווי אַזוי זאָל ער דאָס דערווייזען? אַז לייבע האָרבן דערלאַנגט מען גאָר קעלבערנע געבראָטענס, רויט־איינגעפּרייעט, מיט בולבעכלעך און מיט ציבעלקעלעך. און אין אַ גלעזערנע

טעלערעל דערלאַנגט מען איהם געריבענעם כריין מיט בוריקעס־ראָסעל. און ער, פּיזוקע, דאַרף גאָר שרייבען און ווידעראַמאָל שרייבען אַזאַ לאַנגען און נאַרישען וואָרט, אויסשטעלען גאַנצע ראָטעס פון קרומע און גלייכע פלעקענער. און דאָס זאָל הייסען „לערנען זיך רוסיש״...

און גלאַט... וואָס פאַר אַן עסען בייטאָג געבראָטענס! געבראָטענס עסט מען צו וועטשערע. ניין, וואָס אַ האָרב מיט „סוואַכע ציינער״ פאַרגינט זיך, — פאַרגינט זיך ניט קיין מענש אויף דער וועלט.

און לייבע־האָרב, פונקט ווי ער וואָלט געטראָפען פּיזוקעס געדאַנקען, נעהמט זיך פאַרענטפערען וואָס ער איז אַזאַ אויסברענגער, ניט פאַר הערשקע דעם לעהרער, ניט פאַר זיך אליין:

— אָט... אונזער „פּערסיל״ האָט דאָס מיר אָנגעזאָגט, ניט עסען קיין „פליים״ צו „וועצערע״... חס־וטלום!

— דאַ, דאַ! — שאָקעלט איהם צו הערשקע פון קליינעם טישעל, און שלינגט שיער די צונג ניט אַראָפּ.

דער פּראָצענטניק האָט זיך צעזיפצט. מיט אַ מינע פון אַ נעבעכקע האָט ער גענומען אָנשטעכען מיט׳ן גאָפעל דאָס געבראָטענס, טונקען אין בוריקעס־כריין און טראָגען צום מויל. נאָר מיט אַמאָל האָט ער אָפּגעלאָזען זיין גאָפּעלע, אַרויסגעצויגען מיט די פינגער אַ ווייכע, באַפּלײשטע ביינדעל און זיך צעשאָקעלט איבער איהר מיט זיין אָפּגעקראָכענער יאַרמעלקעלע. אַ גרויסע רחמנות האָט זיך צעגאָסען איבער זיין זשעדנעם, באַרבערדעלטען פּנים. די מאַטע פוסטקייט פון די אויגען, אונטער די שווערע ברעמען איז פאַרלאָפען מיט טרעהרען. מיט טרעהרען פון כריין, צי גלאַט אַזוי טרעהרען? שווער געווען צו טרעפען. ער האָט גענומען ריידען צו דער זאַפטיגער ביינדעל מיט אַ האַרציגען קול פון קינות. ס׳האָט זיך אָבער געפיהלט אין דעם קול אַ מאָדנער וואוילטאָג, אַ זיסקייט פון אַ בכיון־געברייצטען אַפּעטיט:

— נעבעך אַ קעלבעלע... אַ קעלבעלע נעבעך... נעכטען

„אפסר" גאָך געלעבט... אַ קעלבעלע. אַט אַזוי איז אַ „מענץ" אויך — האָט לייבע האָרב אַראָפּגענומען זיך אַ מוסר, און, אַגב, גוט אַריינגעשרויפט דעם גוטען שטיקעל פלייש אין כריין אַריין — אַ „מענץ" אויך... היינט לעבט ער, און מאָרגען —

דאָ האָט ר' לייבע אויפגעעפענט אַ פּיסק מיט „סוואַכע ציינער", אַז פּייוועקן איז אַ דורך אַ פּראָסט דורכ'ן רוקען. די ווייכע ביינדעלע מיט איהר פלייש און כריין זיינען דאָרטען פאַרשוואונדען געוואָרען. די אַלטע באַקען האָבען שווער געאַרבייט. צו ווייניג אָרט געווען פאַר אַזאַ ביסען. די שאַרפ־קייט פון כריין האָט, אפנים, אַ זעץ געטאָן אין נעזעלע, ווייל ר' לייבע האָט גענומען סאָפּען און טשמאָקען און ציהען אין זיך די לופט, כדי אָפּצוקיהלען דאָס ביטערניש. ער האָט דערביי זיס און דערשטיקט געזיפצט, באַוועגט די ברעמען אַרויף און אַראָפּ, דאָ מאַכט ער פאַרוואונדערטע אויגען, דאָ בייזערט ער זיי אָן; איין אויג טרעהרט און שליסט זיך, די צווייטע עפענט זיך מיט אַ מין ממזרישן שפּאָט. ער האָט אַזוי לאַנג געביטען זיינע מינעס ביז גאָט האָט געהאָלפען, ר' לייבע האָט גובר געווען אַלע איינשטרענגונגען, אַלע שטרויכלעננישען פון כריין און פון ביינדעלע, שווער אַראָפּגעשלונגען; און פונם באַרג רחמנות און גרימאַסען איז אַרויסגעשוואומען דער סוף פון דעם אָנגעצהויבע־נעם געדאַנק, ווי אַ פּיפּס פון אַ פּיסקליאַניק איז עס אַרויס־געשוואומען:

— „סטאַרבט" ער...

נאָר אַזאַ לאַנגען „פאַרטזעצונג קומט" וואָלט אַן אַנדערער גאָר ניט פאַרשטאַנען וועגען וואָס דאָ רעדט זיך. וואָס שטאַרבט. ווען שטאַרבט? און ווער איז דער „ער"?... אָבער פּייוועקע האָט געהאַלטען קאָפּ. ער האָט באַלד תופס געווען ווער עס שטאַרבט. שטאַרבען שטאַרבט דער „מענץ", וואָס איז געגליכען צו אַ שטיקעל געבראָטענס פון אַ קעלבעלע, וואָס לייבע־האָרב האָט אָקאָרשט אויפגעגעסען מיט כריין. יאָ, שטאַרבט ער... ער איז געשטאַרבט, דער האָרב: מען מוז עסען קעלבעלעך און רחמנות האָבען אויף זיי, מען דאַרף בעהמען פּראָצענט און קרעכצען,

האָבען אזא קראַסאַוויצע אַ ווייב ווי בת-שבע און זיפּצען... אָבער — הערשקע קאָפּ וועט דען לאָזען צוהערען זיך צו ר' לייבען, עפּעס אָפּלערנען זיך פון איהם? אַז אָט האָט ער זיך פּינאַנדערגעוויגט, דער טיפּש, ווי אַ חנוכה-דריידעל, וואָס האַלט ביים אַנידערפאַלען, ער שלינגט די משפחה פון דעם „דיעדקאַ", ווי די „עשרת-בני-המן" בשעת מען לייענט די מגילה:

— מישקאַ זאַ מאַשקוּ... ס'מייזעלע פאַר ס'קעצעלע, ס'קעצעלע פאַרן הינטעלע, ס'הינטעלע פאַר דער אייניקעלע, ס'אייניקעלע פאַר דער באָבעלע, די באָבעלע פאַרן זיידעלע —

— אי וויטיאַנולי רעפּו!... — פאַרענדיגט הערשקע מיט אַ שאַל פון נצחון. אַ גדולה אויף זיין קירבעסעוואַטען קאָפּ! אַ גליק האָט געטראָפען זיין עובר-בטלען זיידקען. מען האָט דאָך טאַקי אויסגעריסען, מיט מזל, די ריבען!...

צו אויספיהלען אַ גאַנצע זייט מיט „יעקאַטערינאָסלאַוו", זיינען נאָך פּייווקען געבליבען צו דערשרייבען גאַנצע צוויי שורות. אָבער הערשקע דער לעהרער האָט ביי איהם אַרויסגעריסען די העפט פון אונטער דער האַנט. אַ ווייל'ע האָט ער געשאָקעלט איבער פּייווקעס קאָטשערעס מיט זיין קירבעס-קאָפּ און מיט זיין אָנגעשוואָלענער, צעקאַלופּעטער נאָז. און ערשט דערנאָך אַוועקגעלעגט זיין מיינונג, אין טיף-רוסיש:

— בודיעש טרובי טשיסטיט, בודיעש!... (וועסט קעהרען די קוימענס, וועסט קעהרען!).

פּייווקע האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס וועט ער דאָ מוזען ווערען דוקא אַ קוימענקעהרער. איז דען, באמת, אַ יושר, אַז אַלע וואָס שרייבען-נאָך שלעכט „יעקאַטערינאָסלאַוו" זאָלען קעהרען די קוימענס? און ווער איז דאָ שולדיג? ווער האָט דעם האָרבול געבעטען אַוועקזעצען זיך אַנטקעגען, טשמאָקען זיין „קעלבעלע" און ציהען די עצמות? וויפיעל מאָל האָט הערשקע-קאָפּ אַליין די צונג שיער ניט אָראָפּגעשלונגען?... קעהרען די קוימענס איז זעהר אַ מיאוסע פּרנסה... און צוריקריידענדיג — אַנשרעקען חברה אין חדר וואָלט גאָר ניט אַזוי שלעכט געווען. למשל, ער, פּייווקע, זאָל אַריינקומען אין חדר אין מיטען

לערנען חומש מיט רשי׳ אויסגעשמירט אין סאַזשע ווי אַ רוח, אין גאַרטעל אַ פלעדערוויש, איבערן פלייצע פאַרוואָרפען אַ שטריק מיט אַ בעזים מיט אַן אייזערנעם צעהנפונט. די צייהנער און די אויגען גלאַנצען. כדי צו מאַכען נאָך אַ שטאַרקערען רושם, וואָלט גאָר גוט געווען צו קייען דערביי אַ שטיק פריישען צוואָרעך... — „האַ, וואָס איז דאָס? ווער איז דאָס?״ — דערשרעקט זיך דער רבי. און ער, פייווקע, גלאַנצט מיט די אויגען־ווייסלעך, אונטער דעם פאַרסאַזשעטען שטערען, און קייט צוואָרעך...

— „בערי קניזשקו!״ — גיט אויף איהם הערשקע־קאָפ אַ געשריי און וועקט איהם אויף פון זיינע זיסע חלומות.

## 2

אַצינד האָבען זיך די ראָלען געביטען: זעלדעלע שרייבטנאָך, אין איהר העפט, גאָר אַ שפּאָגעל נייע שורה: „יעקאַטערינאָסלאַוו״, און פייווקע לערענט אין ביכעל זעהר אַ טשיקאַווע מעשה: „אַ מעשה מיט אַ ציידעלע און מיט אַ ריבעלע״. גאָר אַמאָל אין אַ נאָווינע! ס׳האָבען איהם אַזש גענומען שווינדלען פאַר די אויגען באָבעלעך מיט ציידעלעך, אייניקלעך און הינטעלעך, קעצעלעך און מייזעלעך. און אַלע — אַזעלכע קלייניקע, לעקישעוואַטע. אַלע האַלטען ריבעלעך אין די הענט, אָדער צווישען די לאַפּקעס, און טאַנצען אַ האָפּקע... און הערשקע־קאָפּ הייסט נאָך קוקען אין ביכעל, לייענען וואָרט ביי וואָרט און פאַרטייטשען... נאָר אַזוי ווי פייווקע קען שוין אַלץ אויף אויסווענ׳יג, און קיין גרויסען שכל דאַרף מען דערביי אויך ניט האָבען, לאָזט ער געהן די צונג צווישען די שורות, ווי ער האָט פריהער געלאָזען געהן די פינגער צווישען די רוסישע אותיות. און געלויבט איז דער אויבערשטער! סע געהט פון זיך אַליין....

אין מיטען די חידושים מיט דער איינגעשפּאַרטער „רעפקאַ״

איז אַרויסגעשוואומען לייבע־האָרבס סמכדיגער קולכעל:

— אַי, על נהרות בבל „סם יסבנו״...

ער האָט געבענשט מיט פאַרמאַכטע אויגען, די געדיכטע ברעמען האָבען זיי באַשאָטענט און צוגעגעבען דעם הויקער־פּנים אַ מאָדנע פינסטערקייט. אין זיין פרייוויליגער בלינדקייט האָט זיך לייבע־האָרב געקעמט די סיווע באָרד זיינע מיט אַ האַנט צעשפּרייטע פינגערלעך. דערטאַפּט אַ ברעקעל — האָט ער עס פאַוואָליע אַוועקגעלעגט אויפן טיש און געקוועטשט מיט די הויקערדיגע פּלייצעס, ווי איינער זאָגט: „אַ געוואַלד, וויפיעל ברויט עס געהט אין ניוועץ ביים עסען״...

— אַי, זכור ד׳ לבני אדום האומרים ערו ערו... בת־בבל „הסדודה״...

באָר ס׳איז ניט באַשערט געווען לייבע־האָרבן ער זאָל רוהיג אָפּבענטשען און גוט פאַרדייען דאָס קעלבעלע, וואָס האָט ערשט נעכטען געלעבט און וואָס אַ מענש איז געגליכען צו איהר. וואָרום די טהיר, אין איינגאַנג, האָט זיך שעמעוודיג אויפגעמאַכט און גיטקע די קרעמערקע, אַ קורצינקע אַלמנהלע, האָט זיך אַריינגעקייקעלט אין דער טונקעלקייט פון מויערעל, ווי אַ קנויל פון שלומפּערס און פון אָפּגעטראָגענע פּאַטשייעס. זי איז געבליבען שטעהן אַ צעשראָקענע אַנטקעגען לייבע־האָרבען. געוואָלט עפּעס אָנהויבען טענהן. אָבער לייבע־האָרב האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, אָ! נו!.. מלך העולם...

ס׳הייסט: איצטער איז ער פאַרנומען מיט גאָט און קען זיך ניט אָפּגעבען מיט מענשען.

האָט זיך גיטקע די אַלמנה צוריקגעהאַלטען. אָבער באַלד האָט זי זיך מיישב געווען, אַז אַצינד איז אַ שעת-הכושר, די רעכטע צייט פון ווייכמאַכען לייבע־האָרבס האַרץ. ר׳ לייבע האָט דאָך אָקאָרשט אָפּגעגעסען און ס׳איז איהם מסתמא גוט אויף דער נשמה, וועט ער רחמנות האָבען.

האָט זי אַרויסגעצויגעןביידע אָנגעפּרוירענע הענטלעך

פון אונטער דער פאַטשיילע און גענומען טענהן מיט זיי אין און מיט איהר מייל־כעל, בעטען זיך ווי ביי אַ גזלן:

— סטייטש ר' לייבע, ווי אַזוי טוט איהר דאָס מיר אָפּ אַזאַ זאַך? ווי אַזוי האָט איהר עס קיין רחמנות ניט אויף מיינע דריי יתומים? איהר לאָזט מיר אָפּשרייבען מ'ין ביסעל בעט־געוואַנט און מיין ביסעל סחורה אין קרעמעל... פאַר וואָס, פאַר ווען?...

ענטפערט איהר לייבע־האָרב מיט אַ שמייכעלע, שאָקלענדיג אויף איהר גאָר פאָטערלעך מיט דער יאַרמולקע:

— בעבור שמו הגדול כי הוא אל זן ומפרנס?... אשר ברא כע־כע כאמור! פותח. ידיך. ומשביע... ברוך אתה ד'...

ס'הייסט: איך האָב נישט קיין רחמנות? געטראָפען דעם ריכטיגען מענשען! כ'האָב, דאַכט זיך, געוואַרט און געוואַרט. אָבער, כ'מיין...

פאַרשטעהט גיטקע די אַלמנה גלייך וואָס ער מיינט, און טענהט אין איהם אַריין:

— און אַז ס'האָט זיך אַביסעלע פאַרצויגען איז וואָס? כ'האָב אייך געצאָהלט וואָכער־געלט מיט „פּריצענט", יעדינקע וואָך דאַכט זיך... באשר מיין חדר יונגעל איז קראַנק געוואָרען אויף שקאַרלאַטין...

צעפיהרט לייבע־האָרב מיט די הענט און גלאָצט מיט די אויגען:

— אַי, נודה לך ד' אלהינו...

ס'הייסט, ס'אַ גאָט־זאַך, וואָס זאָל מען טאָן?

קלאָגט זיך פאַר איהם ווייטער גיטקע די אַלמנה:

— דער אַפּטייקער האָט ביי מיר צוגענומען וואו אַ קאָפּיקע מזומן, און דער געשמאַקער פערשעל אינזערער, איהר קענט דאָך איהם...

גיט לייבע־האָרב אַ מאַך מיט די ברעמען און אַ הויב אַ פינגער:

— מכל צרותנו!... ונא אל תצריכנו!...

ס'הייסט: אויב איך קען זיין! הלואי זאָל מען בעסער ניט דאַרפען אָנקומען צו זיי!...

מיינט גיטקע די אלמנה, אַז לייבע-האָרבס האַרץ ווערט ווייכער און סע געהט אויף אַ דרך. נעהמט זי אָן גלייך דעם אָקס פאַר די הערנער:

— און כ'מיין, ר' לייבע, איהר ווייסט דאָך... וויפיעל וואָכען האָב איך דאָס דורכגעלאָזען? אַ פּאָר וואָכען דאַרטען... איז מען דאָך אידען...

וואונדערט זיך לייבע-האָרב: אבינו מלכנו אדירנו? — ס'הייסט: נאָר אַ פּאָר וואָכען? — המלך, אָה, הטוב והמטיב!... ס'הייסט: גוט! מ'עט באַלד זעהן.

כאַפּט ער אַרויס אַ ביכעלע פון בוזעם, מישט אויף און ציילט איהר, בענשענדיג, אויף אַלע צעהן פינגער:

— הוא היטיב לנו. — און פאַרבויגט איין פינגער. הוא מטיב לנו — צוויי פינגער. הוא ייטיב לנו — איז דריי. הוא גמלנו, הוא גומלנו הוא יגמלנו — נאָך דריי פינגער. צוזאַמען זעקס. נו, לחן, ולחסד, ולרחמים, ולרוח — איז צעהן. נו, הצלחה, נאָך איין וואָך און אַ סוף. בסך־הכל עלף... עלף פינגער.

— נו זעהט איהר דאָך! — פאַרטייטשט גיטקע. — עלף וואָכען, געליבט דער אויבערשטער, געצאָהלט מיט „פּריצענט".

שטעלט אָבער לייבע-האָרב צוריק אויף אַלע פינגער און ציילט, שאָקעלט מיטן קאָפּ אויף ניט געצאָלט, און בענשט ווייטער:

— פּרנסה... איז ניט. וכלכלה... ניט, ורחמים — „לא מיט אַן אלף". וחיים... — אַ געכטיגער טאָג! ושלום — ווייטער ניט. וכל טוב — בלאָטע. ומכל טוב — אויך ניט. המ? בסך-הכל זיבען וואָכען אַ קאָפּיקע ניט אַריינגעטראָגען. הרחמן הוא ישתבח. כע-כע, לדור דורים! און דאָס הייסט ביי איהר: אַ פּאָר וואָכען"... אָה, אָה! לעד ועולמי-עולמים... מען זאָל איהם בעסער ניט דולען דעם קאָפּ...

פאַלט ביי זיך גיטקע די אַלמנהלע אַראָפּ. עס שטיקט איהר אין האַלז:

— מע פאַרדינט דאָך, ר' לייבע, באַלד וועט זיין דער ווינטער-יאַריד וועט מען לייזען... נישקשה, ער קען איהר נאָך אָפּוואַרטען אַ וועלכענע זעקס... מיינט זי: פּ י ע ר וואָכען... מיינט זי.

ווערט שוין לייבע-האָרב אַ ביסעלע אין כעס:

— הרחמן הוא, ישלח לנו את אליהו הנביא?... ס'הייסט נאָך אַ חודש וואַרטען? מעהר גאָרנישט? כמו שברך את אבותנו אברהם יצחק ויעקב!... מיינע שונאים זאָלען אַזוי לעבען!

— ר' לייבע, — כליפּעט גיטקע, — דאָס רעדט איהר נאָר אַזוי... איהר זענט דאָך גאָרניט אַזאַ שלעכטער, — חנפעט זי איהם אַביסעל אונטער.

ענטפערט אָפּ לייבע-האָרב און וואַרפען טוט ער דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס:

— בכל מכל כל... כן יברך אותנו כלנו יחד... ס'הייסט: זאָל איהם שוין גאָט אַזוי העלפען, ווי מען וועט איהר פאַרקויפען ביז אַ פּאָדישקע. און וואַרטען מעהר — וועט ער נ י ט...

— זענט איהר דאָך טאַקי אַ רוצח! — צעקוויטשעט זיך גיטקע די אַלמנה, — אַ רשע! אַ שטיינערנע האַרץ!

פאַרקרימט זיך לייבע-האָרבס פּנים ווי פון אַ זויערס, און ער שרייט אויף איהר צוריק, פאָכענדיג מיטביידע הענט:

— ממרום ילמדו עליו! ועלינו זכות!... ס'הייסט: פאַרמאַכט אייער פּיסק און געהט אייך געזונטערהייט!

און, קוועטשענדיג מיט די האָרבאַטע פּלייצעס, פאַרענדיגט ער אַביסעל שטילער:

— ונשא ברכה מאת ד', נאַ-נאַ, וצדקה מאלהי ישענו. מ'נאַ! ס'הייסט: ער האָט שוין געזעהען אויף זיין לעבען אַ רעכט ביסעל צוצעפּענישען, נאָר אַזאַ אָנשיקעניש, ווי גיטקע די קורצע, האָט ער נאָך ניט געזעהן...

— מיאוסער איד איינער, — שרייט גיטקע, — כ'וועל לויפען צו מענשען, וועל איך, זאָל שטאָט וויסען!...

שטרעקט איהר לייבע־האָרב אויס אַ פייג איבערן טיש און שלאָגט איהר איבער מיט הארץ:

— מגדיל ישועות מלכו! ועושה חסד למשיחו!...

ס'הייסט: נאַט אייך גאָר אַ גרויסען פייג! און אַרויס פון שטוב!

גיטקע די קרעמערקע לויפט אַרויס מיט אַ גֶעוויין. און לייבע־האָרב איז ניט מפסיק. ער פאַרמאַכט די אויגען און פאַר־בייסט מיט כוונה אין מיט טיפע זיפצעלעך דעם סוף פון בענ־שען, וואָס מען האָט איהם אַזוי מיאוס געשטערט:

— אַי, יראו את ד' „קדושיו", אַך־אַך־אַך, כי אין מחסר ליראיו...

פאַר פייווקען איז דאָס געווען אַ שטיקעל טריאַטער, ס'האָט אביסעל צעשטרייט, אָפּגעפרישט די נודאָטע פון „אוּ־ראָק". נאָר זעלדעלע איז אַביסעל צעשראָקען... הערשקע־קאָפּ, דער לעהרער איז עפּעס אויך ניט מיט אַלעמען; ער קוקט ניט מעהר צום בעל־הבית. ער קאָלופּעט זיך נאָר די נאָז, ער וואַרפט זיך פון זעלדעלעס העפט צו פייווקעס כרעסטאָמאַטיע און פאַר־קעהרט. ער קוקט אויפן זייגער און זאָגט: „דאַ־אַס!..." זעלדע־לע פאַרענדיגט די לעצטע שורה פון „יעקאַטערינאָסלאַוו" און ער, פייווקע — די לעצטע שורה פון דער הויך־אינטערעסאַנ־טער מעשה מיט דער ריבען. גיט פלוצלינג דער לעהרער א רעווע מיט נצחון:

— אי וויטיאַנולי רעפּו!... און זיי האָבען אַרויסגעריסען די ריבען!

דאָס איז שוין דער צווייטער נצחון, וואָס הערשקע־קאָפּ האָט היינט אָפּגעהאַלטען איבער דעם „דיעדקאָס" ריבען, אין איין איינציגער שעה.

נאָר געבליבט איז דער אויבערשטער! ער פאַרמאַכט שוין דעם רוסישען ביכעל. ער זאָגט אָן, וואָס מען האָט צו טאָן אין דער היים, ביז מאָרגען... און „דאָסווידאַניע!".

די „ערשטע לעקציע" אין לייבע־האָרבס מויערעל האָט זיך געענדיגט.

# חידושים פון יריד

## 1

„טראָיצע‟, נאָך שבועות־צייט, איז אין שקלאָוו אַ גרויסער יאַריד. עס פאָהרען זיך צוזאַמען גוים פון אלע אַרומיגע דערפער, מיט בהמות, מיט אויסגעוואַקסענע קעלבלעך, מיט פלאַקס, מיט חזיר־האָר, מיט רויע פעלכלעך און מיט רעשטלעך פון פאַר־אַ־יאָהריגען שניט. עס רייטען אָן ציגיינער מיט פערד. קאַצאַפּעס פון „ראַשעי‟ קומען אָן מיט צוקערלעך, מיט בלייערנע צאַצקעס, מיט הילצערנע קוקלעס, מיט קאָלירטע קאָפּטיכלעך. שטאָט־אידעלעך לויפען ארום פאַרשמייעט. די קרעמער גאַרטלען זיך אונטער, נעהמען אַוועק פון שטוב וואו אַ פרייע האַנט. און אָנגעפּאָהרענע, אומבאַקאַנטע ווארילע־יונגען, אין שטיוועל מיט כאָליאַוועס, מיט פאַרברענטע פּנימער, שטעלען אויף לאַנגע פּאַלאַטקעס און וואַרפען אַהין אָן גאַנצע וועגענער מיט שעפּסענע פעלצען, מיט גראָבע וואָלענע שטאָפען, לייכטע דייטשישע אַקעראַייזענס, שווערע רוסישע העק און סערפען — סחורות פאַרן דאָרפישען עולם. עס קאָכט און עס רעשט דריי טעג נאָכאַנאַנד. און איבערן גאַנצען הוי־האַ שטעהט אַ וואַרעמע פּאַרע פון מענשען־שווייס און בהמות. ניטאָ קיין פרייער ברונים אין מאַרק און אין די נאָהענטע גאַסען. אַרום אַלע ברונימער שטעהען גאַנצע מחנות מיט פערד און ציהען דאָס קיהלע וואַסער פון די עמערס, מיט די שפּיצען פערדישע

ליפּען, ווי דורך שטרויעלעך... בעלי־בתּים געפינען, די יאַריד־טעג, אין טיי אָפּגעקאָכטע קערנדלעך האָבער... און קריכען זיך. דער שמש, דער רבּ און דער גבּאי פון אַ סך בתּי־מדרשים דאַווענען מנחה פאַר זיך. שווער צוזאַמענצונעהמען אַ מנין אידען. דערפאַר אָבער זיינען די האַליאָבלעס פון די אָנגעפּאָהרענע וועגענער, אין גרויסען מאַרק, אויפגעהויבען צום הימעל — אַ גאַנצער וואַלד פון הילצערנע אָרעמס. זיי בעטען, דאַכט זיך, אַנשטאָט די פאַרהאַוועטע מענשען, צו גאָט פאַר אידען און פאַר גוים, ער זאָל זיי אַלעמען געבען אַ גוטען יאַריד, אַ יאַריד פון פּרנסה און הצלחה...

פּעטער אוריס געשעפטען געהערען זיך מיט שקלאָווער יאַריד ניט אָן. דערפאַר איז ער, טראָיצע־צייט, כמעט קיינמאָל, ניטאָ אין דער היים. ער פאָהרט אַרום מיטן פאַרעכאָד איבער אַלע שטעט צווישען מאָהליוו און קיעוו און קויפט אויף זייַנע מציאות — אַלטע בראָנזען, אויסגענייטע בראָקאַטען, זילבער ברוכוואַרג, טאָמער מאַכען זיך גוטע שטיינער, אַלטע צירונג געפאַסט מיט „ראָזען", מיט מילכיגע אָפּאַלען, מיט פלאַכע טירקיזען — האַנדעלט ער אויך איין. ער האָט פאַר דעם זייַנע שטענדיגע קונים אין „ראַשעי", דער עיקר — אויפן ניזנער יאַריד, פאַר ראש השנה.

דאָס מאָל איז פּעטער אורי אויך געווען אונטער־וועג. און פייוקע האָט באַשלאָסען צו זעהן דעם שקלאָווער יאַריד ווי עס געהער צו זיין. מוהמע־פייגע איז ניט אַזוי שטרענג ווי דער טאַטע, האָט קיין צייט ניט נאָכצוקוקען אַלע בנים, וואָס זיי טוען און וואוהין זיי געהען. איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל: ער מוז פאַרזוכען דעם טעם פון „טראָיצע". אַזוי ווי אין פּרק שטעהט: „אם לא היום — אימתי" — אויב ניט היינט — ווען זשע דען?

זינט פייוקע לעבט אויף דער וועלט זעהט ער דעם יאַריד נאָר פון דער ווייטענס. ער זעהט נאָר אויפגעשטעלטע דישעלס. ער הערט נור אַ ווייטען רעש פון מענשען און אַ טעמפּע הירזשעריי פון פערד. אַז ער איז געווען קלענער,

פלעגט איהם די מאַמע ברענגען פון יאַריד אַ בלייענעם הענ־
דעל פאַר אַ קאָפּיקע, וואָס אַז מען בלאָזט איהם אין עק,
קרעהט ער. עס הייסט ער קרעהט נ י ט, נאָר ער קוויטשעט,
פונקט ווי ווען מען קנייפּט אַ קליין קעצעלע... אָבער די מאַמע
האָט איהם געוואָלט איינשמועסען, אַז דאָס קרעהט ער... אָדער
זי פלעגט איהם ברענגען אַ געפּלעקט פערדעלע מיט אַ פלאַק־
סענעם עק. דער עק פאַלט אַרויס באַלד נאָכן ערשטען ציה און
לאָזט איבער אַ שוואַרצע לאָך. און ווי נאָר מען גיסט אַריין
אין לאָך אַביסעל וואַסער, ווערט שוין פונם גאַנצען פערדעלע
אַ ווייכע קליאַטשע, אַ ניט־דערבאַקענע לאַטקע, און דאָס זאָל
הייסען: „הנאה האָבען פון יאַריד".

זינט אָבער ער האָט אָנגעהויבען לערנען חומש, באַקומט
שוין דעם בלייענעם הענדעלע דאָס מוזיניקעל; און ער, פּייוקע,
זעהט נאָר די אויפגעהויבענע דישעלס פון דערוויטענס. פאַר־
אַ־יאָהרען האָט ער זיך געבעטען ביי דער מומע פייגען, זי זאָל
איהם נעמען אויפן „יאַריד", האָט זי איהם אָנגעשראָקען מיט
די פערד, וואָס וואו נאָר זיי דערזעהן אַ אידיש קינד, אונטער
בר־מצוה, צעטרעטען זיי איהם מיט די פּאָדקעוועס, גלייך אויפן
אָרט. אָט אַזאַ מיאוסע טבע האָבען די פערד פון שקלאָווער
יאַריד. האָט פּייוקע ניט געגלויבט און געפּרואווט וויינען. האָט
איהם מוהמע־פייגע מכבד געווען מיט אַ פּאָר גוטע סטוסאַקעס
און געהייסען קוקען אין פענסטער: „אָט־אָ לויפען די פערד
צו די ברונימער! אָט־אָ האָט ער דעם גאַנצען יאַריד"... גע־
טראָפען וועמען איינצושמועסען!

דאָס מאָל האָט פּייוקע באַשלאָסען אָפּצוטאָן אַלץ בשתיקה,
קיינעם ניט דערצעהלען קיין מעשיות, מיט קיינעם ניט צוזאַ־
מענריידען זיך. אפילו ניט מיט וועלוועלען, דעם עלטערן ברו־
דערל, ניט מיט ירחמיאלקען, דעם אינגערען. דאָס זיינען דאָך
„טרוסען". רק זיי האָבען מורא... אויסער דעם געהט יעדער אין אַ
באַזונדער חדר, לויטן לימוד נאָך. היינט וואָס טויגען איהם די
אָפּרעדענישען און וואַרטענישען? ער האָט אַזוי אויך ווייניג
צייט. בלויז אַ שעה וואַרימעס... אַ צווייטע שעה ווערט ער גלאָט

אַזוי פאַרשפּעטיגען. ער וועט שוין ווי־ניט־איז קריגען אַ תּירוץ. ניין, גלייכער איז — איינער אַליין

אין דער פריה, פאַרן אַוועקגעהן אין חדר, האָט ער נאָר אָנגעטאָן אַ פּאָר אַנדערע הייזלעך, אַ פּאָר גאָר־אַלטע פאַר־לאַטעטע הייזלעך. טאָמער פאַרשפּריצט מען איהם אין דער ענגעניש, אָדער מען מאַכט איהם אַ געוואַלד־ריס — טאָ זאָל די מוהמע־פייגע ניט האָבען קיין טענות: זאָל זי ניט האָבען צו וואָס צו טשעפּען זיך. אַלץ מוז אַראָפּ גלאַט, קיין סימן פון יאַריד טאָר אויף איהם ניט בלייבען. וועט זיין אַזוי וואויל צו איהם. —

באַשיצט, דורך זיינע אַלטע הייזלעך, געגען יעדער סיבה, האָט פייוקע, וואַרימעס־צייט, פאַרקערעוועט פון חדר צום גרוי־סען מאַרק, און בכּיון גלייך אַריינגעבלאָנדזשעט אינם וואַלד פון וועגענער און אויסגעשטרעקטע דישעלס, כּדי צו זעהן אַ סך און ניט־געזעהן צו ווערען...

אויף די אויסגעשפּאַנטע וועגענער, אויסגעבעט מיט היי, זיצען זיך אויסגערוהטע יונגע גויעס אין רויטע ווייס־רוסישע „כוסטעס” און טרייבען קאַטאָוועסלעך און מאַכען חנדלעך מיט כלאָפּצעס אין שפּאָגעל־נייע קאָזשוכען. יעדער אַזאַ חנדעל וועגט אַ פּוּד. זיי, למשל, דערלאַנגען די כלאָפּצעס אַ זעץ איבערן בויך, און די שקצים זיי — אַ קניפּ אונטערן פּאַכווע, אָדער אַ שטורך אין זייט, אַז די שיקסעס פאַרגעהען זיך אין אַ היל־כיגע „עי־עי”, ווי די געקנייפּטע גענז. טרעהרען שטעלען זיך זיי אין די אויגען נאָך אַזאַ קוואָטשקען. מען ווייסט בלויז ניט: פון וועהטאָג, צי פון פאַרגעניגען. און די אויסגעשפּאַנטע פערד מיט אָנגעבונדענע זעקלעך האָבער אויף די מאָרדעס שטעהען דערביי און שאָקלען מיט די גרויסע קעפּ אויף די דאָזיגע חתן־כּלה־שטיפעררייען:

— זעהר פיין! אַ גאַנץ גלייכער שידוך! מסכּים!

אויף אַ סך וועגענער איז מען שוין אַזוי ווייט מיט די צערטלעכע חנדלעך, אַז מען האַלט שוין ביי „תּנאים”. ס׳הייסט, מען מאַכט שוין אַ כּוסע גלייך פון פלעשעל, און מען

פֿאַרבײַסט מיט הערינג. די גוטע דערציהונג דערלויבט אָבער ניט בײַסען פֿון הערינג, ווי ער שטעהט און געהט. איז קודם כּל דרעהט מען איהם אַראָפּ דאָס קעפּעל און מען פֿאַרבײַסט מיטן קעפּעל. דערנאָך, מחמת איידעלקייט, שיילט מען דעם הערינג אַראָפּ די הויט און מען פֿאַרבײַסט טאַקע מיט דער אָפּגעשייל־טער הויט. דערנאָך ערשט מאַכט מען דעם גוטען טרונק פֿון פֿלעשעל. דער מחותּן צייכענט אָן מיטן שוואַרצען נאָגעל דעם חתן ביז וואַנען ער האָט צו טרינקען. דער חתן צייכענט אָן דער מחותּנתטע מיט זיין נאָגעל, די מחותּנתטע — דער כּלה מיט איהר נאָגעל. טרינקט מען אַזוי ווי פֿון אַ גרויסען גראַ־דוסניק, און מען פֿאַרבײַסט שוין מיטן אָפּגעשיילטען הערינג גופֿא. יעדער קנייפּט אָפּ זיין שטיקעל הערינג מיט צווי גע־זונטע פֿינגער, ווי מיט אַ בייס־צוויינגעל, און האַלט עס אין האַנט דעליקאַט, ווי אַן אבן־טוב, און אין דער צווייטער האַנט נעמט ער אַ פֿערטעל לאַבען שוואַרץ ברויט און פֿאַרבײַסט. אַ מוראדיגען ביסען ברויט און אַ פּיצענאַנטשיקען שטיקעלע הערינג...

## 2

אָבער דאָס ערשטע, וואָס האָט פּייוּקען שטאַרק פֿאַראינ־טערעסירט אינם גרויסען הו־הא, איז דווקא געווען אַ שטיל ווינקעלע, לעבען קיווע דעם לעקעכמאַכערס גאַניק. שטעהט זיך אַ גויעצעל מיט שמאָלע טאָטערישע אויגען, דער בייטש־שטעקעל אונטערן אָרעם און אַמפּערט זיך מיט קיווען. דעם גויס וועגעלע שטעהט דערביי געשפּאַנט מיט צווי קליינע גראָב־בייכיגע פֿערדלעך. אויף דעם וועגעל זענען אָנגעלאָדען זעק... טרעפֿט מיט וואָס? מיט מאָהן, מיט מאָהן! פּייוּקע האָט גלייך דערשמעקט, אַז עס איז מאָהן; אָט טאַקע דער זעלבער מאָהן, וואָס קיווע פּרעגעלט מיט פּאַטאָקע און פֿאַרקויפֿט עס פֿרענט־לעכוויין אויפֿן מאַרק. והא ראיה, אויף דעם גריגעם בענקעל

פון גאַניק ליגען אָנגעשאָטען עטלעכע פּראָבע־הייפעלעך: שוואַר־צער, גרויער און ווייסער מאָהן. קיווע לויפט אַלע ווײַלע צו, כאַפּט אַביסעל אויף דער דלאָניע און שטעקט דעם גוי אונטער די טאַטערישע אויגען, ער זאָל זעהן, צי ס'איז אַ יושר רייסען אַזאַ פּרייז. קיווע היצט זיך, דער ערל איז קאַלט. ער ענט־פערט קורץ און שפּייט דורך די ציין, ווי מיט אַ שפּריצער. קיווע חנפעט דעם ערל אַביסל אונטער און רופט איהם „כאַ־זשאַין“ *), און דער גוי איהם, פּשוט — „קיווקא“, ווי אַ מענש, וואָס איז אַ האָר ניט באַזאָרגט איבער זיין סחורה. מאַכט זיך קיווע, אַז ער געהט אַוועק, שטייגט אַרויף אַ טרעפּעל, ווערט דער גוי אַ ביסעל אומרוהיג און כאַפּט איהם אָן פאַר אַ ציצה:

— טערינאַנצאַט דאַשי?...**)

שטייגט קיווע צוריק אַראָפּ די טרעפּעל און דינגט זיך:

— כאַזשאַין, דוואַנאַנצאַט!***)

כאַפּט איהם דער גויעצעל אָן ביים האַנט און לאָזט איהם אַראָפּ אַ פּראַסק אין דלאָניע אַריין, אַז קיווע פאַרבייסט אַ ליפּ פאַר וועהטאָג:

— טערינאַנצאַט!

נאָר אָפּשטעהן טאָר מען ניט. מאכט קיווע אַן אָנשטעל, אַז דער פּאַטש איז איהם וואויל באַקומען, און אויף וויפיל די אידישע כוחות טראָגען, פּראַסקעט ער דעם ערל צוריק אין יד אַריין:

— דוואַנאַנצאַט!

— טערינאַנצאַט!

— דוואַנאַנצאַט!

אָט אַזוי פּאַטשען זיי זיך לאַדיזשקעס, האַקען אָפּ די הענט איינער דעם צווייטען, ביז קיווע דערזעהט, אַז ער וועט דאָ, שונאי ישראל, בלייבען אָהן אַ דלאָניע, לעגט ער צו נאָך

---

*) בעל־הבית.

**) דרייצעהן וועסטו געבען?

***) בעל־הבית, — צוועלף!

אַ האַלבען גילדען אויפֿן פֿוד מאָהן, און דער ערל לאָזט איהם אָפּ די געשוואָלענע האַנט.

נעהמט אָן דער גוי אַ זעקעל מאָהן פֿון וואָגען און קיווע העלפֿט איהם. מען טראָגט דעם זעקעל צו דער ענגלישער וואָג-שאָל אויפֿן גאַניק. קיווע רוקט איבער דעם מעשענעם ציינגעל און דער גויעצעל שטעהט דערביי, און טשיקעוועט מיט זיינע שמאָלע אויגלעך. קיווקע זאָל איהם דאָ ניט אָפּנאַרען.

— דריי פֿוד! — רופֿט אויס קיווע.

דער גוי איז מסכּים. „דאָבראָ” — זאָגט ער. און מען שטייגט אַראָפּ נאָך אַ צווייטען זעקעל.

נעהמט קיווע אַרויס אַ הייפֿעל זילבערנע, נייאינקע גריווי-נעצקעס, צעהלט אָפּ דריי שטיק לעבען די מאָהן-פּראָבען, אויף דעם גרינעם בענקעל פֿון גאַניק און מאַכט צום ערל אַזוי:

— קאָלקי פּודאָוו, סטאָלקי הריוואַניקאָוו! *)

דעם ערל געפֿעלט אַזאַ סימן. ער איז מסכּים. „דאָבראָ”— מאַכט ער. און מען טראָגט אַרויף צום שאָל אַ צווייטען זעקעל. פּייווקע עסט די זעקלעך מיט די אויגען. וואָרום זינט ער לעבט אויף דער וועלט, האָט ער אַזוי פֿיעל מאָהן ניט געזעהן. ער ווייסט, אַז מאָהן וואַקסט אין מאַקעלקעס **) חדשים-לאַנג וואַרט מען ביז מען דערלעבט דעם מאָהן בליהען. נאָכן בליהען איז דער מאָהן ווייס און ביטער ווי גאַל. ערשט סוף זומער, אַז מען איז ניט קיין נאַשער און מען דערוואַרט זיך, ווערען די מאַקעל-קעס ברוין און דער מאָהן טענצעלט אין זיי, ווי אַרבעסלעך אין אַ קינדער-גראַגערל. רייסט מען אַראָפּ די יאַרמעלקעלע ביי אַ צייטיגער מאַקעלקעלע, דערזעהט מען דאָרטען אַ סך, אַ סך עקיגע חדרימלעך, וואָס לויפֿען זיך צוזאַמען, אַלע אין מיטען. פֿונם דעק, פֿון אַזאַ געווינקעלטער פּושקעלע, טרייטעלט מען אַרויס אַ קליין הייפֿעלע מאָהן, די גרויס ווי אַ שמעק טאַבאַק. שוואַרצער, ווייסער אָדער גרויער מאָהן. היינט וויפֿיעל

*) וויפֿיעל פּוד — אַזוי פֿיל גריוונעצקעס.

**) מאָהן-קעפּ.

מאַקעלקעס האָט מען דאָס באַדאַרפט אויסטרייסלען, ווי נדבות פון ר' מאיר בעל־הנס־פּושקעלעך, כדי אָנצופּאַקן אַזוי פיל זעק מיט מאָהן?... נשתומם צו ווערען!

די נייע גריוונעצקעס אויפן בענקעל פון גאַניק פאַרמעהרען זיך דערווײַלע... קיווע דער לעקעכמאַכער סטאַרעט זיך אויסצולעגען זיי אַזוי שעהן און אַזוי קונציג אויף דער גרינקייט פון בענקעל. ליגען אַזוי די גלאַנצענדיגע מטבעותלעך, האַלב־אָנגעלעהנט איינס אויפן צווייטען, ווי שאַלעכץ פון אַ פיש, שלענגלען זיך ווי אַ קאַווקאַזער גאַרטעל... אַ מחיה צו קוקען! נאָך יעדער זעקעל קומען צו אַ דריי־פיער נייע גריוונעצקעס. וויפיעל פוד, אַזוי פיעל גריוונעצקעס...

מיט אַמאָל, גאַר אומגעריכט, גיט זיך קיווע אַ טאַפּ אין זיין טיפער קעשענע, אַ זוך אין זשילעט, אוי וועה! עס פעהלען איהם אויס גריוונעצקעס... זאָגט ער צום גוי, אַז יענער זאָל גוט היטען דאָס אויסגעלעגטע זילבער־געלט אויפן בענקעל... „כאַזשאַין", ער הערט, צי ניין? ער זאָל גוט היטען!... ער, קיווע, געהט אין שטוב אויף אַ ווײַלעצקע נעמען נאָך גריוונעצקעס... ער זאָל דאָ גוט היטען!..

דער גוי בלייבט איינער אַליין לעבען די מטבעותלעך. אַ ווײַלע שטעהט ער פאַרטראַכט. דערנאָך ווערט ער עפּעס אומרוהיג. ער גיט אַ וואָרף די טאַטערישע אויגען זיינע רעכטס, אַ וואָרף לינקס, דרעהט זיך אויס צו פּייווקען מיטן רוקען, פאַרשטעלט דאָס בענקעל מיט די זילבער־געלד מיט זיין סערמיאַגע, און גיט, פייל פון בויגען, אַ צאַפּעל מיטן איילענבויגען און אַ שאַר אונטער דער פּאָלע... פּייווקע דערפיהלט, מעהר וויפיעל ער דערזעהט, אַז דער ערל האָט דאָס אַראָפּגעכאַפּט אַ הייפעל זילבערנע מטבעות... דאָס האַרץ הויבט איהם אָן צו קלאַפּען. סטייטש, אַ גנבה אין מיטען העלען טאָג! און אויסערדעם... ווי אַזוי וועט איצט קיווע געדענקען דעם חשבון פון די פּודען מאָהן?... און איידער פּייווקע קומט צו זיך, קומט שוין קיווע דער לעקעכמאַכער צוריק. און קלינגט מיט זילבער־

בעלט אין דער קעשענע... „יאַשק, יאַשק!*) — שרייט ער פרעהלעך צום ערל. ס'הייסט, אַז ער האָט געפונען נאָך גריוו-נעצקעס און מען קען ווייטער וועגן. קיווע דערנעהענט זיך עפעס מיט אַ זייט צום גרינעם בענקעל פון גאַניק. און וואַרפט אַן אויג אויף די אויסגעלעגטע גריוונעצקעס, פון וועלכע עס פעהלט איצט אַ גוטע דריטעל... און גיב נאָר אַ קוק! אַזאַ לעקיש! ער באַמערקט גאָרנישט... פאַרקעהרט, ער גיט נאָר פריינדלעך אַ פאַטש דעם ערל אויפן פלייצע און ווייטער אַ פאַטש זיך איבער דער קעשענע:

— יאַשק! יאַשק!

— רב קיווע, — קען זיך שוין פייוקע ניט איינהאַלטען און די גערעכטיקייט קאָכט אין איהם — רב קיווע, דער גוי האָט אַראָפּגעגנבעט אַ סך גריוונעצקעס, דער גוי!

אָבער דאָ קומט פאָר עפעס אַ זאַך, אויף וואָס פייוקע האָט זיך לחלוטין ניט גערעכנט. פייוקע האָט זיך גערעכנט, אַז קיווע וועט כאַפּען ציילען דאָס אויסגעלעגטע געלט, דערנאָך וועט ער אָנכאַפּען דעם גוי, דערנאָך וועלען זיך צונויפקלייבען מענשען אין עס וועט ווערען אַ טריאַטער... אָנשטאָט דעם שפּרינגט גאָר קיווע דער לעקעכמאַכער אַראָפּ פון גאַניק און גיט גאָר איהם אַ שטורך... ניט דעם גוי, נאָר איהם, פייוקען, אַז ער קוליעט זיך צוויי מאָל איבער. דער פּנים אין ביי קיווען רויט ווי ביי אַ גזלן:

— ווער פרעגט ביי דיר, דו פאַרך! ווער ביסטו דאָס? וואָס טוכטו דאָ? אַוועק צו אַל-די קאַדיק!...

און טאָמער איז דאָס נאָך וועניג, לויפט אַראָפּ דער ערל, וואָס האָט זיך נאָך אָקאָרשט געקראַצט אין פּאַטעלניצע פון גרויס צעטומלעניש... ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגעשטויסען, אַז מען האָט אים דאָ מיאוס פאַרמסרט, און ער איז אַראָפּ מיטן בייטש פאַרטיידיגען זיין האָנאָר:

---

*) פאַרהאַן, פאַרהאַן!

— אַך, טי סוקין־סין! *)

און קיווע דער לעקעכמאַכער, דער באַגנבעטער לעקיש, וואַרעמט איהם נאָך אונטער:

— דאַי יעמו, דאַי יעמו!... ס'הייסט: גיב איהם, ווי ס'געהער צו זיין!

## 3

קוים אַ לעבעדיגער אַנטלויפט פּייווקע פון אָט די צוויי משוגהדיגע מענשען. ס'רעדט זיך אַזוי: אַנטלויפען... ס'איז ניט אַזוי לייכט צו לויפען צווישען אַזוי פיעל וועגענער און פויערים. ער איז זעהר ענטוישט. אויף אַזאַ ברוך־הבא פון קיווען האָט ער זיך גאָר ניט גערעכט. געה שטעל זיך איין פאַר אַ אידען!... נאָר... נאָר עפּעס איז דאָ ניט גאַנץ גלאַטיג מיט די גרייוור־נעצקעס! פּייווקע ברעכט זיך דעם קאָפּ: וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשטעל? מען וואָרענט אַ אידען פאַר זיין געלד און ער שלאָגט זיך גאָר... ס'אַ רעטעניש!

פּייווקע שטופּט זיך אַזוי לאַנג ביז ער פאַרלירט זיך צווישען דישעלס און וועגענער און טרעפט אָן „כאַצקעלע־קנאַק"... יענער געהט, און די גוים מאַכען איהם אַ וואַרע.

דאָס איז אַ געזעצטער ברייט־פּלייצעדיגער אידעל, וואָס זיין טאַטע איז אַמאָל געוועזען אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט און ער אליין האָט זיך אויסגעדינט מיט אַ „נאַגראַדע". איז אָט, פאַר „זכות־אבות" און פאַר זיין אייגענעם זכות, האָט מען איהם געמאַכט פאַר אַ פרייעם „דעס־אַטניק" און געגעבען איהם אַ מעשענע בלעכעל מיט אַ נומער. צווישען אידען האָט כאַצ־קעלע־קנאַק פיינט צו ווייזען זיך מיט זיין בלעכעל. וואָס פאַר אַ צורה האָט אַ אידישער דעסיאַטניק צווישען אידען? אויך מיר אַ קנאַקער! אידען האָבען מורא פאַר זיין בלעכעל ווי

---

*) אַך, דו הינטישער זוהן.

פאַרן פאַר־אַ־יאָהריגען שניי. רעספּעקט האָבען נאָר גוים, דער עיקר — אומבאַקאַנטע גוים פון ווייטען דאָרף.

אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר זעגט כאַצקעלע־קנאַק ברעטער. ער איז אַ פּילשציק. אָדער ער שטעהט אויבען, אויף די הויכע קאָזלעס, אָדער אונטען. זיין באָרד און ברעמען זיינען איהם געדיכט פאַרשאָטען מיט האָלץ־מעהל. חדשים־לאַנג זאַמעלט זיך אין איהם אַ צאָרן פאַר זיין פאַרשוועכטען כבוד, פאַר זיין פאַריתומטער מעשענער בלעכעל מיטן נומער. ער ציהט די גרויסע זעג און ברומט מיט האַרץ „האַ־האַ״ און טאַקע נאָכאַמאָל „האַ־האַ״, ס'הייסט: מיין טאָג וועט נאָך קומען, וועט מען זיך אָפּרעכענען...

און כך הוה, דער גרויסער טאָג קומט, דער טאָג פון יאַריד. פאַרלאָזט כאַצקעלע־קנאַק זיין זעג, מעג אַרבייט ברענען ווי פייער, און לאָזט זיך אַרויס אויפן מאַרק מאַכען פּאַראַנדקעס. אין איין טאָג קאָסירט ער איין זיין גאַנצע פאַרשוועכטע הערשאַפט פאַר אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר.

אויף אַ רימענדעל, מיט אַ פאַרשמאָלצעוועטען אויערל, האָט ער צוגעקנעפּעלט צום ברוסט זיין מעשענע בלעכעל מיטן נומער. ער האָט זי בכיון צוגעקנעפּעלט אַזוי, האַלב־פאַרשטעלט מיטן לאַץ, אַז מען זאָל זי ניט גלייך באַמערקן, כדי די איבעראַשונג פון די גוים זאָל דערנאָך זיין גרעסער. שפּרייזט ער זיך אַזוי, מעשה־גובערנאַטאָר, און טשעפּעט זיך צו די גוים:

— ווי שטעהט דיין פערד, אַ? ווי שטעקען דיינע דישעלס? כאַמרוליע! דער גאַנצער מאַרק פאַר דיר, מיינסטו? חזירישער שנויץ דו! אָסאַדי נאַזאַד! *)

און טאָמער גיט דער גוי אַ פּיפּס, אָדער ער איילט זיך ניט צו דערפילען דעם שטרענגען „פּריקאַז״, אַז כאַצקעלע לאָזט דאָס איהם אַראָפּ אַ קנאַק פון דער פולער האַנד. ס'איז איינער פון יענע יונסקע קלעפּ, פון וועלכע שאַרבענס מאַכען „בום״, נעז ווערען פלאַך און באַקענביינער ווערען ווייך...

---

*) רוק דיך אָפּ!

מאַכט דאָך דער געמזיקטער גוי אַ געוואַלד, לויפֿן דאָך אָן אַנדערע גוים מיט אויפגעהויבענע פויסטען און מיט קולות:

— „אַ טי, זשיד, טשאָווא דיאַרעשסיא! **) ערשט דאָ נעמט כאַצקעלע־קנאַק פייערלעך אַראָפּ זיין באַשיידענע מאַסקע: מיט איין האַנד הויבט ער אויף זיין לאַץ און מיטן וואָרצעל־דיגען קורצען פינגערל פון דער צווייטער האַנט פיקעט ער אין דער מעשענער בלעכעל אַריין, און גיט אַ פרעג אַזוי שטיל און מאָוימדיג:

— אַ העטאָ שטאָ?

ס׳הייסט: „און דאָס וואָס איז?״

דערזעהען די פויערים דאָס מעשענע בלעכעל מיטן דורכ־געזועגטען שוואַרצען נומער פון אַ דעסיאַטניק — ווערט זיי שוואַרץ אין די אויגען; טראָגען זיי זיך אָפּ אָן אַ זייט, ווי די האָזען דערשמעקענדיג אַ הונד. יעדער אין זיין דאָרף האָט זיך זיין דעסיאַטניק מיט פונקט אַזאַ בלעכעל, וועלכער שלאָגט זיך מכות־רצח... און דאָ, אין אידישען שקלאָוו, די זעלבע מעשה. אַך, יאָ, די וועלט איז קיילעכדיג!...

און איידער ביי דעם געפּאַטשטען גוי פאַרבלאַסט די באַק, דערהערט זיך שוין אַ קנאַק אַ ביסעלע ווייטער. כאַצקעלע, דער דעסיאַטניק, מאַכט אָרדנונג און זיין הייזעריגער באַסאָווער קולכעל, פון אַ פּילשציק, שטעלט אַוועק גאָר אַ נייע קלאָץ־קשיא:

— אַ העטאָ שטאָ?

פייווקע פאַרגעסט אין גאַנצען אויף קיוועס משוגעת... ער איז אויסער זיך פון כאַצקעלעס כבוד און „פּאַטשאָט״ צווישען די פויערים. ער געהט איהם נאָך ווי אַ ציגעלע נאָך אַ בייזען צאַפּ. וואָס מאַכט אַלעמען „בוק״. פּאָרויס מיט כאַצקעלען געהען זיין מעשענע בלעכעל, זיינע האַרטע קלעפּ און זיין „העטאָ־שטאָ״... און נאָך איהם רייבען זיך דערשראָקענע גוים די געמזיקטע באַקען. ביין, קיין גרעסערער פאַרגעניגען איז גאָר

---

**) און דו, זשיד, וואָס שלאָגסטו זיך?

אויף דער וועלט ניטאָ!... איז אָט דערפאַר האָט דאָס כאַצקעלע אַ צונעמעניש „קנאַק״? אַצינד פאַרשטעהט ער. גאַנץ כשר פאַרדינט. הלואי אויף איהם, אויף פּיווקען, געזאָגט געוואָרען, ער זאָל זיך דערדינען ביי „פּראַוויטעלסטווע״ ביז אַ מעשענע בלעכעל מיט אַ נומער. ער וואָלט שוין קיווע דעם לעקעכמאַכער געוויזען ווי מען שטורכעט זיך... און דעם גויעצעל זיינעם, וואָס גנבעט גריוונעצקעס, וואָלט ער גלייך אַוועקגעפיהרט אין סטאַן: מאַרש, סוקין סין! און טאָמער געשטעלט זיך אַנטקעגען, אַ וואָרט געזאָגט — איז נאַ-טעבע במזומן, גלייך אַ קנאַק איבער דער טרפהנער מאָרדע דיינער! און נאַ קוק מיט דיינע טאָטעריִשע אויגען אויפן בלעכעל אונטערן לאַץ! און מען גיט נאָך דערביי אַ פרעג מיט אַזאַ שטילינקען און זלידנעם קולכעלע:

— צי איז דיר ניט באַקאַנט אַזאַ מין מאַכערייקע?... אַ העטאָ שטאָ?

פּיווקע וואָלט נאָך אַזוי לאַנג נאָכגעגאַנגען כאַצקעל דעם דעסיאַטניק. נאָר דאָ קומט ער צו צו דער קאַנאַווע אין מיטען מאַרק, אין וועלכער עס לויפט אָפּ דאָס גאַנצע שמוץ פון יאַריד און שטויסט זיך אָן אויף אַ נייער סצענע.

ליגט זיך אַזוי אויסגעצויגען, אין מיטען קאַנאַווע, אַן עלטערער בכבודיגער גוי, זיין גרויע שפּיציגע בערדעל און זיין בלאַס-געלע נאָז שטעקען אַרויס פון אַ באַראַשקענער טימער היטעל. זיין אונטערשטער האַלבער גוף טונקט זיך אין בלאָטע. די שיטערע פערדען-מיסט דערגעהט איהם ביז די אויערען און ביז דער העלפט פון זיינע לאַפּטיעס. זיינע אויגען זיינען שווער געשלאָסען, זיין מויל אָפען. אָהן צייהן... ער איז טויט־שיכור. הינטער זיין קאָפּ, „אויף די ציפּקעלעך״, וויגט זיך אַ אינגערער גוי, די קניע זיינען ביי איהם צעשפּרייט: אָט־אָט, דאַכט זיך, לאָזט ער זיך אַוועק אַ „קאָמאַרינסקע״... און שלעפּט דעם אַלטען פאַר ביידע אויערען. ער שלעפּט און קאָן איהם ניט אויפהויבען. די אויערען גליטשען זיך אַרויס, און דער קאָפּ — פּליוך! צוריק אין בלאָטע אריין. דער יונגער איז אויך גוט

שיכּור, די אויגען זיינען איהם האַלב-פאַרמאַכט. נאָר ווייסען ווייסט ער עפּעס יאָ, אַז דאָ אין קאַנאַווע ליגט ניט גלאַט אַזוי אַ קאָפּ, ס'איז דעם טאַטענס קאָפּ. פּרובט ער נאָכאַמאָל ציהען פאַר די אויערען און רעדט צו איהם מיט אַ קול, וואָס ציטערט פון גרויס יראת הכּבוד, פון רחמנות און פון שיכּרות:

— טיאַטקאָ, האַ, טיאַטקאָ! פּידיאָם העטאַ דאָמאָי... העטאָ! אַ, טיאַטקאָ?

איז דער טייטש: טאַטקע, אַ טאַטקע! קום, הייסט דאָס, אַהיים... הייסט דאָס! אַ, טאַטקע?

און דער אַלטער ענטפערט איהם אָפּ מיט פאַרמאַכטע אויגען, מיט טיפען צער און מיט כּוונה, ס'איז איהם ווייזט אויס שטאַרק שפּל... וואָרקעט ער ווי אַ טויב פון בלאָטע אַרויס. טאַקע: כּרחם-אָב־על-בּנים:

— סינאָק, א סינאָק! בּערי נאָזש, רעזש מעניאַ!... רעזש מעניאַ...

ס'הייסט: זוהנדעל, אַ זוהנדעל! נעם אַ מעסער קוילע מיך, קוילע מיך...

ווער אָבער דער טייערער זונדעל פון אַזאַ צאַרטע בּקשה מלא רציחה. ער קריצט מיט די צייהן. כאַפּט אָן דעם טאַטען פאַר דער שפּיציגער גרויער בּערדעל, פאַרן נאָז, פאַר די אויערען, און רייסט איהם מיט אַ שיכּורער אכזריות:

— דאַמאָ—אָי, יעטאַ! קאָליב טאַבּיאַ פּראַ—נצי!

ס'הייסט: אַהיים! ווערים זאָלען דיר עסען!

זינט פּייוקע לעבּט אויף דער וועלט, האָט ער נאָך אַזאַ כּיבּוד-אָב ניט געזעהן. אַ כּפּרה אַלע קאָמעדיעס אויף דער וועלט! נאָר ווי אויף צו־להכעיס דערלאָזט מען עס ניט דער־געהן בּיזקעל סוף... דער רוח טראָגט אָן כאַצקעלע-דעסיאַטניק מיט זיין בּלעכעל. ער איז שוין דאָ אויך. ער מאַכט אָרדנונג. דעם יונגען צעווילדעוועטען שיכּור דערלאַנגט ער אַזאַ קבאַק אין פּאַטילניצע, אַז יענער פאַלט פון די „ציפּקעלעך" און ציהט זיך אויס איבּערן טאַטען זיינעם, מיט די שטיוואַלעס איבּערן „טיאַטקאָס" בּאָרד און פּנים. אָבער פאַלענדיג לאָזט ער

אַרויס אַ שיכּורן געוואַלד פון אַן אָקס-מענש, וואָס האָט זיך אויסגעטשוכעט אונטערן חלף:

— קאַ-ראַ-או-אול!

הויבען דאָך אָן לויפען פויערים מיט בייטש-שטעקלעך פון אַלע זייטען: „וואָס איז? ווער איז?"... שטעהט זיך אָבער כּאַצקעלע גאַנץ רוהיג, שטעלט אָן די ברוסט, פּיקעט מיט זיין קורצען פינגער אין דער מעשענער בלעכעל אַריין, און פרעגט אַזוי מאוימדיג, מיט אַ האַלבען מויל:

— אַ העטאָ שטאָ, אַ?

ווערען די אָנגעלאָפענע גוים טויט מיט די ביינער, און רוקען זיך אָפּ אָן אַ זייט.

# עסגלוסט זיך איהם קוואַס!

## 1

פּיוקע זעהט באַשײַנפּערלעך, אַז כאַצקעלע דעסיאַטניק אויפן יאַריד מישט זיך שוין צופיעל אין טעפעל. ער מאַכט שוין צופיעל פאַראַנדקעס; צי מען דאַרף, צי מען באַדאַרף ניט.

ער, פּיוקע, למשל, האָט פון תמיד אָן ליעב צוצוקוקען זיך, ווי צווײ העגער שלאָגען זיך, ווי זײ בלאָזען דאָס אָן די פעדערדיגע קראַגענס, ווי זײ פאַרוואַרפען דאָס די העלדישע רויטע קאַמען אויף אַ זייט, מעשה קאָזאַק, און מעסטען אָפּ אײנער דעם אַנדערן מיט אַ קרומען קוקעלע פון פאַראַכטונג, פון אונטען אַרויף און פון אויבען אַראָפּ. אײנער, דאַכט זיך, מײנט צו זאָגען: „שוין געזעהן אַזעלכע קנאַקערס ווי דו!“ און דער צווייטער מײנט —: „האָט מען דיך טאַקע אין דרערד!“... אָט אַזוי כוואַטעוועט מען זיך עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, ביז בײ אײנעם פּלאַצט די גאַל, און ער גיט זיך אַ וואָרף מיט אַ גזלנישען קוואָקץ דעם צווייטען האָן אין די אויגען אַרײַן. דער צווייטער האָן לאָזט זיך אָבער אויך ניט שפּײַען אין דער קאַשע און גיט אַ שפרונג, מיט אָנגעשטעלטע שפּאָרעס, נאָך העכער. זײ צעהאַצקען זיך אַזוי אײנער אַנטקעגען דעם צווייטען, ווי אויף אַ הוידע. די קאַמען ווערען בלוי, די מײַלער אָפען; פון די אויפגעשטעלטע קראַגענס פליהען פעדערען. און אַז זײ צעיאַכמערן זיך שוין און האַלטען שוין אין „רעכטען

מיטען״, לויפט אָן אַ אידענע... אַלע מאָל לויפט אָן אַזאַ אידענע מיט אַ פאַרטוך, וואָס בראָטען בראָט זי די הענערשע פופּ־קעס און לעבערקעס גאָר נישקשהדיג, אָבער צוצוזעהן דעם צער ווי זיי שלאָגען זיך קען זי נעבעך ניט. גיט זי אַ פאָך מיטן פאַרטוך און צעבייזערט זיך: „קיש־קיש!...״ און אויס מיט דער גאַנצער קאָמעדיע.

אַצינד אויפן יאַריד פאַרנעהמט כאַצקעלע דעם אָרט פון אַזאַ אידענע. וואו עפּעס אַ שטיקעל טריאַטער קומט אָן כאַצקעלע־קנאַק און מאַכט קאַליע. אָהן אַ פאַראַנדעק איז, דאַכט זיך, כאַצקעלעס לעבען קיין לעבען ניט... אָבער זעה, אַ טשיקאַווע זאַך! וואו נאָר ער קומט אָן מיט זיין מעשענער בלעכעל אויפן לאַץ ווערט גאָר אַ מיש־מאַש און אַ טומלעניש און אַ שטופעניש, הימעל עפען זיך!

הויבט שוין אָן די מעשה פייווקען צו פאַרדריסען. זיין באַגייסטערונג פאַר כאַצקעלעס גבורות וועפּט זיך אויס. ביז ער ווערט אין כעס און לויפט אַריבער איבערן בריקעל פון דער גרויסער קאַנאַווע אין מאַרק, וואָס ווייטער פון כאַצקעל דעסיאַטניק. נאָר אין טומלעניש, אַפּנים, האָט ער אָנגעשלאָגען דעם וועג ביט צו די ביידלעך מיט די צאַצקעס, וואָס ער האָט אַזוי געלעכצט צו זעהן, נאָר דעם וועג צום „מאָנאָפּאָל״. וואָרים וואָס ווייטער ער שטופּט זיך, אַלץ געדיכטער ווערען די חידושים, און די שיכּורים ווערען אַלץ מעהר.

קיינער, ווייזט אויס, לייזט ניט אַזוי פיל געלד אויפן יאַריד ווי די „מאָנאָפּאָל״. ממש, אַ גאָטס ברכה. פון אַלע גויעשקע קעשענעס שטעקען האַלב־קוואָרטיגע און קוואָרטיגע פלעשער בראָנפען. ווער עס קלאַפט אָפּ דעם טריוואַקס פון העלזעל, ווער עס פּאַטשט אַרויס די קאָרקע, ווער עס צלמט זיך אָנשטאָט אַ ברכה, להבדיל, און מאַכט בול־בול־בול. די רעד איז פאַרזייעט מיט אָפּגעקלאַפּטען טריוואַקס, ווי מיט פאַרקיהלט און צוטראָטען בלוט, פאַר דאָס שחיטה־שטיבעל. די שטאָפּערלעך שפּרינגען ווייט, ווי די פיילען פון בויגענס ל״ג בעומר אין וואַלד. און אין די פאַרוואָרפענע קודלאַטע קעפ

גאָרגעלט עס זיך, פונקט ווי אַלע האָבען האַלז־וועהטאָג און שווענקען זיך די העלזער מיט „באָרנע־וואַסער"...

די וואָס האָבען שוין „אַריינגעגאָסען אין לאָמפּ" זיצען און האַלובען זיך. מאַנסביל מיט מאַנסביל קושען זיך ווי פאַר־ליבטע. איינער טענהט אַריין איגם צווייטען, אַז... סכנות נפשות, אָהן זיין פריינדשאַפט, אין איהר מאַמען אַריין, איז דאָס לע־בען, אין זיין מאַמעס־מאַמע אַריין, ווערט... אָט וואָס! אין דער מאַמען אַריין — אַ שטיקעל טריוואַקס פון פלעשעל, אין איהר מאַמעס־מאַמע אַריין!... אַ שפּיץ פון אָט דעם נאָגעל. אין זיין מאַמען אַריין!... אַהז ריכטיג, צי ניט? אין זיין מאַמעס־מאַמעס־מאַמען אַריין!...

און חס ושלום דער צווייטער זאָל איהם גלייך ניט צו־שטימען, ער זאָל זיך שיכורערהייט פאַרזאַיקען... דאַן פּלאַצט גלייך די הייסע פריינדשאַפט. אַ רויטער פויסט קריכט אַריין אין זיינע פלאַקסענע האָר און בויגט איהם דעם שווערען קאָפּ ביז צו דער ערד: „ריכטיג צי ניט? אין דער עלטער־מאַמעס־מאַמעס־מאַמען אַריין!..."

פון די וואָס האָבען זיך איבערגעטרונקען זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זיצען עפּעס פאַרשעהמט, ווי קינדער, וואָס האָבען זיך באַנאַרישט. שווייגען און שלוקערצען, און מיט יעדען שלוקערץ רייסט זיך אַרויס פון אָנגעזשליאָקעטען בויך: „אַך, טי האָספּאָדי!" אָדער „האָספּאָדי איסוסע־כריסטיע!"...

און פאַראַן אַזעלכע, וואָס רעדען על הגפנים ועל האבנים, קלאַפּען זיך אין האַרצען „על חטא", שאָקלען מיט די קעפּ און סטראַשען אימיצען, אַז... איינמאָל פאַר אַלע מאָל „ברע־שעש"!*), אַזוי ווערט דאָס ווייטער ניט געהן, וואָרום... וואָרום... „ברעשעש!.."

אַנטקעגען דאָס נייע הייזעל פון מאָנאָפּאָל גופא, שטעהט אַ גרויסער גוי אין נייע שטיוועל און אין אַ נייעם קאַרטוז. ווייזט אויס אַ שטאָטישער פויער, וואָס האָט שוין אַ ביסעל

---

*) דו ליגסט.

צופיעל „באַנעצט”, צופיל משמח זיך געווען מיט זיינע נייע בגדים... וואָרים פון איין קעשענע שטעקט איהם אַרויס אַ פוסטע פלעשעל און פון דער צווייטער — אַ ניט־דערטרונקענע פלעשעל. ער האַלט זיך אָן אָן דער נאַכט־לאַמטערנע. ס׳רעדט זיך אַזוי, „ער האַלט זיך אָן”. אייגענטלעך האַלט ער אַרומגענומען דעם סלופּ מיטביידע אָרעמס, ווי אַ גוטען ברודער, וועלכען ער האָט אָקאָרשט דערקענט נאָך אַ סך יאָהרען; וועלכען ער האָט אָפּגעזוכט אויפן יאַריד צווישען טויזענדער. ער רעדט צו איהם און בוקעט איהם מיטן דאַשעק פון נייעם קאַרטוז. דער קאַרטוז שטעלט זיך איהם אויף אויפן קאָפּ דיבאָם און קייקעלט זיך אַראָפּ... בוקעט ער זיך מיטן שטערן. אויף זיין פאַרשוואומענעם פנים שוועבט אַ גליקלעכער, האַלבפאַרשלאָפענער שמייכעל. פונם לאַנגען שמייכעל וואָס ער שמייכעלט האָט זיך איהם דער מויל פאַרדרעהט אויף איין באַק. ער ווינקט דערביי אונטער מיט איין ברעם און מיט איין נאָזלעכעל, ווי איינער זאָגט: „קום, קום, גוטער ברודער! קום מיט...” אָבער דער סלופּ ריהרט זיך ניט פון אָרט. נאָר דער לאָמפּ שאָקעלט זיך אין דער לאַמטערנע... פאַרקרימט זיך מיט אַמאָל דער שיכור און מאַכט אַ געוואַלד:

— זזז...זוואָשציק! *)

און גלייך נאָך אַזאַ טראָמבע, גיט ער זיך אַ האַק אָן דער ערד און ברומט מיטן קאָפּ צום בויך:

— טט... טראָהאַי!

ס׳הייסט: „ריהר דיך!” — וואָרום עס דוכט זיך איהם, אַז ער זיצט שוין ברייט אין אַ פאַיעטאָן, און מען דאַרף נאָר אַ געשריי טאָן אויף דעם קוטשער: פאָהר! וועט ער פאָהרען...

האַרט ביים סאַמע ווענגעל פון מאָנאָפּאָל זיצען אָנגעשפּאַרט צוויי שיכורע פויערים מיט ברייטע בערד, דאָרפישע בעל־גופן. ביי איינעם פון זיי זענען איבערגעקעהרט אַלע קעשענעס פון די הויזען, פון די צוויי צעשפּיליעטע פּאָדיאָווקעס.

---

*) קוטשער!

וואָס ער טראָגט אויף זיך, און אַלע בוזים־קעשענעס. דעם פּנים האָט ער אַריינגעוואָרפן אין אָרים אַזוי, אַז די קוטשמע האָר זיינע הענגט אַראָפּ איבערן אַרבעל. סלינעט ער זיך און יאָמערט שיכורערהייט. פון זיינע קינות פאַרשטעהט פּיוּוקע נאָר צוויי ווערטער:

— הראָשי ניעמאַ — אַ... קאַראָוו ניעמאַ — אַ...*)

דער צווייטער פּויער זיצט אַנטקעגען איהם, די וואָלענע „מאַגערקע" פאַרשאַרצט אויף דער פאַטילניצע, זוכט זיך אין די קעשענעס און לאַכט אונטער פון דעם אומגליקליכען „קום" זיינעם, וואָס רעוועט ווי אַ „באַבע"... ער שאָקעלט אויף איהם מיט זיין שיכורען קאָפּ אויף פאָרענט און אויף צוריק, און ווייטער אויף פאָרענט, ווי אַ הילצערנער מענשעלע... זוכט ביי זיך אין די קעשענעס און לאַכט אָפּ:

— אַך, דו אָקסענע מאָרדע, דו חזירישער שנויץ! וואָס וואָיעסטו אַצינד? קאָליב טי כאָוואַוו יאַק יאַ כאָוואַוו!.. ס'הייסט, ווען דו וואָלסט באַהאַלטען, ווי איך האָב באַהאַלטען! אָה־אָה, אָה־אָה!... וואָלט גאָר געווען אַנדערש... אָט וועט ער איהם באַלד באַווייזען, ווי אַזוי מען באַהאַלט „הראָשי" **), וואָס מען לייזט אָפּ פאַר אַ פאַרקויפטע בהמה! אָט איז איין קעשענע, ער זעהט? ניטאָ, דאַכט זיך, אַ? אָט באַלד וועט ער שוין זעהן!... אָה, האָ, אָה!...

נאָר וואָס ווייטער מיט אַ קעשענע ער קומט אונטער די גראָבע לייווענטענע העמדער, וואָס טיפער ער גראַבעלט זיך אין בוזים, וואָס גרינטלעכער ער גרונטעוועט די גאַרטלען, וואָס האַסטיגער ער בלעטערט די פּאָלעס פון די העמדער און פון דער פּאַדיאָווקע, אַלץ קלאָגעדיגער ווערט זיין שיכורער געלעכטער, זיין צופרידענע מינע מיט די האַלב־פאַרמאַכטע אויגען ווערט דערשראָקענער, די אויגען הויבען אָן אַרויסקריכען פון

*) דאָס געלד ניטאָ; די בהמה ניטאָ.

**) געלד.

די ליכער. ס'דוכט זיך, אַז אָט־אָט ניכטערט ער זיך אויס... פונדעסטוועגן טענהט ער נאָך, אַז קיינער האָט פּאָרט ניט באַ־האַלטען אַזוי ווי ער האָט באַהאַלטען. וואָרום מען זאָל געווען באַהאַלטען ווי ער האָט באַהאַלטען... קאָליב טי כאָוואַוו יאַק יאַ כאָוואַוו?... האַ? וואָס איז דאָס?..

דער טעמפּ פון זיין באַריהמעריי געהט צוזאַמען מיט זיין זוכען זיך אין די קעשענעס, וואָס גיכער און צעשראָקענער ער נישטערט, אַלץ גיכער און צעשראָקענער ווערט זיין „קאָליב טי כאָוואַוו...” ער ברענט זיך מיט די אייגענע ווערטער. די ווערטער זייגען, דאַכט זיך, די זעלבע, אָבער זייער ערשטער טייטש האָט זיך געביטען, און ער בייט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער: „קאָליב טי כאָוואַוו יאַק יאַ כאָוואַוו” — הייסט שוין אַצינד: האַ? עפּעס איז דאָ ניט אין אָרדנונג.. מ'עט זעהן אַ קעשענע ווייטער... ניטאָ!.. ניטאָ?.. עס קען ניט זיין. עס מוז זיין! „קאָליב טי כאָוואַוו...” ניטאָ! ניין? די מעשה הויבט מיר ניט אָן צו געפעלען! „יאַק יאַ כאָוואַוו”... געוויס דאָ. האַ? דאָ אויך ניטאָ! קאָליב טי כאָוואַוו!... געוואַלד, מענשען, וואו איז דאָס געלט? יאַק יאַ כאָ־וואַוו? אוי, וועה, ניטאָ טאַקע! ניטאָ???

און אַזוי ווייטער און ווייטער. ער חזרט זיך איבער אַזוי לאַנג, ביז דער פּנים צעקרימט זיך איהם אינגאַנצען, די אַרויס־געשטאַרצטע אויגען בלייבען שטעהן ווי גלאָז, די האַנט — פאַרגליווערט אינם לעצטען בוזעם־באַהעלטערעל, און ער לאָזט אַרויס אַ וואָי פון אַ פאַרפראָרענעם הונט:

— קאָליב טי... יאַק יאַ־אַ כאָוואַ־אַוו...

ס'הייסט: אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! אַן אומגליק האָט מיך געטראָפען...

אַרום דעם „באַריהמער” און זיין פאַריאָמערטען „קום”*) האָט זיך דערוויַיל אַרומגעקליבען אַ רעדעל נייגעריגע, אידען און גוים. קצבים־יונגען האַלטען זיך פאַר די באָקעס. שמחהלע־

*) קרוב.

טורערו, אַ גזלן אַ קצב, מיט אַ באַראַשקענער היטל איבער די אויערען, קומט אָן און פרעגט: וואָס איז דאָס. „וואָס איז דאָס?" ענטפערט מען איהם, „אַ נייעס אַ ביסעל! ביידע האָבען פאַרקויפט בהמות, ביידע האָבען זיך אָנגעשיכורט. יעצט זוכען זיי דאָס געלד".

— באַגנבעט האָט מעןביידען. נאָר איינער... אָט דער־אָ! מיינט נאָך, אַז ער איז אַ גרעסערער חכם.

— דו הערסט דאָך: „אַזוי ווי ער האָט באַהאַלטן האָט קיינער ניט באַהאַלטען..."

— נאַ, ער מיינט שוין ניט! — מאַכט שמחהלע טורערו. — ער קריגט באַלד די אַפּאָפּלעקסיע.

און באמת, אין דער זעלבער רגע גליטשט זיך ארויס דעם „באַריהמערס" האַנד פון דער לעצטער בוזים־קעשענע, אַזוי אָפּגעלאָזען און שווער, ווי געבראָכען אין ביין; און ער אַליין ברעכט זיך איבער אין צווייען, לאָזט אַרויס אַ יללה און פאַלט מיט דער קוטשמע־האָר איבערן אָרים, פונקט, ווי פריהער — דער באַגנבעטער „קום" זיינער. נאָר קלאָגענדיג אַזוי שפּרינגט איהם נאָך אַלץ ארויס זיין איינגעזוונגענער טעמפּער מזמור:

— קאָליב טי־י כאָוואָו יאַק יאַ־אַ כאָוואַ־אַו...

און די גראָבע יונגען אַרום קאַטשען זיך פון געלעכטער.

דער געזונטער געלעכטער פון די הפקר־יונגען צעקיצעלט פּיווקען און רייסט איהם מיט. די מילץ צעטרייסעלט זיך איהם. ער לאַכט ביז עס נעהמט איהם שטעכען אין אַ זייט. נאָר מיט איין מאָל טשוכעט ער זיך אויס, ווישט אָפּ די אָנגעלאָפענע טרעהרען און קוקט זיך אַרום אַ ביסעלע פאַרוואונדערט:

— אָט דאָס, אַ יאַריד? מען שיכורט, מען שלאָגט זיך, מען הרגעט זיך, מען באַגנבעט, מען לאַכט אויס, און גאָר...

ער קוקט זיך אײַן אין די פּנימער פון די קצבים־יונגען מיט אַ פאַרדאַכט: עס דאַכט זיך איהם, אַז זיי ווייסען יאָ, ווער עס האָט די צוויי גוים באַגנבעט... שמחהלע טורערו מיט דער אָנגערוקטער וואַטאָוועך היטל אויף די אויגען, וואָס

האָט כּלומרשט געפרעגט „וואָס מען קוקט דאָ", ווייסט אודאי און אודאי... אָפּגעטאָן און חוזק נאָך אויפן בייז־וואונדער.

אַ פאַרשעהמטער האָט זיך פּיווקע דורכגעשטופּט דורך דער פרעהליכער רעדעל מענשען און אַ געהם געטאָן זיך אָן אַ זייט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי די אויסגעניכטערטע צוויי גוים וועלען עס שפּעט ביינאַכט אריינפאַלען אין די פינסטערע כאַטעס זייערע, אויפן דאָרף, אָהן בהמות און אָהן געלט. פון ס'האָט איהם גענומען גריזשען אין הארצען. נאָר דאָ האָבען זיך איהם אַנטפּלעקט, צווישען דעם געדיכטען געמיש פון מענשען און דישעלס, די הילצערנעביידלעך און די אָנגעשפּאַנטע פאַלאַטקעס, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט, לכּבוד דעם יאַריד, איבערן גאַנצען לענג פון מאַרק. און ס'איז איהם געוואָרען לייכטער אין הארצען. אָט דאָס זוכט ער דאָך אַרום: דעם קערן פון יאַריד, דעם עיקר פון „טראָיצע", וואָס ער האָט אַזוי געגאַרט צו זעהן... אָה, ביין! ער האָט זיך טאַקע ניט אָפּגענאַרט.

## 2

פאַר זיינע דורשטיגע אויגען האָט זיך דאָ גאַנץ רייסען צעבליהט מיט איהרע קאָפּ־כוסטעס — בלאַסע מאָהן־בלומען אויף אַ שוואַרצען וואָלענעם גרונט. ווי אָנגעפּאַלדעוועטע רעגענבויגענס האָבען זיך אויסגעשפּרייט געפּאַסקעטע גויעשקע קליידלעך פון גראָבען לייווענט, מולטענע קאַצאַווייקעס מיט אַרויפגעשטיקעוועטע בלויע, געלע און גרינע שטערענדלעך און צלמימלעך; אויסגענייטע מאַנסבילשע און ווייבערשע קאָסאָוואָראָטקעס; גאַרטלען — בלויע ווי קאָרן־בלומען און רויטע ווי מאַלינעס. שוואַרצע סאַראַפּאַנען מיט מוטערפּערעלנע קנעפּ; האַלז־באַנדען פון בורשטין, בייטשען־קרעלען, גרויסע וואָרצעלנע פּיפּקעס מיט קופּערנע, געלעכעלטע היטעלעך און מיט לאַנגע טשיבוקעס;

פאַרביגע זיידענע סטענגעס... עס האָבען זיך צעבליאַסקעט פאָליווענע טעפּ און סלאָיעס, וואָס זיינען דרויסען געברענט און אינווייניג אויסגעדעקט מיט אַ ברוינע גלאָזיקייט, ווי מיט צעשמאָלצענעם און אָפּגעקיהלטען האָניג. זילבער-גרויע ערדענע הליאַקעס האָבען זיך צעקלונגען מיט איידעלע, מיידעלשע קולכער... גרויסע שיסלען פון רויטען ליים מיט גרינער פאָליווע האָבען זיך פריינדלעך צעשמייכעלט. כמורע בערגלעך אייזענוואַרג האָבען געשטירעט אָפּגעפּאָלירטע שפּיצען און שאַרפען, אַנטקעגען קופּעס ראָזעווע אייער, הורבעס גרינוואַרג, געבלומטען ציץ און לעבער-פאַרביגע שאָפענע פעלכלעך. פון דער האַלב טונקעלקייט, אין טיפע געצעלטען, האָבען פאַרסודעט אַרויסגעקוקט חושכדיגע איקאָנעס. די שמאָלע וועקסענע פנימער, פונקט ווי פאַררויכערט, טוקען זיך אין בליאַסקענדיגע שטראַהלען פון גאָלד-שפּיצען און גאָלד-פּאַפּיר. יעדער איקאָנע איז אַ קליינער זונען-אונטערגאַנג מיט אַ פרעמדער פאַרכמורעטער הייליקייט אין מיטען, וואָס שרעקט אַ ביסעל און לאָזט זיך ניט תופס זיין... לעבען זייער ברוגזדיגער יום-טובדיקייט האָבען זיך וואָכעדיג און געמיין צעפּעכערט און צעשריען זיך, מיט דאָרפישע פאַרבען, די געדרוקטע „לובאָק"-בילדער פון איליאַ מוראָמעץ, פון איוואַנושקאַ דער נאַר, פון מלחמה מיטן טערק, פון קרילאָווס משלים, פון פּיאָטר דעם גרויסען און פון צאַר-סאַמאָדערזשאַוויעץ מיט זיין גאַנצער משפחה, אַלע אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג... און גלייך נאָכדעם — נייע, שמעקעדיגע שטיוועל מיט ברייטע נעזער, לאַנגע כאָליוועס, מיט אויפגעשטעלטע געפּאַסקעטע אויערען; פּעק מיט לאַפּטיעס און ליקעס, געפלאָכטענע קערב מיט דורכגעצויגענע נייע אייזענס, קרענץ פון פלאַכע געטריקענטע שוואָמען, שווערע דעמבענע קאַסטענס, באַשלאָגען מיט זילבערדיגען בלעך... און טאַקע באַלד, נאָך אָט די חידושים, האָט זיך שקלאָווער פאַבריקאַט אַליין צעשאָטען אויף ברייטע הילצערנע טישען: אין שעהנע לאַבענס ברויט, ווי מיט ברוינעם לאַק אויסגעלאַקט פון אויבען, באַשאָטען מיט קימעל, און געלבלעך-ווייס אונטערגעמעהלט פון

אונטען; אין לאַנגע גויעשקע היבינס *), אין איפגעלאָפּענע פּרעפּיצעס מיט געשטויסענע קאָניפּלעס באַשמירט און מיט שטיקלעך געבאַקטע ציבעלע אין מיטען; אין פּרענטען געפּרע־ געלטע מאָהן, מיט אָנגעשניטענע שעהניבקע קעסטעלעך; אין האָניגדיגע פּירעשקעס, אין קייקלעך איינגעמאַכטע ראָזשינקעס, איינגעטונקטע אין צוקער; אין לאַנגע קאָנפּעטען -- געוויקעלט אין שאַרף־קאָלירטע פּאַפּיר־וויקעלעך און אין גאָלדענע פּעדי־ מער, וואָס זייער דרויסען איז אַ סך „געשמאַקער" ווי זייער איבווענ.ג... אַלץ נאַשערייען פאַר דאָרפישע לייט. און פּונקט אַנטקעגען די אידישע „גוטע זאַכען" קאָנקורירען די גויעשע: געפאַרבטע לעקעכלעך מיט רויטע און גרינע צוקער־פּינטעלעך; געפאַרבטע צוקער־דריידלעך, פּעטע טערטלעך מיט אַ גערוך פון טריפה שמאַלץ, פאַרגאָטענע ניס, מגושמדיגע פלעצלעך, פאַרצוקערטע פרוכטען... און איבער דעם אַלעם שוועבט אַ הפקרדיגע פרובירערייי פון מויל־ און ציה־האַרמאָשקעס...

פייוקעס אויגען זיינען זיך צעלאָפּען. אַ גאַנצער כאָר פון פאַרבען און ריחות האָט איהם באַגלייט. ס'האָט אַזש געגומען שווינדלען פון אַזוי פיל קאָלירטע בליצלעך. ס'האָט אָנגעהויבען שניידען אין די שלייפען. און... שאַ! אָט זיינען די צאַצקעס! גאַנצע אוצרות. דער אמתער יאַריד פאַר קינדער. זיי זיינען אָנ־ געלעגט אין קופּעס, אויסגעשטעלט ווי די סאָלדאַטען. ווי קומט דאָס צו יענע בלייענע הענדלעך, וואָס די מאַמע פלעגט איהם אַמאָל ברענגען פון יאַריד, כדי אָפּצונאַרען איהם אין זיין בייגיעריקייט!.. דאָ זיינען דאָ האָלצערנע צאַפּען, וואָס אַז מען ציהט זיי אונטען פאַר צוויי הענטלעך, בוקען זיי זיך מיט די הערנער. און בלעכענע ענטעלעך, אָפּגעפאַרבט פונקט ווי לע־ בעדיגע, זיינען אויך דאָ, וואָס באָמבלען מיט די קעפּ; סאָל־ דאַטיקלעך — וואָס אַז מען דרעהט ביי זיי אַ דראָטענע הענ־ טעל, פויקען זיי מיט ביידע אָרעמס, ווי לעבעדיגע; ליאַלקעס, וואָס אַז מען קוועטשט זיי אין בייכעל קוויטשען זיי. בריינגע

*) בולקעס.

בערען, געלע לייבען און ווייסע טויבען. היינט מיני עקדישען, וואָס אַז מען שלעפּט זיי פּאַר אַ פּאָדים לויפען זיי סכנות נפשות... ניין, די מאַמע האָט איהם פאַרשאַכערט אַלע געוועזענע יאַרידען פאַר אַ קאַרטאָנענעם פערדעלע. ערשט היינט האָט ער טאַקע אַלץ געזעהען, ווי ס׳געהער צו זיין.

פּייווקע האָט דערשפּירט אַ ברענענדיגען דורשט. פון היץ, פון שטופּעניש, און פון האַרצקלאַפּעניש האָט איהם איבערגעטריקענט אין האַלז. ער קוקט זיך אַרום וואו קען מען דאָ כאַפּען אַ טרונק — און דערזעהט אַ גאַנצע מלוכה פון באַקאַנטע מאַרק־אידענעס, וואָס זיצען ביי גרויסע קופּערנע סיפאָנעס, פאַררוקט אין צעבערס מיט אייז, לעבען טישעלעך, וואָס זיינען אָנגעשטעלט מיט כלערליי סיראָפּען און גראָבע גלעזער מיט הענטלעך, און גיט זיך אַ לאָז צו זיי. דערזעהט ער אָבער דאָ, אָן דער זייט, אַן אומבאַקאַנטען קאַצאַפּ. ווי פון דער ערד איז ער איהם אויסגעוואַקסען מיט זיין רויטער העמדעל און ווייסען פאַרטוך, ביי אַ טישעל מיט אָנגעקיהלטע פלעשער... הויבט ער נאָר אָן צו ציהען די קאָרקע פון אַ פלאַש. אַזוי שפּרינגט זי אַליין אַרויס. עס גיט אַ שאָס ווי פון אַ פּיסטאָלעט. עס זעצט אַרויס אַ געדיכטער ברוינלעכער, מאכלדיגער שוים, און ערשט דערנאָך גיסט זיך אין גלאָז אַ ברוינע קאַלטע משקה. אַ דערקוויקעניש צו קוקען. זאָל דאָס זיין אַזאַ מין ביר? עפּעס ביר און ניט ביר... ניין! אָט דער קאַצאַפּ אַליין ווישט זיך די הענט מיט אַן אויסגעבייהטען רייניקען האַנטוך, טענצעלט פון איין פוס אויף דער צווייטער, און באַזינגט זיין סחורה גאָר פרעהליך:

— קוואַסו רוסקאַוואָ, יאַדרענאַוואָ.
קוואַס, רוסישער, קאַלטינקער ;
יאָדערדיגער, אַלטינקער.
ס׳קוויקען זיך צאַר און צאַרין,
דאָרף־פּויער און באַרין,
פּראַוואָסלאַוונע און אידען ;
און אַלע — גאָר צופרידען...

פייווקע צעלאַכט זיך. איהם געפעלט דאָס לידעל ווי דער קוואַס. די אידישע „זעלצערקע" און די ברודיגע גלעזער זייגען פאַר איהם קיין נייעס נים. אָט דער גויעשקער קוואַס, פון וועלכען דער טאַטע דערצעהלט אַזוי אָפּט, ווען ער רעדט פון „ראַשעיע", מוז האָבען אַלע טעמים. גיט זיך פייווקע אַ לאָז צום ערל.

נאָר שקלאָווער זעלצערקע-אידענעס וועלען דען לאָזען געהן הנאה האָבען פון גויעשקען קוואַס? שלעפען זיי פייווקען, ווער פאַרן אַרבעל, ווער פאַר אַ פאָלע:

— אינגעלע, אַ גלאָז זעלצערקע, קאַלט ווי אייז!

— ביי מיר מיט סירופּ, אינגעלע! פאַר אַ קאָפּיקע!

— אינגעלע, וואָס דאַרפסטו געהן צום גוי!

— ער פאַרקויפט בויכוועהטאָג...

— פּאַסקודסטווע.

— בעסער געבען צו לייזען אַ אידיש קינד.

— אינגעלע, קום אַהער!

— אינגעלע!..

פייווקע דערפיהלט זיך גאָר געהויבען, וואָס איבער זיין קאָפּיקע לייזעכץ שלאָגען זיך אַזוי פיעל אידענעס. נאָר דער יצר־הרע איז שטאַרקער. עס גלוסט זיך איהם דווקא קוואַס... און בכלל ,וואָס מישען זיך פרעמדע אידענעס אין זיינע עסקים? בייע מוהמעס און מוסר-זאָגעריגס אויף זיין קאָפּ! וואָס ער זאָל אָ טרינקען און וואָס ניט...

„לאָזט מיך!..." רייסט ער זיך אַרויס פון זייערע אויס-געקרימטע פינגער און דערנעהנטערט זיך צום קאַצאַפּס טישעל.

זיין שאַרפער נעזעל דערשמעקט אַ נייעם אומבאַקאַנטען ריח פון איבערגעזייערטען ברויט און פון פרישען זיסלעכען מאַלץ. צום זיס-זויערען ריח מישט זיך נאָך צו אַ שטאַרקייט פון זעלצער-וואַסער און פון ביר... אָה, דער טעם מוז זיין גאָר פלאַי־פלאַים. איין טעם? פיער טעמים!...

פייווקע וואַקעלט אַ מינוט. ער שעהמט זיך, ביז ער

מאכט זיך האַרץ און גיט אַ פרעג, מיט אַ ציטערדיגער שטימע, וויפיעל עס קאָסט אַ גלאָז.

— קאַפּעיעטשקו!... מאַלאַדאַי טשעלאָוועקס־ס — ענט־פערט אָפּ דער קאַצאַפּ אין גאָר אַ הויכען רוסישען סטיל, מיט גאָלע פּתחן... כמעט ווי הערשקע קאָפּ, דער לעהרער.

אָט דער „מאַלאַדאַי טשעלאָוועקס" *) באַצויבערט פּייווקען אין גאַנצען. וואָס פאַר אַ פרישקייט, וואָס פאַר אַ פרעהלעכקייט! ווי קענען זיך צו איהם גלייכען די פאַרמאָרעטע אידענעס מיט זייער זעלצערקע.

— דאַוואַי! — רעדט פּייווקע קוים אַרויס און שלינגט די סלונע פאַר גלוסטעניש.

די קאָרקע גיט אַ שאָס, און אין אַ הויכער גלאָז מיט אַ הענטעל הויבט אָן שוימען די ברוינע משקה. קוים וואָס פּייווקע דערוואַרט זיך צוצוטראָגען זי צו די איבערגעטריקענטע ליפּען. ער פאַרגעסט אפילו אַ ברכה צו מאַכען און דערשפּירט גלייך אַ פעטלעכען ברויט-געשמאַק, אַ ברויזענדיגע קיהלקייט און אַ פּיקעלדיגע זיס-זויערקייט אויפן צונג. אין דער גאָז גיט אַ זעץ אַ מחיהדיגע שטאַרקייט.

אָבער די „זעלצערקע-אידענעס" זיינען אויף פּייווקען אש להבה, זיי פאַרגינען איהם ניט. עס קאָכט אין זיי די גאַל פאַר דער אַנטרונענער קאָפּיקע לייזעכץ.

פּייווקע האָט נאָך ניט אָפּגעטרונקען קיין דריטעל גלאָז און אויף זיין פאַרשוויצטען קאָפּ גיט זיך אַ גאָס אַ גאַנצע פּאָמוי־ניצע פון לשון-הרע און שטעך-ווערטלעך:

— העט אַ אינגעלע...

— ס'האָט זיך איהם גאָר פאַרגלוסט קוואַס...

— גאָלע טריפה...

— אַ טריפהנע האַלז!

— אַ „הלעיטנו".

— ווּעמעס בחורל איז דאָס?

— אורי דעם קאַסאָקענס.

---

*) יונגער-מאַנס.

— אַ שעהנער חדר-אינגעל!
— מ׳עט שוין דערצעהלען דעם טאַטען...
— וואַרט, וואַרט!

פייוקע רייסט זיך אָפּ פון גלאָז. דער קוואַס בלייבט איהם שטעהן אין האַלז. ער פאַרהוסט זיך. אויף אַזאַ מענה־לשון פון פרעמדע מאַרק־אידענעס האָט ער זיך גאָר ניט גע-ריכט. ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער געלאָזען שטעהן די ניט-דערטרונקענע גלאָז און וואָלט אַנטלאָפען. נאָר ס׳איז אַ שאַנדע און אַ חרפה פאַרן פריינדלעכען קאַצאַפּ מיט דער רויטער העמד. פאַרשטעלט זיך פייוקע פאַר אַ חצוף און שרייט צו די בייזע אידענעס:

— מ׳פרעגט דאָך ביי אייך ניט!... — און כאַפּט זיך גלייך צום רעשט אין גלאָז מיט אַן איבערגעטריבענעם אימ-פעט. ער וויל אַראָפּשווענקען זיין ביטערקייט. נאָר דער גויעש-קער קוואַס האָט שוין ניט מעהר דעם פריהערדיגען טעם. ער איז פאַרמישט מיט גיפט פון שנאה. ער קריכט פון האַלז.

פייוקע דערטרינקט ווי ניט איז די טיפע גלאָז, גיט אַ וויש דעם זויערלעכען שוים פון די ליפען און לאָזט אַראָפּ די האַנט אין קעשענע. ער גיט אַ טאַפּ... און דער פּנים ציהט זיך איהם אויס.

ניטאָ די קאָפּיקע!

ער זוכט אין דער צווייטער קעשענע, כאָטש ווייסען ווייסט ער, אַז אין דער לינקער זייט פון זיינע הויזלעך באַ-האַלט ער קיינמאָל ניט קיין געלט. אַ נעכטיגער טאָג! ניטאָ.

— אַה? ניטאָ?... ניטאָ!.. עס הויבען זיך איהם אָן בייטען אַלערליי קאָלירען אין פּנים. אַ קאַלטער שוויס זעצט איהם אַרויס פונם שטערען. געוואַלד, וואו זיינען דאָס די פאַר קאָ-פּיקעס? ווי אין וואַסער אַריין!... געוואַלד, זיי מוזען דאָך זיין!

ער טאַפּט שוין אַצינד פון פאַרצווייפלונג, ווי אַ בלינדער אין אַ לעכערדיגער טאָרבע... ווי דער בּאַגנבעטער גוי ביים מאָנאָפּאָל... אָקאָרשט האָט ער אָפּגעלאַכט פון אַן אַנדערען... אָט

האָט איהם גאָט באַשטראָפט. „קאָליב טי כאָוואו יאַק יאַ כאָ־וואו!..." פלאָנטערט זיך פּייווקען אין צעטומעלטען מוח. עס ווילט זיך איהם לאַכען און וויינען... און די הענט טרייסלען זיך און זוכען. האָט מען איהם באַגנבעט?.. נאָר דאָ קוקט ער זיך איין אין זיינע הייזלעך און בלייבט שטעהן אַ פאַרשטיי־נערטער.

די הענד זוכען ניט מעהר. ניטאָ וואָס צו זוכען.

ער דערמאָנט זיך, אַז אין דער פריה, פאַרן אוועקגעהן אין חדר, האָט ער צוליעבן יאַריד איבערגעטאָן אַ פּאָר אַלטע הויזלעך. און זיינע פּאָר קאָפּיקעס מזומן זיינען איבערגעבליבען אין די אַנדערע תחתונים. געבליבען הענגען אין דער היים אויפן וואַנט. אַן אומגליק!

דער קוואַסניק דערזעהט, אַז זיין ניין־יאָהריגער קליענט איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, אַז ער גראַבעלט זיך צו לאַנג אין די קעשענעס. געהט איהם אַראָפּ, פון ברייטען פּנים, די גאַנצע פריינדליכקייט, און פּייווקע דערהערט אַ פּאָר האַרבע, פּאָנישע ווערטער:

— קאַפּעיעטשקו, מאַלאַדאַי טשעלאָוועקס!"...

די זעלבע ווערטער, דאַכט זיך, ווי פריהער, און האָבען שוין גאָר אַן אַנדער טייטש. אַ מאָדנע זאַך!.. און דאָ זידלען זיך נאָך די מיאוסע זעלצער־אידעגעס, פון הינטער די קופּערנע סיפאָנעס, זידען זיי ווי די שלאַנגען:

— האַ! וואו איז עפּעס די קאָפּיקע?

— כאַ־כאַ־כאַ!

— עס האָט זיך איהם גאָר פאַרגלוסט קוואַס!

— אַ גלוסטעניש איז אויף איהם אָנגעפאַלען!

— די קאָפּיקע! אַה?

— קראַנק געוועזן צו טרינקען אידיש זעלצערקע?

— ס'וועט איהם שוין אויספאַלען באָקאָם!...

פּייווקען גיסט זיך דאָס בלוט. ער הויבט עפּעס אָן צו שטאַמלען. נאָר גאָר גאָה דערציעהל אַ קאַצאַפּ, מיט אַ פּאָר צעהנד־ליג רוסישע ווערטער, וואָס מען האָט אויסגעחזרט פון אַ רוסישער

כרעסטאָמאַטיע, אַ מעשה מיט צוויי פּאָר הויזלעך, אַ פּאַר־בייטעניש, וואָס ער האָט פּאַרביטען... אַז ער וועט איהם שפּע־טער אָפּגעבען... ער וועט דען גלויבען?

און כך הוה. איידער פּייוּקע שטאַמעלט נאָך אַרויס אַ האַלבע טוץ צעקאַליעטשעטע רוסישע ווערטער גיעט דעם קאַ־צאַפּס האַנט אַ פּליה איבער פּייוּקען און כאַפּט איהם אַראָפּ דאָס היטעלע פון קאָפּ, און די זעלצערקע־אידענעס הויבען איהם אויף „נאַ־אוראַ”:

— גוטער קוואַס געווען, האַ? אָט האָסטו דיר קוואַס!...

מאַכט דאָך פּייוּקע אַ געוויין... „סטייטש... הראָשי... שטאַני, שטאַני... הראָשי. איוו’... איוו’ דרוגיע שטאַני...” *), ענטפערט איהם דער קאַצאַפּ גאַנץ העפלעך: „וועסט ברענגען די קאָפּיקע, מאַלאַדאַי טשעלאָוועקס, וועסטו קריגען דאָס הי־טעלע”. און אַז פּייוּקע שפּאַרט זיך איין — ער מוז האָבען דאָס היטעלע גלייך אויפן אָרט, ער קען אַהיים ניט געהן... גיט איהם שוין דער קאַצאַפּ אַ שטויס אַוועק:

— סטופּאַי, יעווּרעיטשיק, ניע מעשאַי! **)

און באַלד צעזינגט ער זיך גאָר פריש און פרעהלעך, רייבט זיך די הענט אָן אויסגענייהטען האַנטוכעל:

קוואַסו יאַדרענאַווא, פּראָכלאַדיטעלנאַווא...
קוואַס, יאַדערדיגער, קאַלטינקער,
זויער און זיס;
חעי, העי, אַ טעם גן־עדן
פון האָניג מיט ניס!

*) געלט, הויזען... הויזען, געלט... אין... אין די אנדערע הויזען.
**) געה אוועק, אידעלע, שטער ניט.

# דער ערשטער גמילות=חסד

## 1

אַ בלאַסער, אָהן אַ היטעל, מיט צעפּאַטעלטע האָר, מיט אַ צעקרימטען פּנים, שטופּט זיך פּייווקע דורך דער וואַנט פון מענשען. און אַלע זעהען, אַז עס האָט איהם אָקאָרשט געטראָפען גאָר אַ מיאוּסע זאַך. און באמת, אין עטלעכע מינוט האָט ער דורכגעלעבט אַלע שבעה=מדורי-גיהינם פון שפּאָט, פון גראָבער נייגיעריקייט און פון מענשלעכער געמיינהייט. ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט וואָס הייסט פרעמדע מענשען און וואָס הייסט אַריינפאַלען אין אַן אומגליק, ווען טאַטע-מאַמע זיינען ווייט... ער הויבט אויף די אויגען צו די אויסגעשטרעקטע האַלאַבליעס: „מאין יבוא עזרי?״ —פון וואַנען קומט מיין הילף?... ניטאָ קיין שום ברירה! ער מוז לויפען אַהיים, אַרויסנעהמען די פּאָר קאָפּיקעס פון די אַנדערע הויזלעך, אויסצולעזען דאָס היטעל פון קאַצאַפּישע הענט און ווידער אַמאָל לויפען אַהיים וואַרמעס עסען, און פון דאָרטען אין חדר... פּאָלג מיך: אַ גאַנג! היינט געהן איבער יאַריד און איבער די גאַסען אָהן אַ היטעל מיט אַזאַ אומגליקלעכען פּנים! גאַנץ שטאָט וועט דאָס וויסען, וואָס מיט איהם איז געשעהן... און דאָ גיט ער אַ קוק: ער האָט זיך דורכגעשטופּט ביז אַלטער דעם זייגער=מיסטער. דער „וועקער״ אין זיין קרעמעל ווייזט דריי אַזייגער. שוין צוויי שעה, אַז ער דרעהט זיך אַרום איבערן יאַריד. אין חדר זעצט

מען זיך שוין באַלד לערנען „שוואַרבע״, און ער, פּייוועלע — וואו-וואָס, ווער־וועמען? ער איז נאָך אַפילו אין דער היים ניט געווען. טאַקע ניט געדאַרפט טרינקען קוואַס ביי אַ פּאַניע, מיט דער גזלנישער רויטער העמד. די אידענעס זענען געווען גערעכט... אַ איד וואָלט רחמנות געהאַט. אַ איד וואָלט געבאָרגט. היינט ווער קען דאָס ניט אורין? ער וואָלט געזאָגט: „כ׳בין אוריס בחורל״ — וואָלט מען געגלויבט. נאָר גיי דערצייל אַ קאַצאַפּ, אַז אורי־קאָסאָקע איז אַ לייטישער מענש, און אַז זיין בחורל, פּייוקע, איז אויך אַ לייטישער מענש. און אַז ער האָט טאַקע מזומנע קאָפּיקעס אין די אַנדערע הויזלעך... אַ אידען וואָלט מען געקענט געבען פּאַר אַ משכון אַן אַנדער זאַך. למשל... למשל, דעם אַרבע־כנפות. דעם אַרבע־כנפות?... אַה?

דער „אַרבע־כנפות״ דערמאָנט איהם, אַז לייבע האָרב, דער פּראָצענטניק, האָט איהם איינמאָל אויך אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעלע פון קאָפּ, ביים שלעפּען עפּעל פון זיין קעלער, מיט אַ באַטשוועקעוועטען דראָנג... פּייוקע דערמאָנט זיך, אַז ערגעץ וואו, לעבען זייגערמאַכער, דאַרף זיך געפינען לייבע האָרבס קרעמעל. אַה, ווען בת־שבע, זיין ווייבעל מיט פרישע באַקען, וואָלט געווען אין קראָם איינע אַליין! זי איז אַ גוטע, זי וואָלט רחמנות געהאַט, זי וואָלט אַנטליהען אַ קאָפּיקע, זי וואָלט געגלויבט. ס׳איז אַפילו אַצינד די שעה, ווען זי עסט אין דערהיים וואַרימעס מיט די קינדער... נאָר מ׳עז מוז געהן, מע מוז זעהן, אפשר וועט גאָט העלפען. אפשר וועט געשעהן אַ נס... ער איז סיי־ווי־סיי אַ פאַרפאַלענער.

פּייוקעס אויערען ברענען פון אומגעדולד און פון האָפענונג. ער שטופּט זיך מיט אַלע כחות און באַקומט סטוסאַקעס אַזוי לאַנג, ביז ער דערקריכט צו לייבע-האָרבס בשמים־קרעמעל מיט דעם שינדעל־גאַניקעל איבערן איינגאַנג. אַ פינסטערניש ליגט איבער דעם פּראָצענטניקס קרעמעלע, ווי איבער זיין מויערעל אין שטאָט. עס ציהט איהם, דעם האָרב, צו האַלבטונקעלקייט, צו שאָטענס. אַלץ פאַרשטעלען, פאַרבאַהאַלטען וואָס ער פאַרמאָגט...

אינם שוואַרצען לאָך פון איינגאַנג דערזעהט אָבער פּייווקע׳ צו זיין גרויסען שלים־מזל, ניט בת־שבען, מיט איהרע ווייכע זייטען און מיטן ליכטיגען פּנים און מיט איהר ברייטען, פריינד־ לעכן פּאַרטוך, נאָר לייבע־האָרבען... זיין באָרד און פּנים בלייכט זיך ווי אַ רוח אין דער שוואַרצער ׳אָך פון קראָם־טהיר. זיין טשאָרטוועקאָזענע קאַפּאָטע האָט ער, לכבוד דעם יאַריד, אונ־ טערגעגאַרטעלט מיט אַ שוואַרצען חסידישען גאַרטעל, עס זאָל זיך בעסער אַרבייטען. זיין גופעלע איז דערפון נאָך שמאָלער, נאָך קאַרגער געוואָרען; דער האָרב נאָך שפּיציגער, נאָך מיאוּ־ סער. און אָט... אָט דער נפש וועט באָרגען אַ קאָפּיקע?

אַ נס איז געשעהן, וואָס לייבע־האָרב איז געווען פאַר־ נומען מיט אַ קונה, האָט פּייווקע צייט געהאַט צו כאַפּען אָטעם, צו באַטראַכטען וואָס ווייטער צו טאָן. נאָר ער האָט גאָר ניט צוגעטראַכט. ווייל לייבע־האָרב, פון וועמענס זשעדנע אויגען עס פאַרשווינדט קיין זאַך ניט, האָט זיך צו איהם פלוצלינג אַ קעהר געטאָן:

— זעה, יונגעלע, דאַרפסט עפּעס?

— גאָרנישט...—קלאַפּט אָפּ פּייווקע, גאַנץ פאַרגאַפּט, וואָס לייבע האָרב האָט איהם אַפילו ניט דערקענט.

— „גאָרניסט״?... — גלויבט ניט דער האָרב, — הייַנט וואָס טהוסטו דאָ?

פּייווקע דערפיהלט זיך אין דעם זעלבען מצב, ווי אַמאָל, בשעת מען האָט איהם געכאַפּט ביי גנבענען עפּעל.

— איך בין אוריס...—ענטפערט ער ניט צו דער זאַך — איך לערן אין איין „אוראָק״ מיט זעלדעלען.

— און וואו איז עפּעס דיין היטעלע? — פרעגט לייבע־ האָרב אויך ניט צו דער זאַך, — כ׳האָב דיך גאָרניט דער־ קענט.

ענטפערט איהם פּייווקע ווידער ניט דאָס וואָס מען פרעגט איהם.

— די מאַמע... האָט מיך געשיקט... די מאַמע... אַז... אַז... נאָר מיט אַמאָל ווערט פּייווקע דערשטיקט אינם דאָזיגען

פלאָנטער און ער פאַלט צו צו לייבע־האָרבן, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך:

— ר׳ לייבע, באָרגט מיר אַ קאָפּיקע! איך מוז האָבען אַ קאָפּיקע...

לייבע-האָרב גיט זיך אַ שטעל־איבער פון איין פוס אויף דער אַנדערער. זיינע זשעדנע שוואַרצאַפּלען ווערען ברייט און פינסטער:

— אַ קאָ-פּי־קע? איך — ד י ר אַ קאָפּיקע?

— אַ קאָפּיקע... — בעטעלט פייווקע ווי אַ פאַרלוירענער, — איין קאָפּיקע. איך... האָב אַ סך. אין די אַנדערע הויזלעך.

— אין וועלכע הויזלעך? — וואונדערט זיך לייבע האָרב, וואָס פאַר הויזלעך?

פייווקעס אויגען זיינען רויט, דער פּנים ברענט איהם. אין קאָפּ שלאָגט ווי מיט אַ האַמער. ער הערט שוין כמעט אַליין ניט וואָס ער רעדט:

— כ׳האָב איבערגעטאָן אַנדערע הויזלעך... כ׳האָב אויסגעטרונקען קוואַס און פאַרגעסען... ס׳איז אַ גוי...

— אַה־האַ־ן... — שלאָגט זיך אָן ר׳ לייבע — האָט מען ביי דיר אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעלע?

— יאָ, יאָ! — דערפרעהט זיך פייווקע וואָס מען פאַרשטעהט איהם פון וואונק. — כ׳וועל אייך פאַרנאַכט אָפּגעבען. ווי איך בין אַ איד!

— אַזוי... האָט מען דיר אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעלע?...— גלעט זיך לייבע די באָרד, — אַ מיאוסע מעשה.

— ווי איך בין אַ איד, איך וועל אייך אָפּגעבען! — שווערט זיך פייווקע מיט היץ און מיט פאַרצווייפלונג. איכ׳ל... נאָך היינט...

באַר לייבע האָרב טענהט זיך דאָס זייניגע:

— אַ יונגעלע ווי דו טרינקסט באַר אויס קוואַס פאַר אַ קאָפּיקע. פאַר אַ גאַנצער קאָפּיקע קוואַס?... זעהר אַ מיאוסע מעשה.

— אז איך האָב געחלשט אַ טרונק, — פאַרענטפערט זיך פּייווקע, — אַז איך בין געשטאָרבען פאַר אַ טרונק.

אָבער לייבע־האָרב פאַרגינט איהם ניט:

— ביסט „געסטאָרבען" אַ טרונק ביסטו? אָבער קוואַס! אַ יונגעלע — קוואַס...

— איך קען דאָך אַהיים ניט געהן, — בעט זיך פּייווּ־קע ווי ביי אַ גזלן, — אַז איהר גלויבט ניט... איך האָב געלט... אַז ניט ווער... וועט די מאַמע אָפּגעבען...

די דאָזיגע ראיה האָט אַ פּנים דעם פּראַקטישער יאָ גע־ריהרט. וואָרום ער האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און אַריינגעקוקט אין קרעמעל אַריין:

— איז זאָגסטו, אַז דו וועסט מיר אָפּגעבען די קאָפּיקע?

— זאָל איך אַזוי געזונט זיין! — שווערט זיך פּייווקע.

— אַ גאַנצע קאָפּיקע, אַ?

— ווי איך בין אַ איד.

— ווי דו ביסט אַ איד? נו־נו.

לייבע האָרב איז אַריין אין פינסטערען קרעמעל, גע־גראַבעלט זיך דאָרטען ווי אַ מייזעל אין אַ בלעכענער פושקעלע, צוריק אַרויסגעקראָכן מיט דער ווייסער באָרד, ווי אַ מת פון יענער וועלט, און דערלאַנגט פּייווקען צוויי אַלטע מטבעלעך.

— נאַ, „אָ האָסטו אַ קאָפּיקע. צוויי „גראָסענס".

פּייווקע האָט קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געזעהן אַזעלכע משונהדיגע „צווייערלעך". אייבער אומגעלומפּערט גרויס, מיט אַן אויסגעפּרייגט בילד פון אַ דיקער גויה, אַ פּנים „יעקאַטע־רינע". די צווייטע מטבע — גלאַט אַזוי אַ קופּערנע רעדעלע, אויסגעשאָבען ווי אַן אַלטע סקאָווערדע. נאָר איין לאַפּקע פון אַן אָדלער איז דאָ גאַנץ געבליבען.

— ד... דאָס איז אַ קאָפּיקע? — האָט פּייווקע געשמעקט צווייפלען.

— אַ קאָפּיקע, — האָט לייבע האָרב באַשטעטיגט — צוויי „גראָסענס" זיינען אַ קאָפּיקע. ס'געפעלט דיר אפשר ניט? איז...

לייבע האָרב האָט דערביי צעפּיהרט מיט ביידע הענט

און זיס-פאַרלעגען אַ שמייכעל געטהאָן. פייוועקן האָט זיך גע-דוכט, אַז פּונקט מיט אַזאַ שמייכעלע האָט דער פּראַצענטניק געגעסן אַמאָל דאָס קעלבעלע מיט כריין... געקוקט מיט פאַר-גאָסענע אויגען און רחמנות געהאַט: „נעבאַך אַ קעלבעלע גע-באַך"... דער דאָזיקער חשד האָט אָבער געדויערט נאָר אַ קליי-נע ווײַלעטשקע. אין זיין באַטריבטקייט און טיפער אָראָפּגע-פאַלענקייט האָט זיך פייוועקע ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז לייבע האָרב, אַ עלטערער איד מיט אַ מויערעל, וועט איהם אָפּנאַרען, איהם, דעם ניין-יאָהריגען אינגעל, און פּונקט אַצינד, ווען עס האָט איהם געטראָפען אַזאַ „אומגליק"... ער האָט נאָר אָנגעקוקט לייבע-האָרבען מיט שטומען קינדערשען בליק, און די אונטערשטע ליפּ האָט זיך ביי איהם געטרייסעלט. ניט ריידענדיג מעהר קיין וואָרט האָט ער זיך פּלוצלינג אַ קעהר געטאָן און געלאָזען זיך לויפען... נישט לויפען, נאָר שטופּען זיך אויף צוריק, צום קאַצאַפּ מיטן קוואַס. ער האָט אַפילו ניט געפיהלט, אַז גויים און אידען שטורכען איהם פון אַלע זייטען.

## 2

דער קוואַסניק האָט איהם באַגעגענט מיט אַ ברייטען פאָנישען שמייכעל, וואָס ער האָט געשמייכעלט אין זיין, רעכטס און לינקס צעקעמטער, רויטלעכער באָרד.

— אַ שטאָ, פאַרעניאָק? געלט געבראַכט, אַ?... וואָט כאַראַשאָ! *)

מיט אַ ציטערענדיג הענטעל האָט פייוועקע דערלאַנגט דעם קאַצאַפּ די צוויי אַלטע גראָשענס. לייבע האָרבס גמילת-חסד.

יענער האָט זיי אַ ווײַלע באַטראַכט אויף דער געזונטער גרויסער לאַפּע זיינער. דערנאָך שפּילעוודיג אונטערגעוואָרפען זיי און געלאָזען פאַלען אויף זיין טישעל, ווי דאָס טוען גוים,

*) אָט דאָס איז גוט.

ווען זיי שפּילען אין „אָדלער און רעשאָטקע". ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף די מטבעותלעך און שמייכלענדיג אַ קוק געטאָן אויף פּייוקען. נאָר דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אַנ־דער שמייכעלע. אין זיין שטעכעדיקייט האָט פּייוקע נאָכאַמאָל דערפיהלט, וואָס פאַר אַ קאַלטער גזלן עס שטעקט אין אָט דעם פרעהליכען, זינגענדיגען גוי, ווען עס קומט צו געלד־זאכען.

— פּאָלוטשייטע־סס! *) — האָט דער קאַצאַפּ מיט העפ־לעכער פאַראַכטונג, און דורך די צייהן אַ זאָג געטאָן; פלינק צוזאַמענגעשאַרט מיט צוויי בערישע פינגער און צוגעוואָרפען פּייוקען ביידע מטבעלעך, ווי מען וואַרפט צו אַ הונד אַ ביינדעל. ניט קימערענדיג זיך אַפילו, צי פּייוקע וועט זיי געפינען, צי ניט.

און ניט אָפּלאָזענדיג פון געשעפט, גלייך נאָכדעם צע־זונגען זיך:

„קוואַסו יאַדרענאַווא,
קוואַס יאָדערדיגער, קאַלטינקער,
זיסער און אַלטינקער..."

די גרעסערע מטבע, יעקאַטעאַרינאַס צווייער, האָט פּייוקע אליין געפונען. די צווייטע מטבעלע האָט איהם געהאָלפען אויפ־צוזוכען גיטקע די אַלמנהלע, די פאַרקויפערין פון זעלצער־וואַ־סער, דעם קאַצאַפּס פאַרביטערטסטע קאָנקורענטקע, וואָס האָט פריהער געזידעלט פּייוקען מיט וואָס אין אַ קאָרט. נאָר אַצינד האָט זי שוין רחמנות געקריגען. פאָרט אַ אידיש הארץ!

— נאַ, אינגעלע! — האָט זי איהם דערלאַנגט דאָס אָפּ־געריבענע קופערנע רעדעלע מיט אַ רעשט פון אַן אָדלערשער פיסעל, דאָס איז דאָך גאָר קיין געלט ניט...

פּייוקע איז געווען בלאַס ווי קאַלך. אַצינד האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס לייבע האָרב, דער פּראָצענטניק, האָט איהם

*) באַקומטס צוריק!

דאָ אָפּגעטאָן. נאָך ווייניג וואָס ער האָט איהם ניט אַרויסגע־
האָלפען פון נויט, האָט ער איהם נאָך געמאַכט פאַר אַ משולח
אויסצובברענגען זיינע פאַלשע מטבעות, וואָס האָבען שוין לאַנג
קיין ווערט ניט; געשיקט אויף סכנות צום קאַצאַפּ, אויף „טאָמער
יאָ"... כדי דערנאָך אָפּצונעהמען ביי איהם, אָדער ביי דער
מאַמען זיינער, אַן אמתע קאָפּיקע... געוואַלד, וואָס איז
דאָס פאַר אַ וועלט!

מיט אַ פאַרביסענער ווילדקייט האָט זיך פייוקע גענומען
שטופּען אויף צוריק, צו לייבע האָרבס קרעמעל, אָפּגעמאַטערט
און פאַרשמאַכט ווי ער איז געווען. נאָר דער קינדערשער צאָרן,
די גערעכטיקייט פון חומש האָט איהם געטראָגען... ניין! אַ
צאָהן פאַר אַ צאָהן!... אָט פונקט ווי דער קאַצאַפּ איהם,
אַזוי מוז ער אָפּטאָן דעם האָרב, אַ רוח אין זיין טאַטען
אַריין!... ער מוז איהם וואַרפען די צוויי פאַלשע גראָשענס אין
מיאוסען פנים אַריין... און דערנאָך אַנידערפאַלען און חלשן
לעבען זיין קראָם, זאָל מען איהם אַוועקטראָגען צו דער מאַמען
אין לייעכער... און זאָלען זיך אַלע דערוויסען! אוי־אוי־אוי...
מען וועט איהם נאָך דערווערגען, דעם פּראָצענטניק. גוים וועל־
לען איהם נאָך דערווערגען אויף דער אַלטער קאַסטען מיט
משכנות, דעם מיאוסען אידען...

אָפּגעגאָסען מיט שווייס און צעברענט פון כעס און
בזיונות, איז פייוקע אַריינגעפאַלען אין לייבע האָרבס קראָם.
געבלענדעט פון דער פּלוצליכער טונקעלקייט און פון טרעהרען
האָט ער גענומען יאָמערען:

— נאָט אייך צוריק אייערע גראָשענס, אַ רוח אין אייער ט...

נאָר פון דער האַלב פינסטערניש אין קראָם, מיטן טוכלען
ריח פון שוואָמען, איז, ווי פון אונטער אַ טונקעלען פאָרהאַנג,
אָנשטאָט לייבע האָרבען, אַרויסגעשוואומען, מיט טריט פון אַ
פּאַווע, אַ ברייטע ווייבערישע געשטאַלט, אין אַ לייכטען ציצע־
נעם געפּאַלדעוועטען קליידעל...

בת־שבע!!!

פאַר דער צייט, וואָס פייוקע האָט זיך געשטופּט צום

קאַצאַפּ און אויף צוריק, האָבען זיך די העלדען פון דער קאָמעדיע געביטען. בת־שבע איז געקומען פון וואַרימעס עסען און לייבע האָרב איז אַוועק אַהיים. אָבער פייוקען האָט דאָס אויסגעזעהן ווי אַן איבערנאַטירלעכע זאַך.

ס׳איז אָבער פּאָרט ניט קיין חלום!... בת־שבע איז אויף איהם אָנגעגאַנגען, ווי אַ מחיהדיגער קיהלער וואָלקען פון רחמנות, אין דער גליהענד־גער היץ פון כּעס און חרפּה. זי איז אָנגעגאַנגען מיט דעם בלויען גנאַד אין די שעהנע אויגען, מיט די יאָדערדיגע ציין, וואָס שמייכלען ווי אָפּגעשיילטע מאַנדלען, מיטן רויש פון איהר ברייטען צעפּאַלדעוועטען קליידעל, מיט איהר הויכער ברוסט און מיט יענעם באַזונדערען וואַרימען ריח פון געזונדטע און יונגע פרויען זומער־צייט

— ש... שאַ, אינגעלע! וואָס איז? וואָס איז?

מען זאָל געוועהן פייוקען אָפּגיסען מיט אַ שעפעל קאַלט וואַסער, וואָלט ער זיך אַזוי ניט אויסגעניכטערט. אויף אַזא גרונטלעכע ענדערונג אין דער דעקאָראַציע פון קראָם האָט ער זיך ניט געריכט. איז ער געבליבען שטעהן צעמישט און דאָס זידעל־וואָרט איז איהם געבליבען שטעקען אין האַלז.

נאָר דער זידענדיגער כּעס, די בזיונות, די ברענענדיגע יסורים, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען, זינט ער האָט אויסגעטרונקען דעם גויעשען קוואַס; אַלע אויפרעגונגען פון יאַריד, אַלע עולות, וואָס דערוואַקסענע מענשען האָבען איהם אָפּגעטאָן פאַר גאָרנישט מיט נישט; היינט די ביטערע חרפּה, וואָס בת־שבע, אין וועלכער ער איז אַזוי „פאַרליבט", זעהט איהם אַצינד אין אַזא מיאוסער שלימזלדיגקייט, אַזוי פאַרשפּייט און צעטראָטען ווי אַ וואָרעם, איבער אַ טרונק קוואַס, איבער אַ קאָפּיקע... אָט דאָס אַלץ האָט איהם מיט אַמאָל אינגאַנצען צוגעדריקט. ער האָט דערפיהלט אַ מוראדיגע רחמנות אויף זיך אַליין. אַ הייסע כוואַליע האָט איהם אַ בריה געטאָן אין האַלז. האָט ער אָנגעבויגען דעם קאָפּ ווי אַ געשלאָגענער הינטעל און זיך פאַרגאַנגען אין אַ ביטערען שלוכצען.

— איך... איך... איך... — האָט ער געשטאַמעלט און גאַר־ניששט ניט געקענט אַרויסרעדען.

נאָר דאָ דערפיהלט פּייווקע ווי צוויי קיהלע הענט, צוויי מאַמע־הענט, בת־שבעס הענט, נעהמען איהם אָן פאַרן קאָפּ און טוליען איהם צום ווארעמען בויך. און אַ קול גיסט זיך אויף איהם ווי אַ באַלזאַם. אַפילו זיין מאַמעס קול, ווען ער, פּייווקע, איז ניט געזונד, קלינגט קיינמאָל ניט אַזוי ווייך, אַזוי האַרציג. און זי ווייסט אַפילו זיין נאָמען. זי געדענקט זיין נאָמען...

— שאַ־שאַ, אינגעלע, וויין ניט!... דו הייסט דאָך פּייוועלע... אַ? דו לערענסט זיך דאָך צוזאַמען מיט מיין זעלדעלען...

— יאָ־יאָ, יאָ־יאָ... — רעוועט שוין פּייווקע אָהן אַ פּיצעל בושה, און פיהלט אַ פיינלעכע זיסקייט פון אָט דעם טוליען זיך צווישען די קיהלע הענט און ווארעמען שויס. ער איז זיך אינגאַנצען מפקיר בת־שבען, זאָל זי טאָן וואָס זי וויל. אָט גלעט זי זיינע צעפּלאָשעטע האָר — זאָל זי גלעטען... זי דריקט איהם צו ווי אַ דרדקי־יונגעלע — זאָל זי דריקען. עס שמעקט פון איהר אַזוי ווייבעריש־זיס מיט פרישען קימעל־ברויט, מיט פריש־פאַרפאַרעטען טיי און מיט נאָך עפּעס אַ ריח, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, פון וואָס עס קלעמט דאָס האַרץ... דורך דעם ציצענעם זומערדיגען קליידעל פיהלט ער די גלאַטקייט פון איהר יונגען לייב. דער ציץ גליטשט זיך איבער איהם, ווי איבער אַ געטאָקטען לעבעדיגען מירמעלשטיין. און די פרישע ווארעמקייט שמראָמט ביזקעל מאַרך פון די ביינער. פּייווקע איז פאַרשיכּורט פון איהר גוט־האַרציקייט, פון איהר נאָהענטקייט און פון דער זיסער חרפּה, וואָס ער פיהלט, טוליענדיג זיך אַזוי, ווי אַ פאַרסמאַרקעט צוציקעל אין בת־שבעס ברייטען שויס. ס'האָט זיך כמעט ווי געלוינט אַראָפּצושלינגען אַזוי פיעל ביטערניש, אַזוי פיעל יסורים, אַבי צו פיהלען דערנאָך אַזוי נאָהענט די קניה פון בת־שבען. פון בת־שבען?... יאָ, פון בת־שבען.

און אַביסעל ניט ווילענדיג, אַביסעל כדי צו פאַרלענגערען

אַזאַ טרייסט אַזאַ גליק, נעהמט זיך פּייוקע קלאָגען פאַראיהר. ער שטאַמעלט און פאַרכלינעט זיך: פאַרביטן די הויזלעך... יאַר... קוואַס... אַ קאָפּיקע... דער גוי... אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטעל... לייבע ה... ניין, ר׳ לייבע... צוויי אָפּגעריבענע גראָשענס... אַלע לאַכען פון איהם... און ער... ער...

און גיב נאָר אַ קוק! בת־שבע פאַרשטעהט איהם... זי פאַרשטעהט אַלץ. זי זאָגט „שאַ־שאַ" און לאָזט איהם נישט אָפּ. זי לאָזט איהם אויסגיסען דאָס האַרץ וויפיעל ער וויל. זי האָט, דאַכט זיך, הנאה פון זיין באַלעבעטשען. זי וויל, דאַכט זיך, זיין ודוי זאָל זיך ציהען וואָס לענגער...

אַז פּייוקע ווערט אַנטשוויגען, העלפט זי איהם אַרומווישען די אויגען, אָפּווישען די נאָז. און גיט צו איהם ווידער אַ שמייכעל אַזוי גוט און פאַרפיהרעריש.

— נו... פּייוועלע. געגוג וועט זיין... אַ?

אָט אָ דער ניכטערער טאָן שטעלט פּייוקען אינגאַנצען אויף די פיס. ער גלייכט זיך אויס און גיט אַ טאַפּ די האָר. דער זיסער חלום איז פאַרשוואונדען! ווידער דאָס ביטערע וואָהר, די וואָכעדיקייט. דאָס היטעלע איז פאָרט ניטאָ אויפן קאָפּ... און דאָס אויסגעלויטערטע פּנימל זיינער פאַרציהט זיך איהם פון אויפגעכאַפּטען שמערץ.

נאָר איידער ער עפענט אויף דעם מויל צו בעטען, דערפיהלט ער ווי מען שטופּט איהם אַן אָנגעוואַרעמטע מטבעלע אין האַנט אַריין.

דאַכט זיך ס׳איז אַ קאָפּיקע? יאָ, אַ קאָפּיקע. אַ נייאינקע קאָפּיקע.

— געה, פּייוועלע, — מאַכט צו איהם בת־שבע. — צאָהל אָפּ... איך וועל קיינעם ניט זאָגען...

פּייוקען פאַרגליסט זיך צופאַלען צו איהרע שיך מיט די געפּאַסקעטע זאָקען און אויסקושען זיי. אויסקושען דעם גאַנצען שטויב פון יאַריד, וואָס ליגט אויף זיי. און כדי אָפּצוקיהלען זיך אַביסעל, הויבט ער אָן צו שווערען זיך מיט גרויס ליידענשאַפט, מיט טיפער איבערגעבענקייט:

— זאָל איך אַזוי געזונט זײַן... הײַנט בײַ נאַכט גיב איך אָפּ... זאָל איך אַזוי...

— גוט, גוט, גוט. — פֿאַרמאַכט איהם בת־שבע דאָס מויל און לאַכט.

פּײַוקע רײַסט זיך אויס און לויפֿט פֿון קראָם. נאָר בײַ דער טיהר דרעהט ער זיך ווײַטער אום:

— זאָל איך שטאַרבן, אויב, אויב... אויב...

און אַנטלויפֿט.

# מען מאַכט חוזק פֿונם האָרב

## 1

פֿאַר בת־שבֿעס קאָפּיקע האָט פּייווקע אוריס אויסגעלייזט זיין היטעלע פֿון גויעשקע הענט. אין חדר האָט ער דערצעהלט נסים ונפֿלאות, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהן אויפֿן יאַריד און וואָס פֿאַר אַ טייערען קוואַס ער האָט געטרונקען. ווי אַזוי דער גויעשקער קוואַס איז איהם אויסגעפֿאַלען באָקאָם — פֿון דעם האָט ער, פֿאַרשטעהט זיך, געמאַכט אַ שווייג.

ער האָט געפֿונען גאַנץ זיין „קאַפּיטאַל" אין די אַנדערע הויזלעך, און פֿאַרנאַכט האָט ער פּייערלעך אָפּגעטראָגען די קאָפּיקענע הלואה לייבע־האָרבען אין מויערעל. בת־שבֿעס ר ע כ ט ע קאָפּיקע האָט ער איגנאַנצען פֿאַרשוויגען... דאָס איז געווען, ניט דאָס וועלען אַריינכאַפּען פרעמד געלט, ווי אַ הויכער דיפּלאָמאַ־טישער צוג פֿון פּייווקען, כדי צו פֿאַרבלענדען דעם פּראָצענט־ניקס אויגען און געווינען זיין הארץ. לייבע האָרב האָט איהם טאַקע אויפֿגענומען מיט כּבֿוד. ער האָט זיך לחלוטין ניט גע־ריכט, אַז זיינע אָפּגעריבענע גראָשענס, פֿון יעקאַטערינעס צייטען, זאָלען אַזוי גלאַט אַדורכגעהן דורך פּייווקעס הענט, אַלץ כּשרע מטבעות, עובֿר־לסוחר. ער האָט געוואָרפֿען אַן אויג אויף פּייווקען: דאָס וואַקסט, האָט ער זיך געטראַכט, אַ חבֿרה־מאַן, אַ סוחר־אַ יונג, אַ מזיק...

אָבער פּייווקע האָט איהם אין האַרצען פֿאָרט ניט געקענט

מוחל זיין. ער האָט זיך אָפּגעגעבען אַ קלאָרען חשבון, וואָס פּאַר אַ קאָנפעדעראַציע עס וואָלט געוואָרען, ווען בת־שבע וואָלט איהם ניט בארוהיגט און ניט אַנטליהען די אמתע קאָפּיקע: — לייבע האָרבן וואָלט ער געזידעלט אין טאַטענס־טאַטען אריין; אַהיים וואָלט ער געלאָפען דורך אַלע גאַסען אָהן אַ היטעל. לייבע האָרב וואָלט געמסרט דער מאַמען, די מאַמע דעם רבין... צו לייבע האָרבן אין מויערל וואָלט ער מעהר ניט געקענט געהן לערנען דעם „אוראָק" מיט זעלדעלען צוזאַמען. מען וואָלט געפּאַטשט און געשמיסען. גאַנץ שטאָט וואָלט געווען אויף. נאָר בת־שבע, בת־שבע... אַ געזונט צו איהר! זי מיט איהר גוטסקייט, מיט איהר מאַמעשקייט האָט איהם געראַטעוועט. שוין דעם צווייטען מאָל, אַז זי ראַטעוועט איהם... און עפּעס אַלע מאָל, ווען מען כאַפּט ביי איהם אַראָפּ דאָס היטעל. אַ מאָדנע זאַך!... ער קען ניט פאַרגעסען, ווי זי האָט איהם צוגעדריקט צו זיך און געגלעט. זי האָט דאָך אייגענע קינדער, היינט פאַרוואָס גלעט זי איהם?... אַ מאָדנע זאַך. ער קען ניט פאַרגעסען איהר ווייבערישען ריח, איהרע קיהלע הענט אינם הייסען טאָג... הקיצור... וואָס זאָל מען דאָ מאריך זיין? ער איז פאַרליבט אין בת־שבען.

אַ פרייד כאַפּט אַרום פּייוקען, ווען ער דערזעהט בת־שבען פון דערווייטענס. דאָס בלויז גיט איהם אַ זעץ אין פּנים. נאָר זי מאַכט זיך שטענדיג, אַז זי באַמערקט ניט זיין אינגעלשע פאַרלעגענהייט און לאַכט צו איהם מיט איהרע ווייסע, מאַנדעל־דיגע צייהן. אַפילו מיט איין וואונק דערמאָנט זי קיינמאָל ניט די מעשה מיטן קוואס אויפן יאַריד, ווי ער האָט אויסגעזעהן אָן אַ היטעלע, ווי ער האָט געשלוכצט און ווי עס האָט איהם גערונען פון נעזעל. פוי, אַ חרפּה!... זי איז עפּעס גאָרניט ווי אַלע שקלאָווער אידענעס, אַפילו ניט ווי די אייגענע מאַ־מע זיינע... אַלע האָבן זיי ליב צו דערמאָנען אַלטע דטאַים, רייצען זיך אַביסעל... אַפילו מיט אייגענע קינדער. און דערביי שמייכלען זיי עפּעס צו מיט אַזאַ געזאַלצען שמייכעלע, אַז עס פאַרווילט זיך טופען מיט די פיס, האַקען שויבען... בת־שבע איז

גאָר אַן אַנדערע. זי האָט גאָרניט פון אָט די מיאוסע שטיק. זי שמייכעלט צו איהם ווי צו אַ דערוואַקסענעם. אַ געזונט אין איהרע פרישע באַקען אַריין!

אין אַ פרייער מינוט פלעגט ער זיך אַריינשאַרען אין לייבע־האָרבס הויף. כלומרשט געקומען שפּילען מיט דעם האָרבס קינדער. אין דער אמתן האָט ער גאָר אויסגעקוקט די אויגען נאָך בת־שבען: צי געהט זי שוין ניט פון קראָם? צי איז זי שוין געקומען? צי דרעהט זי זיך ניט אַרום אין קיך?

זעלדעלע זעהט איהם שטענדיג, אַז ער איז עפּעס צע־טראָגען. האָט זי איהם גענומען חושד זיין.

— וואָס קוקסטו אין קאָך־שטוב? — שטעלט זי אויף איהם אָן אַ פּאָר בלויע אויגען און גיט שטיפעריש אַ וואָרף מיט די צעפּלעך.

— גאָרנישט... — ווערט פּייוקע רויט.

— די מאַמע איז נאָך ניט געקומען. — רייצט זיך מיט איהם זעלדעלע.

— נו, איז ניט! — ווערט פּייוקע בייז און בלאָזט זיך אָן. נעהמט איהם זעלדעלע איבערבעטען, דאָקוטשעט איהם:

— קום, לאָמיר לויפען!... כאַפּ מיך!

— איך וויל ניט! — גיט פּייוקע אַ וואָרף מיט איין פּלייצע.

— קום, מיר וועלען זיך קויקלען פון דער קופּע היי אין שפּייכלער!

— כ׳וויל ניט!

— „כ׳וויל ניט, כ׳וויל ניט, כ׳וויל ניט״... — מישט איהם איבער זעלדעלע און בלאָזט זיך אויך אָן. עס פאַרדריסט איהר שטאַרק, וואָס איהר קאַוואַליער, איהר חבר פון „אוראָק״ איז אַזוי קאַלט צו איהר.

אָפּטמאָל האָט פּייוקע גליק. בת־שבע קומט אָן פון מאַרק, ער דערקענט שוין איהרע טריט הינטערן פּלייט פון הויף. זי גיט אַ ריס־אויף די טיהרעל, און אין דער גרויסער ראַם פון שוועל און פּריטעלקעס דערשיינט אַ ווייבערישע פּריינטלעכקייט.

מיט ברייטע קליידלעך, מיט לויכטענדיגע אויגען און מיט האַלבֿ־אָפֿענע ליפּען. פּייוּוקעס האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּען. ער בייסט זיך די צונג ער זאָל ניט אַזוי רויט ווערען. נאָר עס העלפֿט ניט. ער מאַכט זיך, אַז ער איז פֿאַרטאָן אין שפּיעל, כּדי קיינער זאָל ניט באַמערקען, ווי עס בייטען זיך איהם אַלע קאָלירען. אָבער זעלדעלע באַמערקט און קוקט איהם אָן פֿאַרוואונדערט.

איינמאָל, סוף זומער, איז בת־שבע אָנגעקומען פֿון מאַרק מיט אַ גרויסער שיסעל פֿלוימען. אַ בלויער טוי און אַ פֿרישע זאַטקייט איז געלעגען אויף דער קופּקע פֿלוימען אין דער ליימענער שיסעל. פּייוּוקען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פֿלוימען זיינען אַ טייל פֿון בת־שבען אַליין, פֿון איהר לייב, פֿון איהרע ליפּען; אַ פֿאַרטזעצונג פֿון איהרע פֿרישע אָרעמס, פֿון איהר שמייכעל. וואו האָט ער געזעהן אַזאַ בילד? דאַכט זיך זינט בת־שבע לעבט טראָגט זי אַזאַ שיסעל מיט אויבס אויפֿן אָרעם, צוגעדריקט צו איהר הויכער ברוסט. זאָל זי נאָך איין וויילעטשקע שטעהן אַזוי, ניט ריהרען זיך... נאָר בת־שבע מאַכט אַליין חרוב דאָס בילד. זי רייסט פֿון זיך אָפּ די פֿולע שיסעל ווי אַ שטיק פֿון איהר לייב, שטעלט עס אַראָפּ אויף דער ערד און צעשמייכעלט זיך צו חיימקען און זעלדעלען — איהרע קינדער און צו פּייוּוקען:

— קינדער, איהר ווילט פֿלוימען?

חיימקע און זעלדעלע לאָזען זיך לויפֿען, ווי יונגע הינדעלעך ווען מען שיט זיי אויס גרויפּען. זיי כאַפּען פֿון שיסעל פֿולע הויפֿענס. זיי צעשטערען אינגאַנצען פּייוּוקעס פֿאָרשטעלונג... אויס בילד! אויף דער ערד, אין אַ פֿאַליווענער שיסעל, הויפֿען זיך געוואוינלעכע פֿלוימען, און איבער זיי און איבער די קינדערשע קעפּלעך שטעהט בת־שבע, לייבע־האָרבס צווייטע ווייב, און שמייכעלט און האָט הנאה...

אַלס אַ פֿרעמדער און, כּלומרשט, אַ סטאַטיק בלייבט פּייוּוקע זיצען אויף אַן אָרט. בת־שבע רופֿט איהם — ער געהט ניט. טראָגט זי צו די גאַנצע שיסעל פֿלוימען צו איהם. דאָס

צעריסענע בילד לעבט אויף איין רגע. פייוּוקעס הענט זיינען שטאַר און ער שאָקעלט מיטן קאָפּ אויף „ניין, ניין". בת־שבֿע בעט זיך ביי איהם ער זאָל כאָטש פאַרזוכען איין פלוים. ער נעהמט ניט. דאַן זוכט זי אויס אַליין אַ גרויסע, צייטיגע, בלוי־רויטע פלוים און שטופּט איהם גלייך אין מויל אריין. דער־שפּירענדיג די צאַרטקייט פון דער גלאַטער פרי, גיט ער אַ ציטער. עס דאַכט זיך איהם, אַז דאָס איז בת־שבֿעס לייב, בת־שבֿעס ליפּען... ער בייסט אָן און ווערט רויט ווי פייער. אַ גע־שמאַקע זאַפטיקייט צעגיסט זיך איהם איבער דער צונג. איז דאָס ניט בלוט?... טהוט איהם בת־שבֿע ניט אָן קיין כישוף?

די שטעכעדיגע ביינדעלע דערמאָנט איהם, אַז ניין... ער שפּייט זי אויס. נאָר שפּעטער זוכט ער זי אויף אין גראָז, ווישט זי אָרום און באַהאַלט זי אין קעשענע „אויף מזל". און שטענדיג, ווען ער טאַפּט זי אָן — נאָגט איהם עפּעס אין האַרצען.

און דאָס ביינדעלע איז טאַקע מזלדיג... זייט ער האַלט זי ביי זיך, אַן אויסגעטריקענטע, אַן אויסגעגלעטע, געווינט ער אָפּ ביי זיינע חברים אין חדר גלץ, וואָס זיי שטעלען אין „קאָן". קנעפּ איז קנעפּ, פענעס איז פענעס. צוקערלעך איז צוקערלעך.

נאָר וואָס טויגען איהם אַלע גליקען, אַז לייבע־האָרבֿ שטעהט פעסט אויף די פיס, געוועלטיגט איבער בת־שבֿען, און לאָזט זי זיצען גאַנצענע רעגענדיגע אָסיען־טעג אין דער פינ־סטערער בשמים־קרעמעל. ער מיינט אפילו, דער האָרבֿ, אַז ער, פייוּוקע, האָט פאַרגעסען די מעשה מיט די צוויי פאַלשע גראָ־שענס... וואַרט, וואַרט!

## 2

אין יענעם יאָהר, אָנהויב ווינטער, האָט זיך אין שקלאָוו געגרינדעט אַ נייע חברה — „סומך נופלים".

באשאפען האָבען זי דוקא בעל־הביתישע יונגע לייט, צו העלפען געפאַלענע קרעמער, בעל־מלאכהס, וואָס בלייבען אָהן אַרבייט, און בכבודיגע אלמנות. אַלץ אַזעלכענע לייט, וואָס שעה־מען זיך געהן לייהען אויף משכנות, אָדער אין דער פאַרעל־טערטער חברה „גמילות־חסדים", ביי די אַלטע בערדיגע אידען, מיט די אַלטע מאָדעס פון נעהמען דעם לעבער איידער אָנשריי־בען דאָס „קוויטעל"... חברה „סומך־נופלים" האָט גענומען אַרויסגעבען הלואות אויפן וואָרט, בשתיקה, זעלטען ווען אויף א חתימה. אָהן שום פּראָצענט, אויף קליינע אויסצאָהלונגען, אין משך פון א יאָהר. פון לייזונג זאָל מען אויסצאָהלען אָדער פון די שכירות... און אַלץ בנעימות, מיט א שמייכעל, אָהן טאַ־רעראַם. די יונגעלייט זיינען גלייך מפורסם געוואָרען. מען האָט זיי געלויבט אין מאַרק און, להבדיל, אין די בתי־מדרשים. אָבער דער אַלטער חברה „גמילת-חסדים" האָט די מעשה ניט פאַרשמעקט. די גבאים איהרע האָבען זיך גענומען בלאָזען, מאַכען איבטריגעס. גענומען אונטערשעפּטשען, אַז מען טאָר „גלוחים" קיין געלט אויף דער האַנט ניט געבען. יונגעלייטלעך אָהן פאותן הייסט עס... נאָר ס'האָט וועניג וואָס געהאָלפען. כמעט אַלע חשובע בעלי־בתים האָבען זיך אונטערגעשריבען צו צאָהלען חודש־געלט אין חברה „סומך נופלים".

איז דערגאַנגען די רייע צו לייבע־האָרבס מויערעל. דער האָרב האָט זיך אויסבאַהאַלטען אַזוי לאַנג, ווי ס'איז געווען מעג־ליך. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפען. די גבאים פון „סומך־נופלים" זענען דאָך יונגעלייט; קיין טרחה זשאַלעווען זיי ניט. דאָס זיינען חנא דעם דיינס בחור און איטשייזשע זשאָמעס. ביידע האָבען לאַנגע און פלייסיגע פיס. איז ניט היינט, איז מאָרגען; איז ניט מאָרגען איז איבערמאָרגען. ביידע האָבען זיך אַריינ־גענומען אין קאָפּ: איינמאָל פאַר אַלע מאָל! לייבע האָרב דער פּראָצענטניק מוז זיך אונטערשרייבען צאָהלען חודש-געלד אין „סומך נופלים"

האָבען זיי איהם דערטאַפּט גראָד ביים עסען וואָרימעס בשעת הערשקע־קאָפּ, דער רוסישער לעהרער, גיט דעם „אוראָק"

זעלדרעלען און אוריס חומש־בחור. פאַרשטעהט זיך, אז אָהן פּיוו־קעס הילף איז מען דאָ ניט אויסגעקומען. דאָס איז מען ביי פּייווקען דערגאַנגען וועגן לייבע-האָרב איז אין דער היים. און וועגן מען קען איהם כאַפּען אויג אויף אויג. איטשייזשע, פּעטער זשאַמעס בן-יחיד, האָט דאָס איהם אויסגעפּרעגט און אַראָפּגעפּאַלען איבער לייבע-האָרבס וואָרימעס, ווי אַ קאַל־טער רעגען אין סוכּה.

האָט זיך אַפילו לייבע האָרב געפּרוּאווט ווייטער אויסדרע־הען, ניט דערעסענדיג זיין געבראָטענס — געכאַפּט בענשען און ציהען דעם „נודה לך״, ווי אַ מעשה פון טויזענט-און־איין־נאַכט. געפּרוּאווט אָפּפּטרן די גבאים, ווי ער האָט אַמאָל אָפּגעפּטרט גיטקע די אַלמנהלע, מיט „נו-נו״, מיט לשון-קודש־דיגע ווערטער און מיט האַלבע פסוקים. ווי למשל: „אָה, נו! זוננו, פרנסנו, וכלכלנו והרויחנו אָה־אָה״... ס'הייסט: מ'וועט זעהן... איהר זעהט דאָך מען איז פאַרנומען... אַן אַנדערש מאָל... „נו-נו, לידי מתנת בשר־ודם ולא לידי הלוואתם, אָה-אָה!״ ס'הייסט: ווי קום איך צו געבען אויף הלוואות?... דער אויבערשטער וועט אייך ממלא זיין אָהן מיר אויך.

נאָר לייבע האָרב האָט געהאַט אַ ביטערען טעות. דאָס זיינען ניט געווען קיין אידינקעס מיט שלומפּערס פון גיטקעס שניט. די דעפּוטאַציע פון „סומך נופלים״ איז באַשטאַנען פון דורכגעטריבענע חברה-לייט. סיי איטשייזשע און סיי חנא דעם דיינס האָבען זיך געמאַכט, אַז זיי פאַרשטעהען ניט קיין שיי־טעל עברי. זיי האָבען תמעוואַטע אָנגעגלאָצט לייבע האָרבן מיט זיינע לשון-קודשדיגע העוויות. און דערנאָך... עפּעס פונקט ווי זיי וואָלטען זיך ביידע צוזאַמענגערעדט:

— בענטשט, בענטשט ר' לייבע! — מאַכט איטשייזשע און ווינקט צו מיט איין אויגעל צום שוועסטערקינד זיינעם, צו פּייווקען.

און חנא דעם דיינס קוקט אויף דער סטעלע און גיט צו:

— נישקשה, ר' לייבע, מיר האָבען צייט. מיר'ן וואַרטען. דערזעהט לייבע האָרב, אַז ער וועט זיך דאָ ניט אַרוי־

דרעהען און מאַכט עס בקיצור, מיט אַלע זיינע גאָטספּאָרכטיקע שטיק. ער הויבט אָן שלינגען דעם בענשען ווי הייסע לאָקשען: פּליופּ-פּליופּ-פּליופּ אין זיך אַריין און מ׳נאַם־מ׳נאַם־מ׳נאַם פון זיך אַרויס... ווישט אָפּ די וואָנצעס מיטן ברעג טישטוך און פאַרבעט די גבאים אין אַ צווייטן צימער, אונטערן ציצינעם פּאָרהאַנג, וואָס ווייטער פון דעם לעהרערס אויגען און פון פּייוקעס אויערלעך.

וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען און וואָס פאַר אַ געשפּרעך עס איז געפיהרט געוואָרען אונטערן פּאָר־האַנגעל, — דאָס ווייס פּייוקע ניט. ער ווייסט נאָר, אַז אין האַלב-פינסטערען צימערעל, וואו עס שטעהט די גרויסע קאַסטען מיט משכנות, איז אַ פערטעל שעה נאָכאַנאַנד געשטאַנען אַ דומפּע הודזשעריי פון דריי געררייצטע קולכער. דערנאָך זייגען די גבאים פון „סומך נופלים" אַרויסגעלאָפען פון אונטערן פּאָר־האַנגעל, ווי די אָפּגעשמיסענע. פון איטשייזשען, פּייוקעס שוועס־טער־קינד, האָט זיך געגאָסען אַ שווייס. און אָננעהמענדיג די קליאַמקע פון טיר האָט ער, הויך אויפן קול, אַ זאָג געטאָן צו זיין חבר, חנא דעם דיינס:

— געזעהן אַ מיאוסען האָרב!

אַ וואָרף געטאָן מיט דער טיר און אַרויס.

זעלדעלען זענען פאַר בושה אָנגעלאָפען די טרערהען אין די אויגען. הערשקע קאָפּ האָט געסאָפּעט מיט דער בול־בעוואַטע נאָז און געגריזשעט זיך די נעגעל. נאָר ר׳ לייבע־האָרב אַליין איז זיך גאַנץ רוהיג אַרויסגעקראָכען פון אונטער דעם ציצענעם פּאָרהאַנגעל, געבאַלעבעטשעט פאַר זיך און גע־קריצט מיט זיינע סמכן, ווי מיט נאָדלען איבער גלאָז:

— סקצים!... סומך־נופלים, סמופלים. אויך מיר „נפסות"! „באַלעבאַטישע סנאָרעד". רק די פּאָר"„גראָסען". „סמענדריקעס" פאַרזאָרגער... געפונען אַ „סוטה"...

פון דאַן אָן איז אין שקלאָוו אַוועק אַ גערעדעריי, אַז מ׳וועט זיך מיט לייבע האָרבן אָפּרעכענען. דערווייל האָבען זיך די יונגע גבאים געקיהלט דאָס האַרץ מיט באַריידען דעם

פראַצענטניק און מיט פאַרוואַרפען איהם מיט בלאָטע. קיינמאָל האָט מען נאָך אַזוי פיעל ניט אָפּגעלאַכט, ניט דערצעהלט אַזוי פיעל מיאוסע מעשות פון לייבע האָרבן, פון זיין מויערעל, פון זיין ווייב... מען ווייסט דען ניט, אַז בת־שבע האָט איהם פיינט ווי אַ שפּין? מען ווייסט דען ניט, אַז זי לויפט אָפטערס צו אַלטער דעם זייגער־מיסטער?... אָט צו דעם פאַרזעסענעם בחור מיט די פרישציקלעך, וועמענס וואַר־שטאַטעל עס שטעהט בשכנות מיט לייבע־האָרבס בשמים־קרעמעל... אמת, אַלטער דער זייגערמייסטער האָט אַמאָל געזאָלט ווערען איהר חתן, און דער פראַצענטניק האָט זיך אַריינגעשטופּט אין מיטען... אָבער וואָס האָט זי איצט צו לויפען אין זיין קרע־מעל? וואו האָט דאָס לייבע־האָרב אַזוי פיעל זייגערס, ער זאָל זיי דאַרפען פאַרריכטען?... נאָר ס'איז „אַ באַוואוסטע זאַך"...

דאָ האָט מען פרום אַראָפּגעלאָזט די אויגען און מען האָט זיך געשושקעט, כדי פּייוקע זאָל גאָרניט הערען. אָבער פּייוקע האָט זיך אינגאַנצען אָנגעשפּיצט: וועלכער זייגערמיס־טער? אָט דער, וועלכער האָט אַ קרעמעל אין מאַרק מיט גרוי־סע שויבען און מיט אויסגעהאָנגענע זייגערלעך? אָט דער גע־זעצטער יונגער־מאַן מיט די וויינפּערלעך אויפן שטערען און מיטן פּליכעל אין די געדיכטע האָר? אָט דער?...

פּייוקען האָט געגומען גריזשען אין האַרצען. ער האָט אָנגעטאַפּט די פּלוים־ביינדעלע אין קעשענע, אַ זכר פון בת־שבעס גוטסקייט, וואָס ער האָט ביי זיך געטראָגען ווי אַ קמיע. נאָר ס'האָט וועניג וואָס געהאָלפען. דאָס פּליכעל פון אַלטער דעם זייגערמיסטער איז איהם נישט אַרויס פון קאָפּ...

דערפאַר האָט פּייוקע שטאַרק הנאה געהאַט, ווען מען האָט חוזק געמאַכט פון לייבע האָרבן אַליין. ווען מען האָט פון איהם דערצעהלט, מיט אַ זלידנעם שמייכעלע, אַז... ס'איז „אַ באַוואוסטע זאַך"... מען ווייסט דען ניט?

איטשייזשע זשאַמעס, למשל, האָט דערצעהלט:

— ס'איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך. זינט ער לעבט טראָגט ער דאָך, דער האָרב, אַ פּאָר לעדערנע הויזלעך...

— לעדערנע?

— וואָס דען... ס'זאָל זיך ניט אויסרייבען.

— עי, ניין,—צווייפעלט פייוקע און קוקט זיך דערביי— ער טראָגט דאָך אַזעטקענע... פון שוואַרצען לייוענט. ווי חברה־שע יתומים...

— וואָס ווייסטו!—איז איהם מבטל איטשייזשע מיט זעהר אַן ערנסטע מינע.—אפשר פון פּאָרענט, יאָ. דער גאַנצער גע־זעס איז ביי איהם פון לעדער, זאָג איך דיר. ס'איז נאָר פּאַר־האנגען מיט דער טשאָרטוועקאָזענער קאַפּאָטקע.

בשעת טהיי־טרינקען ביי איטשייזשען אין שטוב האָט חנא דעם דיינס דערצעהלט אַזא מעשה:

— איהר הערט דאָך! איינמאָל ביינאַכט קומט צו פאָהרען אַ גאַסט צו לייבע האָרבן. זיינער אַן עלטערער קרוב. זאָגט צו איהם דער האָרב: נו, וועטשערע האָסטו דאָך שוין מסתמא אָפּגעגעסען, טהיי האָסטו דאָך שוין אַודאי און אודאי אָפּגע־טרונקען, טאָ פאַרהער־זשע מיין אינגעל און שענק איהם אַ קאָפּיקע.

איטשייזשעס ווייבעל מיט די גרינע אויגען האָט זיך גע־קאַטשעט פאַר געלעכטער און פייוקען האָט אַזש גענומען שטעכען אין זייט פאַר לאַכען. נאָר דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. חנא דעם דיינס האָט נאָכגעמאַכט ווי לייבע האָרב לערענט זיי־נע קינדער געהן אויף דער גאַס:

— אַז איהר געהט, — אַזוי איז דער פּראָצענטניק מדריך זיין חיימקען און זעלדעלען,—טו געהט זשע ווי „מענצען". מען דאַרף „טאָפּצען" אין מיטען „פּאָדעסווע", דאַרף מען, ווייל יע־דער טריט קאָסט קאָסט געלד. מען טאָר ניט סמאָרען מיט די אָפּצאַ־סען, ווייל יעדער „סמאָר" קאָסט געלד.

— געהען זיי טאַקע אַלע, ווי די קעץ אין זאָקען, — כאַפּט אונטער איטשייזשע — ווי תשעה־באב צום בית־עלמין...

— אַז איהר זעהט אין די קראָמען גוטע־זאַכען, — מאַכט נאָך ווייטער חנא דעם דיינס,—טו קוקט ניט. וואָס טויג אייך קוקען? ס'איז אַלץ אויף אויסצונאַרען געלט... אָטאָ „למשל", הענגט ביי אַלטער דעם זייגערמיסטער אַ זילבערנער זייגערעל אין פענסטער! איז דאָס אַלץ אויף אויסצונאַרען „די פּאַר גראָסען".

איהר מיינט ער וויל אייער טובה? — די „פאָר גראָסען"!..

— איי „די פאָר גראָסען"!

— רק די פאָר „גראָסען".

— וואו טהוט ער אַהין זיינע פראָצענטען?

— אין האָרב.

— אַ פולער האָרב מיט פּיאַטאַקלעך

— מיט גריוונעצקעס.

— מיט גאָלדשטיקלעך, זאָגט מען אייך.

— געדאַרפט איהם אָנרייבען אַ האָרב!

— ער זאָל חברה „סומך־נופלים" האָבען צו געדענקען.

— נו!

— נו־נו...

און די שעה פון נקמה איז געקומען. זי איז אָנגעקו־מען אין מיטען ווינטער.

# דער מגיד רייבט איהם אַ מאָרדע

## 1

אין מיטעןווינטער איז אין שקלאָוו אַראָפּגעפאָהרען דער מגיד שלום־מאיר פּיסקון. אַ געגריי־זעלטער עלטערער איד, מיט אַ צעקוועטשטען בעזעל און מיט אַ „פאָנפע". אַמאָל, זאָגט מען, אין די צייטען פון סמאָליענסקין, איז ער געווען אַ משכּיל, אַ העברעאישער בעל־דקדוק. דערנאָך איז ער פרום געוואָרען און גענומען האַלטען גאָטספאָרכטיגע דרשות אין די בתי־מדרשים.

אָבער פון זיין השכּלה האָט ער זיך פאָרט ניט געקענט אָפּזאָגען אינגאַנצען. פלעגט ער אין זיינע דרשות אַריינמישען פון וואָס מ'וויל הערען און זעהען. פּשוט — פון פויגעל־מילך!... „גאַגרעפיע" איז „גאַגרעפיע", „פילעסופיע" איז „פילע־סופיע", „גימעטריע" איז „גימעטריע". און ווי אַזוי עס לעבען חיות און עופות, און ווי אַזוי אין וואַרשע איז געבוירען גע־וואָרען אַ מענש מיט אַ פויגעלשען קאָפּ... און ווי אַזוי די ערד דרעהט זיך, און ווי אַזוי די געבליטען לויפען אַרום אין די אָדערען... און וואָס פאַר אַ „חכמת הטעכניקע" עס האָט אַמאָל געשטעקט אין אָט דעם אידען בצלאל, וועלכער האָט געבויט דעם משכּן... און וועגען „השארת הנפש", אין וועלכען די גרויסע געלערנטע, די חכמי־החקירה ביי די אומות־העולם, זיינען שוין אויך מודה. ווייל אַפילו אַ פאַרברענט שטיקעל פּאַפּיר

ווערט אויך ניט פאַרפאַלען... והא ראיה... הכלל, די גאַנצע וויסענשאַפט, וואָס זעליג סלאָנימסקי האָט אַריינגעפּאַקט אין זיין וואַרשעווער „הצפירה", אָנשטאָט דער פאַרבאָטענער פּאָליטיק, אין אַלעקסאַנדער דעם דריטענס צייטען. ביי די עלטערע אידען איז שלום-מאיר געווען אַביסעל טריף-פסול, דערפאַר אָבער האָבען פון איהם די יונגע לייט שטאַרק געהאַלטען.

איז ווי נאָר אָט דער מגיד פיסקון מיט דער פּאָנפע האָט זיך באַוויזען אין שטעטעל, האָבען איהם די גבאים פון „סומך נופלים" געמאַכט אַ וויזיט אין זיין אַכסניה און מכבד געווען מיט גוטע פּאַפּיראָסען. און איטשייזשע האָט איהם פאַרבעטען אויף אַ וואַרמעס צו זיך אַהיים און דעם חבר זיינעם, חנא, דעם דיינס בחור, אויך פאַרבעטען.

וואָס מען האָט דאָרטען געשמועסט זאַלבעדריט ביים וואַרמעס עסען און נאָך וואַרמעס — דאָס ווייסט קיינער ניט. נאָר פון די צעקלעפּטע צעטעלעך אויף די קופערנע האַנטפּאַסען, אין די בתי-מדרשים, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז... „מיט דער הילף פון גאָט, געבענשט זאָל ער זיין, וועט דינסטאָג — אַ טאָג, וואָס איז איינגאַנצען גוט — נאָך מנחה, דער מגיד פון גערעכטיקייט, דער שטראָפער אין די טויערען *), ר' שלום-מאיר פיסקון, מ"ס און פ"ט און צ"ט פון דער הייליגער קהילה מאָהליוו, אויפהויבען זיין זאָגעכץ אין אַלטען בית-מדרש אין ק"ק שקלאָוו..."

„הקבצו..." אַזוי איז ווייטער געווען געשריבען אין די צעטעלעך, מיט אַ שעהנעם רבנישען כתב, מיט בלויע טינט און מיט געצאַצקעטען משכּיליש-למדנישען לשון-קודש, — „זאַמעלט אייך צוזאַמען, די קינדער פון יעקבן, צו טאָן הערען די חידושים און די וואונדערלעכע זאַכען פון היינטיגער סדרה, וואָס דער זיסטער פון די דרשנים פון פאָלק ישראל וועט אויפהויבען אין די אויערען פון די פערזאַמעלטע, און וועגען זאַכען, וואָס שטעהען אין דער הויכקייט פון דער וועלט. און דעם צוהערער

---

*) אַ העברעאישע מליצה: „מגיד מישרים, מוכיח בשערים..."

װעט זײַן זיס און ס'װעט אויף איהם קומען די ברכה פון גוטס".

א געװעהנלעכע מגידישע מודעה. נאָר בײַם פּעטער אורי אין שטוב האָט מען געװאוסט, אַז מען האָט אויסגעקליבען דוקא דעם אַלטען בית־המדרש, װײַל לײַבע האָרב דאַװענט דאָרטען, און אַז דער „מגיד פון גערעכטיקײַט", ר' שלום־מאיר פּיסקון פון מאָהליװ, װעט איהם דאָרטען „אָנרײַבען אַ מאָרדע". שאַ, און שטיל זאָל זײַן! מען דאַרף דערפון ניט רעדען...

פּײַװקע איז געװען אויסער זיך פאַר שמחה, װאָס מען װעט ר' לײַבען „אָנרײַבען אַ מאָרדע". ער האָט זיך פאָרגע־שטעלט די זאַך אַזוי: דער מאָהליװער מגיד מיטן צעקװעטש־טען נעזעל װעט אַרויפקריכען אויף לײַבע־האָרבען און װעט איהם אָנרײַבען אונטערען באָרד מיט שײַער־זאַמד, פונקט װי פּעסקע די דינסטמויד טהוט עס מיט דעם מעשנעם סאַמאָװאַר, ערב יום־טוב. ס'האָט זיך איהם שטאַרק געגלוסט זעהען אַזאַ טשיקאַװע סצענע, דערלעבען אַמאָל נקמה אין דעם מיאוסען האָרב. האָט ער זיך געבעטען בײַ דער מוהמע־פײַגען זי זאָל איהם לאָזען געהן הערען דעם מגיד. און ס'איז איהם ניט אָנגעקומען שװער. װײַל די מוהמע־פײַגע אַלײן האָט ליעב גע־געהאַט הערען אַ מגיד װי דאָס חיות; און איז געװען צופרי־דען, װאָס איהר חומש־בחור איז געראָטען אין איהר.

דינסטאָג נאָך מנחה, װען פּײַװקע איז אָנ־געלאָפען פון חדר אין אַלטען בית־מדרש, האָט ער זיך אָנגע־שטויסען אָן אַ װאַנט מיט מענשען. דער בית־מדרש איז שױן געװען געפּאַקט. מען איז געשטאַנען אויפן באַלעמער און אַרום ארון־קדוש. פון די הילצערנע שװאַרצע גראַטעס, איבער דער װײַבער־שול, האָבען אַרויסגעקוקט שטיקלעך נעז און שטערנס נײַגעריגע אויגען און גרײַזעלעך פון פּאַרוקען, קאָסינקעס און פּאַטשײַלעס, צעפּלעך פון מײדלעך און פּיסקלעך פון װײַבער.

קודם־כל האָט פּײַװקע געכאַפּט אַ קוק, צי לײַבע־האָרב זיצט אויף זײַן שטענדיגען אָרט לעבען הרובע. יאָ! לײַבע האָרב איז דאָ. ער שאָקעלט זיך צו פּאַמעלעך און פרעגעלט

דעם האָרב זיינעם אָן די הייסע, גלאַטע קאַכלעס. זיין שעפּ־סענער פוטער מיטן הויכען קאָלנער איז האַלב-אויסגעטאָן, האַלב אונטער איהם. ער האָט שטענדיג מורא מען זאָל ביי איהם ניט גנבענען אַזאַ שאָפענע מציאה. זיצט ער זיך אַזוי מיט זיין ברוינער טשאָרטוועקאָזענער קאַפּאָטקע אויף זיין אָראָפּגעגליטשטען פוטער, ווי אַ קרומער ניסעלע אין זיין אויבער־שאָלעכץ, הערט זיך איין, לעגט צו אַ דלאָניע צום אויער און פאַרקוועטשט איין אויג; ווייל פּיסקון, דער מאָהליוער מגיד, דרשענט שוין. הייסט דאָס, אַז ר' לייבע ווייסט פון קיין מעשה ניט; ער ווייסט ניט וואָס מען וויל איהם דאָ אָפּטאָן...

פּייווקע האָט זיך קוים דערשלאָגען אַביסעל ווייטער, כדי צו זעהען, אין איין און דער זעלבער צייט, סיי דעם מגיד, סיי דעם האָרב. זעהט ער, אַז אויף דער הויך פון ארון-קודש, ביי אַ רויטען שטענדער, אָנגעטאָן אין טלית און יאַרמעלקע, שטעהט שוין שלום-מאיר פּיסקון און פּאָנפעט. פון ביידע זייטען אָרון-קודש שטעהען אויף דער וואַך די גבאים פון „סומך נופלים": איטשייזשע, דעם פּעטער זשאַמעס בן-יחיד, און חנא דעם דיינס בחור. ביידע האַלטען דעם מגיד אויפן אויג, ער זאָל האַלטען וואָרט און „אָנרייבען אַ מאָרדע" ווען מען באַדאַרף...

חידושט זיך פּייווקע: ווי אַזוי וועט דאָס דער „מגיד פון גערעכטיקייט", שלום-מאיר פּיסקון, דערלאַנגען פון ארון-קודש אַראָפּ צו דער הרובע, לעבען סאַמע טיר, כדי צו „אָנרייבען אַ מאָרדע" לייבען האָרב דעם פּראָצענטניק? פאָלג מיך אַ גאַנג! אָדער וועט ער אפשר אין מיטען דרוש מוזען דורכגעהן צווי־שען צוויי ווענט פון מענשען, כדי אַרויפצוקריכען מיט אַ הויפען שייער-זאַמד אויפן האָרב און רייבען איהם אַ מאָרדע?... ווייזט אויס, אַז מען מיינט דאָ עפּעס, אַז מען וועט איהם דאָ אָפּטאָן אַ ספּאָדיק פון דערווייטענס...

דערווייל איז ביז רייבען אַ מאָרדע נאָך זעהר ווייט. דערווייל פּלאָנטערט זיך פּיסקון דער מגיד אין פּסוקים, וואָס זיינען „כולו מוקשה". ער נעהמט אַ פּראָסטען פּסוק פון משלי, וואָס דער רבי אין חדר האָט איהם איינגעטייטשט אַזוי גלאַט

און אַזוי פּשוט; למשל, אַזאַ קלאָרע זאַך ווי „לך אל נמלה, עצל" — גיי צו דער מילב, דו פוילער!...

און צעברעכט עס און צעברעקלט עס און שטעלט זיך נאָך איבערן ברוכווארג און פּאַנפעט און טענהט, אַז דער פּסוק איז „כלו מוקשה"... ס'הייסט, אַז מען פאַרשטעהט קיין וואָרט ניט, ס'איז פול מיט קשיות... ליגט אַזוי דער פּסוק אַ צעמזיקטער, אַ צעלעכערטער, און פון די לעכער שיט זיך מיט תורה און מיט חכמה פון שלום-מאיר פּיסקון — דעם מאַהליווער מגיד, „דער שטראָפער אין די טויערען".

נאָר איידער ער דערבאַרעמט זיך און שטוקעוועט צוזאַמען דעם צעטרענטען פּסוק, גיט ער זיך אַ וואָרף צו אַ שטיקעל מדרש, פון מדרש צו גמרא, און פון גמרא קעהרט ער זיך אום צו שלמה המלך. דער מדרש ביים מגיד „שטעלט זיך אַוועק", די גמרא — „שפּאַרט זיך איין" און שלמה המלך „קומט צו געהן"... אַט למשל „שפּאַרט זיך איין" די גמרא ביי שלום-מאיר פּיסקון און זאָגט אַזוי: „בעד שלוש עבירות", פאַר דריי עבירות שטאַרבען די ווייבער בשעת זיי ווערען געלעגען: פאַר דעם, וואָס זיי שיידען ניט אָפּ קיין חלה, פאַר ניט בענשען קיין ליכט, און פאַר ניט היטען זיך בשעת אומריינקייט. דער מגיד פּאַנפעט, ציהט און האַקט די האַרבע ווערטער, קלינגענדיג און זינגענדיג, פּאַמעלעך און מאוימדיג, ווי אַ גלאָק, וואָס זאָגט אָן אַ שלעכטע בשורה. איי, באַם-באַם און בים-באַם... ער קוקט דערביי ארויף צום עזרת-נשים, וואו די ווייבער שטעהן איינגעשפּאַרט הינטער די שוואַרצע הילצערנע גראַטעס, ווי די קאַזעס, וואָס זיינען פאַרקראַכען אין היזק. די קלינגענדיגע, געצויגענע נונען אין דעם מגידס פּאַנפען גיבען זיין קול נאָך מעהר עהנלעכקייט מיט אַ טרויער-גלאָק:

— אי. פאַר, דריי-ן, ענ-בירות... שטאַרבען די-ן ווייב-בער...

דערהערט מען אין עזרת-נשים אַזאַ באַגרעבעניש, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, צעגיסען זיך די אַלטע ווייבער אין טייכען טרעהרען און די יונגע ווייבלעך מאַכען גרויסע אויגען און ווערען בלאַס ווי קאַלך. וואו-ניט-וואו שווימט אַרויס אַ

פאַרשטיקטער, ווייבערישער דיפּצעלע, און שרעק־קוויטשעלע. דערזעהט שלום־מאיר פּאָנפּע, אַז ער האָט דעם „שוואַכען מין" גאָר נישקשהדיג צענומען, באַשליסט ער, אַז ס'איז שוין גענוג צו מוטשען זיי און גיט ווייטער אַ קעהר זיין צעקוועטשטען בעזועל צום מאַנסבילשען עולם, און די בולטע אויגען זיינע פינטלען און פינקלען ווי ביי אַ באָק, נאָך אַ כאַפּ טאָן אַ מויל קרויט פון אַ פאַרצוימטען גאָרטען:

— שטעלט זיך אָבער אַוועק דער מדרש און זאָגט אַזוי...

ער צעפּעפּערט זיך מיט פּשטלעך, ער צעציבעלט זיך מיט טייטשלעך. ער פאַרזאַלצט דאָס אַלץ מיט טיפע ידיעות, אָס ער האָט געבראַכט פון מאָהליוו, און פון אַלטע פאַרלעגענע הצפירהס. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז ער פאַלט אַריין אין „גאַגראַפיע".

דער וואָרט „גאַגראַפיע" אַליין מאַכט שטויגען אַלע אויערען. און איידער מען כאַפּט אָטעם נאָך אַזאַ געלערענטקייט, מאַכט שוין שלום־מאיר פּיסקון אַ טשיקאַווע ענטדעקונג, אַז „הארץ עגולה כביצה". די ערד, הייסט עס, איז קיילעכדיג אַזוי ווי אַן איי. פונקט, און זאָל עס פעהלען אַ האָר! קיין קיילעכדי־גערע זאַך ווי אַ ביצה האָט ער גאָרניט געקענט אויסזוכען. וואָלט נאָך נעווען נישקשה. קומט דאָס אָבער ביי איהם אַרויס פון זיין צעקוועטשט בעזעל, מיט די אויפגעבלאָזענע פּענכער־לעך־באָזלעכער, דורכגעצירעוועט מיט גאָלע נונען:

— האָנרץ ענגולה כנביצה... די ערד איז קיינלעכדיג אַנזוי ווין אַן בינצה...

פּייווקע באַמערקט, אַז דער עולם שטעהט פאַרגאַפּט פון דער טיפער וויסענשאַפט. אומגעדולדיג זיינען נאָר צוויי: חנא דעם דיינס בחור און איטשייזשע זשאַמעס. זיי שטעהעןביידע ווי אויף הייסע קוילען. איטשייזשע מאַכט אַפילו דעם מגיד אַ צייכען מיט די ברעמען, דערנאָך מיטן פינגער. פּייווקע פאַרשטעהט, אַז דאָס דערמאָנט ער איהם מכוח דעם, וואָס מען האָט אָפּגערעדט... ער דערמאָנט איהם די גוטע פּאַפּיראָסען און דעם פיינעם וואַרמעס...

אָבער שלום-מאיר פּיסקון, דער מגיד פון גערעכטיקייט, דער „שטראָפער אין די טויערען", איז גאָר אַוועק אויף די „געבליטען", וואָס קייקלען זיך אין דעם מענשענס לייב, און האָט פאַרגעסען אויף דער גאַנצער וועלט און אויף איטשייזשעס וואַרמעס. די געבליטען, זאָגט שלום-מאיר, קייקלען זיך ביי דעם מענשען, זאָגט ער, ווי די רעדער אין א זייגער. זאָל עס פעהלען א האָר. דרעהט מען אָן דעם זייגער, זאָגט פּיסקון, געהט ער, דער זייגער; געהען די רעדער אויס — בלייבט ער שטעהן. א זייגער, זאָגט שלום-מאיר, דאַרף האָבען אַן אָנציהער און א מענש דאַרף האָבען מזונות... דעריבער האָפט ער, אַז דער הייליגער שקלאָווער קהל וועט ניט פאַרגעסען אָנציהען זיין זייגער... וועט ניט פאַרגעסען, אַז ער, שלום-מאיר פּיסקון, דאַרף אויך האָבען מזונות... און ער האָפט, אַז „יענטעוועדערער וועט ענפּעס געגעבען אין קענרה אַגריין..." (וועט עפּעס געבען אין קערה).

## 2

ביי די גבאים פון חברה „סומך נופלים" האָט אָבער גע-פּלאַצט דאָס געדולד. סיי איטשייזשע און סיי חנא דעם דיינס האָבען זיך צוגעשטופּט צום ארון-קודש און געמאַכט דעם מגיד גזלנישע פּנימער. חנא דעם דיינס האָט זיך אפילו ניט בעקענט איינהאַלטען און גענומען הוסטען. און אַז פּיסקון דער מגיד האָט איהם אָנגעקוקט, האָט ער איהם געמאַכט א גאַנץ קענט-לעכען צייכען מיטן פינגער צו דער הרובע... ערשט דאָ האָט זיך שלום-מאיר געכאַפּט, אַז ער איז צו ווייט פאַרקראָכען, און גענומען קירעווען די דרשה און אַרויספאָהרען אויף אַזעלכע אידען, וואָס... וואָס... וועלכענע... ס'הייסט אַנטקעגען וואָס האָט ער דערמאָנט שקלאָווער קהל וועגען דער „קערה" און וועגען מזונות... ער, שלום-מאיר פּיסקון, ווייסט דען ניט, אַז שקלאָווער אידען זיינען באַריהמט אַלס גרויסע בעלי-צדקה, מכניסי-אורחים; אידען, וואָס זיינען מקרב תלמידי-חכמים, וואָס גיבען אַוועק

דעם לעצטען צווייער פאַר אַ מגיד... אלא וואָס דען? עס זייַנען צווישען זיי אַזעלכענע, וואָס אַ גאַנצען טאָג זיצען זיי און לערנען און דאַווענען, און ווי עס קומט צו פאַרשרייבען זיך אין אַ חברה „סומך נופלים", אַ חברה, וואָס איז זיך מפקיר פאַר אָרימע לייט און פאַר געפאַלענע בעלי־בתים; אָדער ווי עס קומט צו געבען אַ נדבה אַ מגיד, וואָס דאַרף חתונה מאַכען אַ טאָכטער...

פייווקע האָט זיך אינגאַנצען אָנגעשפּיצט, ער האָט זיך אַ קעהר געטאָן און אויפגעשטעלט זיך אויף די ציפּקעלעך, כּדי זעהן, וואָס לייבע האָרב וועט דאָ טאָן. אַפּנים, אַז דאָס הויבט מען אָן צו „רייבען אַ מאָרדע".

לייבע האָרב זיצט ביי דער הרובע און שאָקעלט זיך קוים־קוים. זיין זילבערנעם סגולה־אוירענגעל באַמבעלט ער, זיין האָרב גלעט ער אָן די הייסע קאַכעלס. ער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ניט איהם מיינט מען דאָס...

נאָר מיט אַמאָל שאַלט אויף שלום־מאיר פּיסקונס קול מיט אַזאַ פאָנפע און מיט אַזאַ כּוח, ווי פון אַ מעשענער טרובע אַרויס. ער ווייזט אָן מיטן פינגער, פון דער הויך פון אָרון־קודש, צו דער הרובע־צו, און זיין באַזעוואַטער קול טרובעט איבערן גאַנצען־בית־מדרש:

— וואו איננ אַן ראיה, רבנותי, אין דער תורה אויף אַן אַזעלכענע אינדען? אָט, הגמל (הגמל), אָט דער קעמעל, אָט דער האָרב, אָט דער קרומער־רוקען! כּי מעלה גרה הוא... ער זיצט אַפילו און מעלה־גרהט אַ גאַנצען טאָג, מאַכט מיט די ליפּען און דאַווענט און לערנט... אָבער: ומפריס איננו פרסה... די לאַפּקע איז ביי איהם ניט אָפען...

— טמא הואן לנכם! (טמא הוא לכם) — האָט ר' שלום־מאיר פּיסקון פאַרענדיגט ווי אַ טרומייטער — טרייבּ זאָל בייך אייך זיין אַנזאַ אינדעלע!...

און דאָ איז געשעהן דאָס, אויף וואָס פייווקע און די גבאים פון „סומך־נופלים" האָבען געוואַרט מיט האַרצקלאַפּעניש אַ גאַנצען אָווענד.

לייבע האָרבס ברעמען האָבען זיך פאַרשאַרצט אונטער זיין וואַטאָווער היטעל, די הענטלעך האָט ער אַוועקגעכאַפּט פון דער הייסער הרובע און געגעבען זיך אַ שטעל-אויף, פונקט ווי מען וואָלט איהם אונטערגעשטאָכען מיט אַן אָנגעגליהטער באָדעל. די אידען, וואָס זייגען מיט איהם געזעסען אויף איין באַנק, זיינען פון איהם אָפּגעשפּרונגען ווי פון אַ בריאה=משונה וואָס איז אָקאָרשט מגולגל געוואָרען... האַלב=קעמעל האַלב-מענש. לייבע-האָרב איז געוואָרען בלאַס, זיך אַוועקגעזעצט און ווייטער אויפגעשטאַנען. אַרום איהם האָבען אידען געלאַכט אין די בערד מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען. און וואָס ווייטער פון איהם, אַרום דעם בעלעמער און לעבען אָרון=קודש, איז דער געלעכטער געווען אַלץ שטעכעדיגער און הילכיגער. פינגער, ווי שפּיזען, האָבען געטייטעלט צום האָרב פון אַלע זייטען. פון ווייבערשען שטייג, צווישען די שוואַרצע גראַטעס, האָבען זיך אויך אַרויסגעשטעקט ווייסע פינגערלעך ווי קרומע ליכטלעך: „אָט אָ דאָרטען איז ער!“... און פּיסקון דער מגיד, באַגייסטערט פון קהלשער אונטערשטיצונג, האָט ווייטער איבערגעחזרט זיין פּשטל:

— טמא הוא לכם!... אַנזאַ אינדעלע זאָל ביין איינך זיין טריינף!

„צינד האָט פּיווקע באַשיינפּערלעך דערזעהן, וואָס הייסט „אָנרייבען אַ מאָרדע“. ער האָט דערזעהן, אַז די ווירקונג פון אַזאַ סאָרט „אָנרייבען“ איז אַ סך שטאַרקער ווי אָנרייבען דעם סאַמאָוואַר מיט שייער=זאַמד. ווייל אין לייבע האָרבס פּנים האָט זיך גענומען בייטען אַלערליי קאָלירען. פון רויט ביז געל און פון ווייס ביז גרין. מיט ציטעריגע הענט האָט אויף זיך ר׳ לייבע קוים אַרויפגעצויגען זיין שעפּסענעם, האַלב=אויסגעטאָנענעם טולופּ, אויפגעשטעלט דעם הויכען האָריגען קאָלנער, און ווי אַ שיכורער גענומען רוקען זיך צו דער טיר. דער עולם האָט איהם, לאַכענדיג אין די בערד, געמאַכט „אַ וואַרע“. מען האָט זיך פונאַנדערגערוקט אין צוויי כיכיקענדיגע ווענט און דורכגעלאָזט דעם האָרב ביזקל אַרויסגאַנג. אַזוי איז ר׳ לייבע אַרויס און פאַרשוואונדען אין דער נאַכט אַריין, אָהן מעריב

דאַוונען. נאָך איהם זענען אַרויסגעלאָפען נאָר אַ פּאָר אינגלעך־שקצים, חברהשע עזות־פּנימער.

אין אַלטען בית־מדרש איז דערווייל געוואָרען אַ שטי־קעל טומעל. עלטערע אידען האָבען ערשט אַצינד גענומען בורטשען, אַז מ'האָט מבייש־געווען אַ אידען מיט אַ גרויער באָרד. די אָפּלאַכער האָבען זיך איבערגעקוקט פאַרשעמט. אָבער די יונגע לייט, איבערהויפּט די גבאים פון „סומך נופלים" און אַלע, וואָס האַלטען מיט זיי, האָבען אויף צו־להכעיס געלאַכט נאָך לייבע־האָרבס אַנטלויפען. די ווייבער־שול האָט געקוואָטשקעט ווי אַ פולע שטייג מיט הינער. האָט פּיסקון דער מגיד דער־זעהן, אַז מ'הערט איהם ניט מעהר, האָט ער שוין געמאַכט בקיצור. דערמאָנט נאָך אַ מאָל די קערה... ובא לציון גואל... ונאמר אמן!

פּייוקע האָט מעהר ניט געקענט וואַרטען ביז מען וועט זיך שטעלען דאַוונען מעריב. אַן אומרוהיגקייט האָט איהם געפּייניגט. איז ער אַרויסגעלאָפען זעהן, וואָס עס טהוט זיך מיט לייבע־האָרבן. ער איז מסתמא אַוועק, אָהן מעריב־דאַוונען, גלייך אַהיים. סיי פּייוקע, סיי ר' לייבע האָבען דאָך איין וועג, אי־בער דער קאַנאַווע צו די קרויט־גערטנער... ער האָט איהם טאַקע גלייך אָנגעיאָגט. און, כדי לייבע־האָרב זאָל איהם ניט דערזעהן, האָט ער זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון גאַס, געריבען זיך ביי די הייזקעס.

לייבע האָרב איז געגאַנגען אָנגעבויגען אינמיטען גאַס, געטיאָפּעט אין נאַסען שניי ווי אַ שיכורער, געפּלאָנטערט זיך אין זיין שעפּסענעם פוטער, ווי אַ אידענע אין שווערע שלומפּערס. פון זיין איינגעבויגענקייט איז זיין האָרב נאָך מעהר אויסגע־וואַקסען. אַן אמתער „קעמעל"... אַזאַ קעמעל, ווי פּייוקע האָט געזעהן אויסגעמאָלט אין אַ רוסישער כרעסטאָמאַטיע... דער פּאָנפאַטער מגיד האָט איהם עפּעס פאַרשאָלטען. געמאַכט פון איהם אַ מין גלגול, רחמנא לצלן!

אַ פּאָר חברהשע אינגלעך זיינען נאָכגעלאָפען נאָכן „גלגול" און נאָכגעשריען. אָבער ביי פּייוקען האָט געקלעמט דאָס האַרץ.

דער נקמה־געפיהל האָט ניט לאַנג געדויערט. ער האָט זיך אין גאַנצען אויסגעוועפּט ווי אַן אויפגעעפענטע כּלי מיט גיפט. פייוועקע האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך געפיהלט אויפן יאַריד, בשעת דער קאַצאַפּ האָט איהם אָראָפּגעכאַפּט דאָס היי־טעל און אַלע פּאַרקויפעקעס האָבּן פון איהם געמאַכט חוכא־וטלולא. —

„על דאטפת אטפוך", האָט ער זיך דערמאָנט אַ מוסר־השכל פון פּרק. דערפאַר וואָס דו האָסט דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען. אַלץ צאָהלט זיך אָפּ אויף דער וועלט. אַלץ קומט צוריק, אַלץ שלאָגט אָפּ ווי אַן אָנגעטראָטענע קאָטשערע. פּונקט אַזוי ווי מען האָט געלאַכט פון פייוועקען אויפן יאַריד און לייבע האָרב האָט קיין רחמנות ניט געהאַט, אַזוי לאַכט מען איצט פון לייבע־האָרבן און קיינער האָט קיין רחמנות ניט... אַ חוזק איהם, פייוועקען... וואָרים גיב נאָר אַ קוק! ער האָט אויף איהם מעהר קיין ביין האָרץ ניט. פאַרקעהרט, עס פאַרדריסט איהם, וואָס מען האָט אַן עלטערען אידען, אַ בעל־מום אַזוי מבייש געווען. פּיסקון דער מגיד איז אַ פּאַסקידנער איד; אַ איד, וואָס מען קויפט איהם אָפּ מיט איטשייזשעס אַ וואַרמעס און מען רייצט איהם אָהן ווי אַ הונט אויף פרעמדע מענשען, וואָס האָבען איהם קיין שלעכטס ניט געטאָן. חנא דעם דיינס בחור איז גלאַט אַ טפש...

לייבע־האָרב האָט זיך איינגעהויקערטערהייט פאַרקירעוועט צום בריקעל, וואָס איז איבערגעוואָרפען איבער דער גרויסער קאַנאַווע. אויף דער זידלעריי פון די פּאָר גאַסען־אינגלעך האָט ער ניט געענטפערט, אפילו דעם קאָפּ ניט אַ קעהר געטאָן. ווי אַ טויב־שטומער איז ער געגאַנגען. טיאָפּ־טיאָפּ אין נאַסען שניי... זיינען די אינגלעך סוף כל סוף מיד געוואָרען און אָפּ־געשטאַנען. און פייוועקע האָט מיט אַ מאָל דערזעהן, אַז ניט ווייט פון זיין מויערל, האָט לייבע־האָרב געזוכען וואַקלען און אַנגעשפּאַרט זיך מיט ביידע וואַטאָווע אַרבעל אָן אַ צעבראָכענעם צוים פון אַ וויסטען קרויט־גאָרטען. פייוועקע איז צוגעלאָפען נעהנטער, טאָמער איז ר׳ לייבען ניט גוט געוואָרען — וועט ער אַרויסרופען

פון מויערעל בת-שבען. צו זיין גרויסען שרעק דערהערט ער, אז לייבע-האָרב כליפעט שטילערהייט, אין זיין שעפּסענעם קאָלנער, מיט א שרעקלעכען קינדערשען קול, אזוי ווי עס קענען נאָר כליפּען פאַריתומטע, אומגליקליכע, אלטיטשקע לייט.

און דאָ אַרום איז נאַכט, צעגאַנגענער שניי, ווייס-שוואַרץ געפלעקטע, וויסטע גערטנער. אבילות... און דאָס פאַרשטיקטע געוויין ווערט אַלץ שאַרפער, ביטערער.

— בו-הו-הו-הו! און נאָכאַמאָל: בו-הו-הו!

א פראָסט איז פייוועקען דורכגעגאַנגען דורכן רוקען. ער האָט דערפיהלט, אז די אַלט-געבאַקענע האַרטקייט פונם איינגע־געסענעם האָרב איז היינטיגע נאַכט געבראָכען געוואָרען. ר לייבע האָט שוין אַצינד געוואויעט ווי א געשלאָגענער, אָפּגע־קראָכענער אַלטער הונט, אָהן צייהן און אָן א בעל־הבית, וואָס ווייסט ניט וואו איבערצונעכטיגען אין אַזאַ וויסטער נאַכט, אין אַזאַ נאַסען שניי. ס'האָט זיך פייוועקען געדוכט, אז לייבע־האָרב קלאָגט אַזוי מאוימדיג, ווי א חיה פאַר א מגפה... ווייל ער פיהלט דעם סוף, עפּעס זעהר א ביטערען סוף... ניין, מיט היינטיגער חרפה אַליין וועט עס זיך ניט ענדיגען... עס וועט זיין... עס וועט... וואָס וועט זיין? דאָס ווייסט ער ניט. נאָר עפּעס וועט זיך נאָך טרעפען...

פייוועקען איז אינגאַנצען איינגעפאַלען דאָס האַרץ. ער האָט געוואָלט צוגעהן צו איהם, אָנגעהמען ביים וואַטאָווען אָר־בעל; און האָט מורא געהאַט, אז לייבע-האָרב וועט איהם ניט פאַרשטעהן, אז ער וועט זיך אַ מאָרדעווע טאָן אויף איהם פון גרויסען האָריגען קאָלנער אַרויס און וועט איהם דעם קאָפּ אָפּבייסען... ניין! בעסער לאָזען איהם אַצינד איינעם אַליין...

פייוועקע איז אַוועק אַהיים אַ דערשלאָגענער, א בלאַסער. ער האָט דעם האָרב אינגאַנצען מוחל געווען.

זיין פייערדיגע ליבע צו בת־שבען, דעם האָרבס ווייבעל, איז פון דענסמאָל אָן עפּעס אויך קיהלער געוואָרען. דערפאַר

האָט זעלדעלע, בת־שבעס טעכטערל, גענומען געפעלען ווערען איהם אלץ מעהר און מעהר. בת־שבע — עט... אן אשת־איש פון א געזידעלטען, פאַרשפּייטען האָרבאַטען אידען. אָט, זעל־דעלע — אַ צאַפּעלדיגע, אַ בלוי־אויגיגע, מיט געדיכטע צעפּ־לעך און מיט חנעוודיגע זומער־שפּרענקלעך פּאַסט פּאַר איהם אַ סך בעסער.

# מיט דער פּוטער אַראָפּ

## 1

אַפּנים, אַז דאָס „אָנרייבען אַ מאָרדע״, וואָס מען האָט אָנגעריבען דעם פינף־און־זעכציג־יאָהריגען האָרב, איז איהם שלעכט באַקומען. וואָרום פון דענסמאָל אָן האָט ער עפּעס גע־נומען אונטערקרענקען, אונטערהוסטען, און פון מענשען גע־האַלטען זיך אָן אַ זייט.

אין קראָם איז ער זעלטען ווען געגאַנגען. אין זיין געלען מויערל באַהאַלטען זיך ווי אַן אונטערגעשאָסענע חיה. פון אַלטען בית־המדרש, וואו מען האָט איהם געמאַכט אַזאַ „וואַרע״, האָט ער מעהר ניט געוואָלט וויסען. געדאַווענט האָט ער אין דער היים. נאָר אין אַ טרוקענעם, פראָסטיגען שבת פלעגט ער אַרויסקריכען, צו מוסף, אין נאָהענטען ר׳ מענדעלס בית־המדרש. דאָרטען פלעגט ער זיך וואַרימען ביי דער הרובע, כראַקען און קוקען אין סדור.

קומענדיג אַלע טאָג, פאַר וואַרמעס, צום „אוראָק״ מיט זעלדעלען, האָט פּייוקע מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, אַז ר׳ לייבע געהט אויס ווי אַ ליכט, אַז דער האָרב און די נאָז ווערען איהם שפּיציגער. צום וואַרמעס האָט ער שוין זעלטען ווען געגעסען פלייש. זיצען פלעגט ער ביים טיש אין זיין שאָפּענעם פּעלץ, ווי אין סוכה, און זליאָקען אַ מילכיגען

קרופּניקעל; פֿלעגט זיך אָפּבענשען, אָהן די פּריה־ורדיגע צבועצקע שטיק, און גלייך געגאַנגען צושפּאַרען זיך.

דער היילכיגער אָפּקלאַנג פֿון דעם מגידס דרשה איז אָבער נאָך לאַנג געשטאַנען איבער שקלאָוו. צו ר׳ לייבעס שעהנע נעמען איז צוגעקומען אַ שפּאָגעל נייע צונעמעניש: „דער קעמעל...״ אָ! דעם קעמעלס מויערעל, דעם קעמעלס קינדער, דעם קעמעלס ווייב, די „קעמעליכע״... אַלץ אַ רמז אויף לייבע האָרבן, אַז ער איז „מעלה־גרה״, נאָר די לאַפּקע איז ביי איהם ניט אָפּען...

פֿון ,דער כרעסטאָמאַטיע האָט פּייוּקע געוואוסט ווי אַ קעמעל זעהט אויס. נאָר איינמאָל האָט ער ביי אַ חבר דער־זעהן דעם זעלבען קעמעל אויף אַ גוטען, גלאַנציגען פּאַפּיר אין פֿאַרבען. שטעהט זיך אַזוי די דאָזיגע חיה אין זאַמד לעבען אַ טייטעלבוים, איין ליפּ הענגט איהר קרום אַראָפּ פֿון מעלה־גרה זיין, און די קוים־אָנגעשפּאָלטענע קאָפּיטעס — עפּעס מאָדנע קאָפּיטעס זיינען דאָס! ברייט און מיאוס ווי צעשוואָמענע און שלעכט־געבאַקענע לאַבענס ברויט. אין די גרויסע אויגען, אונטער כמורנע ברעמען, ליגט אויסגעגאָסען אַ פּוסט־קייט, אַ שוואַרצע טרויעריקייט. און דער ברוין־געלבער האָרב!..

פּייוּקע האָט, צו זיין גרויסער איבערראַשונג, דערזעהן, אַז ר׳ לייבע איז באמת עהנלעך צו אָט דער דאָזיגער חיה. ר׳ לייבעס דינע פּיס אין די וואַרימע, ברייטנאָזיגע וואָליקעס, וואָס ער טראָגט אום־ווינטער, זעהען אויס פּונקט ווי אָט די ניט־צעשפּאָל־טענע, טעמפּע לאַפּעס. און פּונקט אַזוי שטעקט אַרויס דער האָרב אונטער דער אויסגעריבענער, ברוינלעכער טשאָרטוועקאָזענער קאַפּאָטקע. הייגט די שוואַרצע טרויעריקייט אין די אויגען, בשעת ר׳ לייבע זליאָקעט אַצינד דעם מילכיגען קרופּניק, די אָפּגעלאָזענע אונטערשטע ליפּ... ניטאָ מעהר יענע זשעדנעקייט בשעת עסען וואַרימעס, בשעת קייען קעלבעלעך מיט כריין מיט די „סוואַכע ציין״ מיט זייבע... אוי, אוי, ער איז דאָך טאַקי מעלה־גרה ווי אַ קעמעל!

מיט שרעק האָט זיך פּייוּקע גענומען צוקוקען ווי לייבע

האָרב עסט: זאָל עס פעהלען אַ האָר!... דער פאָנפאַטער מגיד האָט איהם עפּעס אָנגעטאָן אַ כשוף. ער מוז זיין אַ געפעהר־לעכער מענש אָט דער „מגיד פון גערעכטיקייט".

פון זיינע געשעפטען האָט זיך אָבער דער פראָצענטניק פאָרט נישט אָפּגעזאָגט. קלים דער פלאָטניק, מיטן שוואַרצען ציגיינערישען פּנים, מיט זיין וואַטאָווער פאָדיאָווקע און מיט זיין איבערטריבענעם פאַרנייגען זיך ביזקעל גאַרטעל, איז גע־וואָרען אַן אָפטער איינגעהער אין מויערעל. זינט ר' לייבע איז שוואַך אויף די פיס איז זיין טריישאַפט צו ר' לייבע־האָרבן געוואַקסען. דאָס ברענגט ער איהם צו פאַרזעצען אַ טו־לופּ, דאָס — אַ זילבערנע קייטעלע, דאָס — אַ שעהנע פאַרביגע „כוסטע". ער ווייזט דאָס לייבע־האָרבן בשתיקה, אונטערן ציצע־נעם פאָרהאַנגעל פון צווייטען צימער. טאַקע דאָרטען, וואו עס שטעהט די גיצקאָוועטע גרויסע קאַסטען מיט די משכנות. מען שושקעט זיך דאָרטען, מען דינגט זיך שטילערהייט. עס קלינ־גען מטבעות. דערנאָך גיט זיך דער פאָרהאַנגעל אַ שאָקעל און קלים דער פלאָטניק בויגט איין דעם קודלאַטען קאָפּ זיינעם, כּדי ניט אָפּקלאַפּען זיך אָן פריטעלקע, און געהט אַרויס. נאָך איהם קריכט ר' לייבע־האָרב ווי אַ מורעשקעלע, און — הוסט. קלים קוקט זיך אַרום מיט פייערדיגע גנבישע אויגען און פאַר־בייגט זיך ביזקעל גאַרטעל; אַפריהער לייבע־האָרבן, דערנאָך הערשקע־קאָפּ דעם לעהרער. הערשקע־קאָפּ פיהלט זיך זעהר געחנפהט, וואָס אַזאַ גרויסער גוי פאַרנויגט זיך איהם אַזוי אונטערטעניג, און ענטפערט איהם אָפּ „דאָסווידאַניע" אין טיעף־רוסיש און מיט גרויס פּרסום.

אָבער פייווקען גיט דוקא אַ שטאָך אין האַרצען, ווען ער דערזעהט קלימס בערישע אויגעלעך. ער האָט פאַר איהם מורא. ער וואונדערט זיך, וואָס אַזאַ אידליק, ווי לייבע־האָרב, באַהאַלט זיך מיט איהם, טאָג־איין טאָג־אויס, אין אַ צווייטען צימער. און וואָס, אַז דער גוי פאַרנויגט זיך איהם, ענטפערט איהם ר' לייבע קוים־קוים, קרעכצט אָפּ מיט ביטול, ווי איינער זאָגט: „ווי ווערט מען פון דיר פּטור!..." אַזאַ זיכערקייט און דרייסטקייט

געפּעלט פּייווקען יאָ. אָבער קלימס אונטערטעניקייט געפעלט איהם פאָרט ניט. עפּעס גלויבט ער ניט דעם גוי.

פּייווקע האָט אפילו איינמאָל געהערט, ווי בת־שבע זאָגט צו ר׳ לייבען, אַז ער זאָל זיך... ער זאָל אַביסעל ווייניגער האָבען צו טאָן מיט קלימען, ווייל ערשטענס: פון וואַנען נעהמט דאָס קלים אַזוי פיעל זאַכען צו פאַרמשכּנען? ווער ווייס וואו ער נעהמט זיי? און צווייטענס... צווייטענס, הלואי זאָל זי אַ טעות האָבען, עפּעס געפעלט איהר ניט אָט דער שוואַר־צער ערל... אָט די אויגעלעך זיינע...

פּייווקע איז נתפּעל געוואָרען. בת־שבע, אָט די חכמה, האָט אַרויסגערעדט דאָס, וואָס ער, פּייווקע, טראַכט. פון וואַנען ווייסט זי דאָס, וואָס ער טראַכט? אָבער לייבע־האָרב האָט דער ווייבס חכמה אַ האָר ניט אָפּגעשאַצט. ער האָט זיך אויף איהר אַ מאָרדעווע געטאָן ווי אַ בייזער הונט: ער פרעגט ביי איהר קיין עצות ניט. „אפשר״ פון איהרע „יונגערמאַנציקלעך״ קען מען פאַרדינען אַ „גראָסען״? צי „אפשר״ גאָר פון די „סמענ־דריקלעך״ אין חברה „סומך נופלים״?

אַזאַ לשון פון ר׳ לייבען צו בת־שבען האָט נאָך פּייווקע קיינמאָל ניט געהערט. ער האָט זיך פאַרשעהמט פאַר בת־שבען, און מיט אַן איבערגעטריבענער התמדה גענומען שרייבען די רוסישע שורה, וואָס הערשקע־קאָפּ האָט איהם אויסגעצאַצקעט. היינט גלאַט די ביטערקייט אין לייבע־האָרבס דיבורים... ער רעדט דאָך גאָר ווי אַ שונא־ישראל!

אָבער די „גוטע געשעפטען״, וואָס לייבע־האָרב מאַכט מיט קלימען, האָבען איהם אַפּנים אויף די פיס ניט אַוועקגעשטעלט. אַרום סוף שבט, ווען דער שניי איז ווייך געוואָרען, און אַ קאַלטע פאַרע איז געשטאַנען איבער די שקלאָווער דעכער, נעמט דער פראָצענטניק און לעגט זיך גאָר אַוועק. מען האָט איהם אַריינגעשטעלט אַ בעטעל אינם צימערעל, אונטער דעם ציצענעם פאָרהאַנג. פלעגט ער דאָרט ליגען ווי אַ בייזער רוח. אַהין פלעגט איהם דאָס דינסט־מיידעל אַריינטראָגען זיין מיל־כיגען קרופּניק, און קלים דער ערל פלעגט איהם אַהין,

אונטערטעניק, אַריינברענגען די משכּנות אונטער דער פּאַכווע. זעלטען ווען לייבע־האָרב פֿלעגט פֿון דאָרטען אַרויסגעהן. און איז ער אַרויס — האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ גאַסט פֿון יענער וועלט. אַזוי אָפּגעבליאַקעוועט, אָפּגעפּאָהרען. אפילו די שוואַרצ־קייט פֿון זיינע געדיכטע ברעמען, וואָס איז איהם נאָך איבער־געבליבען, אין זיין גרויקייט, פֿון די גוטע יאָהרען, האָט זיך אַ ריהר געטאָן און גענומען אָפּקריכען, ווי אַ שלעכט געפּאַרבטע פעל. אָט אָ זיינען זיי געלבליך געוואָרען, פֿלעקיג, און אָט גרויער און גרויער. נאָר די פּוסטע שוואַרצע אויגען זיינען איהם אַריין טיעפער אין קאָפּ און דרעהען זיך ווי אויף שרויפען. אַז ער קריכט אַרויס פֿון זיין משכּנות־צימערל, איז איהם זיין שאָפּענער טולופּ איבערגעוואָרפען איבערן האָרב, ווי אַ שטוב־כאַלאַט. און זיינע גראָבע וואָלענע זאָקען זיינען אַריינ־געטאָן אין די לעדערנע שטעק־שיך. די לאַנג־ניט־געשוירענע האָר און פּאות זיינען צעפּלאָשעט און שפּאַרען זיך פֿון אונטער דער צעקנייטשטער, סאַמעטענער יאַרמעלקע. ער זאָגט קיינעם קיין וואָרט ניט. הערשקע דעם לעהרער קוקט ער גאָר ניט אָן. אַזוי געהט ער זיך דורך איבער דער גאַנצער שטוב, ביזקעל־טיר און צוריק. שאַר־שאַר מיט די לעדערנע שטעק־שיך. די קיהלקייט פֿון די געמויערטע, שטיינערנע ווענט דרינגט איהם אַריין אין די אַלטע ביינער זיינע. גיט ער אַ שוידער אונ־טערן אָנגעוואָרפענעם פעלץ אַזוי, אַז די ניט־אָנגעטאָנענע אַר־בעל צעבאָמבלען זיך. אַ באַטריבקייט צעגיסט זיך אויף זיין מאָגערען פּנים. שאַר־שאַר מיט די שטעק־שיך און קריכט אַריין צוריק הינטערן פּאָרהאַנגעל. זעלדעלע ווערט עפּעס בלאַס. און הערשקע־קאָפּ קוקט נאָך דעם מאָדנעם בעל־הבית זיינעם און גיט אַ מאַך מיט די פּלייצעס.

## 2

אין שטאָט האָט מען זיך אָבער געכאַפּט, אַז לייבע־האָרב

איז „ניט מיט אַלעמען”. און קרענקען טוט ער זינט מען האָט איהם אין אַלטען בית-המדרש אַזוי מבייש געווען. שקלאָווער יושר האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען מורמלען אויף די יונגע-לייטלעך פון „סומך נופלים”. מען האָט גענומען באַריידען איטשייזשע-זשאַמעס און חנא דעם דיינס בחור, אַז דאָס איז זייער שטיקעל אַרבייט. דאָס האָבען זיי אונטערגעקויפט פּיסקון דעם מגיד, אָט דעם פּאָנפּאַטש, אָט דעם אַמאָליגען אפּיקורס, ער זאָל זיך אָפּרעכענען מיט לייבע-האָרבן. איז מילא, די יונגע-לייטלעך פון „סומך-נופלים” האָבען אַ טענה, הלמאי לייבע-האָרב האָט זיך אָפּגעזאָגט פון חודש-געלט פאַר זייער חברה. אָבער ווי קומט אַ איד, אַ פּאַרך, אַ פּאָנפּאַטש-נאָז אַזאַ, צו מבייש זיין אַ אידען בפרהסיה, אַן עלטערען אידען, וואָס געהט שוין פערציג יאָהר אין איין און דעם זעלבען בית-המדרש?... אַנוּ, זאָל אַצינד אַראָפּקומען אָט דער זעלבער פּיסקון, מיט זיינע פּסוקים און מיט זיין „גאַגראַפּיע”, זאָל ער זיך אַקאָרשט דערוועגען אַרויפגעהן צום ארון-קודש! מיט נאָסע האַנטוכער וועט מען איהם פאַרוואַרפען, מיט, מיט, מיט... פּעטש איז ער ווערט אַזאַ בעל-דרשער!

אַזוי האָט זיך נאָך דריי חדשים אויפגעפלאַקערט דער געוויסען פון שקלאָווער בעלי-בתים. ער האָט אויפגעפלאַקערט ווי שטרוי אויף אַ קאַלטען פריפּעטשאָק, בשעת מען דאַרף כשר-מאַכען אַ געקוילעטען און אָפּגעפליקטען האָן... און אַזוי גיך ווי דאָס ביסעל שטרוי האָט אויך דער יושר איבערגעברענט. און ווייטער איז געוואָרען קאַלט און שוואַרץ אַרום לייבע-האָרבס מויערעל. און שולדיג אין דעם איז ניט קיין אַנדערער ווי ר׳ לייבע-האָרב אַליין.

איינמאָל, אַ פאַר-וואַרעמעס עסען, איז פּיוּוקע געווען אַן עדות, ווי די גבאים פון אַלטען בית-המדרש, מיט די טכוירענע פוטערס, זיינען אַראָפּגעקומען צו ר׳ לייבען, איהם מבקר-חולה זיין. זיי האָבען זיך אַפּנים געוואָלט מיט איהם איבערבעטען, וואָס זיי האָבען דערלאָזען צו אַזאַ דרשה... דער וויזיט האָט אָבער געדויערט זעהר קורץ. אונטער דעם ציצענעם פאָרהאַנגעל

האָבען זיך געגאָסען ווי בוימאייל די קלוגע רייד פון די חשובע געסט און, ווי אַ מעסער אויף גלאָז, האָט געקריצט לייבע־האָרבס סמכדיגער לשון. ביז ס'האָט זיך דערהערט זיין שאַרפער, קרענקלעכער אויסגעשריי:

— מוחל אייער ביקור־חולים!...

די גבאים פון אַלטען בית־המדרש זיינען גלייך אַרויס פון אונטערן פאַרהאַנגעל, עפּעס זעהר פאַרשעהמט. זייערע בכבודיגע בערדיגע פּנימער האָבען אויסגעזעהן, ווי געפּאַרעט, אין די הויכע ביבערנע קאָלנערס. מיט אַ זייטעל האָבען זיי זיך צוגעשאַרט צום טיר, אַ קוש געטאָן די מזוזה — און אַרויס. און מיט זיי איז אַרויס די לעצטע טרייסט. לייבע־האָרב איז געבליבען ליגען אין זיין משכנות־צימערל ווי אַ פאַרשאָלטענער, פון אַלעמען אַ פאַרגעסענער.

די תוכחה אַליין האָט זיך פון דאַן אָן צעגאָסען איבערן גאַנצען מויערעל. איטשייזשע זשאַמעס און חנא דעם דייַנס האָבען ווידער געעפענט אַ מויל. זיי האָבען אויסגעזוכט אויף לייבע־האָרבן כל דבר־אסור. זיי האָבען אויסגענוצט יעדען פּעה־לער זיינעם פון נעכטען, פון היינט און פון אַ גאַנץ יאָהר, און געמאַכט דערצו גאַנצע פּרושים. און די פאַרשעהמטע גבאים מיט די טכוירענע טולופּס, פון אַלטען בית־המדרש, האָבען געהערט און אונטערגעשוויגען. „אַ—אַ... אַזאַ ווילדע בריאה!” האָבען זיי געמעקעט. „אַז... אַז ס'איז אַ סכנה צוצוגעהן צו איהם...”

אַזוי איז די לעצטע קריוודע פון לייבע־האָרבן ביסלעכ־ווייז איינגעלאָשען געוואָרען.

און אין מיטען דערינען, צו אַלדי צרות, איז געוואָרען אַ גערעד אין גאַס, אַז די זויערע אוגערקעס אין לייבע־האָרבס געמויערטען קעלער זיינען עפּעס ניט דאָס וואָס אַלעמאָל... מען כאַפּט זיך צו צו די פעסער — ערשט כך הוה: די פעסער שימלען, די אוגערקעס צעקריכען אין די הענט ווי פּעטשאַ... האָבען בעלי־בתים געכאַפּט אַרויסקייקלען זייערע פעסער קרויט און אוגערקעס, וואָס זיי האָבען איינגעשטעלט ביי לייבע־האָרבן

אויפן ווינטער, ניט דערצאָהלט איהם אַ העלפּט קעלער־געלט. הלמאי האָט זיך דער קאַרגער האָרב באַצייטענס ניט אַרומגע־זעהן, אַז די טינקע אין זיין קעלער איז געשפּאָלטען און אַז פון די ווענט טריפט מיט שימעלדיגער נאַסקייט!..

און איידער מען האָט נאָך אַרויסגעקייקעלט די לעצטע פאַס מיט אוגערקעס — ערשט פון לופט־ערעל צו דער גאַס, אונטערן איינגעמויערטען מיהל־שטיין, האָט געגומען שפּאַרען מיט אַ שטאַרקער פאַרפוילטער זויערקייט, אָנשטאָט דעם באַ־טעמטען ריח פון אויבס. מען כאַפּט זיך צו די קופּעס עפּעל אין קעלער — וואָס דען! זיי פוילען טאַקע און גיערען פון אויבען און פון אונטען. דאָס אויסבעטעכטס איז נאַס און פול מיט חיהלעך. די קללה האָט זיך אויסגעגאָסען אויך אין דעם לופטיגען, אָפּגעשלאָסענעם טייל פון קעלער. זיינען אָנגעלאָפען די בשמים־קרעמער ראַטעווען זייער סחורה. זיינען אָנגעפאָהרען לאַנגע פוהרען אויסגעבעטע מיט שטרוי. די קרעמער האָבען זיך געקריגט אין מויערעל און אַרום מויערעל. פאַרפוילטע עפּעל מיט שוואַרצע בעקלעך, מיט גרינע, שימעלדיגע בלאָטער־לעך און מיט אַ גערוך פון וויין־עסיג, האָבען זיך געוואַלגערט אין גאַס, ווי מתים בשעת אַ מגפה. און אָרימע אידענעס זיינען אָנגעקומען פון ווייטע געסלעך און געקליבען עס פון שניי אַרויס אין די פאַרטוכער, ווי אַ שוואַרצער מן פון הימעל...

פּייווקע האָט צוויי טעג דורכגעגאַנד געמוזט דורכלאָזען זיין אוראָק, ווייל אין מויערעל האָט זיך געטאָן חושך.

און אַז דער רעש מיט דעם קאַליע־געוואָרענעם קעלער האָט זיך אַ ביסעל איינגעשטילט, איז אַוועק אַ מורמלעריי, אַז עפּעס צו אָפּט איז געשלאָסען לייבע־האָרבס בשמים־קרעמעלע אין מאַרק. און אַז ס'איז יאָ אָפען.. יאָ, אַז ס'איז אָפען — זיצט גאָר דאָרטען זעלדעלע, אָנשטאָט דער מאַמע איהרער. און וויל מען עפּעס קויפען, ווייס זי ניט, די קליינע, ווער עס האָט זי פאַרשלייערט. „וואו איז עפּעס דיין מאַמע?" פרעגט מען זי. „אָט באַלד, זאָגט זי, וועט זי קומען". וואַרט מען און מען וואַרט און בת־שבע איז ניטאָ. פרעגט מען ווייטער ביי

זעלדעלען: „זעה, וואָס זאַמט זי זיך עפּעס אַזוי, די מאַמע דיינע?" ענטפערט זי, אַז זי מוז באַלד קומען. „זי איז נאָר צוגעלאָפן צום זייגערמייסטער, זאָגט זי, צו אַלטער דעם זייגערמייסטער"...

— אַזוי גאָר? — מאַכען די קונים און קוקען זיך איבער.

זייבען געווען טשיקאַווע קונים, וואָס זייבען אַוועק צו אַלטער דעם זייגערמייסטערס וואַרשטאַטעל, כּדי אַרויסצורופען פון דאָרטען בת־שבען. האָט מען זי געזעהן אַרויסגעהן פון אונטערן פּאַראַוואַן, וואָס טיילט פונאַנדער אַלטערס קרעמעל אויף צווייען. איהרע האָר זייבען געווען ניט אין אָרדענונג און איין באַק האָט איהר געפלאַמט. נאָר אַלטער דער זייגער־מייסטער אַליין האָט זיך געמאַכט, אַז ער פּאָרקעט זיך אין די געדערים פון אַן אַלטען „וועקער" און נאָכגערופען בת־שבען אַזוי:

— איז יאָ... איז איבערמאָרגען וועט ער זיין פאַרטיג...

די אויגען זייבע האָט מען להלוטין ניט געקענט זעהן... ווייל די לינקע האָט ער געהאַלטען פאַרמאַכט און אין דער רעכטער האָט ער איינגעקוועטשט אַ שוואַרצע, קיילעכדיקע לופּע. הייבט געה טרעף וואָס ער טראַכט זיך דערביי!

האָט מען געלאַכט אין די הויפענס און מיט די שנע־בעלעך — „שוש־שו־שו..." און ניט אַזוי אויף בת־שבעס אַדרעס, ווי אויף לייבע האָרבס. מען האָט דעם אַלטען פּראָצענטניק קיינמאָל ניט פאַרגונען אַזאַ יונג בלוט־און־מילך. הייבט אַציינ־דער, אַז ער איז שוין איינגאַנצען חרוב, אַז ער סליבעט זיך און טרייבט מענשען פון שטוב... וועמענס עסק איז דאָס? אַזוי ווי די עפּעלעך אונטען, אין קעלער, אַזוי די עפּעלעך אויבען אין שלאָף־צימער, כי־כי־כי...

שקלאָוו האָט זיך דערמאָנט, אַז בת־שבע איז אַמאָל גע־ווען אַן אָרימע אָבער אַ שעהנע יתומה, אַז זי האָט געזאָלט חתונה האָבען טאַקע פאַר אַלטער דעם זייגער־מאַכער. אַלטער איז דאַן געקומען פון סלוזשבע און געווען נאַקעט און אָרים. נאָר אַ צווייטער „אַלטער" האָט זיך אַריינגעמישט... טאַקע לייבע

האָרב, ווען די מאַמע זיינע האָט אויך גערופען אַ ל ט ע ר, צוליב אַ סגולה, און וועלכער האָט זיך דאַן געגט מיט דער ערשטער ווייב זיינער און אַרויסגעיאָגט פון מויערעל זיינע דערוואַקסענע קינדער. ער האָט זיך גענומען שטופען אין שידוך, אַלס אַ קרוב, וואָס זאָרגט זיך פאַר אַ יתומה. יאָ, „נדן״ וועט ער איהר דוקא געבען, אַ מויערעל פול מיט האָב און גוטס. אָבער חתונה האָבען וויל ער אַ ל יי ן מיט איהר... האָבען אַנדערע קרובים פון בת־שבעס צד איינגעלעגט ווערטער, אַז די אָרימע יתומה זאָל חס־ושלום ניט אַרויסלאָזען פון די הענט אַזאַ גליק און ניט חתונה האָבען מיטן אָרימען זעלנער. און אַז אַן עלטערער מענש איז וואָס? אַ מויערעל האָט ער צי ניט? און אַז אַ קאַפעלע אַ הויקער איז וואָס? אַ קראָם האָט ער צי ניט?...

אָט אַזוי האָט די יונגעטשקע בת־שבע חתונה געהאַט פאַר ר׳ לייבען, און אַלטער איז געבליבען אַ פאַרזעסענער, פאַרביסענער בחור. אַ ווארשטאַטעל האָט ער זיך געעפענט ניט ווייט פון לייבע האָרבס קרעמעל, און חתונה האָבען וויל ער ניט. וואָרים וואָס טויג איהם חתונה האָבען? אַז... אַז... שו־שו־שוש...

## 3

די בייזע קלאַנגען זיינען געוואָרען אַלץ שטאַרקער: שו־שו־שו... מען ווייסט דען ניט, אַז זעלדעלע איז אַ האָר ניט ענליך צו לייבע האָרבן? אַלע טעכטער זיינען דאָך בטבע „קאַפענע״ — דער טאַטע. און זי — שו־שו־שו...

פייוקע האָט מעהר גאָר ניט געהערט, נאָר זיין אַמאָליגע, אצינד אָפגעקיהלטע ליבע צו בת־שבען האָט צוגעגעבען זיין געפיהל אַ שניידיקייט און אַ ביטערקייט. פון גריזשענדיגער ביי־גערקייט איז ער איינמאָל פאַרלאָפען אין מאַרק, געמאַכט אַ דעכעלע איבערן אויג און אַריינגעקוקט אין נידעריגען ברייטען פענסטער פון זייגערמייסטער. יענער איז גראָד געזעסען ביים

וואַרשטאַט און עפּעס געפּיילט. אַלטער דער זייגערמייסטער האָט אויפגעהויבען די אויגען און אָנגעקוקט ווער עס פּאַרטונקעלט איהם די שיין פון פענסטער. פּייוקע איז אָפּגעשפּרונגען: אוי, וועה!

דער פּאַרזעסענער בחור, וועגען וועמען אַלע רעדען אַצינד, האָט דאָך טאַקי בלויע אויגען! טונקעל בלוי'ע. פּונקט ווי זעלדעלע. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז מענשען מיט געקרייזעלטע שוואַרצע האָר קענען האָבען בלויע אויגען. היינט די טעמפּקייט פון נאָז, די דיקקייט פון די ליפּען! זעל-דעלע האָט טאַקע זיין אָנבליק...

מיט דער שאַרפקייט פון אַ יונגען שפּיר-הינטעל האָט פּייוקע גענומען נאָכקוקען זעלדעלען ווי זי געהט און ווי זי שטעהט. ווי זי לאַכט און ווי זי קרימט זיך. ס'איז דאָך אַ מאָדנע זאַך! אמת, די צעפּלעך איהרע זיינען טונקעל-בלאָנד, ווי דער מאַמעס האָר, אָבער גרייזלען זיך טוען זיי, ווי ביים זייגערמייסטער.

און דוקא אָט דער זינדיגער סוד, וואָס שוועבט איבער זעלדעלען, איבער איהר טעמפּעוואַטען בעזעלע, איבער איהרע זומער-שפּרינקעלעך, גיט איהר צו אַ מין פּיקאַנטען חן. עס ציהט צו איהר ווי צו אַ מאַגנעט. מיט אַ קינדערשען באַהאַלטענעם באַגעהר האָט ער זי גענומען אָנקוקען, ווי מען קוקט אָן אַ פּאַרבאָטענע, געגנבעטע, אָבער טייערע זאַך... עס האָט איהם געצויגען צו זיצען נעהנטער צו איהר.

איינמאָל, בשעתן „אוראָק", האָט ער אונטערן טיש אָנגע-ריהרט איהר וואַרימע קניע. גאָר אומגערען האָט ער אָנגעריהרט און צוגעכאַפּט די האַנט ווי אָפּגעבריהט. דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט.

צו בת־שבען איז ער אינגאַנצען קאַלט געוואָרען. אַ סך האָט דערביי געהאָלפען בת־שבעס צעטראָגענקייט. זי האָט מעהר אויף קיינעם ניט געקוקט. איהר וואַרימע פריינדלעכקייט איז עפּעס אויסגעלאָשען געוואָרען. און מען קען ניט זאָגען, אַז זי בעהמט זיך אַזוי צום האַרצען לייבע האָרבס קראַנק זיין. אין

איהרע טריט, אין איהר אַריינגעהן און אַרויסגעהן פון מאַנס צימערל, אין איהרע באַפעהלען דער דינסטמיידעל, וואָס זי זאָל קאָכען פאַר בעל-הבית— פיהלט זיך עפּעס אַ קיהלע אויסגע־רעכענטקייט. מען זאָל זעהן, אַז זי זאָרגט זיך... דער האָרב אַליין גלויבט איהר עפּעס ניט. ער בורטשעט בייז, ווען זי געהט צו איהם אַריין אַ פרישע, אָן אָנגעקיהלטע פון דער גאַס, אַ כלומרשט שמייכלענדיגע... ניט איינמאָל האָט זי שוין פייווקע געזעהן אַרויסגעהן, פון הינטערען ציצענעם פאָרהאַנגעל, אַ בלאַסע מיט אַ פאַרביסענעם ליפּ. אַזאַ ביטערקייט האָט פייווקע אויף בת-שבעס פּנים קיינמאָל ניט געזעהן; זינט ער קען זי האָט ער אַזוינס ניט געזעהן.

אינוועניג, אין מויערעל, האָט זיך זינט אַ צייט־לאַנג געפיהלט אַן אָפּגעלאָזענקייט פון אַ הויז, וואו דער בעל-הבית איז קראַנק, די קינדער קליין, די בעל-הביתטע פאַרנומען אין קראָם. און ווען זי קומט אַהיים איז זי צעטראָגען און קימערט זיך וועגען שטוב-זאַכען זעהר ווענעג.

דאָס האָט באַלד געגעבען שטאָף צו נייע לשון־הרע: „אייגענטלעך... צווישען אונז רעדענדיג... איז וואָס האָט זי צו שאַנעווען דאָס באַלעבאַטישקייט? אַז זי שאַנעוועט שוין מעהר נישט דעם מאַן אַליין.. סיי־ווי־סיי וועט זי, באַלד נאָכן האָרבס טויט, חתונה האָבען מיטן זייגערמייסטער. וועט זי שוין דאַן מאַכען אָרדנונג. זי וועט פאַרריכטען דעם קעלער און אָפּ־פרישען דאָס מעבעל... פאַר איינע הוצאות". מען ווייסט אפילו פון דער דינסטמיידעל, אַז מאַן און ווייב רייסען זיך אַצינד פאַר די נעזער. זי, דאַכט זיך, אַ גוטינקע אַזאַ, דערגעהט איהם פּשוט די יאָהרען... זי האָט איהם אפילו געשאָלטען, אַז עס איז צייט, אַז ער זאָל איינגעהמען אַ מיתה־משונה... אַ מיתה־משונה — ניט מעהר און ניט ווענינער.

נאָר מען האָט בת-שבען געשדכנט צו־פריה. די תוכחה האָט זיך אַריבערגעכאַפּט צו אַלטער דעם זייגערמייסטער אויך. אַלץ, וואָס איז דעם ווינטער געקומען אין באַריהרונג מיט לייבע־האָרבן און מיט זיין הויז-געזינד, איז פאַרשאָלטען געוואָרען.

אין איין נאַסען פריהמאָרגען איז אַרויס אַ קול, אַז דער זייגערמייסטער פאַרריכט ניט מעהר קיין זייגערס. זיין וואַר־שטאַטעל איז געשלאָסען. וואָס איז די מעשה?

— ער איז פאַרקיהלט. ער איז גאָר שטאַרק פאַרקיהלט.

און באַלד נאָכדעם:

— ער האָט שטאַרקע היץ.

— ער האָט לונגען-אָנצינדונג.

און בת־שבע?... יאָ, בת־שבען האָט מען געזעהן פאַר־נאַכט, ווי זי רעדט עפּעס מיט קראָל דעם דאָקטאָר און ווישט זיך די אויגען. און — קראָל דער דאָקטאָר פאָהרט דאָך צוויי מאָל אַ טאָג צום זייגערמייסטער...

ערשט דאָ האָט פּייווקע באַמערקט, אַז בת־שבעס באַקען זענען אַביסעל איינגעפאַלען, איהר קלייד איז אָפּגעלאָזען. אונ־טער איהרע אויגען — בלויע קרוהעס. ווייסט מען נישט וואו די בלויקייט פון איהרע אויגען הויבט זיך אָן. ער האָט באַ־מערקט, אַז זי עסט אָהן אַפּעטיט, אַז זי שרייט אויף די קינ־דער, אַז איהם, פּייווקען, קוקט זי גאָר ניט אָן.

— ניין, ניין, — טראַכט זיך פּייווקע, — ווען לייבע האָרב אַליין איז געווען קראַנק, האָט זי אַזוי ניט אויסגע־זעהן. אַפּנים ס'איז אַן אמת, וואָס מען רעדט, אַז זי זיצט מעהר ביים זייגערמייסטערס בעט ווי ביים מאַן; אַז זי ברענט זיך און בראָט זיך צווישען די צוויי קראַנקע „אַלטערס"... אַז זי ווייס שוין אַליין ניט, ווער עס וועט שטאַרבען און וועלכער „אַל־טער" ס'וועט בלייבען לעבען...

ווי עס ווייזט אויס, זיינען אָט די אַלע שעהנע מעשיות סוף־כל־סוף דערגאַנגען צו לייבע־האָרבן, וואָס האָט זיך ווי אַ קראַנקער טכויר פאַרגראָבען אין זיין משכנות־צימערעל און וואָכען לאַנג ניט אַרויס פון איהם. — ווער עס האָט איהם אַריינגעבראַכט די רכילות, הינטערן ציצענעם פאָרהאַנגעל, ווייסט קיינער ניט. אָבער געבראַכט האָט מען איהם פאָרט. וואָרום איינמאָל, אַ שבת אין דער פריה, האָט מאיר דער איינבינדער,

לייבע־האָרבס נאָהענטסטער שכן, אָנגעטראָגען אַ ווילדע נייעס אין ליובאַוויטשער בית־המדרש:

אין מיטען שבת־צונאַכט, אַ שעה צוויי נאָך וועטשערע, האָט איהם ר׳ לייבע־האָרבס דינסטמיידעל אָנגעקלאַפּט אין לאָ־דען. ער רייסט אויף די טיר: „וואָס איז, ווער איז?״ ערשט ער דערהערט אין מויערעל קולי־קולות, געוואַלדען. „דער בעל־הבית וויל שעכטען בת־שבען!״ וויינט דאָס דינסטמיידעל. „קומט גיכער, ראַטעוועט!״ ער לויפט אַריין אין מויערעל — ס׳איז חושך!... בת־שבע וויינט, די קינדער וויינען. דער האָרב זיצט אויף דער ערד אָהן אַ יאַרמעלקע, צווישען צעבראָכענע טעלער, אַ שפּיציגער קיך־מעסער וואַלגערט זיך לעבען איהם...

— טפו, טפוי, טפוי! — האָבען פרומע גוטע לייט אויס־געשפּיגען, דערהערענדיג דעם איינבינדערס נייעס.

— אַז בת־שבע האָט מיך דערזעהן, — דערצעהלט ווײ־טער מאיר דער איינבינדער — איז זי צו מיר נעבען צוגעפאַלען: „ראַטעוועט מיך פון דעם אַלטען גזלן! קיינער ווייס ניט, וואָס איך האָב זיך פון אָט דעם... קמצן אָנגעליטען!״ און ער, דער האָרב, וואָיעט ווי אַ חיה: „נפקא! זונה!... שלעפּערקע! גאַנ־צענע טעג אָפּזיצען ביים ליובאָווניק!... איך בין גאָרנישט?... איך בין שוין ניט זיכער אין אייגענע קינדער...״

— טפו, טפו, טפוי! — האָבען גוטע פרומע לייט אויס־געשפּיגען.

— דאָס דינסטמיידעל — פאַרענדיגט דער איינבינדער — איז פון מויערעל אַוועק. זי האָט דאָרט מורא צו בלייבען.

אַז די מוהמע־פייגע האָט דערהערט אַזאַ שעהנע מעשה, האָט זי גוזר געווען:

— נו, פּייוועלע, מעהר זאָלסטו מיר אין דאָס ניט־גוטע מויערעל ניט געהן!

— און דער „אוראָק״? — וואונדערט זיך פּייווקע.

— הערשקע־קאָפּ זאָל דיר געבען אַן אַנדער שעה, אין אַן אַנדער אָרט! אַז ניט, דאַרף מען ניט.

פון דאַמאָלט אָן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלייער איבער

דאָס „ניט־גוטע מויערל״. און פּיוּוקע האָט מער ניט געוואוסט וואָס דאָרטען קומט פאָר. ער פלעגט נאָר ווען ניט ווען באַגעגענען חיימקען, זעלדעלען, בת־שבען, און געזעהן, אַז אַלע געהען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פאַרטראַכטע, אָפּגעלאָזענע. און קלים דער פלאָטניק, מיט זיין ציגיינערישער מאָרדע, האָט ער איינמאָל פאַרנאַכט באַגעגענט, ווי יענער גנבעט זיך, מיט אַ פּעקעל אונטערן אָרעם, אין מויערל אַריין... הייסט דאָס, אַז לייבע־האָרב ריהרט זיך נאָך, מאַכט נאָך געשעפט.

אָבער דער פאַרזעסענער בחור, אַלטער דער זייגער־מייסטער, דער געוועזענער זעלנער, האָט זיך דוקא אַרויסגעוויזען שוואַכער פאַרן האָרב. אין איין אדר־פריהמאָרגען, ווען עס האָט געריונען פון די סטרעכעס און די זון האָט געבליאַסקעט אין בלאָטקעס, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אַלטער דער זייגערמייסטער איז אַ „פאַרבייאיגער״. די היץ האָט זיך איהם אַריינגעכאַפּט פון די לונגען אין מוח. און קראָל דער דאָקטאָר האָט זיך פון איהם אָפּגעזאָגט.

דעם זעלבען טאָג פאַרנאַכט איז ער טאַקע געשטאָרבען.

# מען קושט זיך אין היי

## 1

אַן אומרוהיגער ווינטער איז אַוועק און אַ שעהנער זומער איז געקומען. פּייוקע איז שוין אַ בחורל פון איבער צעהן יאָהר. ער לערנט שוין גמרא.

די הייסע זון האָט זיך אַריינגעשניטען אין חודש אָב, פאַרגעלבט די אוגערקעס אין שקלאָווער גערטנער, אָנגעגאָסען די שווערע בייכער פון די קירבעסען, אָפּגעפּאַרבט די בעקלעך פון די באַרנעס אויף די בוימער, און אויפגעעפענט די אויגלעך פון דער ווילדער ראָמאַשקע. אויך ביי דער ניי־געבוירענער, גאַנץ-געבליבענער קעצעלע, אין אוריס הויז, האָבען זיך שוין לאַנג די אויגען געעפענט. זי לערנט זיך כאַפּען מייז אויף מוהמע-פייגעס קנייכעל-פּאָדים, ווען יענע שטריקט אַ זאָק. זי מאַכט שוין געגעראַל-פּראָבען אויף דעם פאַריאָהריגען סכך פון דער סוכה, צו כאַפּען פויגעלעך... און סיי מוהמע-פייגע און סיי ס׳קעצעלע אַליין האָפען, אַז עס וועט פון איהר אַרויסוואַקסען גאָר אַ נישקשהדיגע מייז-יעגערקע.

אויך פּייוקע אַליין איז עפּעס פאַר דעם יאָהר אויסגעוואַקסען. די ליפּען זיינען ביי איהם דיקער און פעסטער געוואָרען, די אויגען — שאַרפער. זינט דער מעשה מיט לייבע האָרבען, וואָס האָט אין מיטען דער נאַכט געוואָלט שעכטען בת-שבען, געהט מעהר ניט פּייוקע אין געלען מויערל. טאַטע-מאַמע האָבען שטרענג גוזר געוועזן. ער

לערנט זיך רוסיש ביי אַן אַנדער לעהרער. און ניט מיט זעל־דעלען צוזאַמען. ער זעהט זי נאָר פון דערווייטענס. אָבער זעלדעלע געהט אויס נאָך איהם. זי קוקט איהם נאָך, זי רופט איהם. ער, פייוועקע, מוז זיך מאַכען, אַז ער הערט ניט. ער האָט מורא פאַר דער מאַמען.

אַלטער דעם זייגער־מייסטער האָט מען שוין לאַנג באַ־גראָבען. מען האָט שוין אַפילו אויפגעהערט צו באַריידען איהם און בת־שבען. אָבער זיין אָנבליק, זיין זינדיגער גייסט שוועבט איבער זעלדעלען און גיט צו אַ באַזונדערען רייץ איהר טעמ־פּען נעזעלע, אירע זומער־שפּרינקעלעך... פייוועקען ציהט דערפאַר צו זעלדעלען ווי צו אַ פאַרבאָטענער פרי אין אַ פרעמדען גאָרטען. פונקט אַזוי האָט איהם אַמאָל געצויגען צו די עפּעלעך, אין לייבע־האָרבס טונקעלען קעלער... אָבער אַביסעל וויל ער זיך ניט אָנהויבען מיט דער מאַמען, און אַביסעל האָט ער טאַקע פּחד פאַר לייבע־האָרבען, וועלכער ליגט שוין באַלד אַ יאָהר, ווי אַ בייזער רוח, אין זיין משכּנות־צימערעל און טראַכט עפּעס אָפּצוטאָן וועמען ניט איז אַ מיאוּסען שטיקעל. ניט היינט — איז מאָרגען... אָפּטאָן וועט ער שוין. קיין דינסטמיידעל האַלט זיך ניט אויף אין דאָס „ניט־גוטע מויערעל" מעהר ווי צוויי־דריי חדשים. ווייל ר' לייבע קריגט זיך מיט דער ווייב אין מיטען דער נאַכט. אין אָפּטמאָל ווערט פאַרפאַלען דער גרויסער קיך־מעסער. און געפינען געפינט מען איהם שטענדיג ביי לייבע־האָרבען צוקאָפּענס, אָדער אונטער דעם קאַסטען מיט משכּנות. האָט דאָס דינסטמיידעל מורא. און פייוועקע הערט די שעהנע מעשיות און האָט אויך מורא.

גראָד דעם זומער איז תּשעה־באב אויסגעפאַלען אין זעהר אַ הייסען טאָג. די היץ האָט געדריקט און די אָזערע האָט געפּאַרעט. אין עק הימעל, אין מערב־זייט, האָבען געהויערט בלוילעכע, שפּיציגע וואָלקען־בערגלעך פאַרצויגען מיט אַ רוי־כעלע, וואָס זאָגען קיין גוטס ניט אָן. שוואַכע אידען, אָפּגעמאַ־טערטע פון תּענית, האָבען אַרומגעפּאַדיעט אין די גאַסען אין וואָלענע זאָקען, אַזוי מאַט און שטום, ווי סוף־זומער־פליגען.

די געזונטערע זיינען אַװעק צופוס, אין די בלויזע זאָקען, ווי דער דין איז, אויף רישקאַקי, צום אידישען בית-עולם. אַלעמאָל, ווען דער טאַטע איז אין דער היים, געהט מיט איהם פייווקע צום בית-עולם און רייסט דאָרטען אָן פולע קעשענעס מיט ניט-צייטיגע, זויערלעכע ניס. גראָד דאָס מאָל געפינט זיך פעטער אורי אויף דער רייזע, — פאַהרט אום מיטן פאַרעכאָד צווישען האָמעל און קיעוו, אויפצוקויפען זיינע מציאות. האָט די מוהמע-פייגע בשום אופן ניט געוואָלט לאָזען געהן פייווקען „איינעם אַליין" אויף רישקאַקי, מיט פרעמדע אינגלעך. ווער ווייס וואוהין זיי וועלען איהם פאַרפיהרען, די שעהנע חברימלעך זיינע. מען וועט דאָך מסתמא צעטאָפּטשען אַלטע מצבות און מען וועט זיך יאָגען איבער פרישע קברים. ניין! ער זאָל זיך ניט דערוועגען צו געהן אויפן בית־עלמין, ווען דער טאַטע איז אין דער היים ניטאָ!

אָט דער ווייבערשער פאַרבאָט האָט פייווקען געגריזשעט אין האַרצען. עס איז איהם אַפילו ניט ניחא געווען, וואָס מען געהט היינט אַ גאַנצען טאָג ניט אין חדר און מען לערנט ניט ביים לעהרער קיין רוסיש... וואָס האָט ער דערפון? אַז אויפן גרי-נעם בית-עלמין טאָר ער ניט געהן, קיין ווילדע ניסעלעך, צווילינגלעך און דרילינגלעך, קען ער ניט רייסען...

פון האַרצווייטאָג איז ער אַריינגעלאָפען אין זייער אייגע-נעם קרויט-גאָרטען, עמיצען אויף צו-להכעיס געטאָפּטשעט אי-בער די בייטען, זאָל דוכטען איבער קברים. און אימיצען אויף צו-להכעיס אויפגעגעסען צוויי גרויסע אוגערקעס מיט בולבע-וואַטע, פאַרגעלבטע נעזער, און מיט פרישטשעוואַטע, דאַרינקע און לאַנגע בייכער. אַזעלכע אוגערקעס-פאַרזעהעניש, וואָס וואַק-סען אויף דער בייט סוף זומער; זיי פריהרען-אונטער בייבאַכט און איבערהיצען זיך בייטאָג, און טויגען נאָר אויף איינלייגען אין פאַס. זייער טעם איז עפּעס אויך ווי מיט שוואָמען געמישט. אָן ערדיגער, אַ זויערלעכער. ניטאָ אין זיי יענער געשמאַקער זאַפט, וואָס דערקוויקט דעם פאַרשמאַכטען גומען, נאָכן עסען אַ גאַנצען ווינטער קאַרטאָפליעס, גרויפען און טרוקענע

פּאַסאָליעס... ניטאָ אין זיי יענער פּיינער ריח, וואָס פּילט אָן דאָס האַרץ מיט אַ פרישער בשורה פון טויאיגע פרימאָרגענס, פון לאַנגע טעג, פון יאַגדעס, פון באָדען זיך... נאָר וואָס געהט עס אַצינד פּייוקען אָן? זאָל דוכטען, אַז ער קייט די זויערלעכע, ניט־צייטיגע ביס אויפן בית־עלמין...

דערקוויקט האָבען איהם די מיאוסע אוגערקעס פּאַרט ניט; אין אַזאַ ברוגז אויף דער מאַמען און אין אַזאַ דריקענדיגע היץ — ניין. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז בײַ דעם שכן זייערען אינם שאָרניקס גאָרטען, טאַקע בײַ דער סאַמער גראָזיגער גרעניץ־בייט, צווישן ביידע גערטנער, הויבען שוין אָן צײַטיג צו ווערען די ריבען. אָט די זעלבע ריבען, וואָס די מאַמע זאָגט, אַז ס׳איז בויכווייטאָג... איז דוקא אום תשעה־באָב און דוקא ווײַל די מאַמע וויל ניט, און דוקא ווײַל ס׳איז „בויכווייטאָג" — געהט ער גנבענען אַ ריבעלע פון שאָרניקס גאָרטען. און, צווישן אינז זאָל עס בלייבען, וואָס קען זײַן געשמאַקער ווי אַ יונגע ריבעלע מיט אַ זיס־ביטערלעכען זאַפט, וואָס מען לקחנט אין אַ פרעמדן גאָרטען, און גראָד דאַן, ווען אַלע פאַסטען, און גראָד דאַן, ווען מען איז ברוגז אויף דער מאַמען?

פּייוקע האָט זיך אַרומגעקוקט און ווי אַ קאָטער אויסגעצויגען זיך איבער דער גרעניץ־בייט, אָנגעכאַפּט אַ געדיכטע טונקעל־גרינע טשופּרינע פון אַ ריבען און אָנגעהויבען ציהען. אין דער זעלבער רגע איז, ווי פון הימעל אַראָפּ, אַראָפּגעפאַלען אַ מיידעלשער פאַרשטעלטער קולכעל:

— קו־קו!.. איי־איי־איי, פּייוועלע!

פּייוועלע האָט זיך געגעבען אַ שטעל אויף און איז אינגאַנצען רויט געוואָרען. עס איז איהם ניט אײַנגעפאַלען, אַז מען שפּיאָנירט אים אין מיטען העלען תשעה־באב, ווען עס איז אַזוי הייס און אַלט און יונג זיינען אויפן בית־עלמין. פאַר אַ צעהן־יעהריגען גמרא־בחור ווי ער, האָט שוין כלל ניט געפּאַסט צו גנבענען ריבען. ער קוקט זיך אַרום: פון וואַנען אַ קול?... ניט אַנדערש, אַז פון לייבע־האָרבס שפּייכלער. ווײַל אין פעטער אוריס גאָרטען געהט ארויס נאָר איין בלינדע

בערוועגע-וואַנט פון דעם פּראַצענטניקס שפּייכלער מיטן קוקערעל אונטער דער קראַקווע. זאָל דאָס זיין זעלדעלע? אָבער ווי קומט זי אַרויפצוקלעטערען אַזוי הויך?

— קו-קו! כי-כי-כי... — האָט זיך נאָכאַמאָל דערהערט דער זעלבער קולכעל. דאָס מאָל האָט פּייוקע קלאָר דערקענט זעלדעלעס לאַכען.

אויב אַזוי איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען און ניטאָ פאַר וועמען צו שעמען זיך. מיט איין בויג פון פּלייצע, אַראָפּ און אַרויף, האָט ער אַרויסגעריסען די האַלב-געצויגענע ריבען, אָפּגעקלאַפּט די פּייכטע ערד און, מיט אַ געמאַכטער רוהיקייט, גענומען שאָבען פון איהר די בלויע זאַפטיגע הויט מיט אַ שטיקעל גלאָז. דאָס האָט געזאָלט הייסען: „קוק, זעלדעלע, וויפיעל דו ווילסט!"

פון קוקערעל האָט מען זיך אָבער אַלץ גערייצט מיט איהם:

— אַי, טאַטעלעך, אַי, מאַמעלעך, מען גנבעט ריבעלעך!

פּייוקע האָט זיך רוהיג געשאָבען. דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה. דער פאַרשטעלטער קולכעל האָט זיך אונטערגעגעבען:

— פּייוועלע, ווער איז דאָס דאָ, האַ?

— כ'וויים! — האָט פּייוקע צוגעשריען מיט ביטול. אפילו די אויגען ניט אויפגעהויבען.

איז דער קוקערעל אינגאַנצען אַראָפּגעפאַלען ביי זיך, גענומען בעטען זיך מיט זעלדעלעס אמתן קול:

— פּייוועלע, גיב אַ שטיקעלע ריבען! ס'איז אַזוי הייס...

— קום אַראָפּ און נעהם!

— ניין, ביין, — האָט זיך זעלדעלעס קול געבעטען, — קום בעסער אַרויף אַהער-צו-צו... דאָ איז פול מיט היי... קום אַרויף!

פּייוקע האָט זיך אָנגעשפּיצט. דאָס האַרץ האָט איהם גענומען קלאַפּען. דאָס שטיקעלע גלאָז איז איהם אַרויסגעפאַלען פון האַנט. דער לייכטער שרעק, וואָס ער האָט אָקאָרשט אי-בערגעלעבט, און גלייך נאָך דעם — די באַרוהיגונג, האָט איהם

געוואָרפען דאָס בלוט אין קאָפּ אַריין. דערצו נאָך דער צייטי־גער אָנגעזעטיגטער גאָרטען, די אָנגעבלאָזענע נאַקעטע בייכער פון די קירבעסען מיט זייערע גרינע נאָפּלען, די פאַריגע היץ, דער ביטערער ריח פון דער האַלב־געשאָבענער ריבען אין האַנט, די געהיימניספולע, יצר־הרעדיגע שוואַרצקייט פון „קוי־קערעל" אויף דער שטאַרק־באַלויכטענער ברוונע־וואַנט פון שפייכלער, וואָס רעדט אַזוי פאַרפירעריש, מיט אַ מיידעלשען קול — דאָס אַלץ האָט איהם אויף איינמאָל פאַרשיכורט. מיט גיט־זיכערע טריט איז ער צוגעגאַנגען נעהנטער צום שפייכלער און פאַרוואָרפען דעם קאָפּ צום פאַרכישופטען קוקערעל:

— ווער איז דאָרטען מיט דיר, זעלדעלע?

— קיינער ניט. — האָט דער קוקערעל הילכיג געענט־פערט.

— שריי ניט אַזוי! — האָט זיך פייווקע אַרומגעקוקט, — חיימקע אויך ניט?

— ניין, — האָט דער קוקערעל געגומען שעפּטשען, — ער איז אַוועק אויפן בית־עולם.

— און די מאַמע?

— אין קראָם איז זי.

— אום תשעה־באב?

— גוים קויפען דאָך.

— און אייער דינסטמיידעל?

— אַוועקגעגאַנגען. הייגט קאָכט מען ניט.

— און דער טאַטע?

— ליגט...

— ליגט??

— קום!

## 2

אָט דער דאָזיקער „קום" האָט איהם איגגאַנצען צעמישט. ווי אַ יונגער באָק האָט ער אַ שפּרונג געטאָן צום פלעקענער־

צוים, וואָס שפּאַרט זיך אָן אָןביידע זייטען שפּייכלער. מיט דער לינקער האַנט איינגעקלעמט אין די גרינע צעפּ פון דער אויסגעריסענער ריבען, האָט ער מיט דער רעכטער האַנט אַ ריס און אַ הויב געטאָן אַ קאָליע פון צוים. פון וואַנען האָט זיך אין איהם גענומען אַזאַ גבורה? דאָס האָט ער אַליין ניט געוואוּסט. ער האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך דער ענגער לאָך, און דעם אַרויסגעצויגענעם פלאָקען צוריק פאַררוקט אין דער ערד. און אָט איז ער אין לייבע־האָרבס הויף. דורכן צוים האָט ער געוואָרפען אַן אויג צום טאַטענס שטוב. קיין לעבעדיגער מענש ניטאָ! נאָר אַ שוואַרצע סאָראָקע האָט זיך אָפּגעריסען פון ערגעץ־וואו און זיך צערכילותט איבער אַ דאַך:

— קרראַ, קרראַ...

אַ שלעכטער סימן. אפשר לויפען צוריק? ניין! אַריין אין אַריין. חיימקע און אַנדערע אינגלעך זיינען אַוועק אויף דעם בית־עולם רייסען ניס? מעג ער געהן שפּילען אין דאָס „ניט־גוטע מויערל". ער הערט אַלעמען פּאָר אַ פּיאַטאַק און...

נאָר דאָ דערהערט ער, אַז אין דער טיף פון לייבע־האָרבס הויף האָט די קליאַמקע פון טויער־טירעלע אַ קלאַפּ געטאָן. רוקט פייוקע אַרויס דעם קאָפּ און טשיקעוועט. זעהט ער, אַז דאָס איז אַ גוי אין אַ שוואַרצער פּאַדיאָווקע. קלים דער פלאָטניק איז עס אַפּנים. וואָרים אונטער דער פּאַכווע האַלט ער אַ פּעקעלע. עפּעס ווייטער אַ משכון. אָדער אַ גנבה פאַר לייבע־האָרבס געקאָוועטער קאַסטען. קלים געהט ניט זעהר פעסט אויף זיינע לאַנגע, אָנגעכאָליעוועטע פיס. ער קוקט זיך אַרום און געהט צום טיר פון מויערל, ווי אַ מענטש, וואָס גנבעט זיך. פייוקען האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען: צי האָט אפשר קלים ניט דערשמעקט, אַז אַלע זיינען אַוועק פון שטוב?... אָבער ווייטער גיט פייוקע אַ קלער: וואָס איז דאָס זיין עסק? בעסער אינגאַנצען ניט מישען זיך אין לייבע־האָרבס געשעפטען...

אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען אין האַלב־טונקעלען שפּייכלער.

די טרוקענע היי־יאָריגע און פֿאַראַיאָהריגע היי איז דער־גאַנגען אין שפּייכלער, כּמעט, ביז דער קראָקווע. די גאַנצע גרוי־גרינלעכע שמעקעדיגע הורבע איז געווען אָנגעלעהנט אָן דער בלינדער וואַנט מיטן קוקערעל. אויפֿן סאַמע אויבען איז געזעסען זעלדעלע אין אַ בלויען קליידעל, ווי אַ פּרינצעסעלע. פֿון קוקערעל איז אויף איהר געפֿאַלען אַ ברייטער פּאַס פֿון פֿייערדיגען גאָלד, און איבערגעכאַפּט זי אין דער קרום. און וואו נאָר אָט דער ליכט־פּאַס האָט זיך געלעגט, דאָרטען האָט אַלץ געשימערט אין וואונדערלעכע פֿייערען. אַ שטיק פֿון זעלדעלעס קליידעל האָט געלויכטען ווי דאָס בלוי פֿון אַ רעגענבויגען, איין אויג האָט איהר ווילד געברענט. איין אויערעל איהרער האָט זיך רויט דורכגעקוקט. איין צעפּעל האָט געטריפֿט מיט צעשמאָלצענעם גין־גאָלד. אַ מוטערפּערלנער קנאָפּ אויף איהר ברוסט האָט געשיינט אין דער אַרומיגער טונקעלקייט ווי אַ בריליאַנט... זעלדעלע אַליין איז געזעסען, די פֿיס אונטער זיך. און ווי נאָר זי האָט דערזעהן פּיווקען, האָט זי גענומען פּאַטשען מיט ביידע הענט:

— אָט איז גוט. אָט איז גוט. אָט איז גוט.

פֿון אָט דער דרייפֿאַכיגער באַוועגונג האָט אַרום איהר אַ שפּריץ געטאָן מיט בלויע און גאָלדיגע פֿונקען. פּונקט ווי זי וואָלט געשטויבט מיט איהרע פּעטשלעך אַ פֿליסיגען צויבער־שיין.

פּיווקע איז געבליבען שטעהן פֿאַרגאַפֿט. צי איז דאָס נישט קיין כּישוף? אין די שטאַלען, זאָגט מען, און אין די היי־שפּייכלערס דרעהען זיך אַרום פֿאַרביגע שדימלעך, מיט שפּיציגע היטעלעך, מיט בלויע מייטקעלעך, מיט לאַנגע בייטשעלעך, מיט...

נאָר זעלדעלע מיט איהר זיסען קולכעל האָט פֿון איהם פֿאַרטריבען דעם דאָזיגען חשד:

— וואָס קוקסטו ווי אַ... קאָטער? קריך אַרויף!

עס רעדט זיך אַזוי לייכט: „קריך אַרויף!"... ווי אַזוי קריכט מען אַרויף אויף אַזאַ גלייכע וואַנט פֿון היי? און ווי אַזוי איז זי דאָס אַרויפֿגעקראָכען, אָט די בלויענקע שדיכע?

זעלדעלע כאַפּט מיטן אויג, וואָס ער זוכט דאָרט אונטען,

און ווייזט איהם אַ וועג ווי אַרויפצוקלעטערען. דאָס זיינען אויס־געטראָטענע הײ־טרעפּלעך, האַרט ביי דער בערוועגע־וואַנט און בעהאַלטען אין שאָטען.

אין עטלעכע שפּרונג איז שוין פּייוּקע געווען לעבען איהר. דער ברייטער פּאַס ליכט ברענט איהם אַצינד פון קוי־קערל אין נאַקען. אָבער ווי נאָר ער כאַפּט אָן זעלדעלעס נאַקעטען אָרים, דערשפּירט ער אַ פאַרשעמונג: אַן אָפּהענגדי־קייט נעמט איהם אָן: עפּעס תשעה־באָב... אַ וועלט פאַסט... און ער — אַ גמרא־בחור, גאָר מיט אַ מיידעל אין היי...

זינט ער האָט אויפגעהערט צו גײן אין דאָס ניט־גוטע מויערעל״, האָט ער זיך פון זעלדעלעס נאָהענטקייט אינגאַנצען אָפּגעוואוינט. און אָט האָט פון איר אַ וועה געטאָן מיט אַלע טונקעלע סודות פון מויערעל, וואו לייבע־האָרב פוילט פון על־טער און זלידנעקייט אין זיין משכנות־צימערעל, און וואו פרעמ־דע קופּעס עפּעל פוילען אין קעלער, אונטער זיין משכנות־צימערעל... עס האָט אַ שמעק געטאָן פון די אָנגעוואַרעמטע היי מיט בת־שבעס זינד, אַזוי זיס און אַזוי דושנע. און פון די שאָ־טענס אין שפּייכלער האָבען אַרויסגעקוקט דעם זייגער־מייסטערס שוואַרצע גרייזעלעך, זיין פלוצלעכער טויט...

נאָר זעלדעלע איז דוקא געווען דרייסטער. זיצענדיג אַזוי, מיט די פיס אונטער זיך, האָט זי חנעוודיג גענומען לאַכען מיט די באַקען־גריבעלעך, וואָס זי האָט באַקומען אַ מתנה פון דער מאַמען איהרער. איין גריבעלע איז געווען פול מיט זונ־ליכט.

— איך וויל אַ שטיקעל רי—יבען! — האָט זי זיך גע־פּיעשטשעט און אָנגעוויזען אויף דער געלקחענטער ריבעלע אין פּייוּקעס האַנט.

ערשט דאָ האָט פּייוּקע דערזעהן, וואָס פאַר אַ בוקעט ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. אַ יונגע ריבען אין די בלע־טער. האַלב געשאָבען, האַלב וואָרצעלדיג און ערדיג און דער־צו נאָך געגנבעט אין שכנס גאָרטען.

ער האָט זיך צעלאַכט און אַלע בייזע מחשבות זיינען

מיך איהם פאַרשוואונדען. מיט איין קלאַפּ אָן קראָקווע האָט ער אָפּגעטרייסעלט די רעשטלעך פרישע ערד פון דער ריבען. זי האָט זיך צעשאָטען איבער איהם און איבער זעלדעלען ווי אַ שפריי־רעגען, און עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט אַ פייכטען שוואָמען-גערוך, ווי פון אַ נאַסער בייט, נאָך אַ רעגען.

— פע־פע־פע! — האָט זעלדעלע געגומען אָפּטרייסלען די צעפּלעך, און פונדעסטוועגען מיט פאַרגעניגען אריינגע־צויגען אין איהר ליידענשאַפטלעכען נעזעל דעם פרישען ערד־גערוך. אין דער לעקאַכדיגער דושנעקייט פון די היי האָט דער דאָזיגער ריח דורכגעשטראָמט ווי אַ דערפרישונג.

פייוקע איז אָבער געשטאַנען פאַר אַ שאלה: ווי אַזוי זאָל ער אַצינד שיילען די ריבען, אָהן אַ שטיקעל גלאָז און אָהן אַ מעסער? ניט טראַכטענדיג קיין סך האָט ער זי אָנ־געביסען, און פון ביס־אַרויס גענומען שיילען איהר דיקע, פרישע פעל, פון איהר זאַפטיגער האַרטקייט אַראָפּ; ביז זי איז איהם געבליבען הענגען אין האַנט, ביי די בלעטער, אַ נאַקעטע, אַ שניי־ווייסע און אַ זיסע, אַזוי ווי זעלדעלעס לייב, וואָס קוקט אַרויס פון אויסשניט אין קליידעלע, אויפן ברוסט, דאָרטען וואו די זון איז ניט צוגעקומען און ניט אָפּגעברענט...

איז ער אָבער געבליבען שטעהן ביי אַ נייער שאלה:

— ווי זאָלען מיר זי עסען?

זעלדעלע האָט גלייך געפונען אַן עצה;

— איך אַ ביס, דו אַ ביס; איך אַ ביס, דו אַ ביס!

האָט איהר פייוקע פאַרריכט:

— איך פון איין זייט, דו פון דער אַנדער זייט!

כמעט גלייכצייטיג האָבען זיך פייוקע און זעלדעלע איינ־געביסען אין דער אָפּגעשיילטער ריבעלע, וועלכע דער קליינער קאַוואַליער האָט פעסט געהאַלטען פאַר דער גרינער בלעטער־טשופרינע. ער אַ ביס פון איין זייט, זי אַ ביס פון דער צווייטער זייט. אַ צוקערדיגע דערפרישענדיגע ביטערלעכקייט האָט זיך צעגאָסען איבער די יונגע צינגלעך, און אַ פרעהלעכער בראָמשקען פון אַ זאַפטיגען ריבען־לייב האָט זיך דערהערט אין

שפּייכלער. אונטער דער קראָקווע האָט עס אָפּגעקלונגען גאָר הילכיק... אַזוי האָבן זיי געביסן, געכראָמשקעט און געשטיקט זיך פאַר געלעכטער. ביז פון דער קיילעכדיקער ריבן איז געבליבן נאָר אַ דינע ווענטל, און דאָס אינגל און מיידל האָבן זיך „צעבוקעט", אָנגעריהרט זיך מיט די נעזלעך, ווי צוויי כינעזער. דאָ האָט זעלדעלע מיט איין ביס דורכגעבראָכן די דינע זאַפטיקע ווענטל פון ריבן און אָנגעריהרט מיט איהרע פולע ליפּעלעך פּייוקעס מויל. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זי מיט איהר נאַקעטן אָרעם אַרומגענומען פּייוקעס האַלז, צוגעצויגן צו זיך און אַ טשמאָקע געטאָן דעם אינגעלס ליפּען. דער געשמאַק פון די פרישע ריבן האָט זיך ביי פּייוקען אויסגעמישט מיט איהרע באַטעמטע ליפּעלעך. אַ זודיגע און שיכורע פרייד האָט איהם דורכגענומען. דאָס רעשט פון ריבן מיט די בלעטער איז איהם אַרויסגעפאַלן פון האַנט. ער האָט אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט איהר צעקעמט קעפּעל ביי די צוויי צעפּלעך, און דורשטיג גענומען קושען זי איינס נאָך איינס, וואו נאָר ער האָט געטראָפן: אין שטערן, אין באַק-גריבעלע, אין ליפּ, אין אויג, אין געמבעלע, אין האַלז. ערשט דאָ האָט ער דערשפּירט, אַז זעלדעלעס גוף האָט אַ וואונדערלעכן וואַרימען ריח, אָ, ווייט ניט אַזאַ גראָבער ווי דער ריח פון ריבן, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט גענאַשט! אַפילו ניט אַזאַ, וואָס האָט געשטראָמט פון בת־שבען, בשעת יענע האָט איהם געלאָשצעט אין דער טונקעלער קראָם, אויפן יאַריד... דער איז אַ סך אַ פיינערער גערוך. אַזאַ גערוך הערט זיך נאָר פון אַ פרישען פעקעל טיי, בשעת די מאַמע רייסט אויף דאָס בליי־פּאַפּיר. אָבער אָט דער ריח פון זעלדעלעס הויט איז נאָך איידעלער, לעבעדיגער און קיצעלט אַזוי. ער וואָלט זי געקענט „אויפעסען", אָט די שטיפערקע.

נאָר גער, הויב זיך אָן מיט מיידלעך! אַז דאָס זיינען עפּעס גאָר מאָדנע ברואים. ווילסט דו ניט, ווילען זיי. ווילסט דו יאָ, ווילען זיי ניט. אָנשטאָט לאָזען זיך לאַנג קושען, האָט זיך זעלדעלע אַרויסגעגליטשט פון פּייוקעס הענט, ווי אַ

שלייען, און שטיפעריש אַראָפּגעקייקעלט זיך פון באַרג היי אַזוי פלינק און גלאַט, ווי אַ קונצענמאַכערין. פייווקע האָט אַראָפּגעקוקט נאָך איהר און ס׳האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען. ער האָט מורא געקראָגען, זי זאָל ניט ברעכען האַלז און נאַקען. ערשט ניין! „האָפּ״ — האָט זי אַנטציקט אַ קוויטש געטאָן, און געבליבען שטעהן אַ גאַנצינקע, אַ לאַכענדיגע, אויף ביידע פיס.

# דער שטורעם

## (לייבע־האָרבס סוף)

### 1

פייוקען האָט שטאַרק ניט געפּאַסט, וואָס זעלדעלע האָט באַמערקט, אַז ער איז ניט ריהרעוודיג, אַז ער האָט מורא אַראָפּקייקלען זיך פון באַרג־היי, אַזוי פלינק ווי זי. ניין! ער וועט בעסער ברעכען רוק־און־לענד און וועט איהר דערוויזען, אַז קיין בלייענער פויגעל איז ער ניט. האָט ער מיט אַ זיס־פאַרחלשט האַרץ און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגען, ווי אויף קידוש־השם, גענומען גליטשען זיך איבערן סטאָג היי, פון אונטער דער קראָקווע אַראָפּ צו דער ערד. דערביי האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פון ביידע זייטען, מיט אַלע צעהן פינגער, כדי אָפּצושוואַכען דעם אימפּעט. דער גאַנצער שפּייכלער האָט זיך איהם געדרעהט פאַר די אויגען. אָבער, אַז ער איז מיט מזל, און מיט אַן אָפּגעקלאַפּטער ליטקע, געבליבען זיצען אויף דער ערד, האָט ער דערזעהן, אַז זעלדעלע זיצט שוין ווידער אויבען, אויפן סאַמע שפּיץ פון סטאָג־היי, און לאַכט פון איהם.

אַ שווייס האָט פייוקען אַרויסגעזעצט פון שטערען: גיב נאָר אַ קוק! ווען האָט זי דאָס צייט געהאַט? אָט זיצט זי שוין אין דער הויך אינם פּאַס ליכט, מיט איין אויגעל גלאַנצט זי צו איהם אַראָפּ. דאָס אויגעל שיינט ווי אַ ברילליאַנט

איינגעפּאַסט אין פּערלמוטער, און דאָס צווייטע אויג לאַכט אין שאָטען. אַ מאָדנער דאָפּעלטער קוק פון אַ קליינער מכשפהלע...

און פּייוקע גאַרטעלט־אונטער זײַנע לענדען און נעהמט זיך דראַפּען אַרויף צו איהר, מיט הענט און פיס, ווי אַ יונגער קאָטער אויף אַ משופּעדיגען דאַך. אָבער איידער ער דערגעהט צו איהר — בוץ! זי קייקעלט זיך שוין צוריק, די שטיפּערקע, און איהרע באַקעטע, ווייסע קניע בליאַסקען און דרעהען זיך צווישען בלויען קליידעל און קאָלירטע זאָקען.

פּייוקען איז הייס. דאָס האַרץ קלאַפּט איהם. די לופט אין שפּייכלער דריקט, אָבער אָפּשטעהן פון זעלדעלעס פלינקייט און באַווייזען זיך לעקישעוואַטע שעהמט ער זיך, דער ביי־געבאַקענער גמרא־בחור. קויקעלט ער זיך גלייך נאָך איהר. דאָס מאָל געהט עס אַביסעל בעסער. ער קלאַפּט זיך ניט אָפּ. אָבער כאַפּען קען ער זי פּאָרט ניט. זי איז שוין אויבען...

אַזוי געדויערט עס עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, מיט דערשטיקטע אויסגעשרייען, מיט שטויב און מיט געלעכטער. אַ יונגעטשקער באָק מיט אַ ציגעלע. אַרויף און אַראָפּ. אַרויף און אַראָפּ.

— ר־ר־ר־ר!... — דערהערט זיך אַ באַסאָווער ברום פון אַ ווייטען דונער. ווי אַן אזהרה: „תשעה באב, קינדער! תשעה באב...״

נאָר די קינדער שפּיצען נאָר איין רגע אָן די אויערען און אין דער צווייטער רגע האָבען זיי שוין דעם ווייטען ברום פאַרגעסען. און ס׳הויבט זיך ווייטער אָן אַ נאָכדראַפּעניש און אַ נאָכקויקלעניש; אַ סאָפּעניש פון נעזלעך און אַ שיטעניש פון היי; אַ כאַפּעניש און ניט־דערכאַפּעניש.

ביידע זײַנען זיי צעהיצט און צעהעצקעט, צעשטיפּט אַזוי צעקיצעלט. און צוזאַמען מיט אַ געפּיהל פון אַ געדריקטען געמיט, אַ פאַר־אַ־שטורעם געפיהל, צעפלאַקערט זיך די הייסן שטיפערייי אַלץ מעהר און מעהר. דעם ציל ווייסען זיי שוין ביידע ניט. נאָר עפּעס אַ מאָדנער דורשטיגער האַסט יאָגט פּייוקען נאָך זעלדעלען, און אַ זיסער שרעק יאָגט זעלדעלען

אווּעק פון פּייווקען. אַט כאַפּט ער זי, דאַכט זיך, אָן בײַ איהר צעוואָרימטען גלאַטען האַלז און אָט האָט זי זיך אַרויסגעגליטשט. אַ סך היי האָט זיך צעשאָטען פון דעם אַרויף־און־אַראָפּ פון צוויי פּאָר הענטלעך און פיסלעך. די ערד אונטער דעם באַרג היי האָט זיך אויסגעבעט אין אַ ווייכען געלעגער. אָט אויף דעם דאָזיגען געלעגער גליטשט זיך זעלדעלע סוף־כל־סוף אויס. זי זינקט איין, ווי אין אַ גרינלעכען שויס, אַ מידע און אַ מאַטע. מעהר געמאַכט ווי אויף אַן אמת. כדי פּייווקע זאָל זי פּאָרט כאַפּען. און פּייווקע כאַפּט זי טאַקע אָן בײַ ביידע פּלייצ־קעס און דערזעהט, אַז איהר מיידעלשע ברוסט פּאַכט און וויגט זיך אין היי. און צוזאַמען מיט דעם בלויען שטאָף פון איהר קליידעלע וויגען זיך צוויי האַלבע עפּעלעך מיט צוויי שפּיצע־לעך. צוויי ניט אַרויסגעוואַקסענע חנעוודיגע הערנערלעך פון אַ יונג ציגעלע. איין פוס איז איהר נישקשהדיג אויפגעדעקט. און פּייווקע דערזעהט אַ מוטערפּערלדיגע הויט, וואָס איז ניט ווענ־גער ווייס, ווי דאָס אָפּגעשיילטע ריבעלע, וואָס זיי האָבען, אָקאָרשט, ביידע געגריזשעט.

ער דערשפּירט אַ מין שאַרפען דורשט נאָך עפּעס... נאָך וואָס? ער ווייסט אַליין ניט נאָך וואָס. נאָר אַזאַ דורשט האָט ער קיינמאָל ניט געפיהלט. ניט נאָר די צונג לעכצט, ניט נאָר די ליפּען ברענען. אַלע אברים לעכצען. די גאַנצע הויט ברענט. און דער שאַרפער געפיהל איז אויסגעמישט מיט אַ ביים־האַרצען ציהענדיגער בייַנק־שאַפט, אַזאַ בייַנקשאַפט האָט ער פון צייט צו צייט געפיהלט צו בת־שבען, נאָך דעם, ווי זי האָט איהם געדריקט צום וואַ־רימען שויס, אין דער האַלבפינסטערער קראָם. נאָר אָט די בייַנקשאַפט איז אַצינד אַ סך שטאַרקער...

און ניט־ווייסענדיג וואָס דאָס איז, איז איהם פּלוצלינג באַפאַלען אַן אומגעדולד און אַ בייזקייט. האַלטענדיג זעלדע־לען פעסט בײַ ביידע פּלייצקעס, האָט ער זיך איבער איהר איינגעבויגען און מיט פאַרשטשירעטע ציינער הייס צוגעשעפּטשעט איהר:

— דו, דו... ממזרתל... דו...

— וואָ—ס? — האָט זעלדעלע אויסגעצויגען און אויפגעכאַפּט זיך פון איהר האַבען שלומער. זי האָט אויפגעריסען צוויי דערשראָקענע און נייגעריגע אויגען.

דאָס פאַרסודעטע ניט־גוטע וואָרט האָט זי שוין געהערט פון שכנים, ווען זיי שושקען זיך וועגען איהר מאַמען...

פייווקע האָט ניט געענטפערט. נאָר זיינע אויגען האָבען געברענט מיט פונקט אַזאַ בייזער נייגעריגקייט ווי איהרע אויגען.

— לאָז מיך! לאָז מיך! — האָט זי זיך גענומען וואַרפען ווי אַן אָנגעטראָטענע קאַץ.

אָבער פייווקע האָט זי ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט נאָך טיפער אַראָפּגעבויגען צו איהר זיין צעהיצטען קאָפּ און מיט דערזעלבער נייגעריגער בייזקייט צענומען איהרע ציטערדיגע ליפּען מיט אַ זאַפטיגען קוש אַזוי, אַז ער האָט דערפיהלט דאָס פרישע קעלטעל פון איהרע ציינער.

דערביי איז אָבער זעלדעלען געלונגען אַרויסצורייסען איין עלענבויגען. און מיט אַן אומדערוואַרטעטער פלינקייט און מיט דער גאַנצער פייכטלעכער דלאָניע, האָט זי פייווקען אַראָפּגעלאָזט אַ פּליאַסק איבער דער גאַנצער לענג פון באַק. פייווקעס בייזקייט האָט זיך איהר איבערגעגעבען.

פייווקען האָבען זיך אַ שאָט געטאָן פונקען פון איין אויג און ס'האָט גענומען קלינגען אין אַן אויער. אָנשטאָט, אָבער, נאָך בייזער צו ווערען, האָט ער גאָר דערפיהלט צו איהר אַ ציטערדיגע צערטלעכקייט פון אַ זיכערען, עלטערען יונג, צו אַ אינגערער, קאַפּריזנער מיידעלע. כאָטש עלטער פאַר איהר איז ער ניט געווען. דער אָנזאָג פון דער קומענדיגער מאַנסבילשער גבורה האָט זיך אין איהם אויפגעכאַפּט. דער ערשטער טריאומף איבער דער שפּעטערדיגער ווייב. נאָר כדי זי זאָל זיך ניט שלאָגען, האָט ער זי ווידער אָנגעכאַפּט פאַר ביידע אָרעמס. און זיין בייזע גרימאַסע מיט זיין געפּאַטשטער באַק האָבען זיך צעשמאָלצען אין אַ ברייטען שמייכעל.

— דו... דו... ליבינקע ממזרתל!—האָט ער געשטאַמעלט און ניט געקענט אָפּרייסען די אויגען פון איהר.

ער האָט געזוכט עפּעס נאָך אַ שטאַרקערען וואָרט, ווי אויסצודריקען זיין ברויזענדיגען געפיהל, און ניט געקענט געפינען. אויסער אָט דעם וואָרט פון באַליידיגונג, וואָס ער האָט אונטערגעכאַפּט ביי שקלאָווער רכילותניקעס, ביי די וואָס האָבען גערעדט און באַשפּייט בת־שבען מיט איהר זייגערמייסטער, מיט איהר מיידעלע... אָט נאָר דאָס בייזע וואָרט האָט יעצט אַ וואָג. דאָס טוט וועה און דאָס גלעט:

— דו — דו. ממזרתל, טייערינקע...

און זעה! דאָס מאָל האָט זיך זעלדעלע מעהר ניט אויפגערעגט. זי האָט נאָר האַלב געשלאָסען די אויגען. די קנאָכען פון איהר קערפּער זענען בויגיג געוואָרען. זי איז אינגאַנצען געוואָרען ווייך און נאָכגיביג ווי גומען. איז פּייווקע צוגעפאַלען צו איהר, אויפגעהויבען אַביסעל איהר קאָפּ פון היי מיט ביידע הענט און גענומען טרינקען איהרע ליפּען, ווי אַ דורשטיגער טרינקט פון אַ קוואַל. יעדער ציה איז געווען לאַנג און יעדער פּויזע — קורץ. ער האָט אַפילו ניט געזעהן, אַז דער ליכטיגער קוקערעל, אונטער דער קראָקווע איז טונקעל געוואָרען, אַז דער גאָלדענער ברייטער פּאַס שיין איז פאַרשוואונדען פון דער קופּע היי, און אַז די שאָטענס אין שפּייכלער זיינען כמורנער געוואָרען און נאָך הייסער ווי פריהער. און קוק נאָר אָן אַ טשיקאַווע זאַך! וואָס מעהר ער קושט, אַלץ מעהר דורשט קריגט ער נאָך איהרע צעוואַרעמטע האַלב־צעעפענטע ליפּען.

— דו... דו... דו, — שטאַמעלט ער. קיין לענגערען וואָרט קען ער שוין מעהר ניט אַרויסרעדען.

און אין מיטען דערינען כאַפּט איהם נאָך זעלדעלע אַרום מיט ביידע באַקעטע אָרעמס און לאָזט איהם מעהר ניט אָפּ פון זיך. ער קען מער ניט אויפהויבען דעם קאָפּ, ניט אַראָפּלאָזען איהם. בלייבט ער אַזוי צוגעטוליעט צו זעלדעלען און קען מעהר די ליפּען ניט אָפּקלעפּען פון איהר. און ער וויל גאָר ניט אָפּקלעפּען. זאָל עס אַזוי דויערען, דויערען. די היי מאַכט: „שו־שוש"... שטילע פּיסקלעך שעפּטשען אין היי. און די הערצלעך קלאַפּען.

אין קוקערעל גיט זיך עפּעס אַ ליכטיגס אַ צאַפּעל, און אַ דונער ריטשעט געהעכטער:

— ר־ר־ר־ר־ר!..

און באַלד נאָך דעם גיט אַ ווינט־כוואַליע אַ פּאַל איבערן דאַך פון שפּייכלער, הויבט זיך אויף און מאַכט פּליטה, פּונקט ווי אַ לופטיגער און דאַרער ליץ וואָלט מיט באָרפיסע פיס אַראָפּגעלאָפן פון סטרעכע. ביידע קינדער מאַכן אַ באַוועגונג אָפּצורייסן זיך איינער פון צווייטן און לאָזן זיך פאָרט ניט אָפּ. אָבער דער שרעק פון פאַר אַ שטורעם קריכט פּאַמעלעך ווי אַ קיהלע שלאַנג צווישן זיי ביידן. די אָרעמס לאָזן זיך ביסלעכווייז אָפּ, און דער דערשטיקטער קוש לעבט ווידער אָפּ. לעבט אָפּ.

נאָר דאָ געשעהט עפּעס אַזוינס, וואָס טשוכעט זיי ביידן אויס אויף איין מאָל. די ברייטע טיר פון שפּייכלער פּראַלט פּלוצלונג אויף, און אַ גרויע דרויסענדיגע ליכטיקייט מיט אַ שטויב־ווירבעל איבערגיסט זיי אויף אַ מאָל. זאָל עס זיין דער ווינט?

2

ניין!... אין שפּייכלער־טיר שטעהט גאָר בת־שבע אין אַ ווייסען קאָפּטעל און מיט אַ לייכטער זומער־פּאַטשיילע איבערן קאָפּ, אויף איין היפּט העגנען ביי איהר גרויסע שליסלען. אַפּנים אָקאָרשט פון קראָם געקומען. אָבער איהרע ליפּען זיינען אַביסעל אָפען, ווי פון אַ גרויסען דורשט. זי קוקט לאַנג און זשעדנע. דערנאָך גיט זי שטיל און אַביסעל הייזעריג אַ פרעג:

— איהר?... וואָס טוט איהר דאָ?

זעלדעלע שפּרינגט אויף רויט ווי פייער. איהרע צעפּלעך באַמבלען זיך. זי כאַפּט אַ קוק אויף דער מאַמען, פאַרדעקט די אויגען און לויפט אַרויס.

פּיווקע בלייבט שטעהן אויג אויף אויג מיט זיין אַמאָליגער „פאַרליבּעניש" מיט בת־שבען. ער איז דערשראָקען און פאַרשעהמט. ער איז ווי פאַרכּישופט פון איהר שטאַרקען קוק. ער קען זיך קיין ריהר ניט טאָן. און דערביי נאָגט איהם אַ טיפע נייגעריקייט, אַ קרייגקלעכע ליידענשאַפט אויסצוטרינקען די אויפרעגונגען פון היינטיגען טאָג ביזן סוף. ער זעהט ווי מאָגער בת־שבע איז געוואָרען זינט דעם פאַרגאַנגענעם סוף ווינטער, זינט דער זייגערמייסטער איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען... איהרע חן־גריבּלעך האָבּען זיך אויסגעגלייכט מיט די פאַרבלאַסטע באַקען. און איהר פריינדלעך שמייכעלע איז געוואָרען שטעכיג ווי אַן אָפּגענאָגטע פיש־ביינדעלע. אַפּנים ס'איז אמת וואָס מען זאָגט אויף איהר: זי האָט זיך דעם זייגערמייסטערס טויט צו שטאַרק גענומען צום האַרצען... אָבער וואָס קוקט זי אַזוי אויף איהם?... ער וויל ניט זי זאָל אויף איהם אַזוי קוקען!

פּיווקע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און מאַכט אַ באַוועגונג צו אַנטלויפען, אַזוי ווי זעלדעלע, נאָר בזה הרגע שטרעקט זיך צו איהם אויס אַ האַנט. בת־שבעס רויטלעכע האַנט נעהמט איהם אָן פאַר דער גאָמבע און ציהט זיין אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ ארויף, ווי זי וואָלט איהם שטום געבעטען ער זאָל זי נאָך אַמאָל אָנקוקען. יאָ. אָט אַזוי וויל זי. איהר האַנט איז מעהר ניט אַזוי קיהל ווי אַמאָל. זי איז זודיג. זי פיבערט ניט־אנגענעהם די רויטלעכע האַנט. וואָס וויל זי פון איהם? וועט זי איהם דאָ אָנהויבען צו מוסרן און נודיען איהם, פאַר־וואָס ער האָט געקושט זעלדעלען?

ניין. זי שווייגט. איהרע אויגען שטעכען איהם דורך. אַ געמאַכטער שמייכעלע בלאָנדזשעט אויף איהרע טרוקענע ליפּען. איהרע בריסט שטעהען שאַרף אונטער איהר קאָפּטעל און קייכען. וואָס וויל זי?

אַ בליק גיט אַ וואונק אין דעם אָפענעם טויער פון שפּייכלער, צעצווייגט זיך הינטער לייבע האָרבּס מויערעל. און דער גאַנצער הימעל ברעכט זיך צוזאַמען:

— טאַר—ראַך—טאַראַ—ראַ! בו־ו־הים.

אַ ציטער גערט דורך בת־שבעס אויסגעשטרעקטען אָרעם. זי כאַפּט צו די הענט פון פּייוקעס גאָמבעלע. פון דער באַוועגונג גליטשט זיך אַראָפּ איהר לייכטע קאָפּ־פּאַטשיילע. איהרע העל־ברוינע האָר צעשיטען זיך און ברויזען־אויף אויף איהרע ביידע קיילעכדיגע, שעהנע אַקסלען. פּייוקע האָט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז אונטער דער ביליגער מאַרק־פּאַטשיילע זיינען באַהאַלטען אַזעלכע וואונדערלעכע זאַכען, אַזעלכע לעבעדיגע, טרוקענע האָר־כוואַליעס, מיט אַ גלאַנץ פון רויטלעכען גאָלד. אַזאַ געטאָקטער האַלז. בת־שבעס אויגען פאַנגען־אויף זיין פאַרוואונדעטען קוק. איהרע ליפּען פאַרקרימען זיך עפּעס מאָדנע נעבעכדיג... ווי ביי אַ געפאַלענער גבירה, וואָס בעט ביי אַ אינגעל אַ נדבה... רעדט זי צו איהם ניט מיט איהר קול:

— אַזוי גאָר, פּייוועלע, האָסטו גאָר ליב זעלדעלען... מיך האָסטו שוין פיינט?... פאַרגעסען?

און רעדענדיג אַזוי אָפּגעהאַקט, מיט אַ קורצען אָטעם, דערגעהנטערט זי זיך צו איהם מיט אַ ווייכען טריטעלע, ווי אַ גרויסע קאַץ צו אַ דערשראָקען מייזעל.

צוויי שטאַרקע ווייבערשע אָרעמס כאַפּען פּייוקען ארום. זיינע ביידע אינגעלשע, ציטערדיגע פלייצקעס. זיי גיבען איהם אַ הויב און אַ דריק־צו זיין קאָפּ צו אַ פולער ברוסט. הייסע ליפּען זויגען זיך איהם איין אין שלייף, ווי די פּיאַווקעס, און רייסען זיך ווידער אָפּ, כמעט האַרט ביי זיין פּנים פלאַקערען אויף צוויי אומהיימלעכע אויגען פון אַן אויסגעהונגערטער חיה. מיט אַ בלויען פלאַם פון שוועבעל פלאַקערען זיי אויף. און באַלד לאָזען זיך איבער זיי אַראָפּ אַ פּאָר שלעפערדיגע, פאַר־שיכורטע אויגען־הייטלעך. פּייוקע דערשרעקט זיך פאַר אָט־דעם פלוצלינגען בליאַסק, פאַר אָט די דינע נאָזלעכער, וואָס פלאַטערען לעבען זיין פּנים. פון דער נאָהענטקייט זעהען איהם אויס בת־שבעס נאָז און איהרע ווייסע צייהן אַ סך גרעסער ווי זיי זיינען; ווי דורך אַ ברען־גלאָז. אַ מאָדנע ווייבערישע מאַסקע! און דער אָטעם פון אָט דער מאַסקע איז אויך ניט קיין

געזונטער. עפּעס אַן איבערגעבּרענטער איז ער און רופט אַרויס ביי פּייוקען אַ געפּיהל פון עקעל. איז עס בת-שבע? ער האָט דאָך פריהער אַזוי געגאַרט נאָך איהר נאָהענטקייט, היינט פאַר־וואָס איז איהם איצט אַזוי הייס, אַזוי ניט־גוט פון איהר?..

פּייוקע מאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצורייסען זיך פון איהרע אָרעמס, פון איהר פּוכלער ברוסט און קען ניט. הייסע איבער־געאיילטע קושען פאַלען איהם אויף די באַקען, אויפן שטערען, אויפן האַלז, אויפן מויל. פּונקט אַזוי האָט ער אָהן חשבון, אָן איבערקלייבען, געקושט זעלדעלען, אין אָנהויב שפּילעריי. נאָר אָט אָ די... בת־שבעס קושען זיינען עפּעס גאָר אַנדערע. אַזעלכע פליישיגע, שווערע זיינען זיי; פול מיט משונהדיגער גלוסטעניש. און עס דאַכט זיך, אַז זיי שמעקען מיט סמאַלענעס.

— טראַך—טאַ—טאַך! — צעברומט זיך אַ נייער דונער און פאַרענדיגט זיך מיט אַ שטאַרקען „בומס". פּונקט ווי אי־מיצער, אַ שטאַרקער, וואָלט אַ שטויס געטאָן מיט אַ דיקער בערעזונע אין דער בלינדער וואַנט פון שפּייכלער.

אָבער בת־שבען אַרט שוין מעהר ניט וואָס עס דונערט און בליצט, וואָס דער ווינט פייפט איבער דער סטרעכע און פּאַטשט מיט אַן אָפּגעריסענער דראַניצע. זי האָט פאַרלוירען דעם קאָפּ, פּונקט ווי פאַלאַהייקע די וואַסערטרעגערין, ווען זי שיכּורט זיך אָן... וואָרים זי שטיקט איהם, פּייוקען, און שטיקט זיך אַליין מיט אַ דראָבנעם ניט־שעהנעם געלעכטערעל.

זי פּרעסט איהם אַציגד צו איהר פּולען שויס מיט אַ מין אומפאַרשטענדלעכער בייזקייט. און פּייוקע ווערט דערטרונקען אין דער ווייכקייט פון איהר הייסען לייב.

אָבער איהר אַרט דאָס ניט. איהר אַרט יעצט גאָרנישט ניט. זי טוט עס עפּעס אימיצען אויף צו להכעיס. פריהער האָט ער, פּייוקע, געגנבעט ריבען און געקושט זעלדעלען אויף צו להכעיס דער מאַמען. איצט טוט עס בת־שבע אויף צו להכעיס דעם תשעה־באב, דעם האָרבאַטען מיאוסען מאַן איהרען, וואָס האָט זי געוואָלט שעכטען. צו להכעיס דעם זייגערמייסטער, וואָס איז איהר אַוועקגעשטאָרבען, צו להכעיס דעם בליץ און דונער,

דער דאַמפיגער היץ, צו להכעיס אַלע שכנימלעך איהרע, וואָס פאַסטען הייגט און געהען אום, ווי די קעץ, אין וואָלענע זאָקען און באַריידען זי מיט איהרע קינדער... אָט האָט איהר! אָט נאַט אייך, נאַט אייך! נאַט אייך נאָכאַמאָל, אייך אַלעמען! דיר, פייוועקן, דאָ שנעק איינער, אויך!

אַ מין ניכפּע וואַרפט זי פון אָט דעם ווילדען צו־להכעיס. זי ברומט אין זיך, און פייוועקע ציטערט מיט אַלע אברים. ער קען קיין לופט ניט כאַפּען. וואָס טוט זי מיט איהם?

— לאָזט מיך! אוי, לאָזט מיך!.. — רייסט זיך פייוועקע און בעט זיך ביי איהר. אָבער זיין קול ווערט דערשטיקט אין איהר ווייכען לייב, ווי אין אַ קישען. איהרע בריסט ריהרען זיך איבער זיין שטערען אַזעלכע אָנגעשוואָלענע, הייסע. איהר אָטעם ווערט אַלץ שווערער און קירצער, ביז ער פאַרגעהט איהר אין אַ דינינקען קרעכץ, ווי פון אַ שאַרפען וועהטאָג. דעם קאָפּ פאַרוואַרפט זי אויף הינטען. שיער־שיער איז זי ניט אומגעפאַלען מיט איהם צוזאַמען. און דאָ קלאַפּט שוין אַ רעגען אין טרוקענעם דאך; ווי אַ לץ מיט האָלצערנע פינגער באַראַבאַניעט ער:

— דאַר־דאַר־דאַר... וואָס טהוט איהר דאָרטען, אַ? דאַר־דאַר־דאַר...

זי איז משוגע, בת־שבע, זי איז משוגע געוואָרען פון צרות!... קיינער ווייסט נאָך ניט דערפון... און אָט איז ער, פייוועקע, דער ערשטער אַריינגעפאַלען אין איהרע הענט. זי וויל איהם דערווערגען... דער האָרבול וויל איהר שעכטען — וויל זי דערווערגען.

— דערווערגען?

פייוועקע פיהלט, אַז די אויגען קריכען איהם פון קאָפּ פאַר שרעק. ער גיט זיך אַ ריס מיט די הענט און פיס, און ס'געלינגט איהם צו באַפרייען דעם מויל. גיט ער ווילד אַ רעווע:

— אוי, אוי! מאַ־מע!!

נאָר זיין צעשראָקענער רוף צעמישט זיך מיט נאָך אַ שרעקלעכערען געשריי, וואָס דערגרייכט אַצינד פון הויף:

— בעל־הביתטע! אוי, אוי!... בעל־הב־אָ־אָ־אָ —

בת־שבע גיט זיך אַ וואָרף אויף צוריק און לאָזט איהם אָפּ. איהר יאָפּ שאָקעלט זיך ווי ביי פאַלאַהייקע דער שיכּורטע. זי רייבט זיך דעם שטערען. זעלדעלעס הילכיגער יאָמער פון הויף אַרויס וועקט זי אינגאַנצען אויף:

— בלו־ט! מאַמעלע בלו־וט! אוי־אוי־אוי!

3

צום שפּייכלער לויפען זעלדעלע און דאָס דינסטמיידעל. דער רעגען גיסט אויף זיי.ביידע שרייען און צאַפּלען מיט די הענט. פּונקט ווי די רעגענטראָפּענס וואָלטען זיי שטעכען אין לייב אַריין מיט נאָדלען. דערקענט דאָס דינסטמיידעל בת־שבען אין דער האַלבער טונקעלקייט פון שפּייכלער און צעוואויעט זיך:

— באַלעבאָסטע, גיכער... אוי, אוי, אוי!

בת־שבע מאַכט אַ באַוועגונג אויפצוהויבען איהר אַראָפּ־געפאַלענע זומער־פאַטשיילע. פאַרגעסט עס אָבער, און לאָזט זיך לויפען אַנטקעגען זיי פון שפּייכלער אין רעגען אַריין, אין בלויזען קאָפּטעל, איהרע האָר זענען צעפּלאָשעט און פליהען הינטער איהר ווי אַ ווילדער, גאָלד־ברוינער עק. איהר קול גרילצט הייזעריג, ווי ביי אַן אויסגעניכטערטער שיכּורטע:

— וואָס, וואָס, טאָכטערעל? וואָס, וואָס?

— אין קאַסטען... — יאָמערט אַרויס זעלדעלע, כאַפּט אַרום דער מאַמעס קני און ציטערט, און אַלץ גיסט זיך צו־זאַמען, אין מיטען הויף, מיט רעגען ווינט און געוויין.

פּייוקע לאָזט זיך לויפען פאַרביי זיי, דורכן גאַנצען הויף, צום גאַס אַרויס, און אין קאָפּ דרעהט זיך איהם: „וואָס טוט זיך דאָ היינט אין דאָס ניט־גוטע מויערעל! אַלע זיינען דאָ היינט משוגע געוואָרען... ניט אומזיסט האָט פריהער אַזוי גע־קראַקעט די סאַראָקע, אַ שלעכטער סימן געווען... אָה, די

מאמע איז גערעכט. אַ פּוס טאָר מען אַהער ניט אַריינשטעלען"...

אין גאַס זעהט פּיוועקע, אַז ס'איז אַן איינגעלאָף, אידען אין בלויזע זאָקען, לכבוד תשעה-באָב. און דערשראָקענע ווייבער אין פּאַרטוכער טומלען זיך אַרום דעם מויערעל, און עס אַרט זיי גאָר ניט וואָס דער רעגען נעצט זיי. שאַרפע קולכלעך גרילצען:

— האַ? האַ? געהרגעט? — וועמען?

— ר' לייבען. איהר הערט דאָך.

— ווער? ווער? ווע—ער?

— אַ גזלן?

— וואָס דען אַ רביצין?

— אין מיטען העלען טאָג?

— דערלעבט, אַ?

— שקלאָוועלע!...

— געדאַרפט לויפען צום פּריסטאַוו.

— אַזוי?... אין קאַסטען?...

— אין קאַסטען!...

און ווייבערישע בלויע ליפּעלעך באַלעקען זיך, און מאַנסבילשע געניטע צינגעלעך קנאַקען:

— ט'צ-טצ-טצ-טצ!...

פּאַריאָגט און אָנגעשראָקען ווי ער איז, בלייבט דאָך פּיוועקע שטעהן אַ ווײַלעטשקע, ווי אַ הינטעל בלייבט שטעהן אין אַ רעגען אויף דריי פּיסלעך... עס גיט איהם אַ שטאָך אין האַרצען: האָט דאָס ניט אָפּגעטאָן קלים? קלים מיט דער ציגײַנערישער מאָרדע, וועלכען ער האָט מיט אַ שעה צוריק געזעהן גנבענען זיך צום שטוב-טיר? אוי, אוי, אוי!

דער דאָזיגער געדאַנק פאַרשטאַרקט נאָך אָבער מעהר זיין טעמפּען שרעק. און זיין נייגעריקייט איז צו שוואַך גובר צו זיין אַזאַ פּחד. עס הויבט איהם אָן קלאַפּען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן און דרעהען אין בויך. ניין, ניין, ניין! ער וועט גאָרניט זאָגען, וואָס ער ווייסט. ער טאָר גאָרנישט ניט זאָגען!...

ער לאָזט זיך לויפען ווייטער. אַהיים, אַהיים. וואָס

גיכער אַהיים. וואָס ווייטער פון דאָס „ניט-גוטע מויערל״. וואָס ווייטער פון די מאָדנע מענשען, וואָס וואוינען אין מויערל, פון די משונהדיגע זאַכען, וואָס טרעפען זיך נאָר אין מויערל... אָט! גאַטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסען אויפן האָרב, וואָס האָט געזאַפּט דאָס בלוט פון אַזעלכע אַלמנות, ווי „גיטקע די קורצע״... וואָס האָס געוואָלט שעכטען זיין ווייב... און אויף בת-שבען האָט זיך דער צאָרן אויסגעגאָסען פאַר די זינד מיטן זייגערמייסטער, און דערפאַר, ווייל זי פאַלט אָן אויף חדר-אינגלעך אין פינסטערע שפּייכלערס... און אויף איהם, אויף פּייווקען גיסט זיך דער צאָרן, ווייל ער האָט זיך געלאָזט איינריידען פון אַ זעלדעלען ווידער אַמאָל אַריינצוטרעטען אין די דלד אמות פון זינדיגען מויערל; ווייל ער האָט מיט איהר צוזאַמען געכראַמטשעט אַ געגנבעטע ריבען. געקושט זיך אַפילו מיט איהר בשעת אידען פאַסטען און געהען צום בית-עלמין... אָט ווירבעלט זיך דער גרויסער צאָרן מיט אַ שלאַקס-רעגען און מיט האָגעל! מיט אַ מיאוסען טויט און מיט בלוט שפּריינט ער איבער בת-שבעס צעפלאָשעטע האָר, איבערן „האָרב״, איבער זיין געקאָוועטער אומריינער משכנות-קאַסטען... עס דונערט אזוי, אַז די קליינע פענסטערלעך בראַזגען אין די אַרומיגע הייזקעס, דער הימעל שפּאַלט זיך. די וועלט געהט אונטער —
— טר-ראַ-ראַך! טאַך! בו-ו-הומס!

## ע פּ י ל אָ ג

לייבע האָרבען אַליין האָט מען אויף זיין בעטעל, אין משכנות-צימערעל, ניט געפונען. אויף די צעוואָרפענע בעטגעוואַנט האָט מען נאָר געפונען עטלעכע בלוט-פלעקען, אַביסעל אויסגעריסענע האָר פון באָרד... אַפנים, ער האָט זיך שטאַרק געראַנגעלט. איהם אַליין האָט מען געפונען אַ דערוואָרגענעם, אינווייניג אין זיין משכנות־קאַסטען. אַלע טייערהטע פאַנדען, ווי זילבערוואַרג, ציהרונג און זייד, האָבען די גזלנים אַוועק-

גערויבט און אויף זייער אָרט אַריינגעקוועטשט דעם מת, מיטן פּנים צו די רעשטלעך משכּנות — טוכענע בגדים און פּעלצען; און מיטן אויסגעטריקענטען, פּאַרשפּיצטען האָרב — צו דער הויקערדיגער, שווערער אויבער־דעק פון קאַסטען. ווי עס ווייזט אויס, — כּדי עס זאָל זיך גוט אַריינפּאַסען... דערנאָך האָט מען די קאַסטען פעסט פאַרהאַקט און אומגעדרעהט דעם שווערען שליסעל. צוליב וואָס נאָך צוגעשלאָסען? מען איז משער, אַז בשעת מען האָט ר׳ לייבען אַריינגעפּאַקט אין זיין אייגענער קאַסטען, האָט ער נאָך געדישעט, און זיין מערדער האָט דאָס באַמערקט... ערשט דאָרטען, אין די שווערע פּעלצען, איבער־געשאָטענע מיט נאַפטאַלין, איז ער אינגאַנצען דערשטיקט גע־וואָרען. מען האָט נאָך געפונען בלויע צייכענס אויף זיין אויס־געדאַרטען האַלז, און פאַרקיהלט בלוט — אויף זיין אַרויסגע־האָנגענע צונג. אפּנים דערפון האָבען דאָס געשטאַמט די רויטע פלעקען אויף די צוואָרפענער בעטגעוואַנט.

דריי טעג איז איבער דער שטאָט געהאָנגען אַ כמאַרע. און דאָס ניט-גוטע מויערעל איז געווען פול מיט געוויין, מיט ברענענדיגע ליכט, מיט פּאָליציי, וואָס איז אָנגעקומען פון מאָ־הילעוו און גענומען בת־שבען און איהר דינסט־מיידעל אויפן פאַרהער, ניט געלאָזען מקבר זיין דעם מת. און — מיט חברה־לויה וואָס האָבען פאַרלאַנגט אַ שטאַרקע קבורה־געלט, ניט גע־וואָלט אָנטאָן דעם לעצטען כּבוד דעם אומגעקומענעם קמצן. אפילו נאָך אַזאַ ביטערען טויט איז ער ניט אַזוי גיך געקומען צו זיין לעצטער רוה.

ווער עס האָט איהם געהרגעט, האָט מען נאָך אַלץ ניט געקענט דערגעהן. עס זייגען אומגעגאַנגען בבא־מעשיות ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. ווער עס האָט געוואָלט, האָט עפּעס אויסגעקלערט.

פייוועקע איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטען. ער וואָלט עפּעס יאָ געקענט דערצעהלען. ער וואָלט געקענט דערצעהלען, אַז ער האָט געזעהן קלימען, קלים דעם פּלאָטניק, אין דער און דער שעה. ווי יענער גנבעט זיך פון טויער צום אַריינגאַנג מיט

אַ גרויען פּעקעל אונטער דער פּאַכווע. ניט אַנדערש, אַז דאָס פּעקעלע איז געווען... ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי אַ צוזאַמענגעלעגטער זאַק, אין וועלכען ער האָט דערנאָך אָנגעלעגט די משכּנות און אַוועקגעטראָגען. פּיוּוקע וואָלט געקענט דערצעהלען, אַז פון די שטוב-מענשען איז, בשעת דער רציחה אין מויערעל, קיינער ניט געווען. ניט זעלדעלע, ניט בת-שבע, ניט דאָס דינסטמיידעל. ניט חיימקע. ער ווייסט דאָס אויף געוויס... נאָר ער מוז שווייגען ווי אַ קבר. ער טאָר אַ מויל ניט אויפעפענען. ווען ניט, מוז ער מיאוס אַרויסגעבען בת-שבען, זעלדעלען, זיך אַליין און דערצעהלען אַ מאָדנע הקדמה צו דער מעשה... דאָס שרעקלעכסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס בשעת מען האָט מערדערלעך געוואָרגען ר׳ לייבען און געריבּט זיין קאַסטען, האָט ער, פּיוּוקע, געקושט זיך מיט זיין זעלדעלען אין היי, און דערנאָך האָט בת-שבע, זיין ווייב, געטאָן דאָס זעלבע מיט איהם, געדריקט צו זיך, געמוטשעט... עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז אויך ער, פּיוּוקע, איז אַביסעל שולדיג אין דעם לעצטען גרויסען אומגליק, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מויערעל אַריין. ניט ווילענדיג האָט ער דעם רוצח געהאָלפען, געגעבען איהם פרייע הענט און צייט... און נאָך מעהר געדריקט האָט ער זיך דערפיהלט, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין דעם ערשטען טאָג, ווען ער איז אַריינגעטרעטען אין מויערעל צום ערשטען „אוראָק" און דערזעהן די נעקאָוועטע קאַסטען אונטערן ציצענעם פּאָרהאַנגעל, האָט ער ביין אַ טראַכט געטאָן, אַז אַן אומגליק וועט טרעפען ר׳ לייבע הארבן פאַר זיינע טונקעלע געשעפטען. און קומען וועט דער אומגליק פון זיין אומריינער קאַסטען... און אָט! —

אויפן דריטען טאָג האָט פּיוּוקע געקראָגען הייך און געבליבען אין שטוב. ס׳האָט געהייסען, אַז ער איז אַרומגעלאָפען תשעה-באָב אין שלאַקס-רעגען און האָט זיך פאַרקיהלט. אין דער אמתן האָבען איהם לייב און זעל ווערה געטאָן. אַן אינערלעכער און אויסערלעכער שטורעם האָט זיך איבער איהם אַריבערגעטראָגען, אין איין שעה, תשעה-באב, נאָך דער

געגנבעטער ריבען... וועלכער שטורעם איז געווען שטאַרקער, וועלכער שלאַקס־רעגען האָט איהם מעהר געשאַדט?.. דער איינ־ווענינסטער? דער דרויסענדיגער? דאָס האָט פייווקע אַליין ניט געוואוסט.

אויף דעם זיבעטען טאָג פאַרנאַכט, ווען פייווקע איז אַרויס אויף דער גאַס, איז מען נאָך אין מויערעל געזעסען שבעה. אָבער דעם גזלן האָט מען שוין געכאַפּט. און טאַקע אַט די דאָזיגע נייעס האָט פייווקען געשטעלט אויף די פיס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז עס איז טאַקע געווען קלים, קלים דער פלאָטניק, מיט דער ציגיינערישער מאָרדע. דעם זאַק האָט ער טאַקע אָנגעגרייט ווי אַ פּעקעלע אונטערן פאַכווע, בשעת ער איז געגאַנגען הרגענען ר׳ לייבען; כלומרשט אַ משכון האָט ער איהם געבראַכט... אַלץ ווי פייווקע האָט חושד געווען. מען האָט קלימען געפּאַקט אין אָרשע, דרייסיג וויאָרסט פון שקלאָוו, ביים פאַרהאַנדלען אַ פּאָר גאָלדענע אוירינגלעך. די אוירינגלעך האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלס איינע פון די משכנות, וואָס זיינען פאַרפאַלען געוואָרען פון לייבע האָרבס קאַסטען. און דער גזלן האָט זיך מודה געווען.

אַז פייווקע האָט דערהערט דאָס נייעס, איז איהם אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצען. ער האָט זיך באַלד דערפיהלט גענעזען און איז אַוועק צום מויערעל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פּונקט אַנטקעגען זיינע פענסטער, לעבען מאיר דעם איינבינדערס גאָר־טען. אין איין חושכדיגער פענסטער האָט נאָך געברענט אַ נשמה־ליכט נאָכן דערהרגעטען.

מיט ציטערדיגע ליפּען האָט פייווקע אָפּגעזאָגט פאַר זיך דעם אַלטען אידישען צדוק־הדין: „ברוך דיין האמת!“—געלויבט איז דער, וועלכער משפּט מיט גערעכטיקייט. און אַ טיעפע רוהיקייט האָט זיך צעגאָסען איבער זיין אָנגעווייטאָגט האַרץ, צום ערשטען מאָל נאָך זיבען טעג פון אומרוהיקייט און קלע־מעניש און קדחת.

אויך דער באַשרייבער פון פייווקעס איבערלעבענישען וויל פאַרענדיגען מיט אַ שטילען וואָרט, מיט אַן אידילישען

גראַם, אַזוי ווי מען איז זיך נוהג צו פאַרענדיגען אין שקלאָוו יעדער געשיכטע, אַ פרעהליכע צי אַ טרויעריגע:

א שטעקעלע אריין,
א שטעקעלע ארויס.
די מעשה מיט לייבע־האַרבן —
איז אויס.

# אינהאַלט

## *ערשטער טייל:*

## שקלאָווער אידען


| | |
|---|---|
| | זייט |
| שקלאָוו — — — — — — — — | 5 |
| מען לייענט צייטונגען — — — — — | 13 |
| שבת׳דיגער מוסר — — — — — | 27 |
| דער אומשטערבליכער פּאַמעראַנץ — — | 39 |
| די בהמה — — — — — — — | 54 |
| דאָס וואָס מען טאָר ניט — — — — | 62 |
| פּעטער אורי און פּעטער פּיני — — — | 88 |
| מען פּרעגעלט איינגעמאַכץ — — — | 100 |
| מען שלאָגט חזירים — — — — — | 107 |
| פּייווקע פּאָהרט רייטענדיג — — — | 119 |
| מען גערט אין כבוד — — — — — | 135 |
| פון מומע צו מומע: 1 ביי מומע בלומען | 147 |
| 2 ביי מומע עטקען — | 155 |
| 3 ביי מומע מאַריאַשקען | 163 |
| גיטעל באַשע מיט׳ן פּענכער — — — | 171 |


## *צווייטער טייל:*

## די עפּאָפּעיע פון לייבע־האָרב


| | |
|---|---|
| מען גנב׳עט עפּעל — — — — — — | 189 |
| אין לייבע האָרבס מויערעל — — — | 202 |
| לייבע האָרב בענשט — — — — — | 216 |
| חידושים פון יריד — — — — — | 228 |
| עס גלוסט זיך איהם קוואַס — — — | 243 |
| דער ערשטער גמילת חסד — — — | 259 |
| מען מאַכט חוזק פון האָרב — — — | 271 |
| דער מגיד רייבט איהם אַ מאָרדע — — | 282 |
| מיט די פוטער אַראָפּ — — — — | 295 |
| מען קושט זיך אין היי — — — — | 310 |
| דער שטורעם (לייבע האָרבס סוף) — — | 322 |